STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11504

LITERARISHE UN HISTORISHE ESEYEN

Wolf Snyder

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָלף שנײַדער

ליטעראַרישע און היסטאָרישע עסייען

מאַנוסקריפּט צוגעגרייט צום דרוק:

בערל כּהן

ניו־יאָרק, בילדונג־דעפּאַרטמענט בײַם אַרבעטער־רינג, 1984.

Literary and Historical Essays.

ליטעראַרישע און היסטאָרישע עסייען

Copyright by:
Wolf Snyder,
Detroit, Mich., 1984

געווידמעט מיט ליבע
מײַן טײַערער פרוי **אסתר**
און אונדזערע קינדער
טובה און **חיים** (העראָלד),
דוד און **הינדע,**
לאה (לי) און **פסח** (פאול).

מחבר

במקום הקדמה

אין מײַן החלטה אַרויסצוגעבן מײַנע געדרוקטע עסייען אין בוכפֿאָרעם האָב איך אין אַ געוויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען נאָענטע שרײַבערס, מחנכים און קולטור־טוערס. אָן זייער אינטערעס אין מײַן שריפֿט־שטעלערישער אַרבעט און זייער אָפּטן אײַנטענהן מיט מיר עס אַרויסצוגעבן וואָלט דאָס דאָזיקע בוך ניט אַרויס.

דער גאַנצער פּלאַן וואָלט אָבער ניט געקענט רעאַליזירט ווערן אָן מײַן ליבער פֿרוי אסתּר. זי איז געווען דער כּוח המחזק, וואָס האָט מיך דערמוטיקט אין מײַן איצטיקן באַשלוס.

אַ גרויסן יישר־כּוח קומט דעם שרײַבער און פֿאָרשער יוסף מלאָטעק פֿאַר אײַנוויליקן אַרויסצוגעבן דאָס בוך דורך דעם אַרבעטער־רינג.

אַ דאַנק קומט אויך דעם שרײַבער און רעדאַקטאָר בערל כּהן פֿאַרן אָפּקלײַבן און צוגרייטן דעם מאַטעריאַל צום דרוק.

אינהאַלט

בעלי־מחשבה

1. יצחק־בער לעווינזאָן און זײַן „תעודה בישראל"...... 11
2. משה העס און זײַנע הויפּטווערק...... 24

ליטעראַרישע עסייען

3. חיים גראַדע...... 71
4. אורי־צבי גרינבערג און זײַן „מלכות פון צלם"...... 80
5. וועגן דער פּאָעזיע פון אליעזר גרינבערג...... 88
6. ש. דונסקיס איבערזעצונג פון די מדרשים צו די מגילות...... 91
7. דוד האָפּשטיינס לידער און פּאָעמעס...... 102
8. נײַע דערגרייכונג פון י. זיפּער...... 110
9. ספר איוב און ה.ל. לייוויקס דראַמאַטישע פּאָעמע...... 112
10. א. ליעסין...... 121
11. צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דב סדן...... 141
12. אַברהם סוצקעווער...... 146
13. נח סיגאַלאָווסקי...... 162
14. אַהרן צייטלין...... 166

היסטאָרישע עסייען

15. דער ייִדישער ייִשוב אין שפּאַניע...... 177
16. דער ייִדישער ייִשוב אין איטאַליע...... 209
17. דער ייִדישער ייִשוב אין האָלאַנד...... 227
18. דער ייִדישער ייִשוב אין גריכנלאַנד...... 236

בעלי־מחשבה

יצחק בער לעווינזאָן און זײַן ספר „תעודה בישראל"

(1860—1788)

חדר קטן אף נעים, עלית קיר קטנה אשר בקרמניץ, אמנם בקרבך שכן איש נפלא ורב פעלים...

(נ. סוקולוב, „הצפירה", ג׳ כסלו תרנ״ו)

קרעמעניץ, די שטאָט ווו יצחק בער לעווינזאָן איז געבוירן, איז (צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט) סײַ עקאָנאָמיש, סײַ עטניש געווען איינע פון די טיפּישסטע שטעט אין דעם דרום־מערבדיקן טײל פון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד. כאָטש אַרומגערינגלט מיט בערג, איז קרעמעניץ — „די שווייץ פון וואָלין", ווי מ׳האָט די געגנט גערופן — ווײַט נישט געווען איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט. שליאַכן און טראַקטן האָבן קרעמעניץ פאַרבונדן מיט אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין וואָלין, ווי אויך מיט די נאָענטע גרענעצשטעט פון מיזרח־גאַליציע.

דער טײַך איקווע, וואָס פליסט פאַרבײַ אין יענער געגנט בלויז געציילטע וויאָרסט פון דער שטאָט, פאַלט אַרײַן אין דעם סטיר און צוזאַמען מיט דעם פּריפּעט איז ער אַ טייל פון דער דניעפּרישער וואַסער־סיסטעם. אין מיטן פון דעם 19טן יאָרהונדערט פלעגן נאָך איבער זײַנע וואַסערן געטריבן ווערן פליטן מיט געהילץ.[1]

דער ייִדישער ייִשוב אין קרעמעניץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום דעם 15טן יאָרהונדערט, האָט דורכגעמאַכט פּעריאָדן פון עליה און ירידה, ענלעך צו דער געשיכטע פון אַ סך ייִדישע ייִשובים אין אוקראַיִנע. מ׳קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז אַרום דעם אָנהייב פון דעם 17טן יאָרהונדערט האָט דער ייִשוב אָנגעהויבן שטײַגן, צוציִענדיק צו זיך ייִדן אַפילו פון דער ליטע. אויף דער אַסיפה פון די הויפּט־קהילות אין 1635 איז אויך קרעמעניץ געווען פאַרטראָטן.[2]

די יאָרן פון ירידה קומען מיט די גזירות ת״ח־ות״ט, ווען אַ סך ייִדן אין קרעמעניץ זענען אומגעקומען אין די שחיטות. נאָך שפּעטער, אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם 18טן יאָרהונדערט, האָבן צוויי שריפות פאַראָרעמט אַ סך ייִדישע סוחרים און אויף אַנדערע געבראַכט נויט און עלנט. נאָך דער צווייטער צעטיילונג פון פּוילן (סוף 1793) גייען אַלע פּוילישע מיזרח־פּראָווינצן, צווישן זיי קרעמעניץ און די געגנט, אַריבער

צו רוסלאַנד. די ייִדן אָטעמען אָפּ פרײַער און האָפן, אַז די רוסישע מאַכט וועט צוימען די פּוילישע שליאַכטע, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פון איר אַ סך נגישות און דערנידערונגען. צו יענער צײַט אַנטוויקלט זיך דער גרויסהאַנדל צווישן רוסלאַנד, עסטרײַך און דײַטשלאַנד, און די צאָל ייִדישע סוחרים אין גרויסהאַנדל האַלט אין וואַקסן. אַרום 1799 זענען אין קרעמעניץ און אין דעם „אויעזד" געווען אַזעלכע 24 ייִדישע סוחרים לגבי 9 קריסטלעכע.

אין דעם צײַטאָפּשניט צווישן 1764—1847 איז אויך די ייִדישע באַפעלקערונג געשטיגן אין צאָל. פון אַ באַפעלקערונג פון 1,029 ייִדן אין 1764 האָט קרעמעניץ מיט די שטעטלעך אַרום זיך צעוואַקסן ביז צו 18,264 אין 1847. די שטאָט קרעמעניץ גופא, וואָס האָט אין 1764 געציילט בלויז 649 ייִדן, האָט אין 1847 פאַרמאָגט 3,791 ייִדישע נפשות.[2] חוץ גרויסהאַנדל מיט תבואה, געהילץ, טאַבאַק, וואָל און לײַוונט — פּראָדוקטן, וואָס פלעגן גיין קיין רוסלאַנד, פּוילן און עסטרײַך — זענען ייִדן אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמיק געווען פאַרטראָטן מיט אַ ריי פאַכן: שנײַדערס, שענקערס, קירזנערס, בעקערס, קצבים, פאַרבערס, גלעזערס, מעשגיסערס, גאָלדשמידן, פעלדשערס, קלעזמערס א"אַ.

אַפילו בײַ אַזאַ נישט הויך־אַנטוויקלטער עקאָנאָמיק, האָט דאָך אין דעם ייִדישן ייִשוב געהערשט אַ סאָציאַלע דיפערענציאַציע. אמת, זי האָט ווײַט נישט אָנגענומען קיין שאַרפע פאָרמען, אָבער האָט דאָך אײַנגעטיילט דעם ייִשוב אויף רײַכע און אָרעמע, פּריווילעגירטע און נישט־פּריווילעגירטע. די סתּירות צווישן רײַך און אָרעם זענען צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין ענינים פון צינדזאָפּצאָלן און שפּעטער (1827) אין ענין „רעקרוטשינע". אויף דעם סאָציאַלן שטח האָבן די אונטערשיידן זיך שטאַרק געפילט אין הויז, אין גאַס און בית־המדרש. די וועגן פון קרעמעניץ האָבן פון איין זײַט געפירט קיין אָסטרע — צו דער טראַדיציע פון מהרש"א, און פון דער אַנדערער זײַט קיין דובנע — צום דובנער מגיד. אָבער אויף אַלע וועגן און שליאַכן זענען ייִדן פון קרעמעניץ „געפאָרן צום רבין", אָדער דער רבי איז געקומען צו זיי.

ווי אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע איז אויך קרעמעניץ אין יענער צײַט געווען אַ שטאָט פון חסידים. די קרעמעניצער דרוקערײַ (1805) איז געווען איינע פון אַ סך חסידישע דרוקערײַען אין וואָלין אין יענער צײַט, וואָס האָבן געדרוקט בלויז ספרי־קודש און חסידישע ספרים און נישט קיין אַנדערע.[3]

צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט דערהערן זיך די טריט פון השכלה. זיי קומען אויף די זעלבע וועגן, אויף וועלכע עס גייט אָן דער מיסחר צווישן גאַליציע און אוקראַינע, צווישן בראָד און קרעמעניץ.

❀

ר׳ יצחק בער לעווינזאָן, ריב״ל, איז געבוירן געוואָרן דעם 2טן סעפּטעמבער 1788. זײַן פֿאָטער, ר׳ יהודה לעווין, איז געווען אַ סוחר און געפֿירט גרויסע געשעפֿטן מיט פּוילישע פּריצים אין יענער געגנט. ער האָט געשמט פֿאַר אַ גרויסן למדן, אַ בקי אין תּנ״ך און תּלמוד און גאָר באַזונדערס ווי אַ גרויסער בעל־דיקדוק און בעל־לשון. פֿון באַמערקונגען אין ריב״לס ווערק דערוויסן מיר זיך אויך, אַז ער האָט אָפּגעשטאַמט פֿון אַ שטאַרק־פֿאַרצווײַגטער יחסנישער מישפּחה, גולים פֿון שפּאַניע.[4]

נאָך ווי אַ קינד ווײַזט דער קליינער יצחק אַרויס פֿעיִקייטן. ער פֿאַרמאָגט אַ וווּנדערלעכן זכּרון און גרויס התמדה צום לערנען. צו דרײַ יאָר הייבט ער אָן צו גיין אין חדר און צו צען יאָר האָט ער שוין געהאַט אַרײַנגעלערנט אַ סך אין תּלמוד און אויך אין פּוסקים. יצחקס פֿאָטער באַגנוגנט זיך אָבער נישט דערמיט, לערנט אַליין מיט זײַן זון תּנ״ך און דיקדוק און אַנטוויקלט אין אים אַ שטאַרקע ליבע סײַ צום ספר גופֿא, סײַ צו דער שפּראַך פֿון די נביאים. אַזוי אַרום פֿלאַנצט ער אײַן בײַם זון דעם געדאַנק, אַז לשון־קודש מוז מען לערנען „על פּי הדיקדוק בתּכלית השלמות״. אויך זאָרגט ער זייער פֿיל, אַז יצחק זאָל לערנען פּויליש און דער עיקר רוסיש, וואָס איז דאַן געוואָרן די לאַנדשפּראַך.

זייער יונג הייבט יצחק־בער אָן צו שרײַבן שירים.[5] איינע פֿון זײַנע פֿריסטע לידער איז אַ ליבעליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו 16 יאָר. ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר, האָבן אים די עלטערן חתונה געמאַכט קיין ראַדזיוויל. דאָרט באַזעצט ער זיך בײַ זײַן שווער און שוויגער אויף קעסט.

ראַדזיוויל, די גרענעצשטאָט צווישן רוסלאַנד און עסטרײַך, איז געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע פּונקטן, דורך וועלכע עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער מיסחר צווישן די צוויי דערמאָנטע לענדער. פֿון די סוחרים, וואָס פֿלעגן קומען אַהין פֿון גאַליציע, האָט זיך יצחק־בער פֿיל אָנגעהערט וועגן בראָד און די בראָדער משׂכּילים. אים ציט זייער שטאַרק צו יענער סביבֿה, און מיט גרויס התמדה נעמט זיך לעווינזאָן נאָך מער צו פֿאַרטיפֿן זײַן וויסן און צו לערנען דײַטש און פֿראַנצייזיש און זייערע ליטעראַטורן.

זײַן פֿאַמיליע־לעבן איז נישט געווען גליקלעך, און נאָך דעם ווי זײַן איין־און־איינציק קינד איז געשטאָרבן, גט ער זיך מיט זײַן פֿרוי.[6] דערווײַל איז זײַן פֿאָטער פֿאַראָרעמט געוואָרן, און לעווינזאָן איז געבליבן אין ראַדזיוויל, ציִענדיק פּרנסה פֿון געבן „שטונדן״.

בעת דער רוסישער מלחמה מיט פֿראַנקרײַך (1812) קריגט לעווינזאָן אַ שטעלע ווי אַן איבערזעצער בײַם אָרטיקן רוסישן קאָמענדאַנט. ווען דאָס רוסישע חייל זיגט, שרײַבט לעווינזאָן אָן אַ שיר אין העברעיִש, „קול ענות גבורה״, אין וועלכן ער באַזינגט דעם גרויסן רוסישן ניצחון. דאָס פּאַטריאָטישע ליד, געשריבן פֿון אַ ייִדן, מאַכט אַ רושם אויף דעם רוסישן קאָמענדאַנט, און ער שיקט עס אָפּ צום אינערן־מיניסטער, ווי אַ מוסטער פֿון אַ ייִדישן פּאַטריאָט. י. ב. לעווינזאָן ווערט, אַזוי אַרום, באַקאַנט בײַ מלכות ווי אַ רוסישער פּאַטריאָט. מיט גרויס התמדה איז ער ממשיך זײַן

אַליין־בילדונג, לערנט גאַנצע טעג און נעכט און מאַכט דערבײַ פֿאַרצייכענונגען פֿאַר זײַנע געפּלאַנטע ווערק. אָבער די שווערע אָנגעשטרענגטע אַרבעט ווירקט אויף זײַן געזונט, ביז ער ברעכט צוזאַמען. אַ קראַנקער פֿאָרט לעווינזאָן קיין בראָד זיך קורירן און פֿאַרבלײַבט דאָרט אַ לענגערע צײַט.

בראָד איז אין יענע יאָרן געווען זייער אַ וויכטיקער האַנדלספּונקט צווישן רוסלאַנד, עסטרײַך און דײַטשלאַנד און אויך די גרעסטע ייִדישע קהילה אין גאַליציע. בראָד איז אויך געווען דער צענטער פֿון דער עסטרײַכישער השׂכּלה. דאָס הויז פֿון ברידער טראַכטענבערג איז געווען דער זאַמלפּונקט פֿון משׂכּילים און דאָרשטיקע נאָך וויסן. אין אָט דער סביבה איז לעווינזאָן אַרײַן און מיט גרויס דאָרשט געטרונקען פֿון דעם וויסן פֿון יענע גײַסטיקע פּירערס.

פּריִער אין בראָד און שפּעטער אין זשאָלקיעוו און טאַרנאָפּאָל האָט זיך לעווינזאָן צום ערשטן מאָל געטראָפֿן פּנים אל פּנים מיט דער גרויסער פּלעיאַדע משׂכּילים פֿון יענער צײַט, ווי ר׳ שלמה־לייב ראַפּאַפּאָרט, ר׳ נחמן קראָכמאַל, יוסף פּערל, מענדל לעפֿין, בעריש בלומענפֿעלד, יעקב־שמואל ביק, יצחק ערטער, ר׳ לייביש מיזיס און אַנדערע. ער ווערט פֿאַרכאַפּט נישט נאָר פֿון זייער וויסן, נאָר אויך פֿון דעם פֿאַרשידנאַרטיקן אופֿן, ווי יעדער פֿון זיי רעאַגירט אויף די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פֿון דעם ייִדישן לעבן. אַ באַזונדערס טיפֿן אײַנדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער באַרימטער דענקער און גאון פֿון השׂכּלה ר׳ נחמן קראָכמאַל, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט שפּעטער אין זשאָלקיעוו.[7]

די ערשטע צײַט האַלט לעווינזאָן אָן אַ שטעלע ווי אַ בוכהאַלטער אין אַ האַנדל־געשעפֿט. ער געפֿינט אָבער שנעל אויס, אַז די אַרבעט איז אים נאָר אַ שטערונג צום לערנען, און ער באַשליסט דעריבער אויפֿצוגעבן די שטעלע און ווידער זיך נעמען צו לערערײַ. ער הייבט ווידער אָן צו גיין אויף „שטונדן" און ווידמען זײַן פֿרײַע צײַט צו אַליין־בילדונג. מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער התמדה נעמט זיך לעווינזאָן שטודירן לאָגיק, פֿילאָסאָפֿיע, דער עיקר די פֿילאָסאָפֿן פֿון דעם 18טן יאָרהונדערט. ער נעמט זיך אויך פֿאַרפֿולקומען אין דער דײַטשער שפּראַך און ליטעראַטור. שפּעטער פֿאָרט ער אָפּ קיין טאַרנאָפּאָל, ער גיט אָפּ עקזאַמען אין דער „איזראַעליטישער הויפּט שולע" און באַקומט אַ דיפּלאָם.

אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פֿון יוסף פּערל, ווערט לעווינזאָן אָנגענומען פֿאַר אַ לערער פֿון העברעיִש אין דער בראָדער רעאַלשול. זײַן פֿרײַע צײַט ווידמעט ער זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט, אַרבעטנדיק אויף די ווערק, וואָס ער האָט פּריִער געפּלאַנט און אָנגעהויבן שרײַבן נאָך זײַענדיק אין ראַדזיוויל. ער פֿאַרענדיקט דעם „לוח המכס" — זײַן ייִדישע צאָלטאַריף־איבערזעצונג, שטעלט צונויף אַ לערנבוך פֿון רוסישער שפּראַך „יסודי לשון רוסיה" און אַרבעט אויף זײַן „המזכיר" — אַ זאַמלונג פֿון פֿילאָלאָגישע פֿאָרשונגען. פֿון אָט די דערמאָנטע ווערק געלינגט אים

בלויז אָפּצודרוקן אין זשאָלקיעוו דעם „לוח המכס"; די אַנדערע צוויי ווערק האָבן אָבער קיין מזל נישט געהאַט.

ווי ס'רוב משׂכּילים נעמט זיך לעווינזאָן דעמאָלט אויך צו סאַטירע — די זייער פּאָפּולערע ליטעראַרישע פאָרעם, וואָס מיט איר פלעגן זיי זיך באַנוצן אין זייער אויפקלערונגס־אַרבעט. ער שרײַבט אָן דעם „דברי צדיקים" און דעם „עמק רפאים", אין וועלכע ער שילדערט די אומוויסנקייט פון די חסידים, זייער נאַיִוויטעט און פאַרגלייבטקייט אין די רייד פון זייערע רביים. ער גרײַפט אויך אָן די צדיקים, בעלי־מופתים, וואָס עקספּלואַטירן זייערע חסידים אויף אַ באַוווסטזיניקן אופן. לויט דעם אָנגענומענעם משׂכּילישן נוסח, ווערן דער חסידיזם און צדיקיזם אַרויסגעבראַכט אין באַזונדערס געדיכטע, שוואַרצע פאַרבן. ביידע סאַטירעס, ווי אַ סך אַנדערע משׂכּילישע ווערק אין יענער צײַט, האָבן פריִער צירקולירט אין מאַנוסקריפּטן. ערשט שפּעטער האָט זיי י. פּערל אָפּגעדרוקט אין איין באַנד אין 1830 אין ווין.

די זעקס יאָר, וואָס לעווינזאָן האָט פאַרבראַכט אין גאַליציע, זענען געווען אַ מין צוגרייטונג פאַר דער מיסיע, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון גײַסטיקן און מאַטעריעלן איבערבוי פון דעם יִידישן לעבן אין רוסלאַנד איז אייגנטלעך געווען דער ציל, וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט נאָך מיט יאָרן פריִער, איידער ער איז געקומען קיין גאַליציע. נאָך זײַענדיק אין ראַדזיוויל — ער איז דעמאָלט אַלט געווען 22 יאָר — האָט ער שוין געהאַט פאַרטראַכט און אַפילו אָנגעהויבן שרײַבן זײַן צוקונפטיק מאָנומענטאַל ווערק „תּעודה בישׂראל". נאָך דעם אָבער ווי ער האָט פאַרבראַכט מערערע יאָרן אין גאַליציע און אַרײַנגעזאַפּט אין זיך פיל וויסן, ווי אויך זיך צוגעקוקט און אַפילו אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף פון די גאַליציאַנער משׂכּילים, באַשליסט לעווינזאָן צו פאָרן אַהיים און אין גאַנצן זיך ווידמען דעם „טובת הכּלל", פאַרשפּרייטן השׂכּלה צווישן די יִידן אין רוסלאַנד.

ס'וואָלט געווען אַ טעות אָנצונעמען, אַז לעווינזאָן האָט די ערשטע טריט פון דער השׂכּלה דערהערט בײַ זײַן אָנקומען קיין בראָד אָדער אַפילו פריִער אין ראַדזיוויל. כּמעט אין יעדן גרעסערן יִידישן יישוב זענען אין יענע יאָרן געווען איינצלנע אָדער קליינע גרופּעס משׂכּילים. אין קרעמעניץ אַליין זענען עס געווען די ברידער לאַנדסבערג, די זין פון ר' אַברהם בן יחיאל לאַנדסבערג, י. ב. לעווינזאָנס אַ קרוב. דער עלטערער פון זיי, ר' לייבוש, איז געווען לעווינזאָנס אַ נאָענטער פרײַנד; דער יִינגערער ר' מענדל — אַ פילאַנטראָפּ און ביבליאָפיל, וואָס מיט זײַן ביבליאָטעק האָט לעוויזנאָן זיך זייער אָפט באַנוצט; אַ דריטער ברודער, ר' שלמה־ישעיה, זאָל עס געווען זײַן דער מחבר פון „מגלה טמירין" — אַ סאַטירע קעגן די צדיקים. זיי אַלעמען האָט אַריבערגעשטיגן אין ידיעות און אין שפּראַכן־קענטעניש זייער ברודער ר' אײַזיק, וואָס איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער אָדעסער שול און באַוווסט

געוואָרן דורך זײַנע פילאָלאָגישע פאָרשונגען.[8] דאָס זענען אָבער געווען משׂכּילים פאַר זיך אַליין, אַזוי אין קרעמעניץ, אַזוי אין אַנדערע שטעט. קליין אין צאָל, דערצו נאָך אָפּגעזונדערט פון פאָלק, האָבן זיי בכלל נישט געקענט האָבן וועלכע נישט איז השפּעה אויף די ברייטע פאָלקשיכטן.

דורכברעכן פאַר השׂכּלה אַ וועג אין דעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד, נישט קוקנדיק אויף דעם שטאַרקן אַנטאַגאָניזם צו איר מצד די חסידישע און רבנישע קרײַזן און טראָגן די השׂכּלה צום פאָלק, האָט געקאָנט בלויז אַ פּערזענלעכקייט פון גאָר אַן אַנדער שניט. ס׳האָט געמוזט קומען איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט סײַ גרויס וויסן, סײַ רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, צוזאַמען מיט גרויסער עקשנות, און וואָס זאָל זײַן ביכולת זיך אַנטקעגנצושטעלן די קעגנערס מיטן כּוח פון וואָרט און שטאַרקן גלויבן אין דעם אמת פון דער אידיי וואָס ער פּריידיקט. אַזאַ גרויסע גײַסטיק־רײַכע פּערזענלעכקייט איז געווען ר׳ יצחק־בער לעווינזאָן.

אין 1820 קומט לעווינזאָן אָן צוריק קיין קרעמעניץ. אין פאַרגלײַך מיט בראָד, האָט קרעמעניץ אין זײַנע משׂכּילישע אויגן געמוזט אויסזען נאָך מער אָפּגעשטאַנען, ווי זי איז אין דער אמתן געווען. איז קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואָס ער דערזעט זי אין ווײַט נישט קיין ליכטיקע פאַרבן.

> „איך ווין — באַקלאָגט זיך לעווינזאָן — אין אַ פאַרפינצטערטער שטאָט; מען זעט דאָרטן נישט קיין פרישן מענטשן, נישטאָ קיין סופרים, נישטאָ קיין ספרים, נישטאָ ווער זאָל מעלדן וועגן נײַעס, וואָס פּאַסירן אויף דער וועלט; קיינער לייענט נישט קיין ביכער, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט צײַטונגען. איך הער אַרום זיך טאָג־טעגליך דאָס געשריי פון די אָרעמע, וואָס ווערן, נעבעך, באַראַבעוועט פון די, וואָס געוועלטיקן איבערן פאָלק, פון אונזערע ייִדישע רעדלפירער און באַפעלער. עס דערגייט צו מיר דאָס גרויסע געפילדער פון די באַטרונקענע חסידים, וואָס טאַנצן איבער די גאַסן טשערעדעסווײַז, זינגען אויף אַ קול און ברענגען אַרײַן אין שטאָט אַלץ נײַע רביים, וואָס פאָרן אין די קאַרעטעס, דער קומט אָן און דער פאָרט אָפּ. די פאַרברענטע חסידים באַטרינקען זיך און שרײַען: קדוש״.[9]

אַ פאַרגלייבטער אין דעם כּוח פון אויפקלערונג, שטעלט זיך לעווינזאָן פאַר זײַן נאָענטע אויפגאַבע קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק פון השׂכּלה. אויב דער אַנטאַגאָניזם צו דער השׂכּלה שטאַמט פון דער אומוויסנקייט, וואָס הערשט אין דער ייִדישער סביבה, מוז מען די פאָלקשיכטן אויפקלערן, אַז זי ברענגט נאָר ליכט און וויסן. און אויב די שׂינאה, וואָס הערשט צו איר, שטאַמט פון מורא, אַז עפּעס דרויסנדיקס, וואָס איז להיפּך דעם ייִדישן גײַסט, ווערט אויף זיי אַרויפגעצוווּנגען, דאַרף מען זיי איבערצײַגן, אַז דער השׂכּלה־געדאַנק האָט זײַנע וואָרצלען אין דעם אינעווייניקסטן ייִדישן לעבן און איז אין פולן איינקלאַנג מיטן גײַסט פון אמתער ייִדישקייט. כּדי צו רעאַליזירן אָט די אויפגאַבע, נעמט

זיך לעווינזאָן ווידער פאַר דעם „תעודה בישראל" — דאָס ווערק, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און אַפילו אָנגעהויבן שרײַבן נאָך מיט יאָרן צוריק.

לעווינזאָן האָט פאַרענדיקט דאָס בוך אין יאָר 1822. און דאָ הייבן זיך ערשט אָן זײַנע שוועריקייטן, סײַ אין קריגן געלט אויף אַרויסצוגעבן דאָס בוך, סײַ אין קריגן אַ דרוקערײַ, וואָס זאָל דאָס בוך וועלן אָפּדרוקן. אין זײַנס אַ קול קורא, אַז דאָס ווערק וועט דערשײַנען אין אַ יאָר אַרום, האָט ער אַפּעלירט פאַר פרענומעראַנטן. אָבער די רעזולטאַטן זענען געווען שטאַרק אַנטוישנדיק. דער קלאַנג, אַז יצחק־בער לעווינזאָן האָט אָנגעשריבן אַן אַפּיקורסישן חיבור, האָט זיך זייער שנעל צעטראָגן איבער די שטעט און שטעטלעך און קיין איינציקע דרוקערײַ (אין קרעמעניץ, בעלאָזערקע, סלאַווועטע, זאַסלאַוו, פּאָלאָנע, קאָרעץ) האָט נישט געוואָלט דרוקן דעם ספר. אַזוי זענען אַוועק פינף יאָר.

אין 1827 ווענדט ער זיך דורך זײַנעם אַ פרײַנד און פאַרערער פון קרעמעניץ, דעם קאָלעגן־אַסעסאָר פון דעם געריכט און דערציִונג־קאָמיסיע אין וואָלין, צום יידישן קאָמיטעט אין וואַרשע („קאָמיטעט סטאַראָזאַקאָניך") און בעט העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך. כּדי די בקשה זאָל האָבן אַ פּעולה, לייגט יענער פרײַנד צו זײַן אייגענעם בריוו, אין וועלכן ער גיט איבער, אַז ר' שלמה ראַפּאַפּאָרט האָט זיך באַקאַנט מיטן מאַנוסקריפּט און דאָס ווערק זייער געלויבט. דעריבער אַפּעלירט ער צום קאָמיטעט, אַז ער זאָל העלפן לעווינזאָנען אַרויסגעבן דאָס בוך.

דער קאָמיטעט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין ספּעציעלע פאָנדן.[10] נאָך גרויסער מי און מאַטערניש געלינגט סוף־סוף לעווינזאָנען, אַ דאַנק דער הילף פון נאָענטע פרײַנד, אָפּצודרוקן דאָס בוך אין ווילנע אין 1828. אָבער אויך מיטן פּובליקירן דאָס בוך איז פאַרבונדן אַ זייער אינטערעסאַנטער פאַקט. לעווינזאָן האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס בוך וועט אַרויסרופן אַ גרויסן שטורעם אין די רבנישע, באַזונדערס אין די חסידישע קרײַזן, און ער האָט זיך אויך לײַכט געקאָנט פאָרשטעלן מיט וואָס דער שטורעם קען זיך ענדיקן. איז ער געפאַלן אויף אַ המצאה: נאָך איידער דאָס בוך איז אַרויס, האָט ער בײַם דרוקער באַשטעלט אַן אָפּשריפט און אים אָפּגעשיקט צום דאַמאָלסדיקן בילדונג־מיניסטער א. ס. שישקאָוו. אין אַ בײַגעלייגטן בריוו האָט לעווינזאָן געבעטן, אַז עס זאָל אים דערלויבט ווערן אַרויפשטעלן אויף דעם בוך דעם מיניסטערס נאָמען, וואָס וועט „באַשײַנען דאָס ווערק". ער האָט אויך געבעטן, אַז עס זאָל פאַר אים באַשטימט ווערן אַ סובסידיע, כּדי ער זאָל ווײַטער קענען שרײַבן נײַע ווערק, וואָס זאָלן „אויסבעסערן דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג".[11] דאָס בוך איז אָנגעקומען אין די הענט פון די צוויי משומדים זאַנדבערג און פּאָדעללאַ, וועלכע זענען געווען בײַ דער רעגירונג די עקספּערטן אין דעם קאָמיטעט פאַר יידישע ענינים. זאַנדבערג האָט דאָס בוך רעקאָמענדירט ווי אַ נוציק ווערק; ער איז אָבער געווען קעגן דעם, אַז דעם מיניסטערס נאָמען זאָל

אַרויפגעשטעלט ווערן אויפן בוך, מחמת דאָס וואָלט געקאָנט האָבן אַ פּאַרקערטע ווירקונג. אויך האָט ער אָנגעוויזן, אַז עס מוזן אויסגעלאָזט ווערן אייניקע שטעלן, וואָס גרײַפן שטאַרק אָן דעם חסידיזם.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט שישקאָוו פאַרלאָזן זײַן אַמט און דער קיסר ניקאָלײַ דער 1־טער האָט באַשטעטיקט די רעקאָמענדאַציע פון דעם קאָמיטעט (אונטערצייכנט: „סאָגלאַסיען״), אַז מען זאָל באַשטימען לעווינזאָנען אַ סובסידיע פון טויזנט רובל פאַר זײַן בוך, וואָס באַצוועקט די „מאָראַלישע באַנײַונג פון דעם ייִדישן פאָלק״. לעווינזאָן האָט גלײַך נאָך דעם צוגעשיקט צום דרוקער אין ווילנע אַ דאַנקבריוו צום קיסר פאַר דער מתנה און דער בריוו איז געדרוקט געוואָרן אין דעם בוך. לעווינזאָנס המצאה האָט געטראָפן אין ציל. באַלד ווי דאָס בוך איז אַרויס, האָט זיך אין די חסידישע קרײַזן אויפגעהויבן אַ שטורעם, אָבער קיין חרם האָט דער שטורעם מיט זיך נישט געבראַכט...

דאָס ווערק „תּעודה בישראל״ מעג מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי אַ גאָר וויכטיקער ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דער השכּלה אין רוסלאַנד.

שוין אין דער הקדמה צום בוך שטעלט ריב״ל די פראַגע: וואָס, איינגטלעך, האָט אים באַוויגן צו שרײַבן דאָס בוך? און ער ענטפערט, אַז זײַנע יוגנטפרײַנד האָבן זיך צו אים געווענדט מיט דער בקשה, ער זאָל זיי אויפקלערן וואָס עס דאַרף זײַן זייער אמתער וועג אין לעבן ווי אַ ייִד און מענטש און אויך אָנווײַזן זיי אויף יענע לימודים, וואָס זײַנען דורכויס „הכרחיים לשלמות האנושית בכלל ולשלמות הישראלי בפרט״.[12] דאָס גאַנצע בוך בויט ריב״ל אויף ענטפערס אויף די געשטעלטע שאלות. סיסטעמאַטיש און מיט גרויס ערודיציע אַנאַליזירט ער יעדע פון די אָנגעצייכנטע פראַגעס. זײַנע הסברות זענען קלאָר און אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן פון תּלמוד, פון מדרש, פון דער רבנישער ליטעראַטור און מיט פיל היסטאָרישע פאַקטן און געדאַנקען פון אַ סך גרויסע אויטאָריטעטן.

אין דעם בוך אַנטפּלעקט זיך ריב״ל ווי אַ גרויסער געלערנטער, לערער, פּריידיקער און קעמפער. בדרך־כּלל איז זײַן סטיל סאָליד און געלאַסן. דער טאָן אָבער בײַט זיך און ווערט אָפט קעמפעריש, באַזונדערס ווען ער שיקט זײַנע פײַלן אין דעם חסידיזם און באַהאַנדלט פּראָבלעמען, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און גײַסטיקער סטרוקטור פון דעם ייִדישן לעבן אין יענער צײַט. מיט גאָר אַ באַזונדערן פּאַטאָס צייכנט זיך אויס זײַן סטיל, ווען ער רופט צו גײַסטיקן און עקאָנאָמישן איבערבוי אין דעם ייִדישן לעבן.

נאָך אַ גרינדלעכער עקסקורסיע אין דער תּלמודישער און אין דער רבנישער ליטעראַטור, קומט ריב״ל צום אויספיר, אַז עס איז אַ חוב גדול אויף ייִדן צו קענען פולקום די העברעיִשע שפּראַך. ער קריטיקירט דערבײַ זייער שאַרף די פאַרעלטערטע מעטאָדן, ווי בכלל דעם סדר־הלימוד אין די

חדרים, „חדרי מות״ ווי ער רופט זיי אָן, ווו די שפּראַך פון ספרי־הקודש ווערט געלערנט אָן סיסטעם.

סײַ דער תּנ״ך, סײַ דער תּלמוד, זאָגט ריב״ל, באַטראַכטן שפּראַך ווי אַ סינאָנים פון פאָלק („כל הגוים והלשונות״, „כל אומה ולשון״), און דער וואָס טראָגט דעם נאָמען „עברי״ מוז פולקום קענען די שפּראַך פון זײַן פאָלק — עברית.[13] העברעיִש איז די איינציקע שפּראַך, וואָס פאַראייניקט אַלע ייִדן, צעשפּרייטע איבער גאָר דער וועלט, און נאָר העברעיִש קען פאַרזיכערן דעם נאַציאָנאַלן קיום פון דעם ייִדישן פאָלק.[14]

בדרך־כּלל האַלט ריב״ל, אַז וואָס שייך כּתב ולשון איז נישטאָ קיין קדושה אָדער טומאה — אַלץ ווענדט זיך אין דעם ענין, וועגן וועלכן עס ווערט געשריבן. יעדער ספר, וואָס עס געפינען זיך אין אים דברי־תּורה, מוסר אָדער בכלל דברי־תּורה ודעת, מעג יענער ספר זײַן געשריבן אין וועלכער נישט איז שפּראַך, ווערט ער דורך דעם אַ ספר כּשר וטהור.[15]

אַן אויסנאָם מאַכט ער אָבער מיט ייִדיש. ייִדיש, האַלט ריב״ל, איז די שפּראַך, וואָס מיר האָבן גענומען בײַ די דײַטשן און איז אַ געמיש פון דײַטש, העברעיִש, רוסיש, פראַנצייזיש און פויליש. ייִדיש איז בלויז צוגעפּאַסט אויסצודריקן געווײנטלעכע זאַכן. זי איז אָבער ווײַט נישט גענוג, ווען עס קומט אויס זיך אויסצודריקן וועגן העכערע ענינים.[16]

ריב״ל טרעט דערנאָך צו צו דער צווייטער פראַגע: צי מעג אַ ייִד זיך לערנען פרעמדע שפּראַכן און חכמות חיצוניות?

שטיצנדיק זיך אויפן תּלמוד און אַנדערע ייִדישע מקורות און אויטאָריטעטן, ווײַזט ער אָן, אַז ייִדן דאַרפן קענען אויך אַנדערע שפּראַכן חוץ העברעיִש, באַזונדערס די שפּראַך פון דער מדינה. אַלע ייִדישע גדולי־הדור, סײַ אין די צײַטן פון דער משנה און תּלמוד, סײַ אין די שפּעטערדיקע דורות, האָבן אויסער העברעיִש אויך געקאָנט אַנדערע לשונות. פילון אַלכּסנדרוני, יוסיפוס פלאַוויוס האָבן געקאָנט און געשריבן זייערע ספרים אויף גריכיש; דער רמב״ם, ר׳ סעדיה גאון, ר׳ יהודה הלוי האָבן געקאָנט אַראַביש אאַז״וו.[17]

וואָס שייך חכמות חיצוניות, איז נישטאָ קיין חכמה און קיין וויסן, וואָס זאָל אונדז נישט ברענגען קיין נוצן, אָדער זאָל אין אונדז נישט דערוועקן ליבע און בעסערע פאַרשטענדעניש פאַר דעם בורא־עולם. ריב״ל ווײַזט אויך אָן, אַז אין אַלע דורות האָבן ייִדישע געלערנטע זיך אינטערעסירט מיט די חכמות פון אַנדערע פעלקער און זענען דורך דעם געוואָרן גרויסע בקיאים אין די חכמות פון זייער צײַט. אַ דאַנק דעם האָבן זיי טאַקע געבראַכט אַ סך נוצן דעם ייִדישן פאָלק. ברענגענדיק אַ סך ראיות און ציטאַטן פון תּלמוד, ווײַזט ער אָן, אַז די חכמים האָבן שטענדיק זייער הויך געהאַלטן אַזעלכע גרויסע ייִדישע געלערנטע.[18]

אַזוי אַרום קומט ריב״ל צום אויספיר, אַז דאָס קענען די לאַנדשפּראַך ווי אויך די חכמות חיצוניות וועט נישט נאָר נישט ברענגען קיין שאָדן דער ייִדישער אמונה, נאָר, פאַרקערט, ברענגען ייִדן נוצן אין זייער

מיסחר און אין זייער שטענדיקן פאַרקער מיט דעם נישט־ייִדישן אַרום, באַזונדערס מיט די באַאַמטע פון דער מלוכה. דורך חכמה און וויסן פון אַנדערע לשונות וועלן ייִדן נושא־חן זײַן אין די אויגן פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי וווינען.[19] ריב״ל פאַרשטייט גוט, אַז וויסן און בילדונג זײַנען נישט דער פולער ענטפער אויף דער ייִדישער פּראָבלעם. די ייִדישע עקאָנאָמיק, האַלט ער, מוז ווערן איבערגעבויט, און ייִדן אַליין מוזן בײַטן זייער עקאָנאָמישן שטייגער לעבן. פון לופטמענטשן, שענקערס א״א ווערן פּראָדוקטיווע מענטשן, זיך פאַרנעמען מיט נוצלעכער אַרבעט און אין דער ערשטער שורה — מיט מלאָכות און ערדאַרבעט.

אויך דאָ ברענגט ריב״ל אַ סך פאַקטן פון דער ייִדישער געשיכטע און ראיות פון פיל ייִדישע חכמים, וואָס האָבן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן געצויגן חיונה פון אַרבעט, זײַענדיק האַלצהעקערס, שוסטערס, שמידן אאַז״וו. עס קומט אים אָן נישט שווער צו באַווײַזן אין נאָמען פון די חכמים, אַז תורה אַליין איז נישט גענוג, נאָר אַז צוזאַמען מיט איר מוז קומען מלאָכה.[20] ריב״ל ווײַזט אָן, אַז די ייִדן זײַנען נאָך פון קדמונים אָן געווען אַ פאָלק פון ערדאַרבעט. דורך די יאָרהונדערטער, וואָס ייִדן האָבן געלעבט אין זייער אייגן לאַנד, נאָך פאַרן חורבן בית שני, איז ערדאַרבעט געווען זייער הויפּט־באַשעפטיקונג דעמאָלט. אַפילו אין יענע צײַטן, ווען די ייִדן האָבן אָנגעקניפּט האַנדל־פאַרבינדונגען מיט אַנדערע פעלקער, איז ערדאַרבעט נאָך אַלץ געווען זייער הויפּט־מקור פון פּרנסה. ערשט מיט דורות שפּעטער, ווען דאָס ייִדישע פאָלק איז צעשפּרייט געוואָרן צווישן די אומות־העולם, און באַזונדערס אין מיטל־עלטער, ווען מ׳האָט די ייִדן באַגרענעצט אין רעכט, זײַנען זיי געווען געצוווּנגען צו ווערן אַ פאָלק פון מיסחר על פּי־אונס.[21]

„פאַר וואָס", פרעגט ריב״ל, „האָבן בײַ אונדז אַלע, מאַן און פרוי, גרויס און קליין, רײַך און אָרעם, זיך גענומען בלויז צו מיסחר? פאַר וואָס זאָלן מיר נישט, אַזוי ווי אונדזערע עלטערן אַ מאָל, נישט פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט? פאַר וואָס האָבן מיר זי (די ערדאַרבעט) פײַנט געקראָגן און זיך דערווײַטערט פון איר? זי איז דאָך בײַ אונדז קיין מאָל נישט געווען קיין עבודה בזויה".

שטאַרק פאַרגלייבט אין דער נײַער תּקופה פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם און אין די נײַע אידעען פון גלײַכהייט און מענטשלעכער פאַרברידערונג, פאַרענדיקט ריב״ל זײַן ספר מיט אַ רוף פול מיט פּאַטאָס, אַז ייִדן זאָלן אַוועקוואַרפן די לופט־פּרנסות און קליינהאַנדל און אַנשטאָט דעם זיך לערנען מלאָכות און פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט, ווײַל נאָר די ערדאַרבעט קען ברענגען „אמת גליק און פרייד דעם מענטשן".

ייִדן, חזרט ער איבער, דאַרפן זיך לערנען אַנדערע לשונות און באַרײַכערן זייער ייִדיש וויסן מיט אַלגעמיינעם וויסן. דאָס וועט פירן צו אַ בעסערער פאַרשטענדעניש צווישן זיי און זייערע נישט ייִדישע

מיטבירגערס, און דורך דעם וועלן זיי נושא־חן זײַן בײַ די פעלקער פון דער וועלט.[22]

דער רושם, וואָס דער ספר האָט געמאַכט אויף יעדן איינציקן, וואָס האָט געדאָרשט נאָך וויסן, באַזונדערס אויף דער יוגנט, איז געווען אומגעהײַער גרויס. דער ספר האָט געווירקט ווי אַ מאַניפעסט, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די פרײַהייט פון שכל און פון גײַסט. פאַר אַ סך יידישע מענטשן איז דאָס בוך געווען ווי אַ באַשטעטיקונג פון אמתן, וועגן וועלכע זיי האָבן בלויז געאָנט, אָבער נישט געקאָנט אָדער נישט געטאָרט ריידן וועגן זיי. איינצלנע עקזעמפּלאַרן, וואָס זײַנען אָנגעקומען אין די שטעט און שטעטלעך, אָפט מאָל מיט אַ יאָר אָדער צוויי נאָכן אָפּדרוק, האָבן צירקולירט פון האַנט צו האַנט און געלייענט געוואָרן „אויף די ביידעמער, אין די פאַרבאָרגנסטע ערטער, אין דער טיפער נאַכט אין די טונקלע ווינקלען פונעם בית־המדרש, בײַם לעצטן צאַנקען פונעם חלבנעם ליכטל...״ אָט ווי דער שרײַבער און דיכטער אברהם־בער גאָטלאָבער פאַרצייכנט אין זײַנע זכרונות וועגן דעם רושם, וואָס דער „תעודה בישראל״ האָט געמאַכט אויף דער יוגנט:

„אָן אַ שיעור יידישע יונגעלײַט האָבן דעמאָלט געעפנט די אויגן און האָבן זיך גענומען צו לערנען לשון־קודש און די לאַנדשפּראַך. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט שטאַרקן מוט און האָבן זיך נישט דערשראָקן פאַר די פאַנאַטיקער, וואָס זײַנען געשטאַנען אין וועג. אין יעדער שטאָט האָבן זיי געגרינדעט אַגודות, און די איינצלנע משכּילים, וואָס זײַנען שוין געווען פון פריער צעשפּרייט דאָ און דאָרטן, האָבן זיי מיטגעהאָלפן. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם חסידישן כּלל און האָבן זיך געווענדעט צו בילדונג און צו וויסן״.[23]

אַ שטאַרקן רושם האָט דער ספר געמאַכט אויף באַרימטע געלערנטע. שרײַבערס און משוררים, לעווינזאָנס מיטצײַטלערס (פון זיי איייניקע, וואָס זײַנען געווען עלטער פון אים אין יאָרן) ווי שלמה לייב ראַפּאַפּאָרט, אדם הכהן לעבענזאָן, קלמן שולמאַן, יעקב אייכנבוים, מרדכי נאַטאַנזאָן, שמואל פין און אַנדערע. זיי אַלע האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון דעם „תעודה בישראל״, און מיט גרויס ליבע און פאַרערונג גערופן לעווינזאָנען אויף דעם נאָמען פון זײַן ספר. עטלעכע דיכטערס האָבן לכּבוד דעם בוך געשריבן שירים.

„די דאָזיקע וויכטיקע לײַט״, באַמערקט גאָטלאָבער וועגן די עלטערע משכּילים, „הגם זיי האָבן מקדים געווען ריב״לן מיט זייער בילדונג און וויסן און האָבן נישט געשעפּט פון זײַן מקור, אָבער נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן באַרימט און זײַנע ספרים האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, האָבן זיי זיך אַלע אויפגעזאַמלט אונטער זײַן פאָן און ער איז געוואָרן זייער פירער; ווײַל זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער איז גרעסער פון זיי אין חכמה און איז פעאיק אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, און אַז פון אים וועט קומען אַ ישועה פאַר יידן

בנוגע זייער עקאָנאָמישן און גײַסטיקן מצב. דער ספר „תעודה בישראל״ איז פאַר זיי געווען אַ וועגווײַזער און אין זײַן ליכט זענען זיי געגאַנגען״.[24]

ביבליאָגראַפיע און באמערקונגען

1. ענציקלאָפּ. סלאָוואַר בראָקגאוז עפראָן, ס. פעטערבורג, 1895, אויך פּ. סעמיאָנאָוו, געאָגראַפ. סטאַטיסטיטשעסקי סלאָוואַר ראָסיסקאָי אימפּערי II, ס. פעטערבורג, 1865.

2. רינגעלבלום, די ייִדן אין קרעמעניץ ביזן סוף פון דעם 18־טן יאָרה׳ ; אין „לאַנדקענטעניש״, וואַרשע 1934: 2.

3. יעווריסקאַיא ענציקלאָפּעדיאַ אָבשטש. דליאַ נאַאוטש. זע אויך י. לעשצינסקי, דאָס ייִדישע עקאָנאָמישע לעבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פּ.ס.ס.ר. 1922.

4. וועגן זײַן עלטער־פעטער ר׳ אליקים פון יאַמפּאָלי דערציילט ריב״ל אַז ער שטאַמט אָפּ פון ר׳ יוסף בן שמואל הלוי „אשר הגלה עם הגולה אשר הגלה פערדינאַנדוס קאַטאָליקוס מלך שפּאַניען מארצו״. ריב״ל דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געפאָרן קיין רוים „בפקודת הרבנים הגאונים דארבע הארצות״ נאָך דער גרויסער אַסיפה אין בראָד וועגן דער עלילת־דם אין יאַמפּאָלי אין יאָר תקי״ז און אויסגעווירקט בײַם פּויפּסט אַ פּסק וועגן דער פאַלשקייט פון דעם בלוט־בילבול. אויך זײַן עלטער־פעטער פון זײַן מוטערס צד, ר׳ מאיר בן יואל מדובנא, איז געווען פּרנס ועד ארבע הארצות און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ווי אַ מליץ־יושר פאַר די ייִדן בעת דעם בלוט־בילבול אין יאָר תקי״ט (זע ריב״ל, בית יהודה, זײַט 17). מערקווערדיק, ווי אויף ריב״לן איז שפּעטער אויסגעפאַלן דער זעלבער גורל.

5. י. ב. לעווינזאָן האָט אויך אין די שפּעטערע יאָרן געשריבן שירים און בײַ געלעגנהײטן ליב געהאַט זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט גראַמען. ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַטראַכט פאַר קיין דיכטער (זע זײַן הקדמה צו „אשכל הסופר״).

6. לויט אַ געוויסער ווערסיע זאָל זײַן פּרוי האָבן געפּרוווט צו סמען אים. ער איז אָבער ניצול געוואָרן און גלײַך נאָך דעם זיך געגט מיט איר. זע: י. צינבערג, די געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן. באַנד 8, נ״י, 1943.

7. ר. מאַהלער, דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע. נ״י, 1942; י. ב. לעווינזאָן, בית יהודה, פּרק קי״ח ז׳ 287. „פון די ברעקלעך, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון קראָכמאַלס ליטעראַרישן טיש״, שרײַבט שפּעטער י.ב. לעווינזאָן, „האָבן אַ סך משוררים פון אונדזער צײַט געשאַפן גאַנצע ביכער״.

8. א. פרידקין, אַברהם בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע; יעווריסקאַיא ענציקלאָפּעדיאַ.

9. ציטירט לויט י. צינבערג; זע: „ילקוט ריב״ל״ 72, 73.

10. י. שאַצקי, יצחק בער לעווינזאָנס אַן אומבאַקאַנטע השתדלות אין וואַרשע. ייִוואָ־בלעטער, 1932 81—84.

11. פּערעזשיטאָיע, טאָם 1, 1909. דאָקומענטי אי סאָאָבשטשעניאַ.

12. הקדמה צו תעודה בישראל. וואַרשא, תרס״א. 1901. דאָס איז אייגנטלעך דער אופן, ווי ריב״ל שטעלט זייער אָפּט אַוועק זײַן טעמע, וואָס ער באַהאַנדלט אין אַ טייל פון זײַנע ווערק. צי זענען אים די שאלות טאַקע געשטעלט געוואָרן, צי נישט, ברענענדיקע פּראָבלעמען אויפן סדר־היום בײַ די משכילים זענען זיי זיכער געווען.

13. „תעודה בישראל״, זײַטן 16—17.

14. דאָרט, זײַט 17 : „כי היא תעשה קשר הדת וקיום האומה, היא הבריח התיכון המבריח מקצה תבל ועד קצהו כאיש אחד חברים את כל אחינו בני הגולה המפוזרים בארבע רוחותיו״...

15. דאָרט, זײַטן 34—35.

16. אין דעם פּרט איז ער נישט געווען דער איינציקער צווישן די משׂכּילים. מיט אייניקע אויסנאַמען איז דאָס געווען דער משׂכּילישער צוגאַנג. ריב״ל האָט אָבער, לײדער, זיך נישט פאָרגעשטעלט די נאַציאָנאַלע ראָלע, וואָס דעם יידישן לשון וועט אויסקומען צו שפּילן שפּעטער; און זיכער האָט ער זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אין אָט דער שפּראַך וועט מיט יאָרן שפּעטער אויסוואַקסן אַ רײַכע ייִדישע ליטעראַטור.

מערקווערדיק אָבער, אַז בעת דער ספר „תעודה בישראל״ איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ריב״ל שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ סאַטירע און דווקא אין יידיש : „די הפקר וועלט״, וועלכע האָט אַ לאַנגע צײַט צירקולירט אין כּתב־יד און ערשט יאָרן שפּעטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דוב־בער נאַטאַנזאָן.

17. זײַטן 37—42.

18. זײַט 109 : „אין מושיבין בסנהדרין אלא בעלי קומה ובעלי חכמה ובעלי מראה ויודעים בשבעים לשון״, געבראַכט פון סנהדרין און ציטירט פון ריב״ל.

19. זײַט 56.

20. זײַט 161.

21. זײַטן 180—184.

22. זײַטן 190—198.

23. א. פרידקין, אברהם בער גאָטלאָבער און זײַן עפּאָכע, זײַט 211.

24. דאָרט, זײַט 216.

משה העס און זײַנע הויפּטווערק

I

נאָך דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָנען (1815) האָט זיך אין פּרײַסן צוריק אײַנגעשטעלט דער רעאַקציאָנערער רעזשים פון פרידריך דעם דריטן. אין די אָריגינעלע פּרײַסישע פּראָווינצן, ווו ייִדן האָבן לויטן אַקט פון 1812 געקראָגן גלײַכבאַרעכטיקונג, האָט די רעגירונג דורך דעקרעטן און צײַטווײַליקע תּקנות גענומען פאַרשמעלערן און אַפילו אין גאַנצן צו נישט מאַכן פריִער זייערע פּאָליטישע דערנאָך אויך די ציווילע רעכט. אויך אין די ריינישע פּראָווינצן, ווו די ייִדן האָבן אונטער דעם פראַנצייזישן רעזשים געקראָגן בירגערלעכע רעכט, האָט דער נײַער פּרײַסישער רעזשים אין גאַנצן אָפּגעשאַפט די ייִדישע גלײַכבאַרעכטיקונג.

די ייִדישע יוגנט, באַזונדערס די אינטעלעקטועלע, האָט איצט דורכגעלעבט אַ גײַסטיקן קריזיס. איין מאָל פאַרזוכט פון די פרײַהייטן אין משך פון דער קורצער נאַפּאָלעאָנישער תּקופה און באַווירקט פון די ליבעראַלע אידייען אין דעם דעמאָלטיקן פראַנקרײַך, האָט די ייִדישע יוגנט ניט געוואָלט זיך אומקערן צום אַלטן שטייגער לעבן, וואָס איז געווען פול מיט באַגרענעצונגען. זיי האָבן ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיי וועט אויסקומען צו פירן אַ לעבן, וואָס האָט אין דער פּערספּעקטיוו זיי אויסגעזען אין גאַנצן פאַרוואָלקנט, אָן שום צוזאָג אויף פרײַהייט. אַ סך פון זיי האָבן אויסגעקליבן דעם וועג פון שמד ווי אַ לייזונג צו דער פּראָבלעם. אויף אָט דעם וועג האָבן זיך געלאָזט דער טאַלאַנטירטער זשורנאַליסט לודוויג בערנע, דער דיכטער היינריך היינע און אַנדערע. די יעניקע, וואָס האָבן ניט געוואָלט דורכגיין די שמד־פּראָצעדור, האָבן גלאַט זיך גײַסטיק אָפּגעגרענעצט פון דער ייִדישער סביבה און פאַרקערט אויף דעם וועג פון באַוווּסטזיניקער אַסימילאַציע. אָבער ניט אַלע האָבן געקאָנט בײַשטיין די פאַרשיידענע נסיונות אויף זייער אַסימילאַטאָרישן וועג, פאַר זיי איז אין אַ סך פאַלן שמד געווען די לעצטע סטאַנציע.

גאָר אַנדערש האָט זײַן לעבנסוועג פאַרענדיקט משה העס. העס באַלאַנגט צו יענער קאַטעגאָריע פון גרויסע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס זייער כאַראַקטער, אופן דענקען און וועלטבאַנעם זײַנען געוואָרן אויסגעשמידט נאָך פיל נסיונות, ראַנגלענישן און נאָכאַנאַנדיקן חשבון־הנפש, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך. באַן און קעלן זײַנען די צוויי שכנותדיקע שטעט, ווו משה העס האָט פאַרבראַכט זײַן קינדהייט און זײַן יוגנט. די נײַע היסטאָרישע מקורות, וואָס זײַנען שייך די ייִדישע ייִשובים אין יענע שטעט, די טאָגביכער און באַמערקונגען, ווי אויך די פּערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס העס האָט געפירט אין יענער צײַט, גיבן אונדז אַ מעגלעכקייט אַ סך בעסער צו אַנאַליזירן די סאָציאַלע מאָמענטן, וואָס האָבן געווירקט אויף אים אין זײַן קינדהייט און

אין זײַן יוגנט. די ייִדישע ייִשובים איןביידע שטעט האָבן געהאַט הינטער זיך אַן אַכזריותדיקע געשיכטע פון יסורים, וואָס האָבן באַגלייט זייער קאַמף פאַר עקסיסטענץ.

אין די צײַטן פון דער פעאָדאַלער אָרדענונג איז די ייִדן געווען פאַרווערט צו באַזיצן לאַנד־אייגנטום און צו באַשעפטיקן זיך מיט ערדאַרבעט. די פאַרשיידענע גילדעס (צעכן), וואָס האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אין יענע שטעט, זײַנען געווען זייער אַנטאָגאָניסטיש צו די ייִדישע האַנטווערקערס. זיי האָבן געזען, אַז די שטעט זאָלן פאַרבאָטן די ייִדן זיך צו פאַרנעמען מיט האַנטווערקערײַ. מחמת יענע געזעצן זײַנען די ייִדן געווען אָנגעוויזן זיך צו פאַרנעמען מיט מיסחר אָדער לײַען געלט אויף פּראָצענט. ייִד, קרעמער און וואָכערזאַק זײַנען געוואָרן סינאָנימען אין דער אומגאַנגשפּראַך, און וועלכער די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אויסגעדריקט איר שינאה צו די ייִדן. די שינאה איז אויך געוואָרן געשטאַרקט דורך דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון דער קריסטלעכער קירך. ווי אין אַ סך אַנדערע פּראָווינצן, האָבן די ייִדן אין באָן און אין קעלן געלעבט ווי „שוץ־בירגער" און פאַר זייערע באַגרענעצטע רעכט האָבן זיי געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן הויכן יערלעכן שטײַער דער מלוכה. אין אָנהייב 15טן יאָרהונדערט האָבן פאַנאַטישע דאָמיניקאַנער מאָנאַכן אָנגעפירט בלוטיקע העצעס קעגן די ייִדן אין קעלן, און דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די שטאָטישע מאַכט זאָל זיך מוזן בייגן צו דער פאָדערונג פון די קריסטלעכע בירגערס ניט צו באַנײַען די ייִדישע וווינרעכט. די ייִדן האָבן געמוזט אויסוואַנדערן אין אַנדערע פלעצער. אָט די געשיכטע פון באַגרענעצונגען, רדיפות און גירוש חזרט זיך איבער אין משך פון דורות. ערשט מיט דעם אָנקום פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע האָט זיך די לאַגע פון די ייִדן אָנגעהויבן ענדערן צום בעסערן.[1]

די לאָזונג פון פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט האָט זיך ווי אַרויפגעצוווּנגען אויף יענע שטעט, און די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט אונטער דער השפעה פון דער רעוואָלוציע מיט אַ מאָל געענדערט, אויסערלעך לכל־הפחות, איר באַציִונג צו די ייִדישע שכנים. די געטאָ־טויערן זײַנען געפאַלן אין די שטעט באָן און קעלן. מיט גרויס אָפּגעהיטקייט האָבן די ייִדן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין די שטעט. די גרעסערע קהילה אין באָן איז לויטן נאַפּאָלעאָנישן דעקרעט געוואָרן איינע פון די קאָנסיסטאָריע־צענטערן און דער קליינער ייִשוב אין קעלן איז אַרונטער אונטער דער גײַסטיקער השגחה פון באָן. לויט דעם דעקרעט, האָבן זיי גענאָסן די רעכט פון פרײַע בירגערס פון פראַנקרײַך. שפּעטער ווען די שטעט באָן און קעלן זײַנען אַנעקסירט געוואָרן (1815) פון פרײַסן, זײַנען די דאָרטיקע ייִדן דערקלערט געוואָרן ווי בירגערס פון פרײַסן. בלויז דרײַסיק ייִדישע משפחות האָבן דעמאָלט געלעבט אין קעלן. וועגן אַ שול פאַר ייִדישע קינדער האָט אין דער קליינער קהילה ניט

געקאָנט זײַן קיין רייד. ערשט אין יאָר 1820 האָט די רעגירונג אויטאָריזירט צוויי פאָרשטייערס פון דער יידישער קהילה אָנצופירן מיט אַ יידישער עלעמענטאַר־שול.

דער גײַסט פון רעפאָרם־יידישקייט האָט באַוויזן אַרײַנצודרינגען אין דער קליינער יידישער קהילה. ס'איז אינטערעסאַנט, אַז שוין אין 1805 האָבן זיך אין שטאָט געפונען אַבאָנענטן אויף מענדעלסאָנס איבערזעצונג פון תהילים. אַ צאָל יידישע קינדער האָבן געלערנט אין די קאַטוילישע און קאַרמעליטישע גימנאַזיעס.[2] די איבעריקע האָבן אָדער באַזוכט יידישע עלעמענטאַר־שולן אָדער געלערנט בײַ פּריוואַטע לערערס. אין 1826 האָבן די ראָשי־הקהל אין אַ ספּעציעלער מודעה געראָטן יידישע עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אין די עפנטלעכע קריסטלעכע שולן, מחמת דאָס וועט פירן צו אַ דערנענטערונג און גוטער פאַרשטענדעניש צווישן די יידן און דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.[3]

אַ דאַנק דעם וואָס די מעגלעכקייטן פאַר מיסחר האָבן זיך פאַרגרעסערט, זײַנען קיין קעלן אָנגעקומען יידן פון באָן און אַנדערע שטעט, און די יידישע קהילה אין קעלן האָט זיך מיט דער צײַט צעוואַקסן. אין יענער צײַט זײַנען קיין קעלן אויך אָנגעקומען די עלטערן פון משה העס.

משה העס איז געבוירן געוואָרן אין 1812 אין באָן, בײַ פרומע שטרענג אָרטאָדאָקסישע עלטערן. זײַן פאָטער, דוד־טבל העס, אַליין אַ געבוירענער אין באָן, איז געווען אַ סוחר. זיין מוטער הינדל, אַ געבוירענע אין באָקענהיים, לעבן פראַנקפורט־אַם־מײַן, איז געווען די טאָכטער פון ר' משה פלאָרסהיים, געוועזענער רב אין באָקענהיים. ווען משה העס איז אַלט געווען פיר יאָר, האָבן זיך זײַנע עלטערן אַריבערגעקליבן אין דער נאָענטער שטאָט קעלן. דער פאָטער האָט געעפנט אַ שפּײַזקראָם און דאָס געשעפט איז אַוועק מיט הצלחה. שפּעטער האָט דוד העס צוזאַמען מיט אַ קריסטלעכן שותף געהאַט אַ צוקער־פאַבריק.

ווען דוד העס איז אין 1816 אָנגעקומען קיין קעלן, האָט די דאָרטיקע יידישע קהילה געציילט בלויז 150 נפשות. קיין יידישע שול פאַר קינדער איז דאָרט ניט געווען, און דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער פאָטער האָט בײַם איבערקלײַבן זיך קיין קעלן געלאָזן זײַנע קינדער אין באָן בײַ זײַנע שווער און שוויגער. בײַ זיי, אונטער דער הדרכה פון דעם אָרטאָדאָקסישן שווער, האָט ער געטראַכט, וועלן די קינדער דערצויגן ווערן ווי פרומע יידן. די מוטער איז צוזאַמען מיט איר מאַן אָפּגעפאָרן קיין קעלן. שטאַרק פאַרנומען אין אַרויסהעלפן איר מאַן אין געשעפט, פלעגט זי זעלטן קומען באַזוכן די קינדער. „וועגן מײַן מוטער", פאַרצייכנט משה העס אין זײַן טאָגבוך, „ווייס איך ווייניק, חוץ דעם וואָס איך האָב איר טויט ביטער באַוויינט".[4] דער קליינער משה העס האָט באַזוכט אַ חדר, און דער זיידע

זײַנער, כאָטש אַליין שטאַרק פֿאַרנומען אין זײַן געשעפֿט, האָט השגחה געגעבן אויף דעם קינדס לערנען.

אויב מיר זאָלן זיך אין גאַנצן פֿאַרלאָזן אויף די פֿאַרצייכענונגען, וואָס משה העס האָט געמאַכט אין זײַן טאָגבוך בעת ער איז אַלט געווען 24 יאָר, דאַרפֿן מיר קומען צום אויספֿיר, אַז זײַנע קינדער־יאָרן זײַנען ניט געווען אָנגעפֿילט מיט פֿרייד. זײַן טאַטע־מאַמע פֿאַרנומען מיט מיסחר אין קעלן, ער אַליין אין באָן בײַם זיידן, וואָס איז אַליין געווען פֿאַרנומען אין געשעפֿט און ניט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט די אייניקלעך, ווי ער וואָלט עס מסתּמא געוואָלט.

דער קליינער משה העס האָט די טעג פֿאַרבראַכט אין די חדרים בײַ מלמדים, וואָס ער באַצייכנט ווי „אוממענטשן, וואָס פֿלעגן דאָס לערנען גמרא באַגלייטן מיט קלעפּ", און די פֿרײַע צײַט — אין דער געזעלשאַפֿט פֿון חברים, וואָס פֿלעגן אים אַרויספֿירן אויף שלעכטע וועגן. אין אָט דער סביבה האָט משה העס פֿאַרבראַכט זײַן קינדהייט, ביז ער איז „מיט אַ שוואַכן קערפּער און רויען גײַסט אַרײַנגעטראָטן אין דעם עלטער פֿון יוגנט".[5]

שפּעטער האָט משה העס דערמאָנט מיט ליבע זײַן זיידן דעם למדן, וואָס כאָטש ער האָט געהאַט סמיכות אויף רבנות האָט ער בעסער זיך פֿאַרנומען מיט מיסחר, איידער צו לעבן פֿון רבנות. אַ באַזונדערס טיפֿן אײַנדרוק האָבן אויף העסן געמאַכט דעם זיידנס רייד, בעת ער פֿלעגט די קינדער דערציילן וועגן חורבן בית־המקדש, וועגן לאַנגן ייִדישן גלות און וועגן דער ייִדישער האָפֿענונג אויף ביאת־המשיח.

„איך דערמאָן זיך מיט טיפֿער גערירטקייט", שרײַבט משה העס, „יענע טרויעריקע סצענעס, וואָס איך האָב געזען אין מײַן זיידנס הויז אין באָן, ווען עס פֿלעגט קומען תּשעה־באָב, די דרײַ וואָכן, די נײַן טעג און דער שבת־חזון. מײַן זיידע האָט ניט געלעבט פֿון רבנות, האָט אָבער געהאַט די קענטענישן און דעם טיטל רב. אַ גאַנץ יאָר פֿלעגט ער נאָך די טעגלעכע געשעפֿטן ביז האַלבער נאַכט לערנען גמרא מיט די מפֿרשים, נאָר אין די נײַן טעג פֿלעגט ער אַנשטאָט לערנען גמרא פֿאָרלייענען פֿאַר זײַנע אייניקלעך די אַגדות וועגן דעם חורבן־ירושלים. די שניי־ווײַסע באָרד פֿון דעם אַלטן מאַן פֿלעגט באַנעצט ווערן מיט טרערן. אויך מיר, די קינדער, פֿלעגן זיך ניט קענען אײַנהאַלטן פֿון געוויין, באַזונדערס ווען עס פֿלעגט דערציילט ווערן, ווי די מוטער רחל שטייט אויף פֿון איר קבר און קלאָגט אויף אירע אומגליקלעכע קינדער".[6]

די און נאָך אַנדערע אײַנדרוקן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט זײַן לעבן אין זײַן זיידנס היים, פֿאַרוואָרצלט אין ייִדישער טראַדיציע, האָבן זיך אײַנגעקריצט אין משה העסעס זכּרון און געהאָלפֿן פֿורעמען זײַן כאַראַקטער און שפּעטער זײַן פּערזענלעכקייט. די משיח־אידייע און דער געדאַנק פֿון גאולה, דער נביאישער חזיון פֿון אַ באַחרית־הימים האָבן

געמוזט אַרויסרופן אין זײַן פֿאַנטאַזיע אַ וועלט פֿון יושר וצדק און אַ ווײַט־אומקאָמפּראָמיסלעכן גלויבן אין דער אידייע פֿון אַ צוקונפֿטיקער וועלט, געבויט אויף שלום, ליבע און פֿעלקער־פֿאַרברידערונג.

ווען משה העס איז אַלט געוואָרן 14 יאָר, איז אים זײַן מוטער געשטאָרבן, און אָן חשק איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין קעלן צו וווינען מיט זײַן פֿאָטער.

פֿון אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זײַנע עלטערן אין 1825, דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט אין יענער צײַט געוווינט אין באָן ניט בײַ זײַן זיידן, נאָר בײַ זײַן פֿעטער און מומען העס. ער גיט אַ רמז אין דעם בריוו, אַז אויב די עלטערן זײַנען ניט דאַקעגן, וואָלט ער ליבערשט פֿאַרבליבן אין באָן כאָטש נאָך אַ יאָר.[7]

ניט גרינג איז אים געווען זיך צו געזעגענען מיט באָן. דאָ האָט ער זיך אויפֿגעהאָדעוועט, דאָ געוואַקסן, און כאָטש קיין עפֿנטלעכע שול האָט ער נישט באַזוכט, האָט ער דאָך באַוויזן אַ סך צו לייענען און לערנען מיט גרויס התמדה אויף אַן אייגענעם אויטאָדידאַקטישן אופֿן. פֿאָרן קיין קעלן צו אַרבעטן בײַם פֿאָטער אין קראָם האָט ער קיין חשק ניט געהאַט. בלית־ברירה איז ער געפֿאָרן צו זײַן פֿאָטער, וואָס האָט געהאַט באַשטימטע פּלענער, אַז זײַן פֿעיִקער זון משה זאָל מיט דער צײַט אַליין ווערן אַ סוחר. אָבער די אַרבעט אין קראָם און דער אויסקוק צו ווערן אַ קרעמער זײַנען ניט געווען צום האַרצן פֿון יונגן משה העס. אים האָט געצויגן צום לערנען און צו שטילן זײַן דאָרשט נאָך אַלגעמיינעם וויסן און צו גאָר אַנדערע טעטיקייטן אין לעבן.

אין קעלן האָט העס געמוזט נאָכקומען זײַן פֿאָטערס פֿאַרלאַנג צו לערנען גמרא — אַ לימוד, צו וועלכן ער האָט אין יענער צײַט קיין באַזונדערן חשק נישט געהאַט. לערנען אין אַן עפֿנטלעכער שול (אַ קאַטוילישע אָדער אַ קאַרמעליטישע) האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, און דער אָרטאָדאָקסישער טאַטע האָט אײַנגעשטימט, אַז זײַן יונגער זון זאָל קריגן פּריוואַטע לעקציעס אין דײַטש און אין פֿראַנצייזיש.

„איך קען קיין פּוסט־און־פּאַסניק ניט זײַן", פֿאַרצייכנט העס אין זײַן טאָגבוך, „דערפֿאַר וויל איך ווערן אַ שריפֿטשטעלער. אַ שריפֿטשטעלער? אָבער וועלכע צוגרייטונג האָב איך דען געהאַט? קיינע. וווּ האָב איך שטודירט? אין ערגעץ ניט. וואָס? גאָרניט".[8]

אָט די פֿאַרצייכענונג איז באַזונדערס וויכטיק, מחמת זי טײַט אָן אויף זײַן קלאָרן זיך־אַנאַליז — אַ וויכטיקער שטריך אין זײַן כאַראַקטער — ווי אויך אויף זײַן ציל, וואָס ער האָט מיט גרויס עקשנות געזוכט צו דערגרייכן.

ביסלעכווײַז הייבט משה העס אָן זיך צוגעוווינען צו די אומשטאַנדן אין קעלן, ער שאַפֿט באַקאַנטשאַפֿט מיט זײַנס גלײַכן, צווישן זיי זײַנער אַ קרוב לעאָפּאָלד צונץ און הערמאַן לעווי, מיט וועמען ער האָט שפּעטער געפֿירט אַ זייער נאָענטע קאָרעספּאָנדענץ.

כּאָטש ער איז טעגלעך פֿאַרנומען בײַם פֿאָטער אין געשעפֿט, געפֿינט ער אָבער אויך גענוג צײַט צו לייענען און לערנען אויף זײַן אייגענעם אופֿן, שטרעבנדיק צו דערגרייכן, ווי ער דריקט זיך אויס, „די מעגליכסט הויכע שטופֿע פֿאָן פֿאָלקאָמענהייט״. מיט גרויס התמדה לייענט ער און לערנט פֿאַרשיידענע ווערק און געשיכטע פֿון דער מענטשהייט און אויך אין פֿילאָסאָפֿיע — ווערק, וואָס סטימולירן נאָך מער זײַן אייגענע פֿעיִקייט צו טראַכן און אַנאַליזירן געדאַנקען וועגן גאָט, מענטש און וועלט. אַ באַזונדערן אינטערעס רופֿן בײַ אים אַרויס די ווערק פֿון רוסאָ און מענדעלסאָן.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין קעלן, איז דער יונגער משה העס נאָך געווען רעליגיעז, אָבער ביסלעכווײַז האָט ער אָנגעהויבן צווייפֿלען אין געוויסע פּרטים, באַזונדערס אין דער שטרענג־אָרטאָדאָקסישער דורכפֿירונג פֿון ייִדישע מינהגים. ער הייבט אָן פֿאַרקערן מיט חברים, וואָס שטאַמען פֿון רעפֿאָרמירטע היימען, הערט אויף אָפּצוהיטן די ייִדישע ימים־טובֿים און דערלויבט זיך אַפֿילו אין תּשעה־באָבֿ צו פֿאַרברענגען אויף אַ פֿרײַען אופֿן, גלײַך ווי עס וואָלט ניט געווען קיין טרויערטאָג. צווישן דעם שטרענג־אָרטאָדאָקסישן פֿאָטער און זײַן וויסן־דאָרשטיקן זון, דעם פֿרײַגײַסט און טרוימער, קומען פֿאָר אָפֿטע קאָנפֿליקטן. כּדי ניט צו פֿאַרשאַפֿן עגמת־נפֿש זײַן פֿרומען טאַטן, פּרובירט משה העס צו באַשרענקען זײַנע געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרווײַלונגען און זאָגט זיך אַפֿילו אָפּ צו באַזוכן דאָס טעאַטער, ווײַל ער האַלט, אַז עס איז די פֿליכט צו רעספּעקטירן די פֿאָראורטיילן פֿון עלטערן אַזוי לאַנג, ווי עס קומט ניט אין סתּירה מיט העכערע פֿליכטן.[9] ער הייבט אָן באַמערקן, אַז דער פֿאָטער גיט אים אַלץ ווייניקער געלט, וואָס ער דאַרף האָבן, כּדי זיך אײַנצושאַפֿן ביכער צום לערנען.

די קאָנפֿליקטן צווישן פֿאָטער און זון ווערן אַלץ שאַרפֿער, ביז אַן ערנסטע פֿאַסירונג צווינגט משה העס צו פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָטערס הויז. ער פֿאַרליבט זיך אין אַ שיין ייִדיש דינסטמיידל, וואָס האָט אין באַן געדינט אין אַ ייִדישער פֿאַמיליע, פֿרײַנד פֿון זײַן פֿאָטערס משפּחה. ער ווייסט, אַז זײַן פֿאָטער וועט זיך בפֿירוש שטעלן קעגן אַזאַ שידוך און ער באַשליסט אָן זײַן פֿאָטערס וויסן צו פֿאָרן קיין אויסלאַנד, כּדי צו קריגן אַרבעט אויפֿן ליטעראַרישן געביט און דערנאָך אַריבערברענגען צו זיך זײַן געליבטע. ער פֿאָרט קיין האָלאַנד, דערנאָך קיין פּאַריז זוכן אַ שטעלע, אָבער אָן הצלחה. זײַנע געלטמיטלען ווערן אויסגעשעפּט, און ער לאָזט זיך גיין צו פֿוס קיין דײַטשלאַנד. אויפֿן וועג שטעלט ער זיך אָפּ אין אַ דאָרף, ווו ער גיט זיך אָפּ מיט געבן פּריוואַטע לעקציעס. אין אַ גאָר קורצער צײַט אַרום לאָזט ער זיך גיין צו פֿוס קיין פֿראַנקפֿורט־אַם־מײַן, ווו עס האָבן געוווינט זײַנע קרובֿים פֿון זײַן מוטערס צד. זײַן פֿעטער נעמט אים אויף זייער וואַרעם, באַקליידט אים און באַמיט זיך דערנאָך שלום צו מאַכן צווישן פֿאָטער און זון. משה העס קערט זיך אום אַהיים.[10]

עס נעמט ניט לאַנג און די אַרבעט אין דעם פּאַטערס געשעפט באַפרידיקט אים ניט און ער הייבט ווידער אָן קלערן ווי צו ווערן זעלבשטענדיק. „איך מוז זיך פריִער באַפרײַען אין רײַן־פּערזענלעכן זין (פון זײַן פאָטער), כּדי צו קענען זיך פרײַ ווידמען די וויסנשאַפטן" — פאַרצייכנט ער אין זײַן טאָגבוך אין מײַ 1835.[11] כּדי זיך אַרויסצורײַסן פון דעם קלעם, פּלאַנעוועט ער אַפילו אַליין אָדער מיט זײַן פרײַנד צונץ צו עפענען אַ בוכגעשעפט, וואָס שײַנט אים צו זײַן אַ מער פּאַסיקע אַרבעט ווי צו זײַן אַ קרעמער, אָבער אויך דער פּלאַן ווערט ניט רעאַליזירט. אויך אַנדערע פּלענער לאָזן זיך אויס מיט גאָרניט, און ער מוז קעגן זײַן ווילן שלום מאַכן מיט זײַן לאַגע און בלײַבן אין זײַן פאָטערס קראָם.

די קולטורעלע אַטמאָספער אין קעלן איז ניט געווען קיין סטימולירנדיקע. קיין אוניווערסיטעט איז דאָרט ניט געווען, דער איינציקער אוניווערסיטעט נאָענט צו קעלן האָט זיך געפונען אין באָן, אַגב איינער פון די פּראָגרעסיווע הויכשולן אין לאַנד אין יענער צײַט

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אַ מיטגליד פון דעם מידל־טעמפּל אין ענגלאַנד, וואָס האָט באַגלייט דעם פּרינץ אַלבערט קיין באָן צו שטודירן, פאַרצייכנט אין זײַן בוך מיט גרויס חידוש, אַז כאָטש פּרײַסן איז אין פאַרגלײַך מיט ענגלאַנד אַן אַבסאָלוטע מאָנאַרכיע, פונדעסטוועגן איז אין דעם אוניווערסיטעט דאָ מער אַקאַדעמישע פרײַהייט, ווי אין אוניווערסיטעטן אין ענגלאַנד.[12]

דער אוניווערסיטעט איז אויך געווען איינער פון די ווייניקע אין לאַנד, וואָס האָט געעפנט די טירן פאַר יידן. אין יענער צײַט האָבן דאָרט שטודירט היינע, שמואל הירש, שלמה מונק, אַברהם גייגער — דער שפּעטערדיקער פירער פון דעם רעפאָרם־יידנטום און שמשון רפאל הירש — דער צוקונפטיקער גײַסטיקער פירער פון דער סעפּאַראַטיסטישער אָרטאָדאָקסיע, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט די יונגע סטודענטן און צוקונפטיקע רבנים : שמואל הירש, שלמה מונק און אברהם גייגער.[13] עס איז זיך לײַכט פאָרצושטעלן דאָס שטאַרקע געפיל פון קינאה, וואָס העס האָט געמוזט איבערלעבן, טרעפנדיק זיך מיט יענע יידישע סטודענטן. קיין רעגולערער סטודענט האָט העס ניט געקענט זײַן מחמת ער האָט ניט געענדיקט קיין גימנאַזיע, ער האָט בלויז געקאָנט ווערן אַ פרײַער צוהערער און בײַווױנען איינצלנע לעקציעס און דאָס נאָר בײַ געלעגנהייטן. העס באַזוכט די לעקציעס פון פּראָפעסאָר קריסטאַן אויגוסט בראַנדיס איבער די פילאָסאָפיעס פון בעקאָן, קאַרטעזיוס, קאַנט און אַנדערע. ער הערט אויך די לעקציעס אין דעם מעדיצינישן קאָלעדזש וועגן נאַטור־פילאָסאָפיע און עמבריאָנעלער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן און אויך אַנדערע וויסנשאַפטן.[14]

די יאָרן 1826—1836 קענען מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי דער פאָרמאַטיווער פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג און דענקען פון העסעס

פערזענלעכקייט. עס איז אויך דער פעריאָד, ווען זײַן אייגענער פילאָסאָפישער וועלטבאַנעם הייבט זיך אָן צו קריסטאַליזירן. אַ דאַנק זײַן שטאַרקן דאָרשט נאָך וויסן און זײַן גרויסער התמדה באַוויַיזט ער בײַצוקומען אַ סך שוועריקייטן. איינע פון זיי איז געווען דאָס אויסלערנען זיך פולקום דײַטש און פראַנצייזיש.

ווי אַ סך אַנדערע יידישע יונגעלײַט אין יענער צײַט, האָט משה העס, ווי זלאָטשיסטי באַמערקט עס אין זײַן בוך, זיך געלערנט דײַטש, שטודירנדיק העגעלן און לאַטײַן — שטודירנדיק שפינאָזען. דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערן בנוגע זײַן פראַנצייזיש און ענגליש.[15]

אויף וויפל ס׳איז מעגלעך אונטערצופירן אַ סך־הכל פון ביכער, וואָס ער האָט מיט התמדה שטודירט, דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן ווערק פון געטע, שילער, היינע, בערנע, הוגאָ און פאַרשיידענע פילאָסאָפישע ווערק. אויך די ווערק פון ייִדישן וויסן האָבן אים אינטערעסירט. מיט אַ באַזונדערן אינטערעס האָט ער שטודירט די ווערק פון משה מענדעלסאָן, יאָסטס ייִדישע געשיכטע און, ווי מיר דערוויסן זיך פון זײַנע באַמערקונגען, אויך דעם רמב״מס „מורה נבוכים״. די פילאָסאָפיעס פון שפינאָזע, רוסאָ, פורטע און די באַגריפן, וואָס ער האָט געשעפּט פון יידישע מקורות, ווערן זײַן וויכטיקע אַחיזה. די פאַרצייכענונגען און ציטאַטן, וואָס ער האָט געמאַכט בײַם שטודירן די ווערק, זאָגן עדות ניט נאָר אויף זײַן התמדה, נאָר אויך אויף זײַן זעלבשטענדיקן דענקען.

אים וואָלט געווען היפשלעך אומעטיק צו לעבן אין אַ סביבה, ניט האָבנדיק מיט וועמען זיך צו טיילן מיט אייגענע רעפלעקציעס בנוגע פאַרשיידענע באַגריפן און אידייען. צום גליק, האָט העס אין דער צײַט פון זײַן וואָגל און וואַנדער אָפּגעשפּאָרט אַ צאָל אינטימע פרײַנד, צווישן זיי צונץ, לעוו, אויערבאַך און אַנדערע, מיט וועלכע ער האָט אין יענער צײַט אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקע קאָרעספּאָנדענץ.

פון יענער קאָרעספּאָנדענץ, ווי אויך פון זײַנע ביז גאָר אינטערעסאַנטע פאַרצייכענונגען אין זײַן טאָגבוך, דערוויסן מיר זיך אַ סך וועגן זײַן דראַנג קלאָר צו מאַכן פאַר זיך פאַרשיידענע פילאָסאָפישע שיטות און אויך וועגן זײַנע ראַנגלענישן צווישן אמונה, ספקות און כפירה.

יענע בריוו זײַנען אויך באַזונדערס וויכטיק, ווײַל אין זיי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז משה העס ווי אַ טרוימער און אַ זעלבשטענדיקער דענקער. און נאָך איידער מיר טרעטן צו צו אַנאַליזירן זײַנע ערשטע ווערק, לאָמיר אַרויסנעמען פון זײַנע בריוו בלויז אייניקע געדאַנקען זײַנע און זיי איבערגעבן אויף אַ מעגלעך־סקיצירטן אופן.

גאָט און נאַטור, „פערנונפט״ און דאָס העכסטע גוטס, מאָראַלישער אינסטינקט און מאָראַלישער געזעץ, גאולה און מענטשלעכע פאַרברידערונג — דאָס זײַנען אַלץ באַגריפן, וואָס פאַרנעמען זײַן מוח, און ס׳איז נישט שווער צו באַמערקן, ווי עס האָט זיך בײַ אים אין משך פון יענער צײַט אויסגעקריסטאַליזירט זײַן מאָניסטישער וועלטבאַנעם.

די ווערק פון דעם אַטעיִסט האַלבאַך אָדער פון דעם העדאָניסט העלוועטיוס מאַכן אויף אים אַ קנאַפּן אײַנדרוק. ביידע, דער מאַטעריאַליזם און דער אוטיליטאַריזם, זײַנען, לויט זײַן מיינונג, מייסטנס איינזײַטיק און פול מיט פאָראורטייל, ביידע פירן אַ קריג קעגן דעם טרוימער, דעם אידעאַליסט און קענען ניט מאַכן קיין אײַנדרוק אויף אויפגעקלערטע מענטשן.

דער רעליגיעזער וויזיאָנער האַסט אַלץ, וואָס איז וועלטלעך, און דער אַטעיִסט מאַכט חוזק פון אַלץ, וואָס איז רעליגיעז. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אין אַלע צײַטן און „אַזוי וועט עס שטענדיק זײַן אומעטום — פון ביידע זײַטן דאָס עקסטרעמע און דער אמת ליגט אין מיטן.[15]

אַלץ אין דער נאַטור איז אײַנגעריכט אויף אַ העכסט־חכמהדיקן אופן. דער מענטש — דער העכסטער באַשאַף אין דער נאַטור — איז באַשאָנקען מיט אַ מאָראַלישן אינסטינקט, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס. און ווײַכט נאָר דער מענטש אָפּ פון דעם וואָס איז מאָראַליש, מוז ער שפּעטער עס דערפילן אויף זײַן געוויסן. דער שכל לערנט אונדז אויך אָנערקענען די מאָראַל ווי דאָס העכסטע גוטס. דער מענטש דאַרף זיך היטן פאַר דער קלענסטער אוממאָראַלישער האַנדלונג.

אויף זייער אַ שטאַרקן אופן שטרײַכט אונטער משה העס דעם מאמר פון בן עזאי אין פרקי אבות און ציטירט אים אין אָריגינאַל: שמצוה גוררת מצוה ועברה גוררת עברה, ששכר מצוה — מצוה ושכר עברה — עברה. דעם זאַץ איבערזעצט ער פרײַ: דער העכסטער לוין פון צידקות („טוגנט") איז צידקות; די העכסטע שטראָף פון זינד איז זינד.[16] ווי אַ שכלדיק באַשעפעניש, געפינט זיך יעדער מענטש אין דער זעלבער מאָראַלישער אָרדענונג, און וועט ער נאָר ריכטן זײַנע מעשים לויט דעם מאָראַלישן געבאָט, וועט ער קענען זײַן גליקלעך און צופרידן.

אין יענער צײַט זײַנען אין און אַרום דעם אוניווערסיטעט אין באָן, פונקט ווי אין אַנדערע אוניווערסיטעטן, געווען קרײַזלעך פון שטודירנדיקע יונגעלײַט, וואָס זײַנען אין זייער דענקען געווען באַווירקט פון דעם פילאָסאָף העגעל. יענע קרײַזלעך — העגעליאַנער, ווי זיי האָבן זיך גערופן — האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אינטעליגענטער יוגנט, און ס'איז זייער מעגלעך, אַז אין באָן האָט משה העס געהאַט די געלעגנהייט זיך נעענטער צו באַקענען מיט דער העגעליאַנישער שיטה ווי אויך מיט דער אויפגעקומענער רעפאָרם־באַוועגונג אין יידנטום. משה העס איז אָבער קיין מאָל ניט געוואָרן קיין בלינדער נאָכגייער פון אַ שיטה, קיין „נאָכדענקער", לויט זײַן טערמינאָלאָגישער באַצייכענונג, נאָר אַ „זעלבסטדענקער" — אַ זעלבשטענדיקער דענקער.

די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויפברויז פון נײַע אידייען.

משה העס כאַראַקטעריזירט יענעם אויפּברויז אויף אַזאַ אופן : „ניט קיין מבול ווי נאָך אָדם הראשון, אויך ניט קיין פאַרפלייצונג פון פעלקערשאַפטן ווי נאָך קריסטוסטן, נאָר אַ מבול פון אידייען, וואָס איז אַרויס פון שויס פון דער צײַט און זוכט צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס ווערט זיך אים שטעלן אין וועג".[17]

די פראַנצייזישע רעוואָלוציע מיט אַלע אירע דעקלאַרירטע דערהויבענע פּרינציפּן, מיט אַלע אירע דעראָבערונגען האָט אָבער ניט געלייזט די פראַגע פון עקאָנאָמישער אומזיכערקייט פון די ברייטע מאַסן פון פאָלק. אין אייראָפּע זײַנען אויפגעקומען אַ גאַנצע ריי ראַדיקאַלע אידייען וועגן פולשטענדיקן איבערבוי פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אויף יסודות פון יושר וצדק.

פראַנקרײַך איז פול געווען מיט ראַדיקאַלע קרײַזן, וואָס זײַנען געווען באַווירקט פון די סאָציאַלע אוטאָפּיסטן סען־סימאָן, פוריע און באַזונדערס פון דעם רעוואָלוציאָנער באַבעף, וואָס האָט געגלייבט, אַז אמתע סאָציאַלע גערעכטיקייט איז אוממעגלעך אָן סאָציאַלער און עקאָנאָמישער גלײַכהייט. דער קוואַל פון שלעכטס אין דער געזעלשאַפט איז פּריוואַט־אייגנטום, און כּדי די מענטשלעכע געזעלשאַפט זאָל זיין געבויט אויף גערעכטיקייט, מוז אין גאַנצן עלימינירט ווערן דער פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגנטום.

אויך אויף דעם געביט פון פילאָסאָפיש טעאָלאָגישן דענקען זײַנען אויפגעקומען פאַרשיידענע שיטות, וואָס האָבן אָפּגעפרעגט אַלטע אמתן און פּרובירט געבן נײַע ענטפערס וועגן מענטש און גאָט־דערקענטעניש.

די פילאָסאָפישע שיטות פון דעם אַזוי גערופענעם דײַטשן אידעאַליזם מיט העגעלן בראָש און שפּעטער די הומאַניסטישע שיטה פון לודוויג פויערבאַך האָבן שטאַרק משפּיע געווען די אינטעלעקטועלע קרײַזן פון יענער צײַט.

די פריִער דערמאָנטע דענקערס און גאָר באַזונדערס ברוך שפּינאָזע האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם יונגן משה העס; און ועל־כּולם — די אידייע פון אַן אוניווערסאַלן גאָט און דער באחרית־הימים־חלום פון אַ וועלט געבויט אויף יושר און צדק — געדאַנקען פון די נביאים, וואָס ער האָט אין זיך אַרײַנגעזאַפּט אין זײַן פריִער יוגנט.

מען מעג מיט רעכט זאָגן, אַז אָט די דורות אויסגעקריסטאַליזירטע עטישע באַגריפן פון די נביאים האָבן זיך אַזוי טיף אײַנגעקריצט אין זײַן זכּרון, אַז זיי האָבן אים באַגלייט אַפילו אין יענע יאָרן, ווען ער האָט געהאַלטן אין אָפּנייגן פון דעם רעאַלן לעבן פון זײַן ייִדישן פאָלק.

מיר קענען איצט צוטרעטן צום אַנאַליז פון משה העסעס ערשטע ווערק.

ביבליאָגראַפיע

1. ש. דובנאָוו, די נײַסטע געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, באַנד 9, זײַטן 28—42 ; סאַלאָ וו. באַראָן, „איי סאָשעל ענד רעלידזשיעס היסטאָרי אָוו די דזשוס״, בוך 2, נ״י, 1937.

2. לודוויג ווײַל, דער ייִדיש־דײַטשער דיכטער, מחבר פון „שירי ציון״ און פרײַנד פון משה העס, איז געווען איינער פון די ערשטע צו ענדיקן די קאַרמעליטישע גימנאַזיע.

3. ת. זלוציסטי, משה הס ובני דורו, אגרות ממנו ואליו. תרגום מבוא ג. קרסל, הוצאת עם עובד, תל־אביב, תשי״ז.

4. משה העס, טאָגבוך, פעברואַר 1, 1836, אין עדמונד זילבערנערס מאָזעס העס, לײדען, 1966.

5. משה העס, טאָגבוך, סעפּטעמבער 16, 1836, ציטירט אין ע. זילבערנערס מאָזעס העס.

6. 4טער בריוו אין „ראָם אונד יערוסאַלעם״ פאָן מאָזעס העס אין „אַאוסגעוועלטע שריפטען״, דזשאזעף מעלצער, פערלאַג, קעלן.

7. דער בריוו איז געווען געשריבן דעם 28סטן נאָוועמבער 1825, אין דעם טאָג, ווען זײַן מוטער איז געשטאָרבן, אָבער ער האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. זע : ז' 17 אין מאָזעס העס, בריפוועקסעל, מאיוטאָן עט קאָ, 1959.

8. משה העס, טאָגבוך, סעפּט' 16, 1836, ציטירט אין עדמונד זילבערנערס מאָזעס העס.

9. בריוו צו מ. לעוו, אַפּריל 1836 אין מאָזעס העס בריפוועקסעל, זײַטן 48־49.

10. עדמונד זילבערנער, מאָזעס העס, ז' 13־14 לײדען, 1966.

11. דאָרט, ז' 18.

12. The University of Bonn by a member of the Middle Temple, London.

13. יוניווערסאַל דזשויִש ענסיקלאָפּידיאַ.

14. העס, טאָגבוך, יאַנ' 22, 1836, אין זילבערנערס Moses Hess,
Moses Hess, Geschichte Seines Lebens Leiden, 1966.

15. טעאָדאָר זלאָציסטי, מאָזעס העס, דער פאָרקעמפער דעס סאָציאַליזמוס און ציאָניזמוס. בערלין, 1921. ז' 22.

16. העס, טאָגבוך, יולי 1830, ז' 34 אין זילבערנערס בוך און אין S Gravenhage,—
Moses Hess, Briefwechsel. 1959, ז' 34

17. ז' 33 Moses Hess, Philosophische und sozialistische Schriften. Berlin, 1961.

II

אין די יאָרן, וואָס העס האָט פאַרבראַכט אין באָן, איז ער, ווי פריִער געזאָגט, געווען אונטער דער השפעה פון העגעלס פילאָסאָפיע. ער איז אָבער אויך אַזוי שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון שפינאָזען, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי זײַנער אַ תּלמיד. מהאַי טעמא האָט ער טאַקע זײַן ערשטלינג „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט" געחתמעט מיט די ווערטער „פון אַ יונגן נאָכפאָלגער פון שפינאָזען". (דאָס בוך איז אַרויס אין 1837.)

ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו דענקען, אַז משה העס איז אין דאָזיקן בוך טאַקע דער אויסגעהאַלטענער שפינאָזיסט. גראָד פאַרקערט, אין דעם בוך זעען זיך קלאָר אָן די השפעות פון אַנדערע דענקערס און דער עיקר — דער נביאישער חזון פון דעם באחרית־הימים.

אויב משה העס קען ניט באַצייכנט ווערן ווי אַן אָריגינעלער דענקער, קען ער אָבער אויך ניט באַצייכנט ווערן ווי אַ בלינדער נאָכגייער פון דער אָדער יענער פילאָסאָפישער שיטה.

איינער פון העסעס הויפּטשטריכן באַשטייט אין דעם, וואָס ניט קוקנדיק אויף זיין ראָמאַנטישן אידעאַליזם, וואָס קומט אָפּט צום אויסדרוק אין זײַן עקזאַלטירטן סיגנון־הלשון, האָט ער פונדעסטוועגן געקאָנט קריטיש אויפנעמען יעדע שיטה און שעפּן פון איר יענע עיקרים, וואָס זײַן שכל האָט אַקצעפּטירט און דערנאָך זיך אויסטרעטן זײַן אייגענעם וועג.

שוין דער נאָמען פון בוך ווײַזט אָן אויף משה העסעס טעאָלאָגישן בליק אויף געשיכטע. הייליק איז די געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווײַל אין איר אַנטפּלעקט זיך גאָטס גײַסט. אויך דער טעלעאָלאָגישער פּרינציפּ קען ניט ווערן אָפּגעלייקנט, ווײַל געשיכטע האָט אַ ציל און דער ציל איז גאָטס רצון.

„...בלויז יענער, וואָס האַלט פאַרמאַכט זײַנע אויגן און פאַרשטאָפּט זײַנע אויערן", שרײַבט משה העס, „אָדער יענער, וואָס איז בכלל בלינד און טויב פון געבוירן, קען לייקענען, אַז סײַ פריִער פאַר אים, סײַ שפּעטער נאָך אים, אַנטפּלעקט זיך דער רוח־הקודש אין דער געשיכטע, און אַז די געשיכטע איז גאָטס ווערק, מעשה־אלהים."[1-2]

געשיכטע איז, הייסט עס, די התגלות פון גאָטס גײַסט און רצון, און דער היסטאָריקער איז איר אויסטײַטשער, ווײַל ער איז דער, וואָס פאַרשטייט דעם גאַנג פון דער געשיכטע. דער היסטאָריקער איז אויך בבחינת נביא, וואָס קען פאָרויסזען און פאָרויסזאָגן דעם וועג פון איר ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג.[3]

אין גײַסט פון אָט דעם היסטאָריאָסאָפישן צוגאַנג פאַרנעמט זיך משה העס אין זײַן בוך קלאָר צו מאַכן דעם גאַנצן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, ווי אויך צו באַווײַזן, אַז די געשיכטע פון דער מענטשהייט פירט צו דער פערפעקטער פאָרעם פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ווי אַ סך אינטעלעקטואַלן אין יענער צײַט, האָט אויך משה העס אָנגענומען די טריאַדע (טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעז) פון דער

העגעליאַנישער דיאַלעקטיק אין געשיכטע. ער ווענדט זי אָבער אָן אין אַ גענעטישן צוגאַנג צו דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וואָס ער טיילט אײַן אין דרײַ הויפּט־תּקופֿות.

די ערשטע הויפּט־תּקופֿה איז, לויט אים, די תּקופֿה פון אייניקייט, האַרמאָניע, שלימות; די צווייטע — איז די תּקופֿה פון צעשטערטער אייניקייט; די דריטע איז די תּקופֿה פון דער דערגרייכטער העכערער מדרגה פון אייניקייט. יעדע הויפּט־תּקופֿה ווערט פון אים אײַנגעטיילט אין קלענערע תּקופֿות און ווערט סימבאָליזירט דורך איין גרויסער פּערזענלעכקייט.

אַזוי ווערט די ערשטע תּקופֿה סימבאָליזירט דורך אָדם־הראשון. אין יענער תּקופֿה האָט געהערשט אייניקייט פון גײַסט און מאַטעריע. אָדם־הראשון האָט ניט געוווּסט פון קיין קאָנפליקטן צווישן דעם אידעאַלן און דעם רעאַלן. דאָס אידעאַלע און דאָס רעאַלע זײַנען געווען חד הוא. נאָך דעם ווי אָדם האָט פאַרזוכט פון דעם עץ־הדעת, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס רעאַלע איז ווײַט פון שלימות. ער הייבט אָן פאַרשטיין, אַז ער האָט אָנגעוווירן די אייניקייט, די תּמימותדיקייט פון אַמאָל, און אַז ער איז פאַרמישפּט צו קעמפן, בכדי צוריקגעווינען די שורשדיקע שלימות פון זײַן נשמה.[4]

די צווייטע הויפּט־תּקופֿה הייבט זיך אָן מיט קריסטוסן. קריסטנטום ברעכט די אייניקייט צווישן גײַסט און מאַטעריע, און אין יענער תּקופֿה ווערט דאָס אידעאַלע שאַרף אָפּגעטיילט פון דעם רעאַלן. דאָס קריסטנטום איז מדגיש בלויז דאָס גײַסטיקע, אָבער אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן הערשט דער ברוטאַלער כּוח און קאַמף פאַר מאַכט.

תּורת־משה, קלערט אויף משה העס, באַציט זיך סײַ אויף דער גײַסטיקער, סײַ אויף דער מאַטעריעלער זײַט פון מענטשן. רעליגיע און פּאָליטיק, קירך און שטאַט זײַנען געווען פאַראייניקט, געהאַט איין שורש און געטראָגן איין פּרוכט. יידן האָבן ניט געוווּסט פון קיין אונטערשייד צווישן רעליגיעזע און פּאָליטישע געבאָטן, צווישן פליכט צו גאָט און פליכטן צום קעניג. די געזעצן פון תּורה און שטאַט זײַנען געווען איינס. דאַקעגן אָבער האָט זיך די עוואַנגעליע אינטערעסירט בלויז מיט דער גײַסטיקער זײַט פון מענטשן. אין קריסטנטום איז די רעליגיע אָפּגעטיילט פון פּאָליטיק. די קריסטן האָבן ניט געהאַט קיין געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס זאָל זײַן געגרינדעט אויף דער גאָט־אידייע; ניט געהאַט קיין הייליקן שטאַט, קיין געטלעך געזעץ.[5] אין דעם רעאַלן לעבן איז די געזעלשאַפט געווען געבויט אויף די פּרינציפּן פון פּריוואַט־אייגנטום און ירושה־רעכט. אָט די פאַקטאָרן האָבן אין דעם מיטל־עלטער דערגרייכט אַ גאָר באַזונדערן הויכפּונקט און געשטערט דעם אויפקום פון אַ האַרמאָנישער געזעלשאַפט, וואָס זאָל זײַן געבויט אויף יושר און צדק און ווו עס זאָל ניט זײַן קיין צעטיילונג אויף אָרעם און רײַך.

מיט ברוך שפינאָזען האָט זיך אָגעפאַנגען די דריטע הויפּט־תקופה. מיט זײַן פּאַנטעיִזם האָט שפּינאָזע צעשטערט דעם קריסטלעכן דואַליזם. דאָס אידעאַלע און דאָס רעאַלע זײַנען צוריק געוואָרן פאַראייניקט. אָט די אייניקייט און האַרמאָניע דאַרפן און וועלן פאַרקערפּערט ווערן אין אַ נײַער סאָציאַלער אָרדענונג, אין וועלכער פּריוואַט־אייגנטום און אַל דאָס בייז, וואָס קומט פון דעם אַרויס, וועט אָפּגעשאַפט ווערן, און ס׳וועט אויפקומען אַ וועלט געבויט אויף ליבע און פאַרשטענדעניש, אַ וועלט פון עכטער אייניקייט, האַרמאָניע און שלימות.

אין דער צײַט, ווען משה העס האָט געשריבן זײַן בוך „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט״, זײַנען אים ניט פרעמד געווען די אָנגענומענע קריסטלעך־טעאָלאָגישע אײַנשטעלונגען; עטלעכע פון זיי זאָל ער אַפילו האָבן אָנגענומען. דאָס טאָר אָבער ניט ווערן אויסגעטײַטשט ווי אַ סימן פון שמד.

דער נוצרי פיגורירט בײַ אים ווי דער גאָט־מענטש, וואָס זײַן טויט איז „דאָס גרעסטע וווּנדער, דער אָנערקענטער צייכן פון זײַן געטלעכער מיסיע. יעזוס קריסטוס איז דאָס ליכט, וואָס האָט געגלאַנצט דורך דער מיטל־עלטערלעכער פינצטערניש.״[6]

אַזוי גיך אָבער, ווי העס ווענדט זײַנע בליקן צו דער געחלומטער מענטשלעכער געזעלשאַפט פון לעתיד־לבוא, קערט ער זיך צוריק אום צום גײַסט פון יידנטום, „וועמעס מיסיע עס איז צו ברענגען אויף דער וועלט דאָס מלכות־המשיח״.

„מיר האָבן אין זינען יענעם אַלטן, הייליקן פאָלקסשטאַט״,שרײַבט העס „וואָס כאָטש ער איז שוין לאַנג אונטערגעגאַנגען, לעבט ער נאָך אַלץ אין די גֶעמיטער פון זײַנע צעשפּרייטע גלידער... בײַ יידן, זאָגן מיר, לעבט ווידער אויף דאָס אַלטע געזעץ, און דאָס איז דער בעסטער לעבעדיקער עדות, בעסער נאָך ווי יעדער אַנדערער היסטאָרישער מאָנומענט.״[7]

עכט־רעליגיעז קלינגען די ווערטער פון משה העס, אין וועלכע ער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז ווי אַ גלייביקער אין דער אייביקער מיסיע פון דעם יידישן פאָלק: „אָט דאָס פאָלק איז פון אָנהייב אָן געווען באַרופן אײַנצונעמען די וועלט, ניט דורך כוח פון כלי־זיין אַזוי ווי דאָס היידנישע רוים, נאָר מיט דעם כוח פון דער אינעווייניקסטער קראַפט פון זײַן גײַסט... זײַנע שונאים האָבן עס ניט באַוויזן צו פאַרניכטן, ווײַל גײַסט איז אומפאַרניכטלעך.״[8]

פון דעם גײַסט פון יידנטום וועט, לויט משה העס, אויפקומען די נײַע געזעלשאַפט, וואָס וועט זײַן אַ ווערדיקע יורשטע פון דער מוטער, וואָס האָט זי געבוירן. אין דער נײַער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט ניט קענען זײַן קיין רייד פון אָרעם און רײַך, פּלעבייער און פּאַטריציער. אָט די ווידעראַנאַנדן, וואָס זײַנען די סיבות פון אומרעכט, וועלן פון זיך אַליין פאַרשווינדן, ווײַל דער מענטש וועט אין זײַן שטרעבונג צו שלימות קומען נאָענט אַפילו צו דער געטלעכקייט אַליין.[9]

אַז די דריטע הויפּט־תּקופֿה אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט האַלט זיך אין אַנטוויקלען און אַז עס איז נאָענט די צײַט פֿון דעם „שבת פֿון דער געשיכטע״ (מלכות שמים אויף דער ערד), איז פֿאַר משה העס דעם וויזיאָנער געווען אויסער ספֿק.

די דערגרייכונגען פֿון דער פֿראַנצייזישער אויפֿקלערונג מיט איר שטראָם פֿון נײַע אידייען וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט זײַנען פֿאַר אים געווען דער סימן מובהק, אַז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט ווערט דאָס אידעאַלע פֿרײַ אָנגעווענדט ווי אַ קריטעריום אין דער קריטיק פֿון דער עקסיסטירנדיקער געזעלשאַפֿט — איז עס ניט אַ באַווײַז, אַז די מענטשהייט גייט פֿאָרויס, אַז זי שטרעבט באַוווסטזיניק צו אַן אידעאַלער פֿאָרעם פֿון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן ? איז עס ניט אַ סימן, אַז דער מענטשלעכער געדאַנק איז הויך געשטיגן און איז עס ניט אַן אָנזאָג, אַז די צײַט פֿון „מלאה הארץ דעה״ איז נאָענט?

די נײַע אידייען, וואָס זײַנען געקומען זיך גרייט צו פֿאַרמעסטן קעגן די אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע ווערטן, האָט העס געדענקט, וועלן סוף־סוף פֿירן צו דער פֿערפֿעקטער פֿאָרעם פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. זאָל נאָר דער מענטש, הייסט עס, באַגרײַפֿן און אַקצעפּטירן יענע נײַע געדאַנקען, וואָס פֿריידיקן דעם אידעאַל פֿון צידקות און סאָציאַלן יושר, און די לאַנג־געגאַרטע פֿאָרעם פֿון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן וועט אין גיכן קומען. ווײַל „...פּונקט אַזוי ווי אין פֿאַל פֿון דעם יחיד גייט דער גײַסט זײַנער (זײַן אינערלעכע געשיכטע) אין פּוסטראָט מיט זײַן גוף (זײַן אויסערלעכע געשיכטע), אַזוי גייט אויך די אויסערלעכע אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט האַנט אין האַנט מיט איר אינערלעכער גײַסטיקער אַנטוויקלונג.״[10]

צו ביטער איז אָבער געווען די רעאַלע ווירקלעכקייט אין יענער צײַט. די געשיכטע וויל האָבן, אַז דער באַרימטער אוטאָפּיסט טשאַרלס פֿוריע האָט אַ מאָל געלאָזט אַנאָנסירן, אַז ער וועט יעדן טאָג אין אַ געוויסער שעה וואַרטן אין דער היים אויף יענעם פֿילאַנטראָפּ, וואָס וועט וויליק זײַן בײַצושטײַערן אַ מיליאָן פֿראַנק אויף דער אַנטוויקלונג פֿון אַ קאָלאָניע, וואָס איז באַזירט אויף זײַן פּלאַן פֿון „פֿאַלאַנגען״. אַזאַ קאָלאָניע וואָלט קלאָר דעמאָנסטרירט אין דער פּראַקטיק די מעגלעכקייט פֿון אַן אידעאַלער פֿאָרעם פֿון אַ יושרדיקער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און אוניווערסאַלער אייניקייט. צוועלף יאָר האָט פֿוריע, אַ פֿאַרגלייבטער אין דעם מין מענטש און אין זײַנע גוטע כּוונות און הויכע אידעאַלן, אַזוי יעוואַרט בײַ זיך אין דער היים, אָבער יענער געגאַרטער גאַסט־פֿילאַנטראָפּ איז ניט געקומען.[11]

אין יענער צײַט, ווען העס האָט געשריבן זײַן בוך „די הייליקע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט״, איז ער ניט געווען קיין בקי אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, און דאָך האָט ער אַ דאַנק זײַן טיפֿן אַנאַליטישן אופֿן פֿון דענקען אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס שטעלן אים אַוועק ווי אַ

פֿאַרלויפֿער פֿון דער טעאָריע, וואָס קאַרל מאַרקס האָט איר שפּעטער געגעבן אַ וויסנשאַפֿטלעכע באַגרינדונג.

אין זײַן בוך האָט העס אָנגעוויזן אויף דעם פּראָצעס פֿון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס וועט אין דער צוקונפֿט פֿירן צו דער קאָנצענטראַציע פֿון רײַכטום בײַ איין טייל און צום פּאַופּעריזם פֿון דעם אַנדערן טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט. נעמענדיק פֿראַנקרײַך ווי אַ משל, ווײַזט ער אָן, אַז נאָך דער רעוואָלוציע איז שוין נישט מער דער אַדעל, נאָר די רײַכע, וואָס זײַנען געוואָרן די אמתע יורשים פֿון דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט.

אָרעמקייט און נויט זײַנען געקומען אַ דאַנק דעם אַלץ וואַקסנדיקן עגאָיִזם און רײַכטום בײַ איין טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט.

האַנדל און אינדוסטריע וועלן טרײַבן דעם היפּוך צווישן רײַכטום און אָרעמקייט אַלץ ווײַטער און העכער ביז צום סאַמע קלימאַקס, ווען די סתּירה וועט זיך מוזן אויסגלײַכן.

„...און ווײ, אויב דאָס וועט ניט געשען אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן און בלויז אַ רעוואָלוציע וועט מוזן זײַן די פֿאַרמיטלערין אין דעם אויסגלײַך."[12]

משה העס איז ניט געווען קיין היסטאָריקער, און ס'איז ניט שייך אָנצוווענדן אויף זײַן בוך דעם קריטישן צוגאַנג פֿון מאָדערנער היסטאָריאָגראַפֿיע. דאָס בוך איז אָבער זייער וויכטיק דערמיט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ווענדפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון משה העסעס געדאַנקען־גאַנג.

דאָס בוך גיט אונדז אויך אַ מעגלעכקייט אַרײַנצובליקן אין זײַנע ראַנגלענישן מיט זיך אַליין, זײַן וואַקלען זיך צווישן אמונה און כּפֿירה וואָס שייך דעם קיום און רענעסאַנס פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק.

ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז נאָענט צו יענער צײַט, ווען ער האָט געשריבן זײַן בוך, האָט משה העס זיך באַטראַכט פֿאַר אַ מין ייִדישן רעליגיעזן הומאַניסט, וואָס זײַנע עטישע באַגריפֿן שפּרײַזן ווײַט אַריבער די רעליגיעזע צוימען פֿון זײַן אַ ייִד, אָדער ווי ער דריקט זיך אויס, „אַ פֿרומער ייִד, אָבער נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל איך בין אַ פֿרומער מענטש".

דאָס געזאָגטע ווערט קלאָר פֿון דעם בריוו צו זײַנעם אַ יוגנטפֿרײַנד, מ. לעווי, געשריבן אין 1831, אין וועלכן ער ענטפֿערט אויף דער פֿראַגע: צי איז ער באמת פֿרום?

אָט וואָס ער שרײַבט:

„...אויב דאָס אייפֿערדיקע שטרעבן צו פֿירן אַ גאָט־געפֿעליק לעבן מיינט צו זײַן פֿרום, דעמאָלט קען איך דיר מיט מײַן פֿולן געוויסן ענטפֿערן: יאָ. לעבן גאָט־געפֿעליק מיינט לעבן אַ לעבן פֿון שטרעבן צו העכסטער ליבע, אייביקער העכסטער גערעכטיקייט, ווי ווײַט אונדזערע כּוחות קענען דאָס גרייכן. ווען אָבער דו פֿאַרשטייסט אונטער פֿרומקייט בלויז נאָר דעם פֿרומען ייִדן, קען איך אויף דײַן פֿראַגע ניט ענטפֿערן: יאָ.

זיכער בין איך אַ פרומער ייִד, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל איך בין אַ פרומער מענטש. דאָרט אָבער, ווו דאָס זײַן אַ פרומער ייִד איז אין סתירה מיט דעם זײַן אַ פרומער מענטש, בין איך מענטש אויפן חשבון פון ייִד."[13]

צו ווײַט האָט אויסגעזען דער מהלך צווישן אידעאַל אוןווירקלעכקייט, צווישן פאַקט און האָפענונג, אַז דער דײַטשער אינטעלעקטועלער לייענער זאָל אין דעם בוך דערהערן דעם שופר־של משיח, און דאָס בוך האָט טאַקע קיין באַזונדערן רושם ניט געמאַכט.

„די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע"

אין אַ בריוו צו זײַן פרײַנד בערטאָלד אויערבאַך, געשריבן אין 1840, לאָזט אים העס וויסן, אַז ער אַרבעט אויף אַ גרעסער ווערק „די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע" (רעגירונג פון דרײַ), וואָס וועט, ווי ער דריקט זיך אויס, „מיט גאָטס הילף דערשײַנען נאָך דאָס יאָר". ער באַהאַנדלט, שרײַבט ער, דעם טעזיס, אַז עס איז פּאָרויסצוזען, ווי ער האָט שוין אָנגעטײַט אין זײַן בוך „די הייליקע געשיכטע", אַז דאָס יאָרהונדערט (דאָס נײַנצנטע) איז גרייט פאַר אַ רעוואָלוציע (געמיינט, פאַרשטייט זיך, אַ פרידלעכע רעוואָלוציע דורך ראַדיקאַלע סאָציאַלע רעפאָרמען, ווײַל געוואַלדטאַט פירט צו געוואַלדטאַט, און דאָס איז זיכער ניט געווען אין גײַסט פון משה העס). ענגלאַנד שײַנט אים צו זײַן דער באָדן, ווו די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט פאָרקומען. העס זאָגט אויך, אַז ער וועט אין דעם בוך זיך באַשעפטיקן מיט דער טעמע, וואָס נעמט אַרום רעליגיע, זיטלעכקייט און געזעץ.[14]

כאָטש דער הויפּטטעזיס אין בוך איז אַן אייראָפּעיִשע טריאַרכיע פון דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך און ענגלאַנד מיט אַן אָנטײַטונג אויף אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס האָט געזאָלט קומען (לויט זײַן אויסרעכנונג) אין יענעם יאָרהונדערט, זײַנען דווקא זײַנע אויספירן וועגן רעליגיע, געזעץ און זײַן פאָרשטעלונג וועגן דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט די וויכטיקסטע אין דעם בוך.

די טעזע וועגן דער טריאַרכיע און אַוודאי די „נבואה" וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע מעגן סקיצירט ווערן.

די כּוחות, וואָס פורעמען די מאָדערנע תּקופה, זײַנען, לויט משה העס, דער פראַנצייזישער סאָציאַליזם און די דײַטשע פילאָסאָפיע. דײַטשלאַנד ווערט פון אים באַטראַכט ווי די היים און קעמפערין פאַר רעליגיעזער פרײַהייט; פראַנקרײַך — ווי דאָס קעמפערישע לאַנד פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען; ענגלאַנד —ווי דאָס לאַנד פון עקאָנאָמישער פרײַהייט און ווי דער סינטעז פון דײַטשן און פראַנצייזישן גײַסט. אין דער פאַראייניקונג פון די מעלות פון דרײַ לענדער ליגט, לויט זײַן איבערצײַגונג, דער גורל פון דער וועלט פון דער צוקונפט, פון דער וועלט פון סאָציאַלער

גערעכטיקייט. דאָס האָט אים דיקטירט זײַן פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פון אַן אייראָפּעיִשער טריאַרכיע. צו באַקרעפטיקן זײַן געדאַנק, אַז די ישועה אויף דער וועלט דאַרף קומען פון אייראָפּע — אגב, אַ וועלטייל אין וועלכער ער איז געווען ביז גאָר פאַרליבט — ברענגט משה העס די צוויי היסטאָרישע פּאַסירונגען, די רעפאָרמאַציע אין דײַטשלאַנד און די רעוואָלוציע אין פראַנקרײַך. „די צוויי היסטאָרישע פּאַסירונגען", שרײַבט העס, קענען לויטן פאַרנעם און וויכטיקייט פאַרגליכן ווערן מיט די טעג פון דעם נוצריס תּחית־המתים. נאָך איין טאָג ווי דיביידע און מיר האָבן קריסטוסעס זיג אין דער וועלט־געשיכטע.[15]

לאָמיר דעריבער איבערגיין צו יענע פּרטים אין בוך, וואָס צייכענען אָן סײַ די אַלטע מסקנות, וואָס ער איז ווידער מדגיש, סײַ די נײַע אויספירן צו וועלכע ער איז געקומען נאָך אַ חקירה־ודרישה.

פונקט ווי אין זײַן ערשטן בוך, אַזוי אויך אין זײַן צווייטן — „די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע" — איז משה העסעס היסטאָריאָזאָפישער צוגאַנג צו געשיכטע דער זעלביקער : געשיכטע איז די התגלות פון גאָטס דרכים און דער היסטאָריקער איז דער אַנטפּלעקער און אויסטײַטשער פון יענע דרכים, דער וואָס זאָגט פאָרויס דעם צוקונפטיקן וועג פון דער געשיכטע. ווי אַן עומד־על־דעתּו, איז משה העס ניט מיד אונטערצושטרײַכן, אַז יענע העגעליאַנער, וואָס האַלטן, אַז די פילאָסאָפיע פון געשיכטע מוז זיך באַגרענעצן בלויז מיט דער אויסטײַטשונג פון דעם עבר און מיט בלויז דער באַטראַכטונג פון דעם הווה, האָבן זייער אויפגאַבע נאָר האַלב פאַרשטאַנען. דאָס דעדוצירן דעם עתיד אויפן סמך פון דעם עבר און דעם הווה איז אַן אינטעגראַלער טייל פון געשיכטע־דערקענטעניש.[16]

די העגעליאַנער אין יענער צײַט האָבן געהאַלטן העגעלס פילאָסאָפיע ווי די סאַמע אולטימאַטיווע אין מענטשלעכן דענקען. ניט אַזוי אָבער האָט געטראַכט העס. לויט אים נאָך האָט די דײַטשע פילאָסאָפיע פאַרענדיקט איר מיסיע.

„די פילאָסאָפיע האָט אונדז געפירט צום אמת, איצט איז אונדזער חוב צו בויען די בריקן, וואָס פירן פון דעם הימל צו דער ערד... און די פילאָסאָפיע פון גײַסט מוז ווערן אַ פילאָסאָפיע פון טאַט" — איז דער אויספיר, צו וועלכן משה העס איז געקומען נאָך אַ טיפן אַנאַליז פון אַלע פילאָסאָפישע געדאַנקען, וואָס האָבן פריִער געהאַט אויף אים אַ גאָר באַזונדערע השפעה.

משה העס פאַרגעסט ניט צו געבן קרעדיט דעם יונגן פוילישן אידעאַליסט אויגוסט פאָן ציעשקאָווסקי, וואָס איז אין זײַן בוך Prolegomena zur Historisophie מיט אַ פּאָר יאָר פריִער געקומען צו דער זעלביקער מסקנא, דערפירנדיק העגעלס פילאָסאָפיע פון גײַסט צו אַ ראַדיקאַלער פילאָסאָפיע פון טאַט.[17]

בעת אָבער ציעשקאָווסקי באַרירט דעם געדאַנק בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן, איז העס געגאַנגען פיל ווײַטער און באַשרײַבט פּרטים, וואָס

זײַנען צום ערשטן מאָל געקומען צום אויסדרוק און געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אין די אינטעלעקטועלע קרײַזן פון יענער צײַט.

אַליין אַ העגעליאַנער, האָט משה העס ניט געוואָלט אין גאַנצן שלום מאַכן מיט דעם רבינס טראַנסצענדענטאַליזם, וואָס פירט צו דער מסקנא, אַז די פּראָצעסן אין דער געשיכטע זײַנען בלויז די פאָרמען, וואָס דער אַבסאָלוטער גײַסט נעמט אָן אין דעם פּראָצעס פון זײַן רעאַליזירונג אין צײַט און אַז דער מענטש פירט בלויז דורך די עבודה פון דעם אַבסאָלוטן גײַסט, אַליין ניט האָבנדיק קיין פרײַען ווילן און אויך ניט קיין השגה וועגן דעם ציל און אויסגאַנג פון יענעם פּראָצעס; אַ מין מעשה־אלהים, אין וועלכן בחירה חפשית פון דעם מענטשן איז לחלוטין אויסגעשלאָסן.

אויך אין שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם האָט העס ניט געפונען קיין באַקרעפטיקונג פאַר זײַן טעזע, אַז דער מענטש, זײַענדיק אַ טייל פון דער נאַטור, איז דורך דעם אַליין אַ באַוווסטזיניקער, שכלדיקער מיטשאַפער אין די געשיכטלעכע פּראָצעסן.

לויט שפּינאָזעס שיטה קען דער ווילן ניט באַטראַכט ווערן „ווי אַ פרײַע סיבה״, נאָר ווי אַ „נויטווענדיקע סיבה״ און דער מענטש ווערט אין אַלע זײַנע האַנדלונגען רעגולירט לויט די כּללים פון דער נאַטור. משה העס האָט געזען אין דעם אַ דעטערמיניסטישן אײַנשטעל מיט וועלכן ער האָט ניט געוואָלט מסכּים זײַן. האָט דאָך שפּינאָזע אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט פון אַ פרײַען ווילן (בחירה חפשית) ניט נאָר בײַ דעם מענטשן, נאָר אויך בײַ גאָט אַליין.[18]

אַ זיכערן אָנלען פאַר זײַן טעזע האָט העס געפונען אין דער פילאָסאָפיש־טעאָלאָגישער שיטה פון דעם דענקער לודוויג פויערבאַך, דעם רעבעלירנדיקן גײַסט אין יענער צײַט, וואָס האָט מיט זײַן קריטישן אַנאַליז דערפירט די טעאָלאָגיע צו דער וויסנשאַפט פון אַנטראָפּאָלאָגיע. אַ סך העגעליאַנער, ווי משה העס, מאַרקס און ענגעלס, זײַנען גיך אַרונטער אונטער פויערבאַכס השפעה.

לויט דער שיטה איז רעליגיע דער פּראָדוקט פון דעם מענטשן, וואָס האָט זי אַליין געשאַפן מחמת די נויטן און דראַנגען, מיט וועלכע דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַזוי פול. דער מענטש האָט באַשאַפן גאָט לויט זײַן אייגענער פאָרשטעלונג און צוגעשריבן גאָט די העכסטע מענטשלעכע אַטריבוטן. אַזוי אַרום האָט דער מענטש רעלעגירט זײַן אייגענע נאַטור, זײַן גײַסט, קראַפט און באַוווסטזײַן צום גאָט, וואָס ער האָט באַשאַפן, און דער מהות פון דער מענטשהייט איז געוואָרן דער מהות פון רעליגיע. דער מענטש דאַרף זיך דעריבער באַפרײַען פון זײַן אייגן־באַשאַפענער אילוזיע און אָנערקענען, אַז ער אַליין איז זײַן אייגענער האַר און אַז די געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן זײַנען אין זײַנע אייגענע הענט.[19]

אין פולן הסכּם מיט אָט דעם געדאַנקען־גאַנג שרײַבט משה העס: „מיר דאַרפן אַליין פאָרמירן אונדזער צוקונפט; מיר האָבן גאָרניט צו דערוואַרטן אויסער אונדזער אייגענע באַוווסטזיניקע טעטיקייט... מיר

זײַנען װײַט אַװעק פֿון דער שטרענגער דיסציפּלין פֿון געזעץ און פֿון דער אויטאָריטעט פֿון דער קירך. אָנגעװיזן אויף זיך אַלײן װאַקלען מיר זיך נאָך, גלײַך װי מיר װאָלטן ניט געװען געװױנט צו שטײן זעלבשטענדיק אויף אונדזערע אײגענע פֿיס. אָבער דער, װאָס איז ביז איצט געשטאַנען מיט אונדז, װעט איצט אַרבעטן אין אונדז.[20]

גאָט איז די פּערזאָניפֿיצירונג פֿון דעם מענטשנס העכסטן אינטעלעקט, העכסטן מאָראַלישן באַװוסטזײַן און שלימות. „גאָט איז שױן מער ניט אונדזער שטרענגער שופֿט", שרײַבט העס, „אַפֿילו ניט אונדזער מילדער לערער. ער איז דער גײַסט, װאָס איז אין אונדז גופֿא. און אויב מיר װעלן נאָר פֿאָלגן דעם דראַנג פֿון דעם גײַסט װאָס איז אין אונדז, דעמאָלט מעג אַפֿילו אונדזער ציל זײַן װי װײַט און דער װעג װי מיד, װעלן מיר קײן מאָל ניט אַרײַנפֿאַלן אין יִיאוש און קײן מאָל ניט אויפֿהערן גלײבן, אַז אונדזער מי װעט געקרױנט װערן מיט דערפֿאָלג... װײַל אונדזער עלעמענט איז דער עטישער."[21]

אַ נײַער גלױבן, געבױט אויף מענטשן־ליבע און עטיק, דאַרף פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דער אַלטער קירך, װאָס האָט שױן לאַנג אויפֿגעהערט צו דערפֿילן איר מיסיע. אין זײַן באַװוסטזיניקן קאַמף פֿאַר אַן אידעאַלער געזעלשאַפֿט װעט דער מענטש אין דער צוקונפֿט אויפֿשטעלן אַ מלכות פֿון קדושה, װוּ עס װעלן ניט זײַן קײן מחיצות און קײן סתּירות.

װענדנדיק זיך צו דער קריסטלעכער װעלט, שרײַבט העס: „מיר װעלן קענען מער שטאָלצירן מיט אונדזער קריסטנטום, װי װען מיר װאָלטן געװען מיטגלידער פֿון אַ װעלכער ניט איז קירך, װאָס איז פֿאַרגליװערט געװאָרן אין אַ טױטן פֿאָרמאַליזם אָדער אין אַ װידױ, װאָס איז פֿאַרשטאָפּט געװאָרן דורך דער דאָגמאַטישער ספּיריטואַליטעט."[22]

כּדי אָפּצושאַפֿן די סתּירות און מחיצות מוז מען אָפּשאַפֿן דאָס פּריװאַט־אײגנטום, װײַל דאָס איז די סיבה פֿון יענע סתּירות און מחיצות. „דער קעגנזאַץ צװישן דער אָרעמקײט און דער געלט־אַריסטאָקראַטיע", שרײַבט העס, „איז נאָך אַלץ דאָ... װי אַזױ־זשע קען גאָר זײַן די רײד װעגן אַן אָביעקטיװן אויסגלײַך אין אַ װעלט, װוּ מיר זעען אַלץ פֿון אײן זײַט דאָס אַלץ־װאַקסנדיקע רײַכטום און פֿון דער צװײטער זײַט לײַדן און נױט, װאָס פֿאַרטיליקט זיך אַלײן אין איר אײגן בלוט און שװײס.[23]

ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז מחמת דער שטרענגער צענזור אין דײַטשלאַנד אין יענער צײַט האָט העס אין געװיסע פֿאַלן געמוזט שרײַבן פֿאַרשטעלט. עס איז אים לײַכט געװען אַרױסצושרײַבן פֿרײַ אַלץ אין שײַכות מיט ענגלאַנד אָדער פֿראַנקרײַך, אָבער אין שײַכות מיט דײַטשלאַנד איז ער געװען זײער אָפּגעהיט און געשריבן, אַז דער קעגנזאַץ צװישן פּאַופּעריזם און דער געלט־אַריסטאָקראַטיע אין דײַטשלאַנד איז װײַט ניט אַזױ גרױס, אַז עס זאָל זיך נײטיקן אין אַ רעװאָלוציע.

אין דעם פֿערטן קאַפּיטל פֿון זײַן בוך באַרירט משה העס די פּראַגע פֿון ייִדישער עמאַנציפּאַציע.

ווי מיר האָבן פריִער אָנגעוויזן, אַנטפּלעקט זיך פּאַר אונדז אין יענעם פּעריאָד משה העס דער הומאַניסט, וואָס זײַנע געדאַנקען שפּרײַזן ווײַט אַריבער די רעליגיעזע צוימען פון בלויז זײַן אַ ייִד. אַפילו די טרויעריקע מעשה דמשק, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער צײַט און וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע ייִדישע וועלט, האָט בלויז אויף אַ מאָמענט צערודערט זײַן געמיט : „איך בין שוין דעמאָלט געשטאַנען ווײַט פון ייִדנטום״, שרײַבט משה העס מיט יאָרן שפּעטער אין זײַן ווערק „רוים און ירושלים״, „מיר האָט זיך אָבער פאָרט געוואָלט אויסדריקן אין אַ ווייגעשריי מײַנע ייִדיש־פּאַטריאָטישע געפילן, יענס געפיל איז אָבער באַלד ווי דערשטיקט געוואָרן אין מײַן האַרץ דורך דעם גרעסערן ווייטיק, וואָס דער לײַדנדיקער אייראָפּעיִשער פּראָלעטאַריאַט האָט אין מיר דערוועקט.״[24]

דאָך האָט דאָס פּינטעלע ייִד אין אים געמאָנט אַן ענטפער אויף דער פראַגע : וואָס איז מכוח די ייִדן אין דער געזעלשאַפט פון לעתיד־לבוא?

אין דעם בוך איז משה העס דער שטרענגער קריטיקער פון דער ייִדישער רעליגיע. ער רעדט ווי איינער, וואָס שטייט מחוץ דעם לעבן און האָפענונגען פון דעם צעשפּרייטן ייִדישן פאָלק און פריידיקט אַסימילאַציע ווי אַן ענטפער אויף דער ייִדן־פראַגע. ייִדנטום און קריסטנטום, די צוויי וועלט־היסטאָרישע רעליגיעס, האַלט משה העס, זײַנען געוועזן די ערשטע מאַניפעסטאַציעס פון דעם געטלעכן לעבן אין דער געשיכטע פון דעם וועלטגײַסט אין דעם מערב. אין דער ייִדישער רעליגיע זײַנען וועלט־און גאָט־באַוווסטזײַן היינו־הך. גאָט־באַוווסטזײַן איז ניט געווען קיין אַבסטראַקציע, נאָר אַ רעאַליטעט. אין זײַן טאָג־טעגלעכן לעבן האָט דער ייִד געוווּסט, אַז גאָט איז אין אַלץ און אַז אַלץ איז אין גאָט.

אָבער גלײַך נאָך דעם לאָזט העס אונדז הערן, אַז דער אונטערשייד צווישן דער ייִדישער רעליגיע און דער קריסטלעכער באַשטייט אין דעם, וואָס דער גאָט פון די אָבות איז געווען אַ נאַציאָנאַלער גאָט, אָבער דער גאָט פון קריסטנטום איז דער גאָט פון דער גאַנצער מענטשהייט. משה העס לאָזט דאָ אויס פון חשבון די תּקופֿות־לאַנגע אַנטוויקלונג פון דער גאָט־אידייע בײַ ייִדן, וואָס האָט נאָך פריִער פאַר קריסטוסן זיך אויסגעדריקט אין דעם נביאישן געדאַנק פון אַן אוניווערסאַלן גאָט. קיין וווּנדער נישט, וואָס איבערנעמענדיק דעם שטאַנדפּונקט פון די אָפיציעלע קריסטלעכע טעאָלאָגן, האַלט משה העס, אַז „די ייִדן האָבן זיך ניט געקאָנט דערהויבן צו דער גרויסער אידייע פון קריסטוסן, ווײַל טרעגערס פון אַן אַלטן פּרינציפּ זײַנען ניט פעיִק אויפצונעמען אַ נײַעם פּרינציפּ, מחמת פּרינציפּן ווערן פאַרוואַקסן, פאַרגליווערט און פאַרעלטערט גלײַכצײַטיק מיט זייערע טרעגערס.״[25]

אמת, ער גיט דערנאָך צו, אַז דאָס ייִדנטום דאַרף פּונקט ווי דאָס קריסטנטום באַטראַכט ווערן ווי דער גרונדפּרינציפּ פון דעם געשיכטלעכן פּראָצעס און אַז ייִדן זײַנען פון אָנהייב אָן געווען באַרופן צו זײַן דער

פערמענט אין דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער מענטשהייט אין מערב. מען דאַרף זיך אויך ניט ווונדערן, שרײַבט ער, וואָס די ייִדן האָבן ניט פאַרשטאַנען די אידייע פון קריסטנטום און וואַרטן נאָך אַלץ אויף משיחן, ווײַל די קריסטלעכע אידייע ווערט נאָך איצט ניט פאַרשטאַנען פון אַ סך ניט־ייִדן. און כּמעט ווי אַ מליץ־יושר פאַר ייִדן, עצהט ער די קריסטן ניט אַראָפּצוקוקן מיט פאַראַכטונג אויף דעם אייביקן ייִדן, ווײַל מיט געוויסע שינויים האָפן דאָך די קריסטן אויך אויף משיחן — אויף דעם צווייטן אָנקומען פון קריסטוסן.

זייער טראַגיש קלינגט משה העסעס דיאַגנאָז וועגן דעם גורל פון ייִדנטום. ער שרײַבט: „נאָך דעם ווי די ייִדן האָבן זיך איבערגעגעבן זייער צוקונפט־אידייע און ארויסגעשטויסן קריסטוסן, זײַנען זיי געבליבן ווי מומיעס אָן אַ נשמה. די קללה פון סטאַביליטעט האָט זיך פון יענער צײַט אָן שווער געלייגט אויף די קינדער פון ישראל, און זיי טוען וואַנדערן און ווי אַ געשפּענסט שלײַכן זיי זיך דורך דער לעבעדיקער און באַוועגטער וועלט פון גאָטס גײַסט און קענען ניט שטאַרבן און קענען אויך ניט אויפשטיין צוריק צום לעבן.”[26]

נאָך אַזאַ דיאַגנאָז איז קלאָר, אַז די איינציקע רפואה איז פולשטענדיקע אַסימילאַציע.

משה העס האַלט, אַז די עמאַנציפּאַציע פון די ייִדן איז אָפּהענגיק פון דער אַלגעמיינער עמאַנציפּאַציע פון מענטשלעכן גײַסט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער דײַטשער רעפאָרמאַציע. מיט דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע וואָלט באַדאַרפט קומען די פולשטענדיקע עמאַנציפּאַציע פון די ייִדן. האָט אָבער געטראָפן, אַז אין דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן איז געוואָרן אויסגעלאָזט דאָס רעכט אויף בירגערלעכע געמישטע חתונות, און דאָס איז לויט זײַן מיינונג דאָס וויכטיקסטע מיטל צו דערמעגלעכן, אַז ייִדן זאָלן מיט דער צײַט ארויסגיין פון זייער סאָציאַלער איזאָלאַציע און סוף־סוף זיך פאַרשמעלצן מיט דעם ניט־ייִדישן אַרום.

אין יענער צײַט איז משה העס ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אין אַסימילאַציע געזען דעם אימפּעראַטיווין ענטפער אויף דער ייִדן־פּראַגע. אַ סך אַנדערע פון זײַנע מיטצײַטלערס האָבן געהאַלטן, אַז דורך ברענגען אויף דער וועלט די אידייע פון קריסטנטום האָט דאָס יהדות דעם ציל דערגרייכט און אַז דאָס צעשפּרייטע ייִדנטום איבער גאָר דער וועלט דאַרף זיך צונויפגיסן מיט דעם ניט־ייִדישן אַרום.

אַפילו גבריאל ריסער, דער קעמפער פאַר ייִדישער גלײַכבאַרעכטיקונג אין פּרײַסן (אַגב, זייער אַ נאָענטער פרײַנד פון משה העס), וואָס איז מיט אַן ערך צען יאָר פריִער גרייט געווען „אַלץ מקריב צו זײַן פאַרן פאָטערלאַנד, אָבער נישט אונדזער אמונה און ערלעכקייט”, האָט שפּעטער אין זײַן בוך „זאָרג און האָפענונג וועגן דער קינפטיקער לאַגע פון די ייִדן אין פּרײַסן” קלאָר גערעדט וועגן פאַרשמעלצונג פון ייִדן מיט זייערע ניט־ייִדישע בירגערס. „מען זאָגט אונדז”, האָט ער געשריבן, „אַז

מען וויל נישט מיטהעלפן מיר זאָלן זיך פֿאַרשמעלצן מיט די דײַטשן; זייער שיין, העלפט ניט, אָבער שטערט אויך ניט."[27]

געוויס איז דאָ אַ חילוק צווישן דעם אויסגאַנגפּונקט פֿון משה העס און יענעם פֿון גבריאל ריסער. בעת העס האָט די ייִדן־פֿראַגע באַטראַכט פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַ „יענערזײַטיקן", האָט ריסער גערעדט ווי איינער, וואָס שטייט נאָך אינעווייניק אין דער ייִדישער סביבה. דער אויספֿיר אָבער אין ביידע פֿאַלן איז דער זעלביקער, אַ פֿאַטאַלער.

משה העס האָט נאָך אין יענער צײַט ניט באַוויזן טיף אַרײַנצודרינגען אין דער ייִדישער געשיכטע און דעריבער שטאַרק אונטערגעשאַצט די טיף־באַהאַלטענע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע שעפֿערישע כּוחות, וואָס האָבן דערמעגלעכט, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק זאָל אַפֿילו אין די טראַגישע גלות־תּקופֿות קענען אָנהאַלטן זײַן נאַציאָנאַלע אידענטיטעט.

אויף דער מיסטישער דראַנג פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק צו אַ פֿולשטענדיקן נאַציאָנאַלן אויפֿלעב אין דעם לאַנד פֿון די אָבות — אַ דראַנג, וואָס איז געלעגן טיף באַהאַלטן אין גלויבן פֿון ביאַת־המשיח—איז פֿון משה העס נאָך דעמאָלט שלעכט פֿאַרשטאַנען געוואָרן.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער, נאָך לאַנגן אינעווייניקסטן געראַנגל און חשבון־הנפֿש, שטענדיקער חקירה־ודרישה און טיפֿע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, איז העס געקומען צו זײַן אייגענעם געדאַנק פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם.

די נײַקייט פֿון די געדאַנקען, וואָס העס האָט אַרויסגעזאָגט אין זײַן בוך „די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע", האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם און אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס אין די קרײַזן פֿון דער דײַטשער אינטעליגענץ, באַזונדערס אין די רייען פֿון יענע העגעליאַנער, וואָס זײַנען ווי ער אַליין געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון לודוויג פֿויערבאַך. משה העס ווערט אין גיכן איינער פֿון די וויכטיקע טעאָרעטיקערס און פּירערס פֿון די „וואַרע סאָציאַליסטן" און שפּעטער אויך אָנערקענט ווי דער פֿאָטער פֿון דײַטשן קאָמוניזם.

דאָס בוך איז אַרויס אין לייפּציג אין 1841, אָבער דער נאָמען פֿון דעם מחבר איז ניט געוועזן אָנגעגעבן. ערשט אין אָקטאָבער דעם זעלבן יאָר האָט העס, אין זײַן אַרטיקל אין בערלינער יונג־העגעליאַנישן „דאָקטאָרענקלוב" געחתמעט מיט זײַן נאָמען: משה העס, דער פֿערפֿאַסער פֿון דעם בוך „די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע".

ביבליאָגראַפֿיע

1. מאָזעס העס, די הייליגע געשיכטע דער מענטשהייט, שטוטגאַרט 1887, ז. 165.
2. דאָרט, ז' 197.
3. דאָרט, ז' 209—211. לויט דעם קוק, זײַנען געשיכטע און רעליגיע ענג פֿאַרבונדן.

4. דאָרט, ז' 20—21
5. דאָרט, ז' 335.
6. דאָרט, ז' 335.
7. דאָרט, ז' 333—343.
8. דאָרט, ז' 344
9. דאָרט, ז' 345
10. מאָזעס העס, די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע און אַלגעמיינע שריפטן, קעלן 1962, ז' 71—72.
11. ז' 70־74. A History of Socialistic Thought. New York, 1938
12. די הייליגע געשיכטע דער מענשהייט פאָן איינאם יינגער ספינאָזאס אין מאָזעס העס, פילאָזאָפישע אונד סאָציאַליסטישע שריפטען, 1837—1850, אַקאַדעמיע פאַרלאַג, בערלין, ז' 62—64.
13. מאָזעס העס, אַוסגעוועלטע שריפטען, קעלן 1962, ז' 377. אויך מאָזעס העס, בריוו־וועקסעל גראַווענהאַגע 1959, ז' 45—48.
14. מאָזעס העס, אַוסגעוועלטע שריפטען, מעלצער פערלאַג 1962 ז' 381. זע אויך : מאָזעס העס, בריוו־וועקסעל. דאָרט, 60—61.
15. מאָזעס העס, אַוסגעוועלטע שריפטען, ז' 91.
16. דאָרט, ז' 87.
17. מאָזעס העס, פילאָזאָפישע אונד סאָציאַליסטישע שריפטען, 1837—1850. בערלין, 1961 זז' 79—83.
18. Benedict De Spinoza, Improvement of Understanding, ethics and Correspondence, translated by R. H. M. Elwes. W. Ely Book Co., 1901

באַמערקונג : ס'איז אינטערעסאַנט, אַז אין אַ בריוו צו זיין נאָענטן פריינד מילעוו (1831) שרייבט העס, אַז ער שטודירט דעם רמב"ם מיט גרויס יראת־הכבוד; ס'איז ניט אויסגעשלאָסן דעריבער, אַז אים איז אויך געווען באַקאַנט דעם רמב"מס איינשטעלונג וועגן אַבסאָלוטן פרייען ווילן (יכולת מוחלטת). זע מורה נבוכים, חלק ג', פרק י"ז.
19. Ludwig Feuerback, The Essence of Christianity. Harpers Bros, N.Y. 1957. זז' 2־32.

Wm. Chamberlain, the Philosophy of Industrie. N.Y. 1941 q1.42/32
20. מאָזעס העס, די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע. קעלן 1962, ז' 92.
21. דאָרט, ז' 99.
22. דאָרט, ז' 75—76.
23. מאָזעס העס, פילאָזאָפישע אונד סאָציאַליסטישע שריפטען 1850—1837,ז' 96.
24. מאָזעס העס, אַוסגעוועלטע שריפטען, ראָם אונד יערוסאַלעם, 5־טער און 6־טער בריוו.
25. מאָזעס העס, אַוסגעוועלטע שריפטן. קעלן, 1962, ז' 101—102.
26. דאָרט.
27. ציטירט לויט ש. דובנאָוו, יידישע געשיכטע באַנד 9, זז' 37—41.

III

ווי פריִער דערמאָנט, האָט זײַן בוך „די אייראָפּעיִשע טריאַרכיע״ געמאַכט אַ רושם אויף דער דײַטשער אינטעליגענץ אין יענער צײַט. עס האָבן זיך פֿאַר אים געעפֿנט מעגלעכקייטן צו ווערן איניציאַטאָר און מיטאַרבעטער פֿון צײַטונגען און זשורנאַלן. ניט נאָר איז מקוים געוואָרן זײַן יוגנט־חלום צו ווערן אַ שרײַבער, נאָר אויך די מעגלעכקייט צו ווערן זעלבשטענדיק און ניט דאַרפֿן אָנקומען צו זײַן פֿאָטער נאָך שטיצע. אין דער אמתן אָבער איז עס געווען אַ לעבן אין שטענדיקער דחקות.

משה העס ווידמעט זיך אין גאַנצן דער אידייע פֿון סאָציאַליזם, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי אַן אידעאַל פֿון אַ צוקונפֿטיקער וועלט, געבויט אויף די יסודות פֿון מענטשן ליבע, יושר און גערעכטיקייט. ער ווערט דער עקשנותדיקער פּריידיקער פֿון דער אידייע אין וואָרט און אין שריפֿט. מיט זײַנע אומצייליקע עסייען אין דײַטש און אין פֿראַנצייזיש וועגן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם; מיט זײַנע קאָרעספּאָנדענצן פֿון פּאַריז, וואָס האָבן מיט זייערע סאָציאַליסטישע געדאַנקען שטאַרק באַווירקט ניט נאָר ענגעלסן, נאָר שפּעטער אויך מאַרקסן און אַנדערע; מיט זײַן באַטייליקן זיך אין זשורנאַלן, אין וועלכע ער האָט פּראָפּאַגאַנדירט זײַן געדאַנק וועגן „וואַרן סאָציאַליזם״ — האָט די שטאַרקע פֿאַרצווײַגטע און אינטענסיווע טעטיקייט האָט אים גיך אַוועקגעשטעלט אין סאַמע פֿראָנט פֿון דער דײַטשער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און ניט אומזיסט האָט אים די באַוועגונג געקרוינט מיטן טיטל „דער אַלט־פֿאָטער דעם דויטשען קאָמוניזמוס״.

זײַן שפּעריִשע טעטיקייט אויף דעם געביט פֿון אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם, ווי אויך זײַנע גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל, זײַנען אַ באַזונדערס וויכטיק קאַפּיטל אין זײַן לעבן און שאַפֿן, זיי קומען אָבער נישט אין באַטראַכט אין דער איצטיקער אַרבעט.

דאָ אינטערעסירט אונדז דער ייִדישער עלעמענט אין זײַן שיטה, דעריבער וועלן מיר מעיין זײַן אין העסעס קרוינווערק „רוים און ירושלים.״ דער ציל פֿון זיין דאָזיקן ווערק איז געווען אויפֿצוקלערן און צו באַגרינדן זײַן געדאַנק פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן אויפֿלעב און ווידעראויפֿבוי אין ארץ־ישׂראל.

רוים און ירושלים

משה העסעס, קרוינווערק „רוים און ירושלים״ האָט געצילט אויפצוקלערן און צו באַגרינדן זײַן געדאַנק פון ייִדישן נאַציאָנאַלן אויפלעב און ווידעראויפבוי אין ארץ־ישראל.

דאָס בוך באַשטייט פון דעם מחברס הויפטוואָרט, צוועלף בריוו צו אַ פרײַנד און אַן עפּילאָג מיט זייער וויכטיקע באַמערקונגען („נאָטעס״).

די צוועלף בריוו, וואָס זײַנען געשריבן אין אַן אינטימען סטיל, גיבן איבער ניט נאָר זײַנע פּערזענלעכע זכרונות פון זײַנע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס ווי אַ דערוואַקסענער, נאָר אויך רעיונות וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין דײַטשלאַנד אין יענער צײַט. זײַן פילאָסאָפישע טעזע איז הויפּטזאַכלעך אויסגעדריקט אין דעם עפּילאָג, אָבער אויך די בריוו זײַנען באַגלייט מיט בליציקע געדאַנקען, וואָס זײַנען טיילן פון זײַן פילאָסאָפישן צוגאַנג.

די בריוו דאַרפן, לפי עניות־דעתי, קודם־כל באַטראַכט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פון אַ טיפן חשבון־הנפש, ווי אַ מין פּסיכאָגראַפישער זיך־אַנאַליז, וואָס איז כולל זײַנע געפילן און דענקען בעת זײַן שטרעבן צו אַליין־דערקענטעניש ווי אַ ייִד און אַ ייִדישער נאַציאָנאַליסט.

די בריוו דערמעגלעכן אַן אַרײַנבליק אין דעם פּנימיות פון משה העסעס פּערזענלעכקייט. מחמת זיי זײַנען ניט קיין טאָגבוך, זײַנען זיי ניט געבונדן מיט כראָנאָלאָגישע דאַטעס, און אין אונדזער אַנאַליז וועלן מיר זיך ריכטן לויט דעם תּוכן, וואָס פאַרבינדט זיי.

מענטש און מענטשהייט, מענטשלעכע פאַרברידערונג און טריומף פון די העכסטע מאָראַלישע ווערטן זײַנען געווען די קאַטעגאָריעס, אין וועלכע משה העס האָט געטראַכט אין יענער צײַט, ווען ער איז ראשו־ורובו געווען אַרײַנגעטאָן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס ייִדישע פאָלק און זײַן גורל זײַנען בײַ אים ניט געשטאַנען ברומו־של־עולם. דער בלוט־בילבול אין דמשק אין 1840, וואָס האָט אויפגערודערט ניט נאָר דאָס ייִדנטום אין דער גאָרער וועלט, נאָר אויך די פּראָגרעסיווע ניט־ייִדן אין פיל לענדער, האָט אויך אין משה העס אויפגעוועקט דאָס פינטעלע ייִד. אָבער דער אויפגעוועקטער ווייטיק זײַנער איז גלײַך אונטערדריקט געוואָרן, ווײַל די לאַגע פון דעם אונטערדריקטן אייראָפּעיִשן פּראָלעטאַריאַט איז פאַר אים געווען פיל וויכטיקער.

„מיט צוואַנציק יאָר צוריק״, שרײַבט העס אין איינעם פון זײַנע בריוו, „בעת דעם בלוט־בילבול אין דמשק, דעמאָלט אין מיטן פון מײַן סאָציאַליסטישער טעטיקייט, האָב איך דערפילט מײַן צוגעהעריקייט צו אַן עלנט, פאַרלאָזן פאָלק און האָב שוין געוואָלט אויסדריקן מײַן ייִדיש־פּאַטריאָטיש געפיל דורך אויסשרײַען מײַן ווייטיק. דער געשריי איז

אָבער אונטערדריקט געוואָרן אין מײַן ברוסט דורך דעם גרעסערן ווייטיק, וואָס דער אייראָפּעיִשער פּראָלעטאַריאַט האָט אין מיר דערוועקט."[1]

אונטערדריקט אָבער ניט אָפּגעטייט. יענע אונטערדריקטע געפילן גלײַך ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף דעם שעת־הכושר, ווען זיי וועלן ווידער אויפברויזן און מאָנען בײַ אים אַ חשבון־הנפש. יענער מאָמענט איז סוף־כל־סוף געקומען.

נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1848 איז משה העס גלײַך מיט אַנדערע רעוואָלוציאָנערן געוואָרן אַן עמיגראַנט. אַ געראודפטער פון דער פּרײַסישער פּאָליציי ווי אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, פאַרלאָזט העס די שטאָט זשענעווע און פאָרט אָפּ קיין בעלגיע. ער מוז אָבער אויך פאַרלאָזן בעלגיע (אַנטווערפּן) און פאָרט אָפּ קיין פּאַריז, גיט אויף צײַטווײַליק זײַן סאָציאַליסטישע טעטיקייט און נעמט זיך שטודירן נאַטור־וויסנשאַפט. דער עיקר איז ער פאַראינטערעסירט אין ראַסן־פּראָבלעמען, ראַסן־הערשאַפט און ראַסן־אונטערדריקונג.

ער קומט שפּעטער צו דער איבערצײַגונג, אַז דער פאַרוויקלטער קנויל פון די ראַסן־פּראָבלעמען קען געלייזט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט קומען דער סוף צו דער ראַסן־הערשאַפט, און נאָר דעמאָלט וועט קומען די באַפרײַונג און די אויפלעבונג פון די אונטערדריקטע פעלקער.

זײַן אינעווייניקסטער געראַנגעל ווי אַ זון פון דעם אונטערדריקטן יידישן פאָלק, זײַן אמונה און ספקות אין דער אויפלעבונג פון זײַן פאָלק אין דער צוקונפט פירן אים צו זײַנע זכרונות פון דער קינדהייט. דערצויגן בײַ זײַן זיידן אין הויז און אונטער זײַן זיידנס הדרכה, האָט העס שוין דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי די יידישע מינהגים זײַנען שטאַרק באַהאָפטן מיט דער ליבע צו ארץ־ישראל און מיט דעם גלויבן אין דער גאולה און ביאת־המשיח. די זכרונות פון זײַן קינדהייט דינען אים ווי אַ באַשטעטיקונג פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס ער האָט פריִער בלויז געאָנט.

„...איך דערמאָן זיך", שרײַבט ער אין זײַן פערטן בריוו, „מיט טיפער געריִרטקייט אין אַלע טרויעריקע סצענעס, וואָס איך האָב געזען אין הויז פון מײַן זיידן אין באָן, ווען עס פלעגט קומען תּשעה־באָב, די דרײַ וואָכן, די נײַן טעג און דער שבת־חזון. מײַן זיידע האָט נישט געלעבט פון רבנות, האָט אָבער געהאַט די קענטענישן און דעם טיטל פון אַ רב. דאָס גאַנצע יאָר פלעגט ער נאָך די טעגלעכע געשעפטן ביז האַלבער נאַכט לערנען די גמרא מיט די מפרשים, נאָר אין די נײַן טעג פלעגט ער אָנשטאָט לערנען גמרא פאָרלייענען פאַר זײַנע אייניקלעך די אַגדתות וועגן חורבן־ירושלים. די שיינע, ווײַסע באָרד פון דעם אַלטן מאַן פלעגט באַנעצט ווערן מיט טרערן. אויך מיר, קינדער, פלעגן זיך נישט קענען אײַנהאַלטן פון געוויין, באַזונדערס ווען עס פלעגט ווערן דערציילט, ווי די מוטער רחל איז אויפגעשטאַנען פון איר קבר און האָט געקלאָגט אויף אירע אומגליקלעכע קינדער."[2]

דער זיידע, דערציילט העס אין דעם זעלבן בריוו, האָט אים אַ מאָל געוויזן טייטלען און איילבירטן, און קוקנדיק אויף די פּירות מיט אַ ליכטיקן בליק און מיט אַ געפיל פון ליבע אים געזאָגט : „דו זעסט, אָט די פּירות וואַקסן אין ארץ־ישראל".

משה העס נעמט זיך שטודירן די ייִדישע ליטעראַטור, דרינגט אַרײַן אין די ווערק פון לוצאַטא, קראָכמאַל, פרענקל, ראַפּאָפּאָרט, גרעץ און אַנדערע. אים ווערן נאָענט צום האַרצן היינעס ראָמאַנצערא און די געדאַנקען פון שניאור זק"ש וועגן די נאַציאָנאַלע טרוימען און גלויבן אין דער גאולה בײַ די ייִדישע פּאָעטן אין דער מיטל־עלטערלעכער שפּאַניע. וואָס מער משה העס פאַרטיפט זיך אין עבר פון ייִדישן פאָלק און אין דער ייִדישער שאַפונגקראַפט, וואָס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט אונטער אַלע נגישות, רדיפות און געצוווּנגענע וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד — אַלץ קלאָרער ווערט פאַר אים די אידייע וועגן אַן אויפגעלעבט ייִדיש פאָלק אין דעם לאַנד פון די אָבות. און אָט דער געדאַנק פאַרנעמט איצט זײַן פולן אויפמערק.

„...אָט שטיי איך נאָך אַ מאָל, נאָך צוואַנציק־יאָריקער פאַרפרעמדונג, אין דער מיטן פון מײַן פאָלק און נעם אָנטייל אין זײַנע ימים־טובים, זײַנע זכרונות און האָפענונגען, זײַנע גײַסטיקע מלחמות צווישן זיך גופא און מיט די קולטור־פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבט און מיט וועלכע עס קען זיך נישט אָרגאַניש צונויפוואַקסן. אַ געדאַנק, וואָס איך האָב שוין געהאַלטן פאַר דערשטיקט אין מײַן האַרצן, שטייט ווידער לעבעדיק פאַר מיר. דער געדאַנק וועגן מײַן נאַציאָנאַליטעט, וואָס איז פאַרבונדן מיט מײַן ירושת־אָבות, מיט דעם הייליקן לאַנד און דער אייביקער שטאָט, מיט דעם געבוירן־אָרט פון דעם גלויבן אין דער געטלעכער איינהייט פון לעבן און דער צוקונפטיקער פאַרברידערונג פון אַלע מענטשן — דער דאָזיקער לעבעדיק־באַגראָבענער געדאַנק האָט שוין זײַט יאָרן געקלאַפּט אין מײַן האַרץ און געזוכט זיך אַרויסצורײַסן, עס האָט מיר אָבער געפעלט די קראַפט אַריבערצוגיין פון מײַן וועג, וואָס איז געלעגן אַזוי ווײַט פון ייִדנטום, צו דעם נײַעם וועג, וואָס איז געלעגן פאַר מיר נאָך אין אַ נעפּלדיקער ווײַטקייט."[3]

אין איינעם פון זײַנע בריוו ווײַזט ער אָן אויף זײַנעם אַ מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט געשריבן אין 1840, אין וועלכן ער האָט פאַרצייכנט, אַז דער אופן ווי אייראָפּע, און באַזונדערס דאָס געבילדעטע דײַטשלאַנד, האָט אויפגענומען די מעשה־דמשק, איז אַ קלאָרער באַווײַז, אַז ניט קוקנדיק אויף די הויכע פּרינציפּן פון מענטשלעכער פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט, עקסיסטירט נאָך אַלץ אַ שטאַרקע מחיצה צווישן די מערב־אייראָפּעיִשע פעלקער און דעם ייִדנטום און אַז דאָס דערמאָנט אין „די צײַטן פון טרויעריקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם". משה העס איז געווען אַ גוטער מבין אויף דער פסיכיק פון דעם ראַסן־הערשנדיקן דײַטשלאַנד.

האָס און שינאה צום ייִדן זײַנען געווען רעאַלע פאַקטן אין דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן אין דײַטשלאַנד אין יענער צײַט, ניט קוקנדיק אויף דער אָפיציעלער אַזוי־גערופענער עמאַנציפּאַציע. די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן פאַרצייכענען אַפילו פּאָגראָם־אויסבראָכן אויף ייִדן; פריער אין ווירצבורג, דערנאָך אין באַמבערג, פראַנקפורט און אַנדערע שטעט. די באַליידיקנדיקע אויסרופן „העפּ, העפּ״, געווענדט צו די ייִדן אין די גאַסן, פלעגן זיך ענדיקן מיט אָנפאַלן אויף ייִדישע הײַזער. ניט קיין זעלטענע דערשײַנונג זײַנען געווען פלאַקאַטן מיט גיפטיקע אויפשריפטן „טויט צו די ייִדן״, אויפגעקלעפּט אויף ייִדישע הײַזער און אויף די ווענט פון די סינאַגאָגעס.

פּראָפּאַגאַנדע־פּאַמפלעטן, פול מיט האָס צו ייִדן, זײַנען אָפט פאַרשפּרייט געוואָרן אין די גאַסן. מיט אויסגעשרייען „העפּ, העפּ״ פלעגט אַן אויפגערייצטער המון זיך אַ לאָז טאָן אין די ייִדישע גאַסן אין דיסעלדאָרף און אַנדערע שטעט און פּאָגראָמירן ייִדישע אײַנוווינערס. אַנשטאָט צו באַשיצן די ייִדן, האָט דער שטאָטהויפּט גאָר פאַרטיידיקט די אָנפאַלערס.

ווען אַ גוטער דײַטש, דער אַלטער פּראָפעסאָר ברענדעל, איז אַרויסגעקומען מיט אַן אַרטיקל און פאַרטיידיקט די ייִדן, האָבן די סטודענטן אים באַשולדיקט, אַז ער איז געוואָרן אונטערגעקויפט פון די ייִדן און האָבן אים באַגעגנט מיט זידלערײַען.

דער דײַטשער פּאָפּולערער נאָוועליסט האַרטוויג האַנדט האָט אין יענער צײַט אָפּגעדרוקט אַ פּאַמפלעט, וואָס זיין תּוכן דערמאָנט אָן די אויסראָטפלענער, וואָס די דײַטשע רעגירונג בימי־היטלער ימ״ש האָט אָנגעווענדט לגבי די ייִדן.

אין יענעם פּאַמפלעט האָט דער נאָוועליסט אָנגעצייכנט פּלענער, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די ייִדן. איין פּלאַן איז געווען צו פאַרקויפן די ייִדן פאַר שקלאַפן צו די ענגלענדער, און זיי, די ענגלענדער, זאָלן זיי אָפּשיקן אין די אינדישע פּלאַנטאַציעס, וווּ זיי זאָלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די שוואַרצע אײַנוווינערס. אַן אַנדער פּלאַן איז געווען מסרס צו זײַן די ייִדישע מענער און אָפּשיקן זייערע פרויען און טעכטער אין די שאַנדהײַזער. אַ דריטער פּלאַן — צו טאָן דאָס, וואָס די ווירצבורגער און פראַנקפורטער אײַנוווינערס האָבן געטאָן: אַרויסטרײַבן די ייִדן און מאַכן דײַטשלאַנד „ייִדן־ריין״. צו שפּעט האָט די רעגירונג זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף קאָנפיסקירן דעם פּאַמפלעט, וואָס איז צעכאַפּט געוואָרן פון די אײַנוווינערס.[4]

ווי אַ סך אַנדערע זײַנס גלײַכן (היינע, בערנע א״א), האָט משה העס ניט איין מאָל געמוזט אַרונטערשלינגען די אָפטע באַליידיקנדיקע אויסרופן „העפּ, העפּ״, יודע פּערעק״.

די שינאה צו ייִדן האָט זיך געלאָזט פילן אַפילו אין די אַזוי־גערופענע קולטורעלע קרײַזן, ווו מען פלעגט מיט אַ באַזונדערער הנאה

אונטערשטרײַכן דעם ייִדישן נאָמען פֿון יעדן ייִדן, וואָס האָט געביטן זײַן ייִדישן נאָמען אויף דײַטש. די „אויגסבורגער אַלגעמיינע צײַטונג״ פּלעגט בײַם דערמאָנען דעם נאָמען פֿון דעם באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר מייערבער צושטעלן אויך זײַן פֿולן ייִדישן נאָמען — יעקב מאיר ליפּמאַן בעער. אויך דער באַרימטער פּובליציסט און אָראַטאָר, דער געשמדטער לודוויג בערנע, פֿלעגט זאָגן, אַז ווען זײַנע אָפּאָנענטן קענען גאָרנישט מאַכן מיט זײַן געשמדטן נאָמען בערנע, כאַפּן זיי זיך אָן אין זײַן ייִדישן נאָמען ברוך.

משה העס אַליין דערמאָנט, אַז זײַנע קעגנערס און אַפֿילו זײַנע סאָציאַליסטישע גענאָסן פֿלעגן אין מאָמענטן פֿון פּערזענלעכע שטרײַטונגען אים אָנרופֿן מיטן נאָמען משה. העס איז אויך מודה, אַז זײַנע סאָציאַליסטישע גענאָסן האָבן אים געהאַט געגעבן אַ גענוגיקע סיבה צו ווערן אַן עמיגראַנט און אַז נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָלוציע איז ער פֿון אַ פֿרײַוויליקן עמיגראַנט געוואָרן אַ געצוווּנגענער.[5]

אין די דרײַסיקער און פֿערציקער יאָרן פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן זיך אין אייראָפּע דערהערט די ערשטע טריט פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער אויפֿן וועג צו זייער פֿרײַהייטקאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלן אויפֿלעב.

דער רוף (1831) פֿון דעם איטאַליענישן סאָציאַליסט און מאָראַליסט דזשוזעפּע מאַציני צו פֿרײַהייט און אויפֿלעב פֿון דעם איטאַליענישן פֿאָלק האָט געוווּנען די הערצער פֿון דער איטאַליענישער שטודירנדיקער יוגנט. דורכגעדרונגען מיט דעם גײַסט פֿון נאַציאָנאַלן נביא מאַציני, האָט זי זיך מיט באַגײַסטערונג געווידמעט דעם קאַמף פֿאַרן ווידעראויפֿלעב פֿון איטאַליענישן פֿאָלק.[6]

אין פּוילן האָט די אינטעליגענץ נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דער אונטערדריקונג פֿון איר פֿאָלק, און באַגײַסטערט פֿון דעם רוף פֿון זייער נאַציאָנאַלן דיכטער און מאָראַליסט אַדאַם מיצקעוויטש, ווי אויך פֿון דעם דיכטער דזשוליוס סלאָוואַצקי, אויפֿגענומען דעם פּאַטריאָטישן קאַמף פֿאַר אַ באַפֿרײַט און זעלבשטענדיק פּוילן.[7]

אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן דער היסטאָריקער און ליטעראַטור־קריטיקער דזשאָזעף יונגמאַן און זײַנע נאָכפֿאָלגערס פּאַוול זאַפֿאַרוק און פֿראַנצושעק פּאַלאַצקי גערופֿן זייער פֿאָלק צום קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט און נאַציאָנאַלן אויפֿלעב.[8]

אויך אין אונגערן האָט דער נאַציאָנאַלער העלד און פֿאָלקסטריבון לואיס קאָשוט געקעמפֿט פֿאַר אַ באַפֿרײַט לאַנד.[9]

מען קען אָננעמען, אַז העס האָט געוווּסט וועגן די אַספּיראַציעס און פֿרײַהייט־באַוועגונגען פֿון יענע אונטערדריקטע פֿעלקער.

העס, דער פֿילאָסאָף און סאָציאַליסט, האָט ניט געזען קיין סתּירה צווישן זײַן סאָציאַליסטישן אידעאַל און די שטרעבונגען פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער צו ווערן פֿרײַע, אומאָפּהענגיקע נאַציעס. די קאַטעגאָריעס מענטש און מענטשהייט, אין וועלכע ער האָט געטראַכט, זײַנען דאָך אין דער אמתן כּולל די באַגריפֿן פֿאָלק און פֿעלקער.

אָבער ניט אַזוי האָבן געטראַכט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּירערס. ד״ר אַרנאָלד רוגע, איינער פון די פּירנדיקע סאָציאַליסטן אין יענער צײַט, האָט שטאַרק קריטיקירט משה העס און אים ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך גענומען שטודירן נאַטור־וויסנשאַפטן. זיך ווידמען אַזאַ שטודיע איז ניט אַנדערש ווי באַנאַפּאַרטיזם, אַפּשיטא שוין דאָס אָנערקענען די רעכט פון אונטערדריקטע פעלקער צו קעמפן פאַר זייער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, וואָס איז טריפענער נאַציאָנאַליזם!

אויך ענגעלס, מאַרקס און לאַסאַל זײַנען געווען קעגנערס פון יענע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און ס׳האָט גענומען אַ לענגערע צײַט, ביז זיי האָבן געביטן זייער נעגאַטיווע שטעלונג. ערשט אין 1859, ווען די מלחמה צווישן איטאַליע און עסטרײַך איז געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער עיניין, האָבן די דרײַ סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקערס גענומען אָנערקענען דאָס רעכט פון אַ פאָלק זיך צו באַפרײַען פון זײַנע אונטערדריקערס און ווערן אַ פרײַע, זעלבשטענדיקע נאַציע.

העס האָט ניט געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג. נאָך אין 1840 האָט ער אין זײַן מאַנוסקריפּט אויסגעדריקט זײַן גלויבן (און במילא אויך דאָס רעכט) אין אויפלעב פון יידישן פאָלק. דער גלויבן זײַנער איז אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון זײַן דענקען, בעת ער איז אַרויף אויף דעם נײַעם וועג, וואָס איז, ווי ער דריקט זיך אויס, פריער געלעגן אין אַ „נעבלדיקער ווײַטקייט״.

לאָמיר דאָ ברענגען אַ טייל פון יענעם מאַנוסקריפּט.

„אַזוי לאַנג ווי דער ייִד האָט אַריבערגעטראָגן אַלע רדיפות און דערנידערונגען ווי אַ שטראָף פון גאָט און געהאָפט אויף דער גאולה, איז זײַן שטאָלץ נישט צעבראָכן געוואָרן. פאַר די הײַנטיקע אויפגעקלערטע יידן איז אָבער יעדער פאַלשער אָנקלאָג אַ קלאַפּ קעגן זייער כבוד. וואָס העלפט זיי די עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט, ווען אַ ייִד ווערט אַפילו גאָר אַ מיניסטער, אויב דער נאָמען ייִד איז באַדעקט מיט אַ פלעק, וואָס יעדער נאַרישער ייִנגל, יעדער פינצטערער שמירער קען אוסניצן מיט אַ זיכערער הצלחה? אַזוי לאַנג ווי דער ייִד וועט פאַרלייקענען זײַן נאַציאָנאַליטעט, ווײַל ער וועט נישט וועלן מודה זײַן אין סאָלידאַריטעט מיט אַן אומגליקלעך, גערודפט פאָלק, מוז זײַן פאַלשע שטעלונג ווערן אומדערטרעגלעכער יעדן טאָג.

„צו וואָס זאָל מען זיך נאַרן? די אייראָפּעישע פעלקער האָבן שטענדיק באַטראַכט די עקסיסטענץ פון די יידן צווישן פעלקער ווי אומנאַרמאַל. מיר וועלן שטענדיק זײַן פרעמדע צווישן נאַציעס, וואָס וועלן אונדז אַפילו עמאַנציפּירן פון מענטשן־ליבע וועגן, אָבער וועלן אונדז קיין מאָל נישט אַכטן אַזוי לאַנג ווי אונדזער פּרינציפּ איז: דאָרט איז דאָס פאָטערלאַנד, וווּ עס איז גוט. נישט קוקנדיק אויף דער אויפקלערונג און עמאַנציפּאַציע, וועט דאָך דער ייִד אין גלות, וואָס פאַרלייקנט זײַן נאַציע, נישט באַקומען די אַכטונג פון די פעלקער. נישט דער אַלטער פרומער ייִד, וועלכער וואָלט

זיך גיכער לאָזן אויסרײַסן די צונג איידער פאַרלייקענען זײַן נאַציע פאַרדינט פאַראַכטונג, נאָר דער מאָדערנער ייִד, וואָס פאַרלייקנט זײַן נאַציאָנאַליטעט, ווײַל אויף איר ליגט די שווערע האַנט פון גורל. די שיינע פראַזן פון מענטשן־ליבע און אויפקלערונג, מיט וועלכע ער וואַרפט זיך אַרום, כּדי צו פאַרדעקן זײַן פאַרראַט צו זײַנע אומגליקלעכע פאָלקסברידער, וועלן אים נישט שיצן פאַרן אורטייל פון דער עפנטלעכער מיינונג.

„טוט אָן טויזנט מאַסקעס, בײַט די נעמען, די רעליגיע און זיטן, טרײַבט זיך אַרום געגנבטערהייט אין דער וועלט, כּדי מען זאָל נישט דערקענען אין אײַך ייִדן; יעדע באַליידיקונג פון דעם ייִדישן נאָמען טרעפט אײַך מער איידער דעם ערלעכן מאַן, וואָס איז מודה אין זײַן סאָלידאַריטעט מיט זײַן פאַמיליע און שטעלט זיך אײַן פאַר איר כּבוד.

„איר זעט, מײַן פרײַנדין, אַזוי האָב איך געקלערט אין מיטן פון מײַנע קאַמפן פאַר דעם אייראָפּעיִשן פּראָלעטאַריאַט. מײַן גלויבן אין משיחן איז געווען דאַמאָלסט אַזוי ווי הײַנט דער גלויבן אין ווידעראויפלעב פון ייִדישן פאָלק.״[10]

דער לענגערער ציטאַט, וואָס איז געשריבן אין העסעס אינטימען סטיל, איז אַ סך מער ווי אַן אויסדרוק פון אַן אָנגעווייטיקטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווי ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פאַרשטייט עס.[11]

אין די געבראַכטע שורות האָט העס אויף אַ בצימצומדיקן און קלאָרן אופן פאָרמולירט זײַן ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, ווי אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַר וואָס ווידעראויפלעב פון דעם ייִדישן פאָלק?

מיר געפינען אין ציטאַט אַ קלאָרע שילדערונג פון דער מחיצה אָדער „שוצוואַנט״, ווי ער דריקט זיך אויס, צווישן ייִדן און ניט ייִדן.

מיט אַ שנײַדנדיקן אמת צעקלאַפּט העס דעם פאַלשן פּרינציפּ פון „אובי בענע אובי פאַטריא״ (ווו עס איז גוט, דאָרט איז דאָס פאָטערלאַנד), וואָס די אויפגעקלערטע און אסימילירטע ייִדן האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דעם.

ער צעשמעטערט אויך די אילוזיע פון אַ געשאָנקענער עמאַנצי־פּאַציע, אין וועלכער די אַזוי גערופענע אויפגעקלערטע ייִדן האָבן געגלייבט און גרייט געווען צו פאַרלייקענען זייער ייִדישע אידענטיטעט ווי אַ פּרײַז פאַר דער געשאָנקענער מתּנה.

אין קאָנטראַסט צום אויפגעקלערטן און אַסימילירטן ייִדן, וואָס איז גרייט שקלאַפעריש צו דינען דעם האַר דורך פאַרלייקענען זײַן ייִדישע נאַציאָנאַליטעט, שטעלט העס אַרויס דעם גײַסטיק־עמאַנציפּירטן ערלעכן ייִדן, וואָס לייקנט ניט, אַז ער איז אַ ייִד און איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז אַ זון פון דעם ייִדישן פאָלק.

העס באַטאָנס דעם אמת, אַז די פעלקער פון דער וועלט האָבן באַטראַכט ווי אומנאָרמאַל די עקסיסטענץ פון ייִדן ווי אַ נאַציע.

ועל־כּולם, פּונקט ווי דער פרומער ייִד מיט זײַן גלויבן אין משיחן,

אַזוי איז אויך העס מיט זײַן גלויבן אין ביאת־המשיח — אין דעם אויפלעב פון ייִדישן פֿאָלק.

משה העס האָט אין דעם לענגערן ציטאַט פֿאָרמולירט זײַן ייִדישן נאַציאָנאַלן אני־מאמין.

העס, דער פֿילאָסאָף, סאָציאַליסט און מאָראַליסט האָט זיך ניט געניײַטיקט אין קיין פֿילאָסאָפֿישער אָדער וויסנשאַפֿלעכער באַגרינדונג פֿון זײַן גלויבן אין דעם נאַציאָנאַלן רענעסאַנס פֿון ייִדישן פֿאָלק אין דעם לאַנד פֿון די אָבות.

פֿאַר וועמען־זשע האָט ער געשריבן דאָס בוך? און אין וואָס איז באַשטאַנען זײַן פֿילאָסאָפֿישע באַגרינדונג פֿון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן אויפֿקום? דאָס וועלן מיר זען ווײַטער.

ביבליאָגראַפֿיע

1. מאָזעס העס, אוסגעוועלטע שריפטען, אונדז יערוסאַלעם, די לעצטע נאַציאָנאַליטעט פראַגע, לייפציג זז׳ 223—320. (לויט דער ייִדישער איבערזעצונג פון ד״ר נ. סירקין אין זײַן בוך, משה העס, רוים און ירושלים, פּאַריז, 1948, ז׳ 94).

2. 4־טער בריוו, זז׳ 92—90.

3. 1־טער בריוו, ז׳ 80.

4. Prof. H. Graetz, History of the Jews, Vol. 5, pp. 528—533, Phila., J.P.S. 1895

5. 5־טער בריוו, זז׳ 94־95.

6. Rene, Albrecht-Carrie, Italy from Napoleon to Mussolini, Columbia U-ty Press, N.Y. 1966, pp. 25—48.

7. Harold Segel, Polish Romantic Drama, Cornell U-ty Press 1977, pp. 22—38. אויך: Julia Krzyzanowski, Polish Romantic Liberation,

8. Dutton & Co., N.Y. 1931, pp. 100—151.

9. Encyclopaedia Britannica, 1947 Edition, Vol. 6, pp. 955—965.
Ibid. Vol. 11, pp. 904-905.

10. 5־טער בריוו, זז׳ 96־97.

11. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, געזאַמלטע שריפטן, 3־טער באַנד, זז׳ 268־269.

IV

ווי עס איז צו זען פון זײַן ערשטן בריוו, האָט העס נאָך פריִער געטראַכט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך פאַר דעם געדאַנק פון אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן ווידעראויפבוי.[1] אין 1860 האָט ער סוף־סוף באַשלאָסן צו ברענגען דעם געדאַנק צו אַלע ייִדן און אין דער ערשטער ריי צו די ייִדן אין דײַטשלאַנד.

אַנאַליזירנדיק דאָס ייִדישע לעבן אין יענער צײַט, קריטיקירט העס אויף אַ שאַרפן אופן די אַזוי גערופענע אויפגעקלערטע דײַטשע ייִדן, וואָס זײַנען אַזוי שטאַרק פאַרגלייבט אין דער געשאָנקענער עמאַנציפּאַציע, אַז זיי זײַנען אַפילו גרייט אויפצוגעבן זייער ייִדישע אידענטיטעט. זייער גלײַכגילט צו ייִדישע ווערטן ווי בכלל צום ייִדישן גורל האָט זיי דערפירט צו דעם, אַז זיי האָבן גענומען אָפּטיילן די ייִדישע רעליגיע פון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן תּוך און אָנגענומען דעם געדאַנק, אַז די ייִדן זײַנען ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע.

אַנשטאָט צו גיין אין די וועגן פון די גרויסע ייִדישע דענקערס, ווי ר׳ סעדיה גאון אָדער דער רמב״ם, און אויפהאַלטן דאָס שורשדיקע אין ייִדישקייט, האָבן די רעפאָרם־מנהיגים זיך דערלויבט אונטערצוגראָבן דעם סאַמע היסטאָרישן יסוד פון דער ייִדישער רעליגיע. זיי האָבן דעגענערירט דעם תּמצית פון דער ייִדישער טראַדיציע און דעם פּרצוף־פּנים פון דער ייִדישער רעליגיע. מיט אַ בכּיוונדיקן עלימינירן די אַלע תּפילות, וואָס דריקן אויס דעם טרויער נאָכן חורבן און די פרייד און האָפענונג אויף ווידעראויפלעב אין דעם לאַנד פון די אָבות, האָבן יענע מנהיגים זיך געפלײַסט צו מאַכן פון ייִדנטום אַ צווייט קריסטנטום, און דורך דעם איז די ייִדישע געשיכטע, ווי משה העס דריקט זיך אויס, געוואָרן אַ סקעלעט־געשיכטע. העס ווײַזט אָן אויף דעם אײַנפיר פון ד״ר הירש, דעם ראַבינער פון לוקסענבורג, וואָס האָט די ברכה „המחזיר שכינתו לציון״ אין גאַנצן געביטן אויף דער פראַזע : „שאותך ביראה נעבוד״.

אָפּטײַטשונגען

ראָשי תּיבות פון העפּ, העפּ — Hierosolyma Est Perdita

אַ סטודענטישער „סלענג״

ייִד, פּגר אוועק Jude Verreck

העס לאָזט אָבער אויך ניט אויס די דײַטשע ייִדישע אָרטאָדאָקסיע, הגם ער האָט פֿאַר איר אויך גוטע ווערטער פֿאַר איר קלאַמערן זיך אין דער ייִדישער אמונה און אין דער ייִדישער טראַדיציע. ער האַלט אָבער, אַז די אָרטאָדאָקסן האָבן געבראַכט אַ סך שאָדן דעם ייִדנטום, מחמת זיי האָבן פֿאַרלוירן דעם חוש פֿאַר ייִדישער געשיכטע און אַנשטאָט צו זײַן אַ באמת־שפּרודלדיקע ייִדישקייט, זײַנען זיי געוואָרן אַ פֿאַרגליווערטער עלעמענט אין ייִדנטום.

די עמאַנציפּאַציע, האַלט העס, האָט אַזוי פֿאַרבלענדט די אויגן פֿון די דײַטשע ייִדן, אַז זיי זעען ניט אײַן אָדער ווילן ניט אײַנזען, אַז נישט קוקנדיק אויף דער געשאָנקענער בירגערלעכער גלײַכבאַרעכטיקונג, זײַנען זיי נאָך אַלץ געבליבן אַן איזאָלירטער עלעמענט אין דעם אַלגעמיינעם סאָציאַלן לעבן אין דײַטשלאַנד, וואָס איז דורכגענומען מיט אַנטיסעמיטישן גײַסט.

די דײַטשן, האַלט העס, זעען אין זייער לאַנד נישט דעם פּאָליטישן שטאַט, נאָר די הערשאַפֿט פֿון זייער ראַסע, וואָס זיי באַטראַכטן ווי די העכסטע אין דער וועלט. מיט זייער ווייניק אויסנאַמען אַפֿילו צווישן די דײַטשע אינטעלעקטואַלן, ווי לעסינג, שילער, הומבאָלדט, וועלכע האָבן באַוויזן זיך אויפֿצוהייבן העכער איבער ראַסן־פֿאָראורטייל, קען דער דײַטש נישט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק פֿון גלײַכבאַרעכטיקונג פֿאַר יענע אײַנוווינערס, וועמען ער האַלט פֿאַר נידעריקער פֿון זיך.[2]

משה העס האָט גוט געקענט די דײַטשע פּסיכיק, און ווי אַן אומבאַשטרײַטלעכער אמת קלינגט זײַן ווײַטער קוק אין דער צוקונפֿט, ווען ער זאָגט, אַז דײַטשלאַנד איז „סאָציאַל נאָך אַלץ אָפּגעשטאַנען פֿון די אַנדערע ראָמאַנישע פֿעלקער און אַז עס וועט נאָך נעמען צײַט, ביז די דײַטשן וועלן זיך אָפּזאָגן פֿון דעם ראַסן־פּרינציפּ און וועלן דורכגענומען פֿון סאָציאַלער און הומאַניטאַרער בילדונג.“[3]

אַסימילאַציע און קאָסמאָפּאָליטישע נייגונגען זײַנען אין יענער צײַט געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט בײַ די דײַטשע ייִדן, און משה העס באַנוגנט זיך ניט בלויז מיט קריטיקירן די אויפֿגעקלערטע און אָרטאָדאָקסישע ייִדן. ווי אַן אויסנעמלעכער אויפֿקלערער וואָס ער איז געווען, קנעלט ער מיט זיי אויך אײַן געדאַנקען, וואָס זײַנען דער סאַמע מהות פֿון ייִדנטום. די ייִדישע תּורה, קנעלט ער אײַן, איז קיין מאָל ניט געווען אַ פֿאַרגליווערטע, נאָר האָט זיך שטענדיק געהאַלטן אין אַנטוויקלען. פֿאַרשן די תּורה איז בײַ ייִדן געווען אַ הייליקער געבאָט. די ייִדישע רעליגיע איז אַקטיוו צונויפֿגעוואַקסן מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. ייִדישע רעליגיע, הייסט עס, איז ייִדישער פּאַטריאָטיזם.[4]

אין די פּופֿציקער יאָרן פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זײַנען אויפֿגעקומען פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטלעכע סאָציאַלע טעאָריעס וועגן די פֿאַקטאָרן, וואָס פֿירן צו דער אַנטוויקלונג אָדער צו דער צעפֿוילונג פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. דער בולטסטער טעאָרעטיקער פֿון אָט

דער היסטאָריש־פילאָסאָפישער שיטה איז געווען דזשאָזעף אַרטור דע־גאָבינאָ, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם אין יענער צײַט. ער ווערט אויך פאַררעכנט ווי דער פאָטער פון דעם טעאָרעטישן אַנטיסעמיטיזם. אין זײַנע פיל עסייען שרײַבט דע־גאָבינאָ צו אַלע גרעסטנס־פאַכלעכע פּאַסירונגען די באַזונדערקייטן פון פאַרשיידענע ראַסן. ניט אַלע ראַסן פאַרמאָגן אַן איינגעבוירענע פעיִקייט צו שאַפן קולטור־אוצרות. דער גניוס פון אַ שעפערישער ראַסע ווערט ווינציק וואָס באַווירקט פון געאָגראַפישע אָדער קלימאַטישע באַדינגונגען. וואָס עס איז יאָ ווירקטיק אויף צו פּרעזערווירן די נאַטירלעכע וויטאַליטעט און שעפערישקייט פון דער ראַסע איז דאָס נישט אויסמישן זיך מיט אַנדערע ראַסן. נאָר אַ ריינע ראַסע איז פּאָטענציעל אומשטאַרביק. די העכסטע ראַסע, וואָס איז קולטורעל־שעפעריש, איז די ווײַסע ראַסע, באַזונדערס די אַרישע. צו איר האָבן באַלאַנגט די גריכן און די רוימער און די טיוטאָנער. איצט זײַנען עס זייערע אָפּשטאַמלערס — די דײַטשן.

כאָטש דע־גאָבינאָ און זײַן שפּעטערדיקער נאָכגייער טשעמבערליין אָנערקענען, אַז ייִדן פאַרמאָגן וויטאַליטעט און האָבן אָפּגעהיט דעם פּרינציפּ פון טהרת־המשפּחה, האָבן זיי אָבער געהאַט אַ שעדלעכע און פאַרדאָרבענע השפּעה אויף דער ציוויליזאַציע פון דער מענטשהייט.[5]

יענע טרויעריק־באַרימטע סאָציאַלע טעאָריעס, באַזונדערס די מסקנות פון דע־גאָבינאָ, האָבן געשפּײַזט די ראַסיסטישע עגאָ־צענטרישקייט בײַ דײַטשן. בײַ די ייִדן אָבער זײַנען זיי עלול געווען אַרײַנצוברענגען אַ סך צעטומלעניש אין די מוחות. מיט דעם דערקלערט זיך, פאַר וואָס משה העס האָט געפונען פאַר נייטיק צו שרײַבן דעם עפּילאָג צו זײַן בוך „רוים און ירושלים."[6]

אויך משה העס האָט אָנערקענט די ווירקטיקע ראָלע, וואָס די ראַסן שפּילן אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. ער האָט אָבער ניט געקאָנט מסכּים זײַן מיט דעם ראַסן־שאָוויניזם און מיט דעם אויפגעבויטן פאַרפירערישן געדאַנק פון העכערע און נידעריקע ראַסן. פאָרשונגען האָבן אים געפירט צו אָנערקענען, אַז יעדע ראַסע האָט אירע נייגונגען, איר באַרוף, איר זשעני, וואָס שפּילט אַ ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

די נאַטור, שרײַבט משה העס, פּראָדוצירט נישט קיין אַלגעמיינע פּרוכטן, בלומען, חיות נאָר טיפּן. אויף דעם זעלבן אופן פּראָדוצירט די נאַטור פאַלקסטיפּן, ראַסן. אַלע ראַסן זײַנען ווי גלידער פון איין אָרגאַניזם, גלידער פון דער מענטשהייט. געוויסע טיילן קענען מיט דער צײַט ווערן אָפּגעשוואַכט און אַפילו פאַרשווינדן, אָבער דער אָרגאַניזם גופא, די מענטשהייט, גייט אָן מיט דעם פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.

ווי דע־גאָבינאָ, לערנט משה העס, אַז געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, מאָראַלישע באַגריפן און געזעצן בײַ פעלקער זײַנען

מאַניפעסטאַציעס פון זייערע אייגנשאַפטן. טהרת־המשפחה איז בײַ ייִדן שטענדיק געווען אָפּגעהיט און מיט דעם דערקלערט זיך, פאַר וואָס די קראַפט פון דעם ייִדישן טיפּ איז ניט פאַרניכט געוואָרן. דאָס ייִדישע פאָלק פאַרמאָגט אַ נאַטירלעכע וויטאַליטעט און האָט קיין מאָל ניט אָנגעווירן דעם מוט אונטער די שווערסטע אומשטאַנדן. דאָס ייִדישע פאָלק איז איינער פון די שעפערישסטע אָרגאַנען פון דער מענטשהייט.

ניט נאָר האָט דאָס ייִדישע פאָלק שטענדיק געשאַפן זײַנע אייגענע קולטור־אוצרות (תּנ״ך, משנה, תּלמוד, רבנישע ליטעראַטור א״אַ), נאָר אויך אין דעם פינצטערן מיטל־עלטער אַרויסגעגעבן פון זיך גרויסע מײַסטערס ווי יהודה הלוי, אבן גבירול, רמב״ם און אַנדערע, וואָס האָבן באַפרוכפּערט אויך אַנדערע קולטורן. אַליין אַ גערודפטע פאָלק, האָבן די ייִדן שטענדיק סימפּאַטיזירט מיט די גערודפטע און אומעטום זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון פּאָליטישע און סאָציאַלע פרײַהייט באַוועגונגען.[7]

פאַר משה העס, ווי מיר האָבן געזען פריִער, איז שוין לאַנג קלאָר געוואָרן, אַז דער ווידעראויפבוי פון דעם ייִדישן פאָלק איז אַ נויטווענדיקייט, אַ מוז, דיקטירט פון דעם ייִדישן מצב אין גלות. אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם, אויב אַ באַרעכטיקונג איז בכלל נייטיק, איז צו געפינען אין דער וויטאַליטעט און שעפערישקייט פון דעם ייִדישן פאָלק און אין זײַן רצון צו רעאַליזירן זײַן אַלטן חלום פון אַ געזונט לעבן אין זײַן אייגן לאַנד. און אויב אַ בר־סמכא איז נייטיק, האָט דאָך מיט יאָרן צוריק דער גרויסער פילאָסאָף שפּינאָזע געשריבן, אַז ער איז איבערצײַגט, אַז עס קען קומען אַ צײַט, ווען בײַ גינסטיקע אומשטאַנדן זאָלן די ייִדן צוריק עטאַבלירן זייער אייגענעם שטאַט ווי אַ מאָל.[8]

משה העס האָט זיך פאַרנומען צו באַגרינדן זײַן ייִדיש נאַציאָנאַלן געדאַנק וועגן ווידעראויפבוי פון אַ ייִדישער מלוכה אין פּאַלעסטינע. זײַנע בליציקע געדאַנקען זײַנען צעשפּרייט איבער זײַנע צוועלף בריוו, זײַן עפּילאָג און זיינע זייער וויכטיקע הערות, וואָס ער באַנוצט זיך בײַם אויפקלערן זײַן טעזע.

אין איינעם פון די בריוו, ווו עס רעדט זיך וועגן די סתּירות צווישן פילאָסאָפיע, רעליגיע און וויסנשאַפט, ווענדט זיך משה העס צו זײַן פרײַנד מיט דער באַמערקונג : „...איר וועט דאָך מיר אין אַלגעמיין צוגעבן, אַז עס קען ניט זײַן איין אמת אין דער־וויסנשאַפט און אַן אַנדער אמת אין דער פילאָסאָפיע און ווידער אַן אַנדער אמת אין דער רעליגיע.״[9]

און ער קומט צו דער מסקנא, אַז מחמת ס׳איז נאָך ניט געקומען קיין שלום צווישן יענע פאַרשיידענע געביטן פון דערקענטעניש, „וועלן זיי אַ לאַנגע צײַט זיך קעגנזײַטיק איגנאָרירן. זיי מוזן זיך אָבער סוף־סוף איינע די אַנדערע אונטערשטיצן און צווישן זיך פאַראייניקן.״[10]

אָט דער מאָניסטישער צוגאַנג איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פילאָסאָפישן וועלטבאַנעם אָדער ווי ער רופט עס די גענעטישע אָדער

ייִדישע וועלט־השקפה, וואָס איז געבויט אויף דעם פּרינציפּ פון אייביקן ווערן.

דורך זײַנע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, זאָגט העס, איז ער געקומען צו דער איבערצײַיגונג, אַז איין געזעץ איז דער יסוד פון אַלע באַוועגונג־און לעבן־דערשײַנונגען, אָבער „בעת די וויסנשאַפט שווײַגט נאָך וועגן געזעץ, האָט די ייִדישע רעליגיע שוין לאַנג אַנטפּלעקט דאָס געזעץ אין דער הייליקייט פון שבת, דעם נאַטור־שבת און אויך אָנגעזאָגט דעם צוקונפטיקן היסטאָרישן שבת, די צײַט פון אחרית הימים און מלכות המשיח."[11]

ווי מיר זעען, ווענדט דאָ העס אָן זײַן טעאָלאָגישן און טעלעאָלאָגישן בליק אויף געשיכטע, ווי ער האָט עס פריִער פאָרמולירט אין זײַן בוך „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט". די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז הייליק, ווײַל אין איר אַנטפּלעקט זיך גאָטס גײַסט. די וועלט האָט אַ פּלאַן, אַ ציל און דער ציל איז האַרמאָניע, שלימות.

די וועלט איז אַן איינהייט. גאָט איז ניט אויסער דער וועלט אָדער איבער דער וועלט, נאָר אין איר גופא. העס וואַרפט אָפּ דעם געדאַנק פון אַ טראַנסצענדענטן שעפערישן כוח, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט ווי אַ יש מאַין.

אַחדות־הבורא, אַחדות־אלהים, טײַטשט משה העס, איז „אַן איינהייט. דאָס איז קעגן דעם געדאַנק פון אַ מערהייט פון שעפערישע וועזנס", און ער קומט נאָענט צום געדאַנק פון שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם.

די וועלט, אויף וויפל דער מענטשלעכער שכל קען באַנעמען, האָט זיך היסטאָריש אַנטוויקלט און אַנטוויקלט זיך אין דרײַ ספערן: קאָסמישער, אָרגאַנישער און סאָציאַלער. דער אַנטוויקלונג פּראָצעס אין יעדער פון די ספערן הייבט זיך אָן מיט דעם צושטאַנד פון כאַאָס, תוהו־ובוהו, גייט דערנאָך אַריבער אין אַ צושטאַנד פון קאָנפליקטן צווישן די פאַרשיידענע עלעמענטן אין יענער ספערע און צילט צום סופיקן צושטאַנד פון האַרמאָניע, שלימות. יעדער צושטאַנד איז אַ פּועל־יוצא פון אַ שעפערישן אַקט.

אויף אַזאַ אופן איז אין דער קאָסמישער ספערע, די ספערע פון פּלאַנעטן און גאַלאַקסן, פון אַ תוהו־ובוהו־צושטאַנד, דורך אַ גערנאַנגל צווישן די הימלישע קערפּערס, סוף־סוף געשאַפן געוואָרן אַ האַרמאָנישע סיסטעם אין זייערע באַוועגונגען, וואָס איז דער צושטאַנד פון שלימות.

די אָרגאַנישע ספערע באַשטייט פון דער וועלט פון פלאַנצן און חיות. אויך דאָ האָט זיך דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס אָנגעפאַנגען מיט דעם צושטאַנד פון כאַאָס און זיך געענדיקט מיט דעם צושטאַנד פון האַרמאָניע, שלימות, מיט דעם נאַטור־שבת אין דער העכסטער דערגרייכונג אין יענער ספערע — דער מענטש.

אין דער דריטער ספערע, פון סאָציאַלע פּראָצעסן, האָבן זיך פריִער אַנטוויקלט שבטים, ראַסן, פעלקער, קלאַסן. דערנאָך איז אויפגעקומען

דער גערעאַנגל צווישן יענע גרופּירונגען פאַר זייער אינדיווידואַליטעט און געמיינשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. אָט דער צושטאַנד גייט נאָך אָן און דאַרף זיך פאַרענדיקן אין האַרמאָניע, פעלקער פאַרברידערונג, אין דעם צושטאַנד פון היסטאָרישן שבת.

אין משך פון דעם לאַנגן פּראָצעס פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג, פיל פריִער נאָך איידער די טעווטאָנישע ראַסן זײַנען אויפגעטראָטן אויף דער וועלט־אַרענע, האָבן זיך צוויי פעלקער אויסגעטיילט מיט זייערע באַזונדערע רעליגיעס און באַרופן. דאָס זײַנען די גריכן און די ייִדן. די גריכן, די טרעגערס פון פּאָליטעיִזם, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער באַרוף צו קונסט און שיינקייט. מיט זייער גלויבן אין דער איינהייט פון גאָט און אין דער איינהייט פון דער וועלט, האָבן די ייִדן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע הויכע מאָראַלישע פּרינציפּן און מיט דער אמונה אין דעם אַחרית־הימים פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פעלקער־פאַרברידערונג. ווי טײַער עס איז ניט בײַ ייִדן דער יחיד, די משפּחה, דאָס פאָלק, האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט באַטראַכט ווי אָפּגעזונדערטע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

ניט ענגע נאַציאָנאַליסטישע, נאָר קאָסמישע באַגריפן זײַנען שטענדיק געווען דער תּוך פון דעם ייִדישן געדאַנק. אין די אינטימסטע מאָמענטן פון ייִדישן רעליגיעזן לעבן האָט דער ייִד אין זײַנע ימים נוראימדיקע תּפילות קלאָר אויסגעדריקט זײַן אָנגעהעריקייט צו דער משפּחה פון די פעלקער פון דער וועלט און זיך אַסאָצייִרט מיט די פעלקער פון כּל העולם כּולו. גענוג צו דערמאָנען בלויז עטלעכע באַגריפן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין יענע אינטימע תּפילות: כּל אַנשי תּבל ושוכני ארץ; ויטו שכם אחד לעבדך; ויעשו כּולם אַגודה אַחת לעשות רצונך בלבב שלם; כּי ביתי בית תּפילה יקרא לכל העמים.

בעת די פאַרשיידענע פעלקער פון דער וועלט, באַזונדערס דאָס קריסטלעכע רוים, האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף פאַרשיידענע אופנים קעגן דעם ייִדישן פאָלק, האָבן ייִדן זיך למרות־הכּל געקלאַמערט אין דעם ביאַת־המשיח, אין דעם גלויבן אין דער צוקונפט פון פעלקער־פאַרברידערונג.

ביז דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, האַלט העס, איז דאָס ייִדישע פאָלק געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט געהאַט „אַ נאַציאָנאַלן קולט צוזאַמען מיט אַ הומאַניטאַרן".

די ייִדישע רעליגיע איז אַ היסטאָרישע רעליגיע. דעם נביאישן חזיון וועגן דעם געשיכטלעכן שבת פאַר אַלע פעלקער האָבן ייִדן געטראָגן מיט זיך ווי אַ היסטאָרישע מיסיע, וואָס דאַרף ווערן רעאַליזירט, ווען דאָס ייִדישע פאָלק וועט נאַציאָנאַל און פּאָליטיש ווידער אויפלעבן אין דעם לאַנד פון זײַנע אָבות.

די האַרמאָניע אין דער סאָציאַלער ספערע פון דער מענטשהייט איז אַזוי־אַרום ענג פאַרבונדן מיטן ווידעראויפלעב פון דעם ייִדישן פאָלק, וואָס

מוז דערי־בער ווערן דער אַקט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אין וועלכן אַלע פעלקער מוזן זײַן פּאַראינטערעסירט.

ווײַל „קיין מאָדערן פאָלק, וואָס קעמפט אַליין פאַר אַ פּאַטערלאַנד, קען נישט אָפּזאָגן אין אַ פּאַטערלאַנד דעם ייִדישן פאָלק, וואָרעם אויב נישט, פאַלט עס אַרײַן אין אַ סתירה מיט זיך גופא און באַגייט אַ מאָראַלישן זעלבסמאָרד אין זיך גופא.[12-13]

צו דער זעלבער צײַט דאַרף דאָס ייִדישע פאָלק זײַן גרייט און נאַציאָנאַל באַוווּסטזיניק אין זײַן שטרעבן צו ווערן אויפגעריכט פּאָליטיש אין דעם אייגענעם לאַנד, כּדי צו דערפילן זײַן מיסיע פון דעם היסטאָרישן שבת.

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן משה העסעס פילאָסאָפישע באַגרינדונג פון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן געדאַנק.

ס'איז קלאָר, אַז דער שׂכל־הישר אין העסעס פילאָסאָפישער באַגרינדונג איז שטאַרק פאַרבונדן מיט זײַן טיפן גלויבן אין דעם שׂכל־הישר פון דער מענטשהייט און אין דעם סופיקן טריומף פון גערעכטיקייט.

דערפון נעמט זיך זײַן אָפּטימיזם און באַגײַסטערונג, וואָס מיר זעען אין זײַן דערקלערונג, אַז:

„מיר שטייען ערב דעם געשיכטלעכן שבת און מוזן זיך צוגרייטן צו אונדזער מיסיע, פאַרשטייענדיק אונדזער געשיכטלעכע רעליגיע."[14]

וועלכע היסטאָרישע דערשײַנונגען אין יענער צײַט האָבן עס געפירט משה העסן צו אַזאַ זיכערקייט?

די נאַציאָנאַלע באַפרײַונג־באַוועגונגען אין פּוילן, אונגערן און סלאָוואַקײַ, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען, נישט קוקנדיק אויף די רדיפות פון זייערע אונטערדריקערס, ווי אויך די באַפרײַונג פון איטאַליע פון דעם עסטרײַכישן יאָך אין 1859, זײַנען פאַר משה העסן געווען סימנים, אַז די אַלגעמיינע פּאָליטישע קאָניונקטור האָט זיך אָנגעהויבן בײַטן צום בעסערן לטובת די אונטערדריקטע פעלקער און במילא אויך לטובת די ייִדן.

אין יענער צײַט האָבן זיך אויך דערהערט איינצלנע שטימען פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן מיט סימפּאַטיע און טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די אַספּיראַציעס פון די אונטערדריקטע פעלקער און זייערע קאַמפן פאַר נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט.

צווישן יענע סימפּאַטיקערס איז באַזונדערס וויכטיק צו פאַרצייכענען דעם פראַנצייזישן דעמאָקראַט ערנעסט לאַהאַדאַן, וואָס האָט אין זײַן שריפט „די אָריענטאַלע פראַגע" געשריבן, אַז נאָך אַזוי פיל לײַדן און רדיפות איז געקומען די צײַט, אַז ייִדן זאָלן אַ טראַכט טאָן וועגן זיך אַליין. אין ממש רירנדקע ווערטער זאָגט ער צו די ייִדן, אַז „דער מאָמענט איז געקומען, אַז איר זאָלט אײַער פאָטערלאַנד פאָדערן פאַר זיך אויף אַ פרידלעכן אופן דורך געלט אָדער אויף וועלכן עס איז אַנדערן אופן. איר האָט גענוג געהאָלפן צו ציוויליזירן די פעלקער און אַרויפברענגען

אײראָפּע אויפֿן וועג פֿון פּראָגרעס, אַרויסצורופֿן און צו אונטערשטיצן רעוואָלוציעס. איצט מוזט איר אַ טראַכט טאָן וועגן זיך אַליין."[15]

וואָס נוגע די נײַע דערשײַנונגען אין דעם ייִדישן לעבן ווײַזט משה העס אָן, אַז די קאָסמאָפּאָליטישע שטימונגען בײַ דער אויפֿגעקלערטער יוגנט זײַנען לעצטעס געוואָרן אָפּגעשוואַכט און עס מערקט זיך אַ שטימונג לטובֿת דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם. בײַם פֿרומען יונגן דור שטאַרקט זיך דער אינטערעס אין ייִדישער געשיכטע און עס ווערן געשאַפֿן וויכטיקע קולטורווערק דורך אַזעלכע דענקערס ווי לוצאַטאָ, ראַפּאָפּאָרט, קראָכמאַל, גרעץ און אַנדערע.

„אין פֿראַנקרײַך איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פֿאַרבאַנד פֿון ׳חברים כּל ישׂראל׳, וואָס דאָס באַשטעטיקט זייער אינטערעס אין די נויטן פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק. אויך אין אויסטראַליע איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון ייִדן און קריסטן, וואָס האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ קאָמיטעט צו זאַמלען געלט אויף אײַנצוקויפֿן לאַנד פֿאַר ייִדן אין ארץ־ישׂראל."[16]

גאָר באַזונדערס שטאַרקט זיך דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער געדאַנק בײַ די ייִדן אין מיזרח־אײראָפּע, ווו דער באַרימטער רב ר׳ צבֿי־הירש קאַלישער האָט פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן פֿון פּראַקטישער אַרבעט אָפּצוקויפֿן לאַנד אין ארץ־ישׂראל און באַזעצן דאָרט ייִדן ווי ערד־אַרבעטערס. באַזונדערס וויכטיק איז דער פֿאַקט, וואָס דער פּלאַן האָט געקראָגן די הסכּמה פֿון די גרויסע תּלמידי־חכמים פֿון יענער צײַט, און אונטער ר׳ צבֿי הירש קאַלישערס השפּעה איז געשאַפֿן געוואָרן די „חבֿרת ישובֿ ארץ ישׂראל" (אין 1861), וואָס האָט זיך גענומען דורכפֿירן די פּראַקטישע אַרבעט.

משה העס דריקט אויך אויס זײַן זיכערקייט, אַז פֿראַנקרײַך, וואָס באַציט זיך סימפּאַטיש צו אַלע אונטערדריקטע פֿעלקער, וועט זיך אויך סימפּאַטיש באַציִען צו די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, באַזונדערס איצט, ווען זי האַלט אין בויען דעם סועץ־קאַנאַל און וועט אַוודאי זײַן פֿאַראינטערעסירט צו האָבן אַ ייִדישע מלוכה ווי אַ גוטן און פֿאַרלאָזלעכן שכן אין יענעם טייל פֿון דער וועלט.

די דערמאָנטע פֿאַקטן, האַלט משה העס, זײַנען זייער גינציק פֿאַר דעם געדאַנק פֿון אַ ייִדישער מלוכה אין ארץ־ישׂראל, און מיר געפֿינען אין זײַנע בריוו געדאַנקען, וואָס צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר זײַן פּלאַן פֿון אַרבעט, כּדי צו דערגרייכן דעם ציל.

פֿריִער דאַרף מען אויפֿבויען אין ארץ־ישׂראל אַ צאָל ייִדישע קאָלאָניעס, ווי דער פֿונדאַמענט פֿאַר אַ צוקונפֿטיקער ייִדישער מלוכה. פֿאַרן אויפֿבויען ייִדישע קאָלאָניעס מוז מען אָנפֿירן אַ ברייטע אינטענסיווע אַגיטאַציע צווישן ייִדן אין מערבֿ־און מיזרח־אײראָפּע.

אַ בשותּפֿותדיקער נאַציאָנאַלער באָדן איז דער פֿאָרבאַדינג פֿון דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן אויפֿלעב, און נאָר אויף אַן אייגענעם ייִדישן באָדן וועט

קומען אַ סוף צום פּאַראַזיטיזם, וואָס איז געוואָרן אַ פּלעק אויף דעם ייִדישן פֿאָלק.[17]

עס דאַרפֿן געשאַפֿן ווערן געזעלשאַפֿטן פֿאַר אַקערבוי, אינדוסטריע און האַנדל, געבויט אויף ייִדישע ד"ה סאָציאַליסטישע פּרינציפּן.[18] אַרבעט און אַרבעט־פֿאַרהעלטענישן דאַרפֿן זײַן געבויט אויף דעם יסוד פֿון עקספּלואַטאַציע פֿון דער נאַטור, ניט אויף דער עקספּלואַטאַציע פֿון דעם מענטשן.[19]

די פֿראַגעס פֿון מינהגים און קרבנות־קולט דאַרפֿן בײַם אָנהייב ניט באַרירט ווערן. די צוקונפֿט אַליין וועט דעצידירן די פֿראַגעס און די סתּירות. דער קרבנות־קולט, וואָס איז געווען אַ הנחה, וואָס די תּורה האָט געמאַכט פֿאַר די ייִדן, ווען אַרום זיי האָבן געלעבט געצן־דינערישע פֿעלקער מיט זייערע קרבנות־ריטואַלן, וועט מיט דער צײַט פֿון זיך אַליין פֿאַרשווינדן.[20] דער צוקונפֿטיקער קולט וועט אין דער צוקונפֿט אין אַלגעמיין זײַן גאָר אַנדערש, און פֿריִער פֿאַר אַלץ וועט דער אידעאַל פֿון אַ ייִדישער מלוכה דאַרפֿן ווערן רעאַליזירט. אין דעם צוקונפֿטיקן ייִדישן לאַנד וועט דער ייִדישער געניוס זיך צעבליִען אין זײַן שעפֿערישקייט און „אַרויסברענגען שאַפֿונגען, פֿון וועלכע מיר קענען הײַנט אפֿשר נאָך אַפֿילו נישט חלומען."[21] אין דער צוקונפֿט וועט די עוואָלוציע פֿון ייִדישן און אַלמענטשלעכן געדאַנק פֿירן צו דער רעאַליזירונג פֿון די העכסטע שטאַפּלען פֿון עטיק, מענטשן־ליבע און מענטשלעכער פֿאַרברידערונג, צו אַ רעליגיע פֿאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט.

זײַן בוך „רוים און ירושלים" האָט משה העס אָפּגעדרוקט אין קעלן מײַ 1862. ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, האָט זיך אַ שטרענגע און אָפֿט מאָל בייזע קריטיק אַ לאָז געטאָן קעגן דעם בוך מצד די אָרטאָדאָקסישע און באַזונדערס פֿון די רעפֿאָרם־קרײַזן. און ס'איז פֿאַרשטענדלעך. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס יענע קרײַזן האָבן דערזען אַ בוך, וואָס קריטיקירט שאַרף די אָרטאָדאָקסישע, באַזונדערס די רעפֿאָרם־ייִדישקייט. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי האָבן דערזען אַ בוך, וואָס רײַסט אַרונטער זייער פּרינציפּ, אַז „דאָרט איז דאָס פֿאָטערלאַנד ווו עס איז גוט" און פּראָפּאַגאַנדירט גאָר דעם געדאַנק, אַז ייִדן זײַנען אַ נאַציע און אַז ייִדן דאַרפֿן שטרעבן ווידער אויפֿצובליִען זייער לאַנד אין ארץ־ישראל און אויפֿשטעלן אַ ייִדישע מלוכה. זייער שטרענג איז געווען די קריטיק פֿון דעם גײַסטיקן פֿירער פֿון דער רעפֿאָרם־ייִדנטום ד"ר אַברהם גייגער. אין זײַן קריטיק איז גייגער געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט זיך דערלויבט אָנצוגרײַפֿן משה העס פּערזענלעך, אָנרופֿנדיק אים „אַלטער ראָמאַנטיקער מיט נײַע רעאַקציאָנערע פּלענער", „באַנקראָטירטער אין סאָציאַלער רעוואָלוציע" און נאָך אַנדערע נעמען.[22] משה העס האָט רעאַגירט אויף גייגערס קריטיק און אים געענטפֿערט מיט אַ זייער זאַכלעכן בריוו.[23]

פֿון נאָענטן פֿרײַנד בערטאָלד אויערבאַך האָט משה העס באַקומען אַ בריוו פֿול מיט קריטיק פֿאַר זײַנע ניט פֿרײַנדלעכע באַמערקונגען וועגן

דײַטשלאַנד און פֿאַר זײַן אַרויסקומען אָפֿן מיטן געדאַנק פֿון אַ ייִדישער מלוכה, וואָס דאָס קען ממש „אונטערצינדן דאָס ייִדישע הויז". מי שמך לשר ושופט עלינו? — פֿרעגט אים אויערבאַך.[23]

פֿון די אויפֿגעקלערטע און געלערנטע פֿירערס האָט דער היסטאָריקער ה. גרעץ מיט וואַרעמקייט באַגעגנט דאָס בוך אין אַן אַרטיקל „די באַנײַונג פֿון דעם ייִדישן שטאַט."[24]

עס האָט אויך באַקומען פֿרײַנדלעכע אָפּרופֿן פֿון זײַנע פֿרײַנד. אינטערעסאַנט זײַנען צוויי בריוו פֿון ד״ר חיים לוריע, גענעראַל סעקרעטאַר פֿון דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפֿט פֿאַר פּאַלעסטינע (חברת ישוב ארץ־ישראל), וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אונטער דער השפּעה פֿון הרב צבי הירש קאַלישער. אין איינעם פֿון די בריוו רופֿט לוריע משה העסן אינעם נאָמען פֿון דער געזעלשאַפֿט צו זײַן אין דער הנהלה פֿון דער חברה און בײַטראָגן זײַן טאַלאַנט און ענטוזיאַזם פֿאַר דער וויכטיקער אַרבעט. אין דעם צווייטן בריוו לאָזט ער אים וויסן, אַז אין נומער 35 „המגיד" איז אָפּגעדרוקט אַ לאַנגער וואַרעמער מאמר וועגן דעם בוך.[25]

און דאָך איז דאָס בוך „רוים און ירושלים" ניט געוואָרן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. צו נײַ און צו געוואַגט זײַנען משה העסעס געדאַנקען געווען פֿאַר יענער צײַט. איצט, מער ווי עס איז פֿריִער, זעען מיר אײַן ווי טיף, ווי קלאָר און אמתדיק עס זײַנען די געדאַנקען פֿון העסן.

ד״ר ל. פּינסקערס בראָשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע" איז אַרויס אין בערלין אין 1882. צי האָט פּינסקער יאָ אָדער נישט געוווּסט פֿון דעם בוך „רוים און ירושלים", איז אָבער די אַלגעמיינע ראַם פֿון פּינסקערס אידייען: די סיבות פֿון אַנטיסעמיטיזם, דער געדאַנק וועגן ייִדישער זיך־דערקענטעניש אַזאַ, וואָס שטעלט אים אַוועק ווי אַ נאָכגייער פֿון משה העסעס פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען. האָט דאָך משה העס פֿיל מאָל געקנעלט אין זײַן בוך און אויף פֿאַרשידענע אופֿנים אײַנגעחזרט, אַז דער תּנאי קודם פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג פֿון ייִדישן פֿאָלק איז, אַז דאָס ייִדנטום מוז זיך פֿריִער פֿאַר אַלץ דערקענען ווי אַ נאַציע, וואָס שטרעבט זיך ווידער אויפֿצולעבן און זיך ווידער אויפֿצובליִען אין ארץ־ישראל.

ד״ר הערצל האָט זיכער ניט געוווּסט וועגן משה העסעס בוך. דרײַ יאָר נאָך דער פּובליקאַציע פֿון „יודנשטאַט" (1898) האָט הערצל פֿאַרצייכנט אין זײַן טאָגבוך „איך בין נתפּעל און דערהויבן געוואָרן דורך דעם בוך „רוים און ירושלים". וואָס פֿאַר אַ הויכער ייִדישער גײַסט! אַלץ, וואָס מיר האָבן פּרובירט און עקספּערימענטירט, שטייט שוין בײַ אים".

און ווי אומפֿאַרגלײַכלעך העכער און טיפֿער עס איז משה העסעס קאָנצעפּציע וועגן אַ ייִדישער מלוכה אין ארץ־ישראל לגבי ד״ר הערצלס געדאַנק וועגן באַשאַפֿן „אַ רעכטלעך געזיכערטע היים פֿאַר די, וואָס ווילן ניט אָדער קענען זיך ניט אַסימילירן!" די אָבות פֿון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם האָבן פֿריִער אָדער שפּעטער אויסגעפֿונען, אַז דער באמת

ערשטער פריידיקער און פּאָטער פון דעם ציוניסטישן סאָציאַליזם איז געווען משה העס.

„רוים און ירושלים" — דאָס קרוינווערק פון משה העסעס שאַפן—פאַרמאָגט ניט נאָר אַ טיפן אַנאַליז פון דעם לעבן פון די ייִדן אין דײַטשלאַנד, ניט נאָר אַ טיפן אַנאַליז פון דער אַלטער אָנגעווייטיקטער פּראָבלעם פון ישראל בין העמים, נאָר אויך אַ נביאישן חזיון וועגן דעם ווידעראויפבוי פון אַ ייִדישער מלוכה און וועגן אַ צוקונפטיקער פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

דאָס בוך איז אַ פּראָדוקט פון אַ גרויסן דענקער, אַ מאָראַליסט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זײַן טראַכטן אין הויכע קאַטעגאָריעס פון מענטש און מענטשהייט, אידייען און קאַמפן, מאָראַל און עטיק, קאָסמאָס און גאָט־דערקענטעניש. באַווירקט פון די פילאָסאָפיעס פון העגעל און שפינאָזע (באַזונדערס שפינאָזע), האָט אָבער משה העס קיינע פון זיי ניט באַטראַכט ווי דאָס לעצטע וואָרט אין דעם קיניגרײַך פון מענטשלעכן געדאַנק.

ס'איז צו באַוווּנדערן זײַן טיפן בליק אין די פאַרהעלטענישן, וואָס עקסיסטירן צווישן ראַסן און פעלקער, ווי אויך זײַן ווײַטן קוק און זעלבשטענדיקן חזיון וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

משה העס האָט געזען די אַספּיראַציעס און די פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן אידעאַל ניט ווי אַן איזאָלירטע שטרעבונג פון איין פאָלק צו באַפרײַונג און ווידעראויפבוי, נאָר אין אַן אַלגעמיינער ראַם פון פעלקער, וואָס שטרעבן צו פרײַהייט, ווידעראויפבוי און פרײַהייטלעכן אינטערנאַציאָנאַליזם.

די צוקונפטיקע ייִדישע מלוכה האָט משה העס זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזאַ, וואָס איז געבויט אויף „ייִדישע ד"ה סאָציאַליסטישע יסודות", ווו עס קען ניט זײַן קיין עקספּלואַטאַציע פון מענטשן.

אין גײַסט פון ייִדישע נביאים האָט משה העס זיך פאָרגעשטעלט די צוקונפטיקע רעליגיע ווי אַ רעליגיע פון און פאַר אַלע פעלקער (כּי ביתי בית תּפילה יקרא לכל העמים), אַ רעליגיע, געבויט אויף ליבע און גאָט־דערקענטעניש.

ציוניזם איז לויט משה העס ניט נאָר דער אויפבוי פון אַ ייִדישער מלוכה, נאָר אויך די רעאַליזירונג פון דער היסטאָרישער ייִדישער מיסיע צו ברענגען דעם שבת פון געשיכטע, די פאַרווירקלעכונג פון דעם חזיון פון אַחרית־הימים, די אידייע פון האַרמאָניע, וואָס איז דער תּכלית פון דער מענטשהייט.

ביבליאָגראַפֿיע

1. משה העס, רוים און ירושלים, ז׳ 81, 2־טער בריוו. איבערזעצט פון ד״ר נ. סירקין. פּאַריז 1948.
2. דאָרט, ז׳ 96, 5־טער בריוו.
3. דאָרט, ז׳ 100, 6־טער בריוו.
4. דאָרט, ז׳ 91, 4־טער בריוו.
5. Pitirim Sorokin, Contemporary Sociological Theories, Harper & Sons, 1928, p. 232.
6. משה העס, זײַט 79, פֿאָרוואָרט.
7. משה העס, זײַט 86, 3־טער בריוו.
8. Baruch Spinoza, Tractatus Theologica Politicus, transl. by O. G. Wernham, Chap. 3, pp. 64-65.
Harry Austin Wolfson, The Philosophy of Spinoza, Vol. 2, Harvard U-ty Press, 1934.
9. משה העס, זײַט 86, 10־טער בריוו.
10. דאָרט, זײַט 86, 10־טער בריוו.
11. דאָרט, זײַט 86, 10־טער בריוו.
12־13. דאָרט, זײַט 76, פֿאָרוואָרט.
14. דאָרט, זײַט 82, 2־טער בריוו.
15. דאָרט, זײַט 86, 3־טער בריוו.
16. דאָרט, זײַט 230, נאָטע 10.
17. דאָרט, זײַט 156 און 162, 12־טער בריוו.
18. דאָרט, זײַט 162, 12־טער בריוו.
19. דאָרט, זײַט 157, 12־טער בריוו.
20. Yevreyskaya Enziclopedia, Vol. 6.
21. דאָרט, ז׳ 140.
22. מאָזעס העס, בריוו־וועקסל, אַרויסגעגעבן פון עדמונד זילבערנער. ז. גראַווענהאַגע, מוטאָן 1959. זז׳ 425—427.
23. משה העס, ז׳ 93, 5־טער בריוו.
24. דאָרט, ז׳ 65.
25. מאָזעס העס בריוו־וועקסל, אַרויסגעגעבן פון עדמונד זילבערנער, 1959. זז׳ 405—409.

ליטעראַרישע עסייען

חיים גראַדע

באַטראַכטנדיק די שעפערישקייט און דעם וווקס פון אַן ערנסטן און באַליבטן דיכטער, איז גוט אַ מאָל אַ בליק צו טאָן אויף זײַנע ערשטע טריט אין דעם פּרדס פון ייִדישער דיכטונג.

וואָס מיר זײַנען אויסן אין דעם איצטיקן פּרט איז צו פּרובירן אויפקלערן, ווי אַזוי דער יונגער ישיבה־בחור מוסרניק חיים גראַדע האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו דער וועלט און איז אַרויף אויף זײַן וווּנדערלעכן וועג פון קינסטלערישער פּאָעטישער יצירה.

קינדער־אינטערנאַט, אַרבעטער־קינדערהיים, ישיבות אין ווילנע, בעלסק, אָלקעניק, ביאַליסטאָק, אין דער ישיבה פון די נאָוואַרעדקער מוסרניקעס — אַזוי פיל פאַרשיידענע חינוך־סטאַנציעס אין דעם לעבן און אין דער דערציִונג פון דעם בחורל חיים גראַדע! יעדע פון יענע סטאַנציעס, באַזונדערס די ישיבה פון די נאָוואַרעדקער מוסרניקעס, האָט בלי־ספק געהאַט איר השפעה אויף דעם יונגן חיים גראַדע, דעם צוקינפטיקן גרויסן ייִדישן דיכטער אין די ערשטע טריט פון זײַן פּאָעטישן שאַפן.

דאָס יונגע שאַרפזיניקע בחורל האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט סײַ דאָס ראָמאַנטישע, סײַ דעם פילאָסאָפישן מהות פון מוסר.

אָבער ניט נאָר ראָמאַנטיק, נאָר אויך גרויע ווירקלעכקייט האָט אָנגעפילט די לופט אין דער ישיבה.

צוזאַמען מיט דעם שאָקלען זיך איבער די מוסר־ספרים און פאַרגײַן און פאַרדבקהן זיך אין דעם מוסר־ניגון, דעם „ניגון בהתלהבות”, האָט דאָס שאַרפע אויג פון דעם צוקינפטיקן דיכטער אויך געמוזט באַמערקן סײַ די פאַרשיידענע שײַכותן צווישן די ישיבה־בחורים גופא, סײַ זייערע שײַכותן צווישן זיך און זייערע עלטערע חברים און פון ישיבה־משגיח. דאָס איז דאָך געווען צום גרויסן טייל דאָס לעבן אין דער „פאַרמאַכטער תּיבה”, וואָס האָט נעגירט און פאַרניינט די וועלט אַרום.

די וועלט איז פול מיט רישעות און רציחה, אידעאַלן ליגן פאַרשוועכטע און צעטראָטענע פאַר די אויגן פון זייערע אַמאָליקע טרוימערס. דאָס, וואָס איז אַ מאָל געווען אָנגענומען ווי אַ דבר־אמת, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן שקר.

אָט ווי חיים גראַדע שילדערט די טראַגישע אַנטוישונג פון יענע, וואָס האָבן געזוכט אין די וועלט־קאַטאַסטראָפעס דאָס ווידערגעבוירן פון אַ געטלעכן ווונדער:

„בײַ נאַכט, ערגעץ אויף אַ שלאַכטפעלד אין אייראָפּע, טרעפן זיך אַרום אַ ברונעם אַ פאַרוווּנדעטער סאָלדאַט הבל, דעם דיכטערס פאָטער, און ער, דער דיכטער דער בן־זקונים. זיי גייען אין הקפות אַרום דעם ברונעם און זוכן דאָס ווידערגעבורט פון אַ געטלעכן ווונדער און גייען זיך דערנאָך פונאַנדער.

פאַר טאָג טרעפן זיי זיך ווידער אַרום דעם ברונעם און גייען ווידער הקפות, אָבער דאָס מאָל מיט „פסולע תורות״.

הבל, דער קרבן, איז גרייט מוחל צו זײַן, אַבי צו באַנײַען דעם אידעאַל פון מענטשלעכער פאַרברידערונג, אָבער קין לויפט אים אַנטקעגן און טייט אים מיט אַ מעסער.

דער טאַטע, אַן אַנטוישטער אין קבלה, איז גרייט צו שווערן, אַז משיח איז בלויז אַ חלום. אָבער זיי מאַכן נאָך אַלץ זייערע הקפות ביז דעם סאַמע פרימאָרגן.

„און עס טרינקען די שטערן דאָס גיפט פון די עמער
און ווערן אויך שוואַרץ פון די וועלט־קאַטאַסטראָפעס״.

(„יאָ״)

ווו און וואָס איז דער ענטפער ?

זאָל זײַן אַז ס׳איז סדום אויף דער וועלט, אָדער ווי גראַדע דריקט זיך אויס, אַז „אייביק איז סדום און איר קראַפט איז געזעץ״ — איז ווער איז דער שולדיקער ?

ס׳וועט דאָך זיכער ניט זײַן אין הסכם מיט דעם גײַסט פון מוסר צו זאָגן, אַז „אַלע זײַנען שולדיק און נאָר איך בין אומשולדיק״. אָדער אַפילו „אַז אַלע מענטשן זײַנען שולדיק און איך אויך״ און ס׳איז דאָך שווער אָנצונעמען, אַז „אַלע זײַנען אומשולדיק און נאָר איך בין דער שולדיקער״. צו טראָגן אויף זיך אַזאַ שולד וואָלט דאָך שווער געווען אַפילו פאַר דעם גרעסטן צדיק־הדור.

און אויב מיר מאַכן ניט קיין טעות, האָט דאָך טאַקע ר׳ יוסף יוזל הורוויץ, דער „אַלטער פון נאָוואַרעדעק״, געלערנט, אַז „ניט אַלע מענטשן אונטערן מענטש, ניט דער מענטש אונטער אַלע מענטשן, נאָר דו פאַר אַלעמען און אַלע פאַר דיר״.

איז, בכן, אפשר פאָרט מעגלעך צו זאָגן, אַז די וועלט איז ניט כולו חייב און אַז עס איז פאָרט מעגלעך צו געפינען עפּעס גוטס אין אונדזער זינדיקער וועלט ?

טראַכט טאַקע חיים גראַדע, אַז עס קען דאָך ניט געמאָלט זײַן, אַז זײַן „גרויע מאַמע און איר בלאָנדער זון (און אַנדערע גרויע מאַמעס און זין — וו. ש.) זאָלן זײַן פאַרמישפּט אייביק צו וווינען אין אַ וועלדל אַ שוואַרצן ווי טשוגון״ און אַז „די אָרעמקייט זאָל אייביק זיך אַרויסווײַזן פון דעם שוואַרצן קוימען אויפן דאַך״ („יאָ״).

דאָס בחורל חיים גראַדע (חיים ווילנער) גריבלט זיך אין זײַנע געדאַנקען און וויל געפינען אויב ניט קיין באַשייד פאַר די פראַגעס, וואָס עגבערן זײַן מוח, איז לפּחות אַ מיינונג וועגן דעם זין פון דער ישיבה.

ער גייט ניט צום ישיבה־בחורל יוסף קאָוולער, וואָס האָט אַ נדר געטאָן קיין מאָל נישט „אַוועקצוגיין אַהיים אויף יום־טוב״, ער גייט אויך ניט צום וואַרשעווער בחורל, דעם לץ, וואָס חוזקט אָפּ פון דעם טלית־קטן,

און אויך ניט צו כלאַוונעם דעם מצוין, צום אָסטראָוואָליער, וואָסביידע זײַנען זיי יחסנים און עסן פּרײַטיק בײַם ראָש־הישיבה, ניט צוזאַמען מיט אַנדערע ישיבה־בחורים — ער גייט צום שטאַרק געפּרוווטן און יסורימדיקן אַפּיקורס, ליבער, און ווײַל פון אים הערן אַן ענטפער.

מיט ביטערניש און צער דערציילט אים ליבער וועגן זײַנע איבערלעבונגען און נסיונות, וואָס אין סך־הכל האָלט ער, אַז נאָוואַרעדעק האָט אים דאָס „האַרץ פאַרסמט". און חיים ווילנער, דער מבקש (חיים גראַדע), קריגט דעם ענטפער:

„גוט, איך װעל אײַך ענטפערן, איך בין געפאָרן צוליבן הונגער — — — — — און איר אַנטלויפט!

„איר בענקט און שלינגט ווי הייסע אײַזנס — ליגן, שלעפּט איר זיך אַוועק; דאָס פּנים אין די הענט פאַרגראָבט איר זיך אין אַ בית־מדרש־לאָך און מיט אַ ניגון ווילט איר אָפּטייטן דאָס האַרץ אין זיך וואָס ברענט".

(„מוסרניקעס").

דער שאַרפזיניקער מבקש חיים ווילנער וויגט זיך צווישן זײַן אמונה אין דער ישיבה און ספיקות.

ס'איז, בכן, זיך פאָרצושטעלן, אַז שטייענדיק ווי אַלע מוסרניקעס מיטן פּנים צו דער וואַנט, זאָל דער מבקש חיים ווילנער אַ מאָל אין זײַן דימיון אויך דערזען זיך שטייענדיק „מיטן פּנים צו דער וועלט", ווו דאָס לעבן ווערט געלעבט.

און אַז דאָס לעבן איז נאָך אַלעמען ווערט געלעבט צו ווערן, האָט ער דאָך געהערט פון דעם בעטלער, וואָס האָט אים אויף דער פראַגע, צי ער, דער בעטלער, וויל לעבן? געענטפערט מיט אַ יאָ:

„אָפּט פעלט אויס ברויט, נאָר אַ שאָד איז
צו שטאַרבן" („יאָ").

ווי עס ווײַזט אויס, האָט דער מענטש ערגעץ אין די טיפענישן פון זײַן נשמה נאָך אַלץ בטחון אויף עפּעס בעסערס, ניט קוקנדיק אויף מיכשולים און נסיונות.

איז דאָך טאַקע דער אַלטער פון נאָוואַרעדעק נאָך אַלע זײַנע נסיונות, התבודדות, שבירת־הרצון, בירור־המידות, אַלץ געבליבן פול מיט בטחון אויף זײַן שטייגער.

און דער מוסרניק ווערט באַהערשט פון דעם רוממות־האָדם — אַ געדאַנק, וואָס ברענגט אים אַ שטראַליקן אָפּטימיזם. האָט דאָך טאַקע ר' נאָטע־הירש פינקל, דער „אַלטער פון סלאָבאָדקע", געלערנט, אַז דאָס לעבן איז ווי אַ לייטער צו שטײַגן אַלץ העכער און אַז דער מענטש איז אַ הולך קדימה, לכן „מוז מען אַרויף". און אפשר האָט אויך די וועלט, ווי דער יחיד, אירע אַראָפּן און אַרויפן, און עס איז אפשר טאַקע מעגלעך, אַז די וועלט וועט סוף־כל־סוף גיין אַרויף.

עס קומט אַ צײַט, ווען מען דאַרף זיך געזעגענען מיט דער אייגענער היים, בכדי צו קאָנען אַרויף אויף דעם וועג, וואָס פירט צו ברייטע האָריזאָנטן.

אַ בײַשפּיל זעט דער דיכטער אין דעם פויגל „וואָס צעזעגנט זיך שטיל מיט זײַן נעסט און נעמט שטײַגן אַרויף צו די וואָלקנס" („יאָ").

אָט די נײַע ווענדונג, דער נײַער טראָט קומט גראַדעון ניט אָן לײַכט. עס פאָדערט זיך אַ שטאַרקער אינעווייניקסטער כוח צו קענען איבערוועלטיקן דעם פעסימיזם, זיך אַליין „אריבערשפּאַנען ווי אַ בריק", ווי גראַדע דריקט זיך אויס. ווי באַהערשט פון אַן אַנטפלעקטער מיסיע, זעט זיך דער דיכטער אין זײַן דימיון שטײַגנדיק מיט זײַן ליד „צום אייביקן אַרויף".

„וואָס איך בין געווען איז איצט אַזוי ניט וויכטיק,
וויכטיק איז פאַר מיר וואָס איך וועל זײַן !
ווי אין מיטן טאָג ווערט אין מײַן צימער ליכטיק,
ליכטיק ווערן מײַנע ווערטער אין לבנה־שײַן".

איין מאָל באַשלאָסן „אויף אַרויף", מוז מען אין זיך גובר זײַן אַלע ספיקות, וואָס קאָנען, חלילה, ווערן דער גורם צום פאַלן אַראָפּ.

„וועל איך מײַן האַרץ, וואָס איז ניט מוטיק,
אַפילו מיט געוואַלד באַפעלן : גלויב !"

(„יאָ")

און שטעלנדיק זיך מיטן פּנים צו דער וועלט, קען ער איצט זאָגן :

גלויב ! די פינגער מײַנע ציִען זיך ווי שטראַלן,
„ווי טרערן רינט פון מײַן געזיכט דער בלאָ,
מײַן האַרץ, דערשלאָג זיך צו דעם קוואַל פון אַלע קוואַלן,
דערלאַנג זיך צו דעם ערשט זאָגנדיקן : יאָ !"

(„יאָ")

אָט די זיך־באַוווסטע אַנטשלאָסנקייט, צו וועלכער גראַדע איז געקומען נאָך אַן אינעווייניקסטן געראַנגל און חשבון־הנפש, איז דער גליקלעכער אָנהייב אין זײַן פּאָעטישן שאַפן.

די דימיונות פון דעם שאַרפזיניקן מוסרניק־מבקש חיים גראַדע קריגן דעם תּיקון אין זײַן שיינעם פּאָעטישן וואָרט און פערז :

„קומען מחשבות צו מיר ווי אַ בלום אין פעלד,
זעצן זיך שבעה אַוועק אויפן גורל פון וועלט".

אָדער :

„אַ קעלערשטוב חלומט פון האָבן
אַ שויב צו אַ זוניקער גאַס".

אַזעלכע און ענלעכע פערזן זײַנען דער סימן־מובהק פון זײַן פּאָעטישן

כּוח־היצירה אָנצוקליידן מחשבות אין שיינע, סובטילע, פּאָעטישע סימבאָלן.

שוין אין זײַנע ערשטע פּאָעטישע טריט זעט זיך קלאָר אַרויס דער צוקינפטיקער זינגער־זאָגער אָדער זאָגער־זינגער.

דער שאַרפזיניקער מוסרניק אין אים „זאָגט"; דער פּאָעט אין אים „זינגט" און ביידע צוזאַמען באַשאַפן דעם אוניקום אין אונדזער ייִדישער דיכטונג — חיים גראַדע.

מאָטיוון אין גראַדעס חורבן־לידער

ווער וועט טרייסטן דעם עמער,
וואָס הענגט איבערן פינצטערן ברונעם,
אַז די דאָרשטיקע לעמער
צום ברונעם מען זעט שוין ניט קומען ?
ה. לייוויק
(לידער פון אומקום)

מיט ציטער בין איך צוגעטראָטן צום לייענען דאָס צווייטע מאָל „דער מענטש פון פײַער" פון חיים גראַדע.

— לייענען ?

— ניין, ניט לייענען, נאָר זאָגן, אָט אַזוי ווי מען זאָגט תּהילים. און אפשר גאָר זיך אײַנהערן אין די טרויער־מאָטיוון פון די לידער, אַזוי ווי מען הערט זיך אײַן אין דעם אַני הגבר־ניגון פון די איכה־געזאַנגען. ווײַל די לידער פון חורבן פון אונדזער דיכטער זײַנען ווי איכה־געזאַנגען נאָך דעם גרויסן בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפן.

ווי אַ מאָל דער נביא ירמיהו אין די גאַסן פון ירושלים, אַזוי איז אויך דער דורכגעווייטיקטער דיכטער גראַדע אין דעם אומקום־לאַגער פון מײַדאַנעק.

„איך האָב שיך געזען אין לאַגער פון מײַדאַנעק, / נאָר ניט די פיס און ניט די שפּורן פון די טריט" — אַזוי זינגט גראַדע אין איינעם פון זײַנע לידער.

גראַדע איז געבענטשט מיט דעם טאַלאַנט צו קענען זיך אין דימיון אויסמאָלן בולטע בילדער פון קערפּערלעכע און גײַסטיקע יסורים, אַזוי אַז מיר קענען אין זײַנע לידער דערפילן ניט נאָר דעם ווײי פון די צום טויט פאַרפײַניקטע, נאָר אויך דעם טיפן ווייטיק פון דעם דיכטער דעם פליט און זײַן שולדגעפיל, וואָס ער האָט זיך געראַטעוועט פון טויט.

עטלכע לידער מאַכן דעם אײַנדרוק פון אַ דיאַלאָג, וואָס דער דיכטער פירט מיט די געשטאַלטן, וואָס ער זעט אין זײַן דימיון. אין דער אמתן זײַנען די לידער „איך — דו" מאָנאָלאָגן, וואָס גראַדע, דער דיכטער מוסרניק, פירט מיט זיך אַליין און איז זיך מתוודה אויף זײַן פּײַנלעכן געפיל פון שולד. די אורחים זײַנע אין דעם ליד זײַנען „געהיימע געסט" „אָן געביין און אָן גופים", אַפילו „אָן געשטאַלטן", זיי זײַנען אויפגעברויזטע יסורים, וואָס גייען אים נאָך אויף זײַן וואַנדערוועג, זײַן ווידוי בלחש.

און אָט ווי אַזוי ער איז זיך מתוודה : „זײַט וויסן, מײַנע געסט, איך לעב דאָ אַ פאַרשטעלטער, / איך האָב געמיינט, איך בין אַנטלאָפן פון דעם טויט, / אַנטלאָפן אין אַ גוף, וואָס ברעכט זיך און ווערט עלטער / און אַ געשאָנקען העמד איז מיר מײַן לײַב, מײַן הויט" (ז׳ 10).

דער דיכטער נעמט אויף זײַן גורל ווי אַ שליחות אויסצופירן דאָס הייליקע געבאָט פון די אומגעקומענע : צו פאַרשרײַבן אַלץ וועגן חורבן און די שליחות זאָל מכפּר זײַן אויף זײַן חטא פון אַנטלויפן פון טויט און זאָל באַרעכטיקן זײַן לעבן.

„כּדאַי איז מיר צו לעבן אויף אַ וועלט אַ פרעמדער / אַז איך זאָל קענען אײַך מחיה־מתים זײַן / ביז איך וועל אויסטאָן זיך פון די געשענקטע העמדער / און איך וועל אויך ווי איר זיך אומוואַנדלען אין שײַן" (דאָרט).

קען מען פאַרגעסן דעם חורבן ? די באַקוועמלעכקייטן אין אונדזער לעבן זײַנען דאָך אין אַזאַ שאַרפן, כ׳וואָלט געזאָגט טראַגישן קאָנטראַסט צו דעם גורל פון די אומגעקומענע און דאָך קען אַ מאָל די בלויזע צופּאַסונג צו נײַע און באַקוועמע אומשטאַנדן, בלויז אַ גענוס פון אַ ביסל זונשײַן גורם זײַן, אַז דער דיכטער (און מיר מיט אים) זאָל, חלילה, געשטרויכלט ווערן מיט שיכחה.

ווי אַ וואָרנונג און אויך אַ פּראָטעסט קעגן דעם חטא פון פאַרגעסן קלינגט דאָס ליד „מעבל". גראַדע האָט אין דעם ליד דאָס „דאָיִקע" פאַרוואַנדלט אין דעם „ניט־דאָיִקן". דאָס שטוביקע מעבל אין זײַן חדר ווערט פאָרגעשטעלט ניט ווי מעבל, נאָר ווי חורבות, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט אין ביכערשאַנקען אָדער פּליושענע שטולן און מיט זיי (מיט זיך!) פירט ער עס זײַן שמועס. ער הערט דאָס מעבל טענהן :

„ער האָט פאַרגעסן זײַנע שבועות בײַ די קברים / און וויל אונדז, זײַנע מעבל, אײַנדעקן אין פּליוש / און לעבן אין די ספרים מעשה־ביכער־וואָרעם / און שטאַרבן אויף זײַן בעט בנשיקה, מיט אַקוש" (ז׳ 12) ; „איז לאָמיר אויסטאָן זיך פון אונדזערע פּרצופים / און ווײַזן אים, אַז מיר — מיר זײַנען חורבות גאָר" (ז׳ 12).

שיין און רירנדיק איז די לענגערע לירישע פּאָעמע „די לײַכטער", וואָס סימבאָליזירט דעם גורל פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. אויפגעבויט ווי אַ מעשהלע וועגן צוויי שבת־לײַכטער, פאַרמאָגט די פּאָעמע דעם חן פוון ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט. דער דיכטער הייבט אָן

דאָס ליד מיט אַ בילד פון אַ שבת־בין־השמשות אין אַ ייִדיש הויז. די צוויי ליכט אין די שבת־לײַכטער האָבן לאַנג שוין אויסגעברענט, און אַנשטאָט צו פאַרבלײַבן אין דעם חושך, לאָזן זיך די לײַכטער אין וואַנדער אָפּצוריכטן גלות. בלויז דער טישטעך בלײַבט אין חדר. זיי וואַנדערן דורך חרובע ייִדישע ייִשובים אין בית עלמנס און גייען זיך דערנאָך פונאַנדער אויף פאַרשיידענע וועגן צו דעם זעלבן ייִדישן אַמאָל, ביז זיי טרעפן זיך ווידער אין זייער שטעטל ערב־שבת און דערזעען אַ טרויעריק בילד:
„אין פענצטער פינקלט ניט קיין ליכט / און ביידע זעען אויס ווי ס׳וואָלט אַ מענטש געבעטלט / מען זאָל אים געבן אין זײַן אייגן הויז אַ ווינקל" (ז׳ 22).

אין זײַן דימיון באַגלייט דער דיכטער די לײַכטער אויף זייער וואַנדערוועג און איז שטאַרק באַזאָרגט, ווו עס וועלן די צוויי „ניסימדיקע גייער" האַלטן שבת. ער זעט זיי אין אַ שטיבל אין ירושלים, ווו דאָס שבת־ליכט איז ניט פאַרלאָשן. ער זעט זיי אויך אין פוילן, ווו דאָס ייִדישע לעבן איז פאַרטיליקט און ייִדישע טעכטער געראַטעוועטע פון טויט טראָגן צלמים, כּדי צו פאַרהוילן זייער אָפּשטאַם. ער זעט זיי אויך אין רוסלאַנד, ווו זיי טוען בלאָנדזשען ווי יתומים. דער מוסר־השׂכּל איז קלאָר און נייטיקט זיך ניט אין קיין אויפקלער.

רירנדיק, טיף און אַרכיטעקטאָניש שיין אויפגעבויט איז די פּאָעמע „מוזיקאַנטן". דער אָנהייב — אַ בילד:
„איבער אָפּגרונטן און שנייאיקע שיפּועס / שטייען מוזיקאַנטן מיט צעשטראַלטע בליקן / און איך הער אין חלום דעם געשפּילטן שמועס / פון די פײַפיאָלן מיט די פידלסמיקן" (ז׳ 17).

דאָס דאַוונען זיי מיט התלהבות. דער דיכטער דערמאָנט זיך אָן די אַמאָליקע שפּילערס אויף קאַטערינקעס, זינגערס אויף יאַרידן און קלעזמער־קאַפּעליעס אין דער אַלטער היים. אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ פרעמדער וועלט „זוכט" ער זיך אָפּ אַ קאַפּעליע (אין זײַן דימיון) און בעט זיך בײַ זיי, אַז זיי זאָלן פאַרשפּילן זײַן טיפן אומעט. „שפּילט קלעזמאָרים און פאַרשפּילט מיר מײַן אַבלות / כאָטש איך האָב אַײַך צו מײַן חופּה ניט גערופן. / און זיי שפּילן אין פאַרטאָג פון כּולו תּכלת / ווי פון שניילעכט און פון זונשײַן בגילופין" (ז׳ 20—17).

דער גורל האָט אָבער דעם דיכטער אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. צוזאַמען מיטן גוף זײַנען אים פאַרבליבן די זכרונות פון יענע טרויעריקע טעג. די מוזיקאַנטן זענען ניט דעריבער פאַר אים קיין אַנדער אויסוועג, סײַדן ער זאָל זיך באַהעפטן מיט דעם כּלל, אפשר וועט ער אין זייער גורל געפינען אַ טרייסט.

און זיי ווענדן זיך צו גאָט מיט אַ בקשה: „— — — ענטפער דו אים אויף זײַן ניט־פאַרענטפערט לעבן / וואָס מיר ווייסן, זאָגן מיר אים: לעת־עתּה / לעב מיט דעם, וואָס ווערט דיר יעדן טאָג געגעבן" — — —

„אָבער דו אין הימל, האַרצעדיקער טאַטע / ווייסט דאָך בעסער אַלץ, איז ענטפער אים פון הימל!".

געדענקען, צי פאַרגעסן און פאַרגעבן ? איז דער מאָטיוו, וואָס איז אָנגעוווּנקען אין דעם ליד „דער הינטישער נומער". אַ בלעכענער נומער „צוויי טויזנט מיט זיבן", אַ געפונענער ערגעץ אין ברוכוואַרג אין דער געטאָ, ליגט באַהאַלטן בײַם דיכטער אין זײַן ביכערשאַנק. אָבער דער נומער גיט אים ניט קיין רו. ער „שאַלטעוועט" איבער אים ממש ווי אַ געץ. ווער איז געווען יענער צום טויט פאַרמישפּטער, וואָס האָט געטראָגן דעם נומער ? פרעגט זיך דער דיכטער : זײַן מאַמע ? זײַן ווײַב ? אָבער קיינער קען אים דעם ענטפער ניט געבן, אפשר גאָט אַליין.

דער נומער רופט בײַם דיכטער אַרויס ניט נאָר אַ בענקעניש נאָך זײַנע טײַערע, נאָר אויך מחשבות וועגן חורבן. אָבער דאָס טראָגן זכרונות וועגן חורבן הייסט דאָך אויך טראָגן אַ שינאה־געפיל צו די רשעים און רוצחים, און טראָגן אַ שינאה־געפיל מיינט דאָך נטירה, אַ געפיל, וואָס איז אויך נאָענט צו דאָרשט נאָך נקמה — און דער דיכטער איז אין קלעם :
„איך ווייס עס איז טמא געוואָרן מײַן בענקען / ווײַל גאָט איז די ליבשאַפט צו מענטש און צו ייִשוב / און איך האָב געשוואָרן די חורבות געדענקען" (ז' 14).

און דאָך איז ער גרייט צו פאַרבלײַבן אַן עבד־עבדים צום נומער, דעם אָפּגאָט, אויב יענער וועט אים „אָפּשפּיגלען דאָס געזיכט פון בן־אָדם, וואָס האָט דעם נומער געטראָגן", אָבער דער געץ, דער נומער, בלײַבט שטום און „וויינט מיט פאַרזשאַווערטע טרערן".

אין זײַן צײַט האָט דער נביא ירמיהו באַטראַכט דעם חורבן ווי אַ שטראָף פון גאָט, ווײַל די ייִדן האָבן געזינדיקט, ניט געגאַנגען אין די וועגן, וואָס גאָט האָט געבאָטן, פאַרלאָזט די תּורה. „אני הגבר ראה עני בשבט עברתו" — ייִדן האָבן פאַרלאָזן גאָטס תּורה, האָט די תּורה פאַרלאָזט די ייִדן.

ווי געפלעפטע שטייען מיר נאָך הײַנט אין אָנבליק פון גרויסן בראָך אין אונדזער צײַט און קענען ניט געפינען דעם ענטפער : פאַר וואָס דער צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזער פאָלק אין אונדזערע טעג ? פאַרן חורבן האָט דאָס גײַסטיקע ייִדישקייט, די ייִדישע תּורה אין ברייטסטן און טיפסטן זין פון וואָרט, מיט אירע טיפע וואָרצלען אין ירושלים און צפת, זיך צעבויט און צעוואַקסן. געשפּײַזט מיט דעם זאַפט פון פאַרוואָרצלטער גײַסטיקייט פון אַמאָל, זײַנען אין די ייִדישע ייִשובים געשאַפן געוואָרן אַלץ נײַע און נײַערע אוצרות, אוצרות טיפע און דערהויבענע. דאָס ייִדיש־גײַסטיקע וואָרט, גאָטס תּורה, האָט אָנגעפילט די ייִדישע היים, דאָס ייִדישע לעבן ניט נאָר אין פוילן און אין ליטע, נאָר אומעטום, ווּ נאָר אַ ייִדישער ייִשוב האָט אין זיך געפילט אַ ניצוץ פון

גלויבן אין זײַן ייִדישן קיום און המשך. איז געקומען דער חורבן, און ווי פֿאַרשאָטענע שטייען איצט יענע טיפֿע, גײַסטיקע ברונעמס.

און אָט ווי אַזוי גראַדע שילדערט אונדזער גײַסטיקן חורבן אין זײַן ווונדערלעכער סימבאָלישער פּאָעמע „אַ תּורה אָן ייִדן”:

— — — „אין פּוילן און ליטע שטייט מער ניט זײַן כּסא־הכּבוד / ער האָט פֿאַר די פֿיס ניט קיין אָנשפּאַר — קיין הילצערנע קלויזן, / זײַן טאָכטער, די תּורה, וואָס ער האָט אייביק געכאָוועט / זײַן טאָכטער זינגט איצט מיט אַ פּוסטקייט אין האַרץ שיר־השירים / אַ פּוסטקייט פֿון מערק נאָך צעפּאָרענע גרויסע יאַרידן / נישטאָ מער קיין דאַוונער, וואָס שרײַען צום בורא : באַשירעם ! / ס'איז שבת־שבתון, די רו פֿון אַ תּורה אָן ייִדן” (זײַט 24).

נאָך מער, דער חורבן האָט מיט זיך געבראַכט אַ סך סכּנות, וואָס לויערן און באַדראָען אונדזער ייִדישן קיום און המשך. דער נײַער וואַקסנדיקער דור האָט זיך ווי אָפּגערוקט פֿון אונדזער קולטור־ירושה. ווי פֿאַרלאָזענע אָדער פֿאַרגעסענע שטייען ייִדישע ספֿרים, וואָס ווערן ניט געלערנט. דער יונגער דור „די הײַנט־צײַטיקע חתנים ווילן גאָטס טאָכטער ניט נעמען”. און ס'איז אַנטשטאַנען אַ מין טראַגישער רוטאָג אָדער ווי גראַדע דריקט זיך אויס : אַ שבת־שבתון, די רו פֿון אַ תּורה אָן ייִדן.

איז אפֿשר גערעכט גראַדע, ווען ער וויל זיך דערקלערן פֿאַר וואָס די תּורה איז אָן ייִדן ? ווען ער ענטפֿערט : „ווײַל זי האָט תּרעומות געהאַט צו די לײַט פֿון געוועלבער / האָט זי זיי פֿאַרזינדיקט, די שטעטלשע הענדלער און שמידן” (זײַט 25).

די דערמאָנטע לידער צייכענען זיך אויס ניט נאָר מיט זייער בילדלעכקייט, אימאַזשן און סימבאָלן, ניט נאָר מיט זייער אויסגעהאַלטענעם אַרכיטעקטאָנישן געבוי, נאָר אויך מיט זייער קוואַליקן ייִדישן לשון.

ווי באַפֿליגלטע קומען צו גראַדען די פּשטותדיקע ייִדישע ווערטער און שטעלן זיך אויס אין די שורות פֿון זײַנע לידער, לידער־בילדער פֿון אונדזער נאַציאָנאַלן חורבן. אַלע לידער צוזאַמען זײַנען איין גרויס אי־כה־געזאַנג, וואָס אין אים קומט צום אויסדרוק דער נאַציאָנאַלער צער דורך דעם דיכטערס וויי, דורך זײַן ווידוי בלחש. און דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ גרויסער ליריקער, אַ מוסרניק־פּאָעט.

„אין מלכות פון צלם"

(שטריכן צו א. צ. גרינבערגס פערזענלעכקייט)

ווען דער ערשטער נומער „כאַליאַסטרע" איז אַרויס אין וואַרשע אין 1922 אונטער דער רעדאַקציע פון פרץ מאַרקיש און י. י. זינגער, האָט דער פּאָעט משה בראָדערזאָן געווידמעט דעם ווײַטערדיקן פערז ווי אַ מאָטאָ צום זשורנאַל :

„מיר יונגען, מיר פריילעכע, צעזונגענע כאַליאַסטרע,
מיר גייען אין אַן אומבאַשטימטן וועג
אין טיפע מרה־שחורהדיקע טעג און נעכט פון שרעק".
."Per Aspera ad Astra"

צווישן די באַטייליקטע אין דעם זשורנאַל איז אויך געווען אורי־צבי גרינבערג. זײַן בײַטראַג אין יענעם נומער איז געווען אַ טייל פון זײַן פּאָעמע „די וועלט באַרג אַראָפּ" — ווײַט ניט קיין פריילעכער מאָטיוו.

אַ שטאַרק געפּרוּווטער דורך זײַנע איבערלעבענישן ווי אַ סאָלדאַט אין דער וועלט מלחמה אויפן עסטרײַכיש־סערבישן פראָנט און דערנאָך אין דעם פּוילישן פּאָגראָם אויף ייִדן אין לעמבערג ; אַן אַנטוישטער אין דער אויפגעשטורעמטער ווייטיקדיקער וועלט פול מיט רציחה און מאָרד, האָט א. צ. גרינבערג זיך לײַכט אידענטיפיצירט מיט דער כאַליאַסטרע ווי איינער פון איר, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין אין אַ וועלט, וואָס איז צו „שקיעה געקומען".

„מאַמע", ווענדט ער זיך צו זײַן מוטער אין איינעם פון זײַנע פערזן, „מיר קומען צו גיין פון אַ לאַנד, ווו ס׳איז ליבע ניטאָ און ס׳איז גאָט ניט פאַראַן, / ס׳איז מבול אין קאָפּ און ס׳איז שקיעה אין בלוט. / די פינצטערע ערד איז אַ בלינדער פּלאַנעט, / און ווײ איז צו איר וואָס זי ליגט אַזוי שוואַרץ / אונטער הײַזער און פיס" (וועלט באַרג אַראָפּ).

אַוודאי איז א. צ. גרינבערג אויך, ווי די אַנדערע מיטגלידער פון דער כאַליאַסטרע, געווען קעגן דעם אָנגענומענעם נוסח פון דיכטונג, און אפשר נאָך מער און שאַרפער ווי זיי געפאָדערט אַ רעוויזיע, וואָס זאָל פירן צו אַ ייִדישן נוסח און אַ ייִדישער פאָרעם אין גײַסט פון דעם מצב און גורל פון דעם ייִדישן פאָלק. ער האָט עס שפּעטער אויסגעדריקט אויף אַ שאַרף־קלאָרן אופן : „סרקו בשרי במסרקות של ברזל, ומן השאלה לא אחדל : כיצד כותב משורר עברי סוניטות ואידיליות? („כלפי תשעים ותשעה") — „אַפילו איר זאָלט רײַסן מײַן לײַב מיט אײַזערנע קאַמען, וועל איך ניט אויפהערן צו פרעגן : ווי אַזוי שרײַבט אַ ייִדישער דיכטער גאָר סאָנעטן און אידיליעס ?".

א. צ. גרינבערג קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן אַ קינסטלערישע

סטרוקטור צוליב סתּם קונסט, בעת דאָס ייִדישע פֿאָלק לעבט דורך צײַטן פֿון גרויל און דעם פֿאָלקס זכרונות זאָגן עדות „אויף אַ לעבן פֿון אומגליק דורך דורות". ס'איז קלאָר: דער ייִדישער דיכטער איז אַ זון פֿון זײַן פֿאָלק און דער גורל פֿון זײַן פֿאָלק איז אינטים פֿאַרבונדן מיט דער נשמה פֿון דעם ייִדישן דיכטער, און ווען דער פּחד פֿאַר דעם „לאַנגן מעסער" דריקט דעם ייִדן אין די חושכדיקע טעג און נעכט, קען דער ייִדישער דיכטער ניט בלײַבן נייטראַל און טענהן, אַז זײַן מיסיע ווי אַ דיכטער איז נאָר צו שאַפֿן קונסט לשם קונסט.

א. צ. גרינבערג האָט דערבײַ ניט געמיינט צו פֿאַרלייקענען זײַנע ערשטע זאַמלונגען „ערגעץ אויף די פֿעלדער" (1915), „פֿאַרנאַכטנגאָלד" (1921), וואָס פֿאַרמאָגן לידער אויף מאָטיוון פֿון ליבע און רעליגיעזע מאָטיוון, וואָס קלינגען ווי תּפֿילות. יענע לידער האָט ער געשאַפֿן פֿיל פֿריִער, איידער די סכּנות פֿון גרויל און אומזיכערקייט פֿאַר דעם ייִדישן קיום אין די גלות־לענדער זײַנען אים געוואָרן קלאָר. איצט אָבער איז די צײַט געקומען און מאָנט פֿון אים פּערזענלעכע פּאַרטיפֿונג אין דעם גורל פֿון זײַן פֿאָלק.

ס'איז אויך געקומען די צײַט פֿון רעוויזיע, און פֿון אַן אינדיווידואַליסטישער קונסט גייט ער אַריבער צו אַ קונסט, אין וועלכער דער דיכטער פֿילט זיך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַן ייִדיש פֿאָלק. זײַנע לידער נעמען אָן אַן אַנדער אינהאַלט און אַן אַנדערע פֿאָרעם. „די וועלט באַרג אַראָפּ", מעפּיסטאָ", די לידער אין „אַלבאַטראָס" זײַנען פֿון גאָר אַן אַנדער זשאַנער און פֿון גאָר אַן אַנדער נוסח און פֿאָרעם.

די צוואַנציקער יאָרן פֿון איצטיקן יאָרהונדערט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אומזיכערקייט פֿאַר דעם ייִדישן קיום אין אייראָפּע, באַזונדערס אין פּוילן און אוקראַיִנע. עס זײַנען אין דעם ייִדישן לעבן געווען פֿאַרשיידענע גרופּירונגען מיט פֿאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס און ענטפֿערס אויף דער שטאַרק־אָנגעווייטיקטער ייִדן־פֿראַגע. געווען צווישן ייִדן אַזעלכע גרופּירונגען, וואָס האָבן נאָך אַלץ געגלייבט אין די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע און באַטראַכט די ייִדן ווי גלײַכע שותּפֿים מיט די אײַנגעזעסענע בירגערס אין די לענדער, ווו ייִדן האָבן געלעבט. הגם די באַלעבאַטים־בירגערס האָבן דאָס שותּפֿות ניט אָנערקענט און אָפֿן אויסגעדריקט זייער שׂינאה צו ייִדן ווי צו פֿרעמדע, דאָך האָבן יענע ייִדישע אידעאָלאָגן געטענהט, אַז די גרויליקע צײַט וועט אַריבער און די פּרינציפּן פֿון גלײַכהייט און ברידערלעכקייט וועלן טריומפֿירן. געווען אויך אַזעלכע, דער עיקר צווישן דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע, וואָס זײַנען פֿאַרגלייבט אין ביאת־המשיח, און די רדיפֿות און פּאָגראָמען אויף ייִדן אויסגעטײַטשט ווי צייכנס, אַז משיחס אָנקומען איז נאָענט.

אָבער בולטער פֿון אַלע גרופּירונגען זײַנען געווען בלויז צוויי: די קאָמוניסטן און די ציוניסטן. די קאָמוניסטן האָבן געזען אין די

רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן דעם קאַמף און דאָס געבורט פון אַ נײַער, יושרדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, געבויט אויף ליבע און מענטשלעכער פאַרברידערונג פון פעלקער. ברידערמאָרדן, ברידערקריג, פאָגראָמען אויף ייִדן זײַנען, לויט דער מיינונג פון יענע אידעאָלאָגן, געווען בלויז בײַפּראָדוקטן פון דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס אויפן וועג צו דער געגאַרטער סאָציאַלער אָרדענונג — סאָציאַליזם, אָדער לויטן רוסישן נוסח : „אַז מ׳האַקט ביימער אין וואַלד — פאַלן שפּענער״.

א. צ. גרינבערג האָט ניט געקענט מסכּים זײַן מיט אָט דער אידעאָלאָגיע. נאָך אין זײַן בוך לידער „ערגעץ אויף די פעלדער״, געדרוקט אין 1915, האָט ער אויסגעדריקט ספקות אין „יענע זוניקע וועלטן״, וועגן וועלכע מענטשן דערציילן. „בלוטיקע וועגן״, האַלט ער, פירן צו יענע „זוניקע וועלטן״, וויל ער ניט יענע זוניקע וועלטן, מחמת ער וויל ניט באַטרעטן יענע „בלוטיקע וועגן״. און ניטאָ בײַ אים אין דער פראַגע קיין וואַקלדיקייט.

אין יענער צײַט האָט ער געזאָגט וועגן אַ גאַנץ קלאָרן וועג, וואָס פירט צום ווידעראויפלעב פון דעם ייִדישן פאָלק אין דעם לאַנד פון די אָבות. דער געדאַנק איז אים געווען פאַרבונדן מיט אַ גלויבן אין אַ מיסיע, צו וועלכער ער איז באַרופן.

דאָס זעט מען קלאָר אויסגעדריקט אין זײַן ליד „מיין מאַמען״, געדרוקט אין זײַן בוך „פאַרנאַכטנגאָלד״, 1921. זײַן מאַמע אַנטפּלעקט זיך צום אים אין שײַן פון אַ יעדער מאָל שקיִעה און מיט איר האַנט ווײַזט זי אים אָן צום באַרג, ווו עס שטייט נאָך דער יתומער מיקדש פון הייליקע אָבות און ער טראַכט :

„איך בין איינער וואָס זאָל זיך פאַרהילן / אין הייליקן זײַד־קלייד און קומען באַלויכטן / אין שטילע פאַרנאַכטן אויף ווידער דעם מיקדש״.

אַז די מיסיע ווערט אים נאָענט און אַז ער איז צופרידן מיט איר, זעען מיר אין אַ צווייט ליד אין זעלביקן בוך :

„און איך בין נישט מער נאָר אַזוינער, וואָס קען זען די מזלות / קען בלאָנדזשען אין וועג און ווערן אַ ווײַזער אַ בלינדן בײַנאַכט / און אין זוניקע טעג /איז מיר אויכעט גענוג / און איך גיי און איך לעב״ (דאָרט).

ציוניזם, הייסט עס, איז דער ענטפער אויף דער ייִדן־פראַגע און עס איז אויך זײַן ענטפער. לעת עתּה אָבער האָבן די ייִדן ניט קיין זעלבשטענדיק לאַנד, קיין „יודעאַ״, ווי ער דריקט זיך אויס. אין די פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע, אין די „בשותּפות־שטאַטן״, וואָס מיר האָבן מיט די זיבעציק אומות, איז דער מצב פון די ייִדישע ייִשובים ניט קיין זיכערער. מען וויל ניט אונדזער שותּפות. „די ווייטיקן־היים אויף דער סלאַווישער ערד שפּײַט אויס אירע ייִדישע באַוווינער״ (אַלבאַטראָס). און אויב מען וויל אונדז ניט פאַר קיין שותּפים, איז דאָך קלאָר, אַז מיר דאַרפן ווערן בעלי־בתּים אויף אייגענער ערד, אין דעם לאַנד פון די אָבות. און דאָס איז נאָך אַ באַווײַז פון אויסגעהאַלטנקייט אין זײַן אופן דענקען.

מיט אַ באַזונדערער זיכערקייט זאָגט דער דיכטער, אַז ער גייט אַרום און

זעט דעם גרויסן צעפּאַל־און צעפּוילונג־פּראָצעס פונעם פאָלק. ער האַלט דעריבער, אַז אַ חשבון מוז געמאַכט ווערן און „אויב אַנדערע מאַכן אים ניט, וועל איך אים מאַכן" (אַלבאַטראָס). און ער מאַכט דעם חשבון אין זײַן באַרימטער לאַנגער פּאָעמע „אין מלכות פון צלם" און דרוקט זי אָפּ אין זײַן זשורנאַל „אַלבאַטראָס" אין 1923.

סײַ לויט איר גײַסט, סײַ לויט איר סטרוקטור, באַלאַנגט די פּאָעמע צום פּרדס פון קאָנטעמפּלאַטיווער דיכטונג, זי איז אַ פּאָעמע פול מיט מעדיטאַצעס אין דער הייך, אַן אינטראָספּעקציע, אויסגעדריקט אין פרײַע, נאַקעטע עקספּרעסיאָניסטישע פערזן. אין זײַנע מעדיטאַציעס פירט דער דיכטער אַ וויכּוח מיט דער קריסטלעכער וועלט, און די פּאָעמע נעמט אָן דעם כאַראַקטער פון אַ מגילת־איכה, אין וועלכער דאָס אויפגעבראַוזטע געפיל פון דעם דיכטער קומט צום אויסדרוק אין שטאַרקע ממש גרויליקע בילדער. די פּאָעמע נעמט אַרום דער ביטערן גורל פון דעם ייִדישן פאָלק במשך כּמעט צוויי טויזנט יאָר.

דער משורר איז דאָ ניט נאָר אַ מקונן נאָר אַ פּאָלקסטריבון, וואָס ווייסט אויף זיכער ווער דער שונא איז און ער קומט אַרויס מיט אָפענע דיבורים און באַשולדיקונגען קעגן די טרעגערס פון קריסטנטום, וואָס האָבן צוזאַמען מיט זייערע שיינע רייד פון מענטשן־ליבע געטראָגן שינאה און גיפט צו ייִדן אין יעדן לאַנד, ווו נאָר דער צלם האָט זיך באַוויזן.

„איך וועל עפענען דעם ווײַ־וואַלד און דיר ווײַזן אַלע ביימער / ווו די מתים מײַנע הענגען מיט די פוילנדיקע גופים / עס שטייען וויסטע מײַנע ברונעמס מיט די פאַסטעכער אַרומעט / טויטע פאַסטעכער מיט ווײַסע קעפּ פון לעמער אויף די קניִעס" (אין מלכות פון צלם).

דער סענסיטיווער דיכטער קען נישט פאַרטראָגן דאָס שטום־שווײַגעניש פון דער ציוויליזירטער וועלט, בשעת דאָס ייִדישע הויז גייט אָפּ אין פלאַמען פון שינאה, רציחה און מאָרד. אים איז שווער צו צוימען זײַן צער און צאָרן איבער דעם פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט, איבער די ייִדישער הײַזער, וואָס שטייען „מלא־אימה מיט אויסגעשלוכצטע ווונדן אין די ווײַ־שטעט פונם צלם".

אין אַלע לענדער, ווו ייִדן האָבן געגאָסן פון רו און שלווה, האָבן זיי אויף אַ ברייטן אופן בײַגעטראָגן צו דעם גײַסטיקן און מאַטעריעלן פּראָגרעס. דער טראַגישער סוף אָבער איז אָפּט געווען, אַז אָפּגעצאָלט האָט מען די ייִדן מיט רדיפות, בילבולים ולסוף מיט אַ גירוש. און ניט נאָר אין מיטל־עלטער, נאָר אַפילו אין אונדזער מאָדערנער צײַט, מיט נײַע באַגריפן פון קולטור און ציוויליזאַציע, האָט אויך דער מצב פון די ייִדישע יישובים אין דער קריסטלעכער אייראָפּע זיך ניט אויסגעצייכנט מיט אמתער זיכערקייט און שלווה. געגנוג צו דערמאָנען רוסלאַנד, אוקראַיִנע, פּוילן, דײַטשלאַנד און אַפילו פראַנקרײַך, אין דער נײַער צײַט. איז דעריבער קלאָר דעם דיכטערס פּראָטעסט קעגן דעם אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן די ייִדן, ווען ער זאָגט:

„ווײל איך ניט פּלאַנצן קײן בײמער / וואָס ברענגען אײַך פּירות / נאָר נאַקעטע זאָלן זײ שטײן מײַנע ווײ־בײמער / באַ אײַך אין קרוין צלם״ (אין מלכות פון צלם).

ווי אין אַ טראַנס אָדער חלום זעט ער די פאַרשניטענע ייִדן, וואָס הענגען אויף צלמים און מאָנען נקמה. דער דיכטער געפינט ניט קײן אַנדער אופן אויסצודריקן זײַן שאַרפע פּײַן ווי נאָר דורך אַ מעפיסטאָפיש בילד אין פערזון, וואָס שנײַדן זיך אײַן אין האַרצן אויף אײביק. :

„איך, דער לעבעדיקער פּאַסטעך, שמײכל מעפיסטאָפיש, / פּיבערט ניט ייִדן! איך שטײ און איך היט דעם בית־עולם מיט אײַערע קברים / אָהאָ, איך בין דער קעניג אין טלית פון וווּנדן און בלוטן / כ׳וועל הרג׳ענען, אָנצינדן שכם פאַר פאַרגאָסענע בלוטן און בלאָטעס אויף בריקן און שטאַלן, בײַ טרעפּן פון קלויסטערס״ (אין מלכות פון צלם).

ניט נאָר מיט דער וועלט פון צלם פירט דער דיכטער אַ וויכוח. ער איז זיך אויך מתווכח מיט זײַנע אײגענע ייִדן, מיט דער פרומער אָרטאָדאָקסיע. גרינבערג, דער דיכטער מיט זײַן חסידישן ייִחוס, סײַ פון זײַן פאָטערס צד (ר׳ מאיר פרימישליאַנער), סײַ פון זײַן מוטערס צד (דער „שרף״), האָט ניט געדאַרפט גײן ווײַט זוכן אַ רעפּרעזענטאַטיווע פיגור פון דעם פרומען ייִדנטום. זײַן פאָטער, אַ רב מיט זײַן חסידישן ייִחוס, איז זײַן אמתער און נאָענטער פאַרשטײער פון דעם אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום.

„מײַן טאַטע זיצט נאָך אַלץ פאַרגליווערט אַקעגן דעם מערב / ער וואַרט תקיעת־שופר צו הערן פון מערב / משיח בן דוד איז דאָ שוין אין רוים, שטײט אין פײַער, / און גוט איז אַזוי דיר, מײַן טאַטע, פאַרגליווערטער טאַטע, / דײַן פּנים, וואָס בליט אין דער רויטקײט פון שקיעת־החמה / ביסט דומה לחמה״ (אין מלכות פון צלם).

אָט די מילדע איראָניע, וואָס גרינבערג דערלויבט זיך לגבי זײַן טאַטן (דער אָרטאָדאָקסיע) איז גענוג פאַרשטענדלעך. ווײַל ווי זאָגט ערגעץ עזריאל דער מלאך אין לײוויקס „די קײטן פון משיח״ :

„די וועלט [דאָ — די ייִדישע וועלט] קען ניט וואַרטן / ס׳איז צו גרויס דער חורבן / ס׳איז צו גרויס דעם קרבנס געוויין / די וועלט וויל משיח שוין״ („אין די קײטן פון משיח״).

גאָר אַנדערש רעדט דעם דיכטערס מאַמע :

„אין דרויסן, אין גויִישן גאַס באַ דעם ברונעם / שטײט דאָרט מײַן מאַמע און שרײַט אײנ׳ם וואַסער אַרײַן דאָרט : / גיט מיר מײַן קאָפּ אָפּ, רשעים, ער טרינקט זיך אין וואַסער / וואָס איז דער מער, וואָס מײַן קאָפּ איז אײַך טײַער, רשעים!״ (אין מלכות פון צלם).

ווי איז דאָס מעגלעך, אַז יענע, וואָס פאַרהײליקן די ביבל און טוען קניִען פאַר בית־לחם, זײַנען עס די מענטשן, וואָס חלומען די פאַרלענדונג פון די ייִדן ?

ווי איז דאָס מעגלעך ? פרעגט דער דיכטער. און ער ענטפערט זיך אַלײן,

אַז יענע קריסטן האָבן לכתחילה אָפּגעפּרעמדט זײַן ברודער ישי בן יוסף פון בית־לחם און מרים המגדלית פון זייער ייִדישן שטאַם. האָבן לאַטײַניזירט זייערע נעמען אויף יעזוס און אויף מאַריאַ מאַגדאַלינאַ און זיי ממש אָפּגעשמדט פון זייער ייִדישן שטאַם. ס׳איז דעריבער אַ ליגן זייער ברומען אין לאַטײַן זייער אַלעלויא בײַ זייער עבודה. אַ געפיל פון גרויס מיטלייד צו זײַן הילפלאָזן קרוב ישי בן יוסף געפינען מיר אין דעם דיכטערס „מעפּיסטאָ״ :

„...און ווי איז דעם צלם־געהאַנגענעם ישי בן יוסף / אין פינצטערע קלויסטערס, צי גאָר אויף די דאָרפישע סלופּעס / ווען ס׳קומט האַלבע נאַכט און ער עפנט די אויגן אין חושך / דערזעט ער פּילאַטוסן פּלוצעם, דעם האַר פון גלגלתא : / אָ, דו ביסט דער מלאך פון ייִדן ! טאָ קומט דיר אַ קרוין דאָך / און לייגט אויפן מקום של ראָש אים אַ נײַעם קראַנץ דערנער און כיכעט און כיכעט...״ (מעפּיסטאָ).

די קלויסטערגלאָקן אין פאַרטאָגן און פאַרנאַכטן רופן זייער אָפּט און זײַנען אַן אָנזאָג, אַז אַ ליאַדע ווען און עס ברעכט אויס אַ שחיטה אויף ייִדן. ניט נאָר זײַנען די ייִדן הילפלאָז, אַפילו דער הימל איז ווי טויב צו דעם ווייגעשריי פון די געפּײַניקטע. און דאָ קומט אַ וווּנדערלעכע אַסאָציאַציע מיט דעם בילד, געשילדערט אין ירמיהו אין די צײַטן פון ערשטן חורבן, אָבער מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין ירמיהו ווערט געשילדערט ווי גאָט ברילט ווי אַ לייב („שאג ישאג כּאַרי״) איבער זײַן הייליקן וווינאָרט : ער האַלט אָבער אויך אַ קריג מיט די פעלקער און די רשעים גיט ער אָפּ צום שווערד. דאָ, אין גרינבערגס פּאָעמע, ווערט געשילדערט ווי „גאָט לויפט אַרום אויף די שנייען אין זיבעטן הימל און ברילט ווי אַ לייב אין דעם ליידיקן חלל פון הימל״. גאָט איז אַזוי הילפלאָז, אַז „ער וויל פון זײַן מלכות אַנטלויפן, אַזוי איז ער עלנט״ (אין מלכות פון צלם).

אין אַ גאַנצער ריי פּערזן שילדערט דער דיכטער דעם ביטערן מצב פון ייִדישן פּאָלק אין גלות. עס רײַסט זיך בײַ אים פון האַרצן אַרויס אַ וואָרט פון נקמה און צופרידנקייט איבער דעם צעפאַל אין דער קריסטלעכער אייראָפּע :

„ס׳איז ליקוי־חמה באַ אײַך אין אייראָפּע / און איך האָב הנאה, וואָס ס׳איז אַ ליקוי־חמה / אַזוי איז דאָס בלוט אין די אָדערן אויכעט / דער ריח פון שקיעה גייט אויף פון די קליידער / אָ רויט וועט די נאַכט זײַן באַ אײַך אין קרוין־צלם״ (אין מלכות פון צלם).

דאָס נקמה־געפיל צעוואַקסט זיך שפּעטער אין אַ שוידערלעכער נבואה אויף אַלע אין דעם מלכות־אייראָפּע, אין מלכות פון צלם.

„ס׳איז אפשר די שוואַרצסטע פון אַלע נבואות / אַזוי אָבער פיל איך מיט אַלע עצמות / אַזוי אָבער וויטיק איך אויס די נבואה / דורך מײַנע מעת־לעתן אויף קריסטלעכער ווײ־ערד. / עס איז אַ ירידה אַרונטער פון סולם / וואָס מיר האָבן אויפגעשטעלט : גײַסט אין אייראָפּע / אַהבה פאַר אַלע — אַפילו פאַר שונאים. / אַ מלכות שמים פאַר אַלע נפשות / גייט אויף שײַטער־הויפן אין

פלאַקער / עס לויפן אַהין און אַהער עפּעס ייִדן און ווייסן / פון גאָרניט צו זאָגן: „מיר גייען פאַלוירן״.

ייִדן זעען ניט דאָס אָנקומען פון די גרוילטעג. זיי זעען נישט דעם אָפּגרונט, זיי זעען בלויז „די ווינטמילן מאַכן מיט די פליגל און מאָלן ווינט״ (אין מלכות פון צלם).

דער דיכטער ווייסט גוט, אַז ער איז נאָר אַ יחיד אין דעם כלל־ישראל און זײַן גורל איז ענג פאַרבונדן מיטן כלל. און אַפילו אַז ער איז אין אַ געוויסן זין אַ מתבודד, קען ער ניט זײַן קיין מוציא את עצמו מן הכלל, און ער פירט אַ וויכּוח מיט זיך אַליין, און ער פרעגט זיך :

„וואָס קען ער אַליין, דער מתבודד, טאָן / דען אָנהייבן וועקן די טויטע חיילות / געפאַלענע אויף וועגן פון רוסלאַנד און פּוילן / אַז זיי זאָלן אויפשטיין און אומגיין / זיך ווײַזן אַזוי ווי זײַנען / פון ווערעם צעפרעסענע / די ייִדישע מתים פון סלאַווישן מלכות?״

די דאָזיקע רעטאָרישע פראַגע דערגאַנצט ער מיט אַ שוידערלעך בילד, וואָס קומט צו אים אין דעם צושטאַנד פון אַ פּײַניקדיקן טראַנס :

„די טויטע חיילות פון גײַסט שטייען אויף נאָר / בײַ נאַכט ווען איך גיי צו מײַן ווייסן געלעגער / זיי קומען אַזוי ווי זיי זײַנען און זאָגן : / נאַ, זע אונדז, אַזוי וועט דער סוף זײַן פון אַלע, פון אַלע. / צען וועלן בלײַבן, צען וווּנדיקע ייִדן, / דער בלוטיקער שארית־הפּליטה / כּדי צו באַווײַזן : געוועזן איז אַן אומה אַזאַ מין אויף קריסטלעכער וויי־ערד / נאָר זיי וועלן קיין מאָל ניט קומען באַ רוימישע טויערן בלוטיקן : עפנט!״

דער דיכטער „זעט״ זיך גייענדיק אויף די סלאַווישע ווייוועגן, ווו ער זעט ייִדישע מאַמעס („מײַנע מאַמעס״) „זויגן אין די שויסן די בן־יקירלעך די טויטע״.

אַ פראַגע, וואָס פּײַניקט אים, איז, צי זאָל ער זיך אַוועקזעצן אונטער די צלמים און פאַרוויגן יענע מאַמעס מיט די קינדער — „מײַנע לעמער, מײַנע פייגל אויף קניִעס״, צי גראָבן אַ בית־עולם אין אייראָפּע פאַר די טויטע לעמער און פייגל.

אַ צעווייטיקטער אין דעם שווערן נסיון רופט ער טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן צו מינחה, און בעטן אויף פאַר אים, זייער זון דעם נע־ונד, וואָס טראָגט די „פאַרהאַסטע מלבושים פון די קריסטן אין אייראָפּע״.

און עס רײַסט זיך אַרויס פון זײַן האַרצן אַ וואָרט מיט ביטערניש — דאָס לעצטע געזעגעניש־וואָרט צו דער אַנטיסעמיטישער אייראָפּע :

„טוט מיך אָן אין אַ ברייטער אַבײַע / פאַרוואַרפט אויף מײַן אַקסל אַ טלית און / נאַט אײַך דעם פראַק און דעם שניפּס / און די לאַקשיך, וואָס איך האָב געקויפט אין אייראָפּע״ (אין מלכות פון צלם).

די טראַגישע פּראָבלעמאַטיק פון דעם ייִדישן פאָלק, וואָס איז, אייגנטלעך, אויך זײַן פּראָבלעמאַטיק, פאַרענטפערט ער אויף דעם סאַמע קלאָרסטן אופן :

„נישט טויט אין דעם מלכות פון צלם, נאָר קיום אויף די זאַמדן פון מידבר, / דאָרט ווו ווען אַ בחור עפנט זײַן מויל און שרײַט אויס צו די שטערן: אַהבה / ענטפערט אַן אויפשטראָם פון בלאַט־בלוטיק וואַסער / באַם זוים פון דעם מידבר: אַ—ה—ב—ה!" (אין מלכות פון צלם).

די פּאָעמע „אין מלכות פון צלם" האָט ער אָפּגעדרוקט אין 1923. אין 1924 איז ער אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין די פּאָרמאַטיווע יאָרן פון זײַן פּאָעטישן שאַפן — אײַנגעשלאָסן זײַנע זאַמלונגען „ערגעץ אויף די פעלדער", „אין צײַטנס רויש" און „פּאַרנאַכטנגאָלד" — האָט זיך א. צ. גרינבערג אַטנפּלעקט ווי דער דיכטער פון שטילן ליד, ליד פון ליבע און רעליגיעזן געפיל פון קדושה.

ווי שוין אויבן אָנגעוויזן, איז אַפילו גייענדיק צוזאַמען מיט די אַנדערע דיכטערס אין אַן „אומבאַשטימטן וועג", איז אים אָבער שוין דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז צו „די זוניקע וועלטן", פון וועלכע אַנדערע האָבן געחלומט, פירן „בלוטיקע וועגן" — און אַז דאָס איז ווײַט ניט זײַן חלום.

דער מצב פון די ייִדן אין אייראָפּע אין יענער צײַט, באַזונדערס אין רוסלאַנד, פּוילן און אוקראַיִנע, האָט געמאָנט פּערזענלעכע פּאַרטיפונג אין דער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק און אַן איבערשאַצונג פון ווערטן אין שײַכות צו דער ייִדישער ליטעראַטור און ייִדישע שרײַבערס.

די אומזיכערקייט פון די ייִדישע יישובים אין דער אויפגעשטורעמטער צײַט האָט פון דעם דיכטער געמאָנט אַן „אויפגעשריי פון בלוט" אין דער וועלט, וואָס האָט צוגעקוקט און געזען די רציחה און פאַרגאָסן בלוט און געשוויגן. און עס קומט צו אַן איבערבראָך אין א. צ. גרינבערגס שאַפן. טיפע אינטראָספּעקציע פירט אים צו אַ גאָר אַן אַנדערן זשאַנער ווי יענער אין די פריִערדיקע יאָרן. „די וועלט באַרג אַראָפּ", „מעפיסטאָ", אַלבאַטראָס" און באַזונדערס די פּאָעמע „אין מלכות פון צלם" אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ גאָר אַנדערן א. צ. גרינבערג. אין די אַלע דערמאָנטע לידער רײַסן זיך דורך און קומען צום אויסדרוק די ניט־געשטילטע צער און צאָרן און אַפילו אַ געפיל פון נקמה צו די ייִדישע שונאים, וואָס טראַכטן ווי צו פאַרלענדן דאָס ייִדישע פאָלק, ווי אויך די שוואַרצע נבואה אויף דער וועלט, וואָס איז מקוים געוואָרן אין די רוצחישע יאָרן פון גרויסן חורבן בימי־היטלער ימ"ש.

אין זײַן פּערזענלעכער פּאַרטיפונג אין דעם קיום פון ייִדישן פאָלק און אין דעם מהות פון ייִדישער דיכטונג איז א. צ. גרינבערג אויפריכטיק און ערלעך אין זײַן וועג, וואָס פירט אים פון זיך צום כּלל־ישראל, הגם דאָ און דאָרט שײַנט ער צו זײַן דער מתבודד.

מער ווי בלויז אַ גרויסע פּאָעמע איז „מלכות פון צלם" אַ קרוינווערק, וואָס שליסט אָפּ די תּקופה פון א. צ. גרינבערגס שאַפן אין גלות און איז אַן אָנזאָג אויף דעם שפּעטערדיקן פּעריאָד פון זײַן דיכטערישן שאַפן.

װעגן דער פּאָעזיע פֿון אליעזר גרינבערג

אליעזר גרינבערג איז אַ קאָנטעמפּלאַטיװער דיכטער און מען דאַרף זיך אַרײַנגראָבן אין זײַן פּנימיותדיקייט, כּדי זיך צו דערגרונטעװען צו זײַן ליד.

אין זײַנע ערשטע ביכער — גאַסן און עװעניוס, פּישערדאָרף — קומען שוין צום אויסדרוק זײַנע טיפע קאָנטעמפּלאַציעס און איבערלעבונגען אין בילדערישע לידער, װאָס זײַנען װי מאָלערײַען אויף לײַװונטן. זיי בעטן זיך ממש אויסגעשטעלט צו װערן.

אַזאַ רײַך־בילדעריש ליד איז שוין זײַן ערשטלינג „אין אַ גרויסער שטאָט״, געדרוקט אין 1920. דער דיכטער מאָלט דעם גרויסן כּרך, װוּ מחנות פֿאַרהאָרעװעטע מענטשן װערן פֿאַרשלונגען באַגינען פֿון די פֿאַבריקן, „די הויכע מויערן װי תּפֿיסות״, װאָס שפּײַען זיי צוריק אויס אין די פֿאַרנאַכטן. בײַם סוף רוימט אונדז דער דיכטער אײַן עטלעכע שטילע װערטער װעגן זײַן עלנט אין אָט דעם שטאָטישן געטומל.

אין די צװאַנציקער יאָרן, כּמעט אין דער זעלביקער צײַט, װען אליעזר גרינבערג האָט געזונגען װעגן זײַנע „גאַסן און עװעניוס״, האָט זײַן בן־דור, דער דיכטער י. י. שװאַרץ, געזונגען אין ברייטע װיטמאַנישע שורות זײַן הימען צו אַמעריקע, װי אַ מין עדות װעגן דער אײַנגעװאָרצלטקייט אין דער עמיגראַנטישער מדינה.

אליעזר גרינבערג האָט שוין דעמאָלט גוט געקענט אַמעריקע און ער האָט אויך ליב באַקומען דאָס ריזיקע לאַנד. ער האָט שוין געקענט אַמעריקע פֿון דער רעאַליטעט און גאָר באַזונדערס פֿון דער ליטעראַטור. זײַנע קריטישע עסייען װעגן ייִדישע פּאָעטן זאָגן עדות דערויף.

װי אַ סך אײַנגעװאַנדערטע, איז אויך אונדזער דיכטער בײַם אָנהייב נתפּעל געװאָרן פֿון די אַמעריקאַנער װוּנדערס, פֿון די הימל־קראַצערס און דער ברוקלינער בריק, „דער הענגענדיקער ריז אויף קייטן און אויף שטאַנגען״. ער איז נתפּעל געװאָרן פֿון די גאונישע דערגרייכונגען אין דער טעכניק, און װי אַ פּועל־יוצא דערפֿון האָבן זיך צעבליט זײַנע שטאָטישע געזאַנגען.

אָבער צו גלײַך מיט דעם געװאַלדיקן טעכנישן פּראָגרעס, האָט דער דיכטער אויך באַלד דערזען די מענטשלעכע נויט און עלנט. ער האָט דערזען אויך די קללות אינעם קויש מיט ברכות, װאָס ס׳האָט מיט זיך געבראַכט די אינדוסטריעלע אַנטװיקלונג. דער מענטש איז געװאָרן אַ שקלאַף פֿון די מאַשינען און אויפֿן אָרט פֿון דער אַרבעטספֿרייד האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ גרויע טאָג־טעגלעכקייט מיט אָן אַ שיִעור פּראָבלעמען און סתּירות. די גרויסע שינויים זענען אַרײַנגעדרונגען אַפֿילו אין װײַטן שטילן פּישערדאָרף.

די חלומות פון דער יוגנט אין פישערדאָרף, וואָס האָט פאַרלאָזן די היים און איז געגאַנגען זוכן דאָס גליק אין שטאָט — זײַנען אין גיכן צערונען געוואָרן און עס זענען געבליבן נאָר די אַנטוישונגען.

כאָטש דער קאָלאָריט פון גאַסן און טוועניוס און פישערדאָרף איז אַן אַמעריקאַנישער, זײַנען די אידעען, וואָס דער פּאָעט ברענגט דאָרטן אַרויס, חל אויך אויף אַנדערע אינדוסטריעלע לענדער אויף דער וועלט, ווו עס האָבן זיך געיאַוועט די זעלביקע פּראָבלעמען און ווידעראַנאַנדן. אָט די אידעען האָבן אַ שײַכות צו דעם מענטשלעכן גורל אומעטום אויפן ערדקײַלעך.

אליעזר גרינבערג איז דורכויס סענסיטיוו צו מענטשלעכע לײַדן. ער פאַרטראַכט זיך אָפּט אין זײַנע „מיטנאַכטשעהען" וועגן דער טראַגיק פון מענטשלעכן גורל און עס דערוועקן זיך בײַ אים ספקות, צי דאָס לעבן האָט בכלל אַ זינען. אָבער פלוצעם שווימען אויף אין זײַן זכרון ליכטיקע אָפּטימיסטישע געשטאַלטן, ווי דזשאָן קיטס, וואָלט וויטמאַן, מאַקסים גאָרקי, טשאַרלי טשאַפּלין, און אַ דאַנק זיי געפינט ער אַן ענטפער אויף די גורלדיקע קשיות פון לעבן.

אַ סך לאָזט זיך רעדן וועגן דער צעריסנקייט פון די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן, אַ צעריסנקייט, וואָס האָט זיך ניט אין גאַנצן פאַרהיילט אַפילו נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַקלימאַטיזירט און אָנגעהויבן אָטעמען די גײַסטיקע לופט פון אַמעריקאַנער שאַפערישן וואָרט. און אליעזר גרינבערג איז אין דעם פרט ניט קיין אויסנעם.

אין „ליפּקאַן מײַן היים", אַ מין געזעגענונג מיט זײַן בעסאַראַבער לאַנדשאַפט, קומט צום אויסדרוק די רעזיגנאַציע פונעם דיכטער, וואָס דער גורל האָט אים פאַרטראָגן קיין אַמעריקע און באַשטימט, אַז דווקא דאָרט זאָל זיך צעבליִען זײַן ליד.

באַשערט געווען מײַן ליד זאָל דאָ צעבליִען זיך,
צעבליִען זיך אין שטאָט צווישן מויערן ;
און זינגען זאָל איך דאָ פון די, וואָס מיִען זיך,
און זינגען זאָל איך — זינגען, ניט באַדויערן.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויך אין אליעזר גרינבערגן אויפגעוועקט די גרויסע האָפענונגען, אַז זי וועט ברענגען אַ „נײַע וועלט. דעם קאָפּ פאַרריסן הויך און שטאָלץ". אָבער דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז האָט געבראַכט נאָך זיך דעם בירגערקריג און די שחיטות אויף יידן אין אוקראַיִנע. און אָט שטייט דער דיכטער אַן אַנטוישטער און אַ צעווייטיקטער פון די געשעענישן און פרעגט בײַ זיך אַליין :

איז דאָס די לאַנג־דערוואַרטע שעה פון האָפענונג,
די לאַנג־געגאַרטע שײַן פון רעגן־בויגן ? („איז דאָס דער טאָג")

אין די יאָרן פון חורבן ברענגט דער דיכטער צום אויסדרוק זײַן טיפע אויפגעטרייסלטקייט אין אַזאַ פאָעמע ווי „י. ל. פרץ און באָנציע שווײַג אין

וואַרשעווער געטאָ״. דער דיכטער ברענגט אַרויף פּרצעס העלד, דעם אייביקן שוויַיגער, וואָס פאָדערט איצט ביַי זיַין באַשאַפער ער זאָל אים געבן לשון, ער זאָל רופן די וועלט צו אַ דין־תּורה. די גאַנצע פּאָעמע איז דורכגעוועבט מיט אַ ביטערער איראָניע און מיטן טיפן ווייטיק פון אָפּהענטיקייט.

די חורבן־טעמע געפינען מיר אויך אין ליד „ווי יעדן פריַיטיק״, ווו דער דיכטער מאָלט דעם איינציק געבליבענעם פון אַ חרובן יישוב — דעם שטאָט־משוגענעם. מיט זיַין כאַראַקטעריסטישער ביטערער איראָניע לאָזט אליעזר גרינבערג דעם משוגענעם אויסשריַיען אין דער חרוב געוואָרענער שול, ביַי דעם איינציקן שטענדער, וואָס איז נאָך פאַרבליבן: „זאָל משיח זיך אַ ריס טאָן פון די קייטן!״ דער משוגענער רופט משיחן, ווען ס׳איז שוין ניטאָ וועמען צו ראַטעווען.

און נאָך וועגן חורבן־מאָטיוו — אין פּאָעמע „כּי טוב״. דער דיכטער פרעגט פאַר וואָס גאָט שוויַיגט און לאָזט די וועלט זינקען אין טיפן חושך, אין רישעות און רציחה. אָבער עס וויַיזט זיך אַרויס, אַז כּביכול אַליין נייטיקט זיך אין אַ טרייסט...

אין די יאָרן נאָכן חורבן האָט די צעריסנקייט פון יידישע פּאָעטן אָפּט אָנגענומען די פאָרעם פון בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים. ביַי אליעזר גרינבערג געפינען מיר אויך אַ ריי לירישע לידער אויף אָט דער טעמע.

כ׳האָב ליב מיַין ניַיע היים, כ׳האָב ליב, כ׳האָב שטאַרק זי ליב
און מיט ניו־יאָרק וואָלט איך זיך קיין מאָל נישט געשיידט.
דאָך טרעפט אַ מאָל, כ׳בליַיב פלוצעם טרויעריק און טריב,
ווען ס׳קומט וועגן ליפּקאַן, מיַין אַלטע היים, צו רייד.

(„ליפּקאַן און ניו־יאָרק״)

אין אָט די לידער דערמאָנט זיך דער דיכטער אין טאַטע־מאַמע, אין זיַין קינדהייט, חדר, פּאַסירונגען פון יענע יאָרן און זיַין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע. די לידער זיַינען דורכגעוועבט מיט אַ ניגון פון טרויער און בענקשאַפט.

דער קינסטלערישער כּוח פון אליעזר גרינבערג, דער קוואַל פון זיַין קאָנטעמפּלאַציע, ליגט אפשר אין זיַין איינזאַמקייט, איזאָלירטקייט, ווו ער קאָנצענטרירט זיך צו באַטראַכטן דעם גורל פון מענטש, ווו עס וויקלט זיך אויף פונאַנד זיַין אייגענער געראַנגל. די אָ מחשבות באַקומען אַ תּיקון אין זיַינע לידער. איך וואָלט אַפילו געזאָגט, אַז אליעזר גרינבערג איז פאַרליבט אין זיַין איינזאַמקייט, כאָטש ער באַטראַכט זי ווי אַ קרענק, וואָס מען קען זי ניט היילן.

פונדעסטוועגן איזאָלירט זיך ניט דער דיכטער אין זיַינע חדרי־חדרים. עס ווירקן שטענדיק אין אים צוויי כּוחות: איינער, וואָס טריַיבט אים צו איינזאַמקייט און אַ צווייטער, וואָס רופט אים צוריק צו דער וועלט מיט

אמונה. אליעזר גרינבערג איז גיכער אַ סקעפּטיקער ווי אַ פּעסימיסט, ווײַל סקעפּטיק שליסט ניט אויס אַ גלויבן אַף־על־פּי־כן.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ניט געקוקט דערויף וואָס אליעזר גרינבערג האָט זיך אײַנגעגלידערט אין דער אַמעריקאַנער־ייִדישער דיכטונג פון זײַן דור, איז ער קיין מאָל ניט צוגעשטאַנען ניט צו די „יונגע", ניט צו די „אינזיכיסטן". ער האָט טאַקע אויפגענומען השפּעות פון אַנדערע פּאָעטן, אָבער ער איז שטענדיק פאַרבליבן אַן אַליין גייער. מיר פאַרנעמען אין זײַנע לידער אָפּקלאַנגען ניט בלויז פון די ייִדישע פּאָעטן פון אַמעריקע, נײַערט אויך אין אַ גרויסער מאָס פון די ניט־ייִדישע: וואָלט וויטמאַן און ט. ס. עליאָט.

אליעזר גרינבערג איז ניט דער פּאָעט פון דאָרף, כאָטש ער מאָלט שיינע נאַטורבילדער, ווי למשל אין ליד „קדיש נאָך אַ בוים"; גרינבערג איז אויך ניט קיין אורבאַניסטישער דיכטער, כאָטש ער האָט געשריבן זײַנע שטאָטישע געזאַנגען. ער איז בעיקר אַן אָרגינעלער קאָנטעמפּלאַטיווער דיכטער.

ש. דונסקיס איבערזעצונג פון מדרשים אויף די מגילות

אַגדה ווי אַ ליטעראַרישע פאָרעם פון אויסדרוק — אין דעם ברייטן זין פון וואָרט — איז אַזוי אַלט ווי דער תּנ"ך.

נאָך מיט יאָרן צוריק האָבן די מדרש־פאָרשערס אָנגעוויזן, אַז שוין אין תּנ"ך געפינען זיך אַגדה־שאַפונגען, וואָס אַ מאָל ווירקן זיי אויפן שכל, אַ מאָל אויפן געפיל פון אַ יחיד אָדער אַ רבים, כדי אַרויסצורופן בײַ זיי אַ רֶגֶש פון יושר און פאַרשטענדעניש און בכלל אַראָפּצולערנען פון דעם משל אַ נייטיקן מוסר־השכל.

גדעונס זון, יותם, ווען ער וויל אָנווײַזן די בעלי־שכם אויף זייער נבלה דורך קרוינען אַבימלכן פאַר אַ מלך, באַנוצט זיך מיט דעם זייער שיינעם משל וועגן דיביימער, וואָס זײַנען געגאַנגען זאַלבן פאַר זיך אַ מלך. נתן הנביא קומט שטראָפן דעם מלך דוד, וואָס האָט געלאָזט אומקומען אוריה החתּי, כּדי צוצונעמען בײַ אים בת־שבען, און כּדי צו ווײַזן דוד המלך דאָס אומרעכט, וואָס ער איז באַגאַנגען, פאַרגלײַכט דער נביא בדרך־משל דודס טאַט צו דער אַכזריות פון אַ רײַכן מאַן מיט אַ סך שאָף און רינדער, וואָס גזלט אַוועק בײַ דעם אָרעמאַן זײַן אײנציק שעפעלע, ווען ער וויל מכבד זײַן זײַנעם אַן אורח.

אויב מיר זאָלן אָפּנייגן פון דער טראַדיציע, קענען מיר אין חומש גופא געפינען אַגדות, אַפילו ווען מיר זײַנען ניט זיכער ווער דער בעל־אַגדה איז געווען.

אַגדה און הלכה זײַנען אַ לאַנגע צײַט געווען אינטעגראַלע טיילן פון דעם תּלמוד, מיט דער צײַט אָבער האָט די אַגדה זיך גענומען אויסטיילן ווי

אַ גאָר באַזונדערע שאַפונג. אין גרונט גענומען, זיינען די צילן פון די בעלי־אַגדה און די בעלי־הלכה געווען די זעלבע. אויך די בעלי־אַגדה פאַרנעמען זיך מיט ענינים פון רעליגיעזן און עטישן כאַראַקטער, וואָס צילן אין דער לעצטער שורה צו דערנענטערן דעם מענטשן צו גאָט און גאָט צום מענטשן.

בעת אָבער די בעלי־הלכה גייען אויף דעם דרך פון קאַלטע, לאָגישע אויספירן פון געזעץ, וואָס איז באַזירט אויף הלכה למשה מסיני, אַפּעלירן די בעלי־אַגדה צום מענטשנס האַרץ און געפיל, צום טיף מענטשלעכן זין פון דער מיצווה און ערשט דערנאָך, אַ דערהויבענע אין דעם מענטשנס האַרץ, ווערט די מיצווה אויך דערהויבן צו גאָט.

אַזעלכע קאַטעגאָריעס ווי „שכר מיצווה — מיצווה” אָדער „כיון שהתחיל במיצווה אומר לו מרק” ליגן נישט דווקא אויף דער פלאַך פון שטרענגן דין — נאָר אין אַ פיל־ברייטערן קרייז פון ענינים בין אָדם לחברו. פונקט ווי די בעלי־הלכה, האָבן אויך די בעלי־אַגדה געוווּסט פון דעם שטרענגן מעטאָד פון „אין מקרא יוצא מידי פשוטו”. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט זיין בבחינת בבליער „דאָכלי נהמא בנהמא”, נאָר בעסער געצילט צו באַטעמען דאָס ברויט מיט עפּעס מער דערהויבנס, מיט לבנה־שיין, צו באַנוצן זיך מיט משה נאַדירס אַן אויסדרוק. זיי האָבן אויך געוווּסט דעם טיפערן זין פון וואָרט און זאַץ און די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס אַ פאַרטיפונג אין דעם פּסוק קען פאַר זיי אַנטפּלעקן. „וכפטיש יפוצץ סלע” — און ווי אַ האַמער ווען ער קלאַפּט אויף אַ פעלדז שפּריצן פונקען — איז געווען זייער באַליבטער מאַקסים, אויף וועלכן זיי האָבן גענומען זיך סומך זיין אין זייערע דרשות. ביים אַריינדרינגען טיפער אין דעם תּוכן פון דעם וואָרט און פּסוק, האָבן זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט נייע טייטשונגען, וואָס האָבן נאָך מער גערייצט זייער פאַנטאַזיע און קינסטלערישע שעפערישקייט.

ווערטער האָבן געקראָגן אַ גאָר אַנדער טייטש און אָפט געוואָרן סימבאָלן ; פּסוקים האָבן געקראָגן אַן אַנדער אינהאַלט און זייער אָפט אַ גאָר דערהויבענעם דערצו. אין דעם פּראָצעס פון מעטאַמאָרפאָזירן ווערן אַזעלכע ווערטער ווי מים סימבאָלן פון תּורה, ווייל אין מים אלא תּורה ; אַכילה ושתיה ווערן סימבאָלן פון תּורה ומעשים־טובים, ווייל ווי ר' תּנחומא האָט געזאָגט : כל אַכילה ושתיה שנאמר במגילה הזאת בתּורה ובמעשים טובים נאמרה — איטלעכס מאָל, וואָס אין דער דאָזיקער מגילה ווערט דערמאָנט עסן און טרינקען, זאָגט זיך עס וועגן תּורה און מעשים־טובים (זע : קהלת רבה ה, כד אין דונסקיס איבערזעצונג ז' 264).

און נאָך און נאָך ענלעכע טייטשן, וואָס גייען אַרויס ווייט פון זייער פּשט און זוכן צו דערהויבן דעם תּוך פון דעם פּסוק צו די העכסטע הייכן. דעם פּסוק „בלע ה' ולא חמל את כל נאות יעקב” פלעגט ר' יוחנן דרשענען אויף זעכציק אופנים און רבי פלעגט אים דרשענען אויף פיר און צוואַנציק

אופנים (זע: איכה רבה, פרשה ב׳ ד׳; ש. דונסקיס איבערזעצונג ז׳ 234).

היסטאָרישע באַדינגונגען האָבן זייער אָפט געפאָדערט פון די דרשנים ניט נאָר צו שטאַרקן בײַ זייערע צוהערערס די אמונה אין דער גאולה, וואָס דאַרף און וועט קומען, נאָר אויך פשוט אויפצוקלערן זיי נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל דעם תּוכן און טעם פון מיצוות און מינהגים.

דאָס האָבן די דרשנים געזוכט צו דערגרייכן ניט מיט דעם שטרענגן הלכהשן מעטאָד, נאָר דורך אַפּעלירן צו ליבע און גערעכטע באַציִונגען בין אָדם לחבירו.

אין זייערע דרשות האָבן זיי זיך באַנוצט מיט שיין־געשאַפענע מעשיות, אַלעגאָריעס, משלים, דיאַלאָגן, אַפאָריזמען, גוזמאות און אַנדערע פאָרמען פון רייד, וואָס זײַנען געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך און שטאַרק אַפּעלירט צו זייערע צוהערערס.

און ס׳איז קיין וווּנדער ניט, אַז ווען רבי אבהו און רבי חייא בר אַבא זײַנען געקומען אין אַ שטאָט דרשענען, האָט דער עולם איבערגעלאָזט ר׳ חייאן, וואָס האָט געדרשנט אין הלכה, און איז אַוועק צו ר׳ אַבהון, וואָס האָט געדרשנט אין אַגדה.

און ניט דווקא בלויז דער פּשוטער עולם, נאָר אויך לערנערס האָבן געוואָלט הנאה האָבן פון אַגדה. בײַ ר׳ יצחק נפחא, ווי מיר ווייסן, האָט איינער פון זײַנע צוויי תּלמידים אים געבעטן ער זאָל עפּעס זאָגן אין אַגדה.

ניט געצוימט פון שטרענגע נאָרמעס און אָן מורא פאַר דער שאַרפער און אַ מאָל אַפילו בײַסנדיקער קריטיק מצד די שטרענגע בעלי־הלכה, האָבן די בעלי־אַגדה זיך געקאָנט לאָזן פרײַ אויף די פליגלען פון זייער קינסטלערישער שאַפונגקראַפט, און דער פועל יוצא איז געווען — אַ קינסטלעריש געוועב אַרום די וויכטיקע מאָטיוון וואָס זיי האָבן באַרירט — דער מדרש.

זייער פאַנטאַזיע האָט געשפּרײַזט איבער צײַט און שטח און זייערע אַגדות זײַנען ניט פאַראַנקערט געוואָרן דווקא אין אַ באַשטימטער תּקופה, דעריבער איז אָפט זייער שילדערן אַ געוויסן מאָמענט פריש און צײַטיק און קען אין געוויסע פאַלן אַפילו ווערן אָנגעווענדט אין אונדזערע צײַטן.

מדרש אסתר רבה. כּידוע, באַשטייט די מגילת־אסתר פון בלויז צען קאַפּיטלעך און פאַרמאָגט אַלע עלעמענטן פון אַ דראַמע. די דראַמע שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון די ייִדן אין אַ פרעמד לאַנד און די שרעקלעכע סכּנה, וואָס לויערט איבער זיי מצד דעם אַכזרדיקן מיניסטער און שונא־ישׂראל המן.

די בעלי המדרש אסתּר רבה, וואָס האָבן געלעבט אַרום דעם פערטן יאָרהונדערט, האָבן אין דער מגילה געזען אַ שילדערונג פון דער אומזיכערער לאַגע פון די ייִדן, וואָס איז אין תּוך געווען ענלעך צום ייִדישן מצב אין זייער אייגענער צײַט.

דער ציל פון די בעלי־המדרש איז דעריבער געווען צו באַרויִקן די

ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין גרויס פּחד אין אַ גלות־לאַנד, און שטאַרקן זייער בטחון, אַז גאָט, דער אייביקער שומר־ישראל, וועט אויך דאָס מאָל זיי העלפן, ווי ער האָט געהאָלפן די ייִדן אַ מאָל אין פּרס ומדי.

ניט פילנדיק זיך געבונדן צום טעקסט, האָבן זיי די מגילה אַרומגעוועבט מיט אַ סך וווּנדערלעכע מעשיות, משלים, וואָס האָבן געשילדערט אי די שווידערלעכע גזירות אויף ייִדן, אי דעם חסד פון דעם אייבערשטן, וואָס איז זיך שטענדיק מרחם אויף זײַן פאָלק ישראל.

מיט דעם כּוח פון זייער שעפערישער פאַנטאַזיע האָבן די בעלי־המדרש, למשל, אַזוי אויסגעברייטערט דעם תּוכן פון דעם טרויעריקן בריוו, פול מיט שינאת־ישראל, וואָס המן האָט געלאָזט צעשיקן איבער אַלע מדינות און צוגעגעבן אַזוי פיל פּרטים, אַז זיי דערמאָנען שטאַרק אָן די פּאַשקווילן, וואָס ווערן אַזוי אָפט געדרוקט אין אַ באַוווסטער מדינה אין אונדזערע טעג (זע: אסתּר רבה, פּרשה ז׳ און דונסקיס איבערזעצונג אויף זײַטן 170—178).

ניט געצוימט פון דעם ווערטערלעכן טײַטש פון פּסוק „נדדה שנת המלך״, ווענדן זיי אים אָן ניט אויף דעם קעניג אַחשורוש, נאָר אויף גאָט. אין דער ייִדישער איבערזעצונג פון ש. דונסקי גייט דער דרש אַזוי:

„בלילה ההוא — אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטאָן דער שלאָף פונם מלך. עס האָבן געטרייסלט די הימלען, די שטול פון דעם מלך איבער אַלע מלכים הקדוש ברוך הוא, ווען ער האָט געזען ישראל אין אַ צרה. [ר׳ תּנחום האָט געזאָגט: עס איז אַוועק דער שלאָף פון דעם מלך פון דער וועלט. אָבער איז דען פאַראַן שלאָף ביים אייבערשטן? שטייט דען ניט געשריבן (תּהילים קכא, ד) הנה לא ינום — זע, עס דרעמלט ניט און שלאָפט ניט דער היטער פון ישראל? נייערט אין דער צײַט, ווען ייִדן געפינען זיך אין אַ צרה און די אומות העולם זײַנען אין שלוה, אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן (דאָרט מד, כד) עורה — וואַך אויף, פאַר וואָס שלאָפסטו, גאָט?]. (פּרשה י׳, ייִדישע איבערזעצונג ז׳ 206)

שיין ביז גאָר זײַנען אין דעם מדרש די שילדערונגען, ווי אַזוי די גזירה צו פאַרטיליקן די ייִדן רודערט אויף די תּורה, וואָס טוט זיך אָן אין „קליידער פון אַלמנהשאַפט״ און לאָזט אַרויס אַ קול מיט געוויין פאַר גאָט און טרייסלט אויף די מלאכי־השרת, די אָבות, משה רבנו און אליהו הנביא, ביז די גזירה ווערט בטל (פּרשה ז, יז און יח. און אין דונסקיס איבערזעצונג, זײַטן 178—180).

די און נאָך אַ סך אַנדערע שילדערונגען און אויסטײַטשונגען פאַרוואַנדלען די מגילת־אסתּר אין אַ פיל באַטײַטיקער אַלעגאָריע, וואָס קען ווערן אָנגעווענדט אויף דורות ייִדישער געשיכטע פון ישראל בין העמים.

מדרש שיר השירים רבה. די אַכט קאַפּיטלעך פון שיר־השירים ווערן געוויינטלעך באַטראַכט ווי אַ זאַמלונג פון ליבעלידער, וואָס איז רײַך

אין פּאָעטישע אימאַזשן און ריטעם, וואָס בײַט זיך לויט דער שטימונג פון יעדן באַזונדערן ליד. די שטימונגען זײַנען פאַרשיידן און ווערן אויסגעדריקט אין צאַרטע ליבע־געפילן, טרוימען פון גליק, יסורים של אַהבה, טיפן טרויער, חרטה און תשובה.

ווי אַן עכט־קינסטלערישע שאַפונג, וואָס דריקט אויס די לײַדנשאַפט און ליבע צווישן אַ יונג פאַרליבט פּאָרל, שלמה און שולמית, איז דער שיר־השירים, מחמת זײַן וועלטלעכן כאַראַקטער, געשטאַנען אונטער אַ פּרעגצייכן, צי מעג מען גאָר די מגילה אַרײַננעמען צווישן די הייליקע ספרים פון תנ״ך.

לויט טייל פאָרשערס איז די פראַגע אויפגעקומען נאָך פאַרן חורבן בית־שני. ערשט אין די צײַטן פון אליעזר בן עזריה איז די פראַגע פאַרענטפערט געוואָרן. אין זכות פון דעם, וואָס אַחוץ דעם געוויינטלעכן נאָמען שלמה מערערע מאָל, ווערט אויך דערמאָנט דער נאָמען מלך שלמה צוויי מאָל (קאַפּ. ד : 9, 11), און גאָר באַזונדערס אַ דאַנק דעם גרויסן תנא ר׳ עקיבא, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער שיר־השירים איז אַ ווערק פון גאָר אַ באַזונדערן כאַראַקטער און שטייט לויט זײַן מיינונג העכער פון אַלע אַנדערע כתבים — איז די מגילה געוואָרן אַ טייל פון תנ״ך.

די בעלי־המדרש האָבן דעם שיר־השירים אויסגענוצט פאַר זייערע דרשות, און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דער שיר־השירים רבה, וואָס באַטראַכט די מגילה גופא ווי אַן אַלעגאָרישע באַשרײַבונג פון דער קעגנזײַטיקער ליבע צווישן גאָט און דער כּנסת־ישראל. גאָט, דער פאַרליבטער אין די ייִדן, פירט זיי אַרויס פון מצרים און גיט זיי די תּורה; די ייִדן, פאַרליבטע אין גאָט, נעמען אָן די תּורה און זאָגן צו, אַז זיי וועלן זי אָפּהיטן און זײַן גרייט אַפילו צו גיין אויף קידוש־השם.

די בעלי־המדרש נוצן אויס די פײַנע מאָמענטן אין דעם שיר־השירים ווי מאָטיוון פאַר זייערע דרשות און שאַפן אַרום זיי ווונדערלעכע מעשיות, אַלעגאָריעס, משלים, וואָס גיבן איבער דעם יַחס צווישן גאָט און זײַן פאָלק ישראל.

מדרש רות רבה. די אידיליע מגילת־רות איז אַזוי מוסטעריש געבויט, די פּערזאָנען, וואָס פיגורירן אין איר, זײַנען אַזוי פײַן געצייכנט, אַז ניט אומזיסט ווערט זי פאַררעכנט ווי איינע פון די בעסטע קינסטלערישע שאַפונגען פון יענעם מין.

געשריבן אויף דעם תנ״כישן אופן פון צימצום־הלשון, גיט אונדז די מגילה אַ בילד פון דער שופטים־תּקופה מיט די פּראָבלעמען, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט אין יענער צײַט, לעבנדיק זײַט בײַ זײַט מיט געצן־דינערישע שבטים.

די בעלי־המדרש האָבן אין דער מגילה געפונען אַ רײַכן מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן אויסגענוצט אויף זייער ספּעציפישן אופן, כּדי צו קולטיווירן בײַ זייערע צוהערערס אַ פאַרשטענדניש פאַר זייערע

ייִדיש־נאַציאָנאַלע און עטישע באַגריפֿן און שטאַרקע ליבשאַפֿט צו זייער אייגענעם שטאַם.

די סכּנה, וואָס האָט באַדראָט דאָס ייִדישע לעבן — ווי געמישטע חתונות, דאָס איבערנעמען פֿרעמדע מינהגים און זיטן ביז צו פֿולשטענדיקער אויסמישונג צווישן זייערע געצן־דינערישע שכנים — האָט געפֿאָדערט פֿון די דרשנים צו שילדערן פֿאַר זייערע צוהערערס די הויכע מדרגה פֿון ייִדישער מאָראַל און עטיק און ארויסהייבן די שטריכן פֿון גוטסקייט, צניעות, צידקות, דעם גרויסן כּוח פֿון צדיקים און דעם כּוח פֿון תּשובה.

דאָס האָבן זיי געטאָן דורך אויסברייטערן דעם סיפּור־המעשה פֿון דער מגילה מיט וווּנדערלעכע מעשׂיות, משלים, אַפֿאָריזמען און אַנדערע פֿאָרמען פֿון דערציילערישער קונסט, וואָס האָבן אַפּעלירט צו זייערע צוהערערס.

פּונקט אַזוי ווי דער דרשן פֿילט זיך נישט געבונדן צום ווערטערלעכן טײַטש פֿון פּסוק, פּונקט אַזוי פֿילט ער זיך ניט געבונדן צו קיין באַשטימטער תּקופֿה, אַפֿילו זײַן אייגענער.

מהאי טעמא קלינגען אַ סך פֿון זייערע דערציילונגען ווי איבערצײַטלעכע און קענען ווערן אָנגעווענדט אַפֿילו אין דעם ווײַט־ווײַטן עתיד.

אויפֿן פּסוק „ויהי בימי שפוט השופטים, ויהי רעב״... דערקלערט דער דרשן, שטיצנדיק זיך אויפֿן פּסוק (אין משלי כ״א) „הפכפך דרך איש וזר״ (פֿאַרדרייט איז דער וועג פֿונעם מענטשן און פֿרעמדן) — דאָס איז עשׂו הרשע, וואָס רק ער דרייט זיך אום און קומט אויף ישׂראל מיט גזירות און דאָ הייבט זיך אָן דער דיאַלאָג:

— „איר האָט געגנבעט״ ?
— „מיר האָבן ניט געגנבעט״.
— „איר האָט געהרגעט״ ?
— „מיר האָבן ניט געהרגעט״.
— „האָסט ניט געגנבעט? זאָג, ווער נאָך האָט מיט דיר געגנבעט ?״
— „האָסט ניט געהרגעט? זאָג ווער נאָך מיט דיר האָט געהרגעט ?״
און ער פֿאַרטראַכט אויף זיי און באַשטראָפֿט זיי.

(זע פּתיחתּא ג׳ רות רבה. דונסקיס איבערזעצונג, ז׳ 17)

ווערט ניט אַן ענלעכער מעטאָד פֿון אויספֿאָרשונג פּראַקטיצירט אין אַ באַוווּסטער מדינה אויך אין אונדזער צײַט ?

די מגילה אַליין הייבט אַרויס די שיינע שטריכן פֿון אירע הויפּטהעלדן, רות און בועז, אָבער די בעלי־המדרש פֿון רות רבה גייען נאָך ווײַטער און זײַנען אַ סך מוסיף צו דער צניעות פֿון רות און צו דער צידקות פֿון בועזן.

און אַזוי ווי די מגילה ענדיקט זיך מיט די פּסוקים, וואָס גיבן איבער

דעם ייִחוס המשפּחה פון דוד המלך, ד״ה זײַן אָפּשטאַם פון בועזן און פון רות המואביה, האָבן די בעלי־המדרש געפונען פאַר נייטיק נאָך שטאַרקער צו אַקצענטירן די צניעותדיקייט פון רות און שילדערן בועזן ווי אַ צדיק־הדור.

מדרש איכה רבה. אין דער מגילת־איכה האָבן די בעלי־המדרש געפונען אַ שלל מאַטעריאַל, וואָס האָט גערייצט זייער פאַנטאַזיע און סטימולירט זייער קינסטלערישע שעפערישקייט.

די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע, דער חורבן בית־המקדש מיט די יסורים, דערשיטערנדיקער עלנט, פאַרוויסטונג און ייִאוש, וואָס קומען צום אויסדרוק אין מגילת־איכה — האָבן געצוווּנגען די בעלי־המדרש ניט נאָר דערקלערן צו זייערע צוהערערס די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר די זינד, וואָס די ייִדן זײַנען באַגאַנגען, נאָר אויך אַרויסרופן בײַ זיי אַ געפיל פון בטחון און שטאַרקן גלויבן אין גאָטס חסד און אין אַ ליכטיקן עתיד.

ניט נאָר דאָס ייִדישע פאָלק אַליין איז אין טיפן טרויער, האָבן די דרשנים געלערנט, נאָר אויך גאָט אַליין איז פאַראָבלט געוואָרן און אויך דער כּביכול טרויערט אויף דעם חורבן.

גלות, שינאה צו ייִדן מצד זייערע אַרומיקע שכנים, שכר ועונש, טרייסט, חסד און בטחון זײַנען די הויפּטמאָטיוון פון דעם מדרש איכה רבה.

ניט נאָר ייִדן זינדיקן, עס זינדיקן דאָך אויך די אומות־העולם און דאָך איז דאָ אַ חילוק צווישן ייִדן און די אומות אין דעם פּרט פון עונש. אויף דעם פּסוק „חטא חטאה ירושלים״ שטעלט דער דרשן די פראַגע: „די אומות־העולם זינדיקן דען ניט? אָבער כאָטש זיי זינדיקן איז עס גאָרניט, אָבער ווען די ייִדן זינדיקן, ווערן זיי באַשטראָפט פון גאָט.״ (פּרשה א׳ און דונסקיס איבערזעצונג אויף ז׳ 166—170).

אויך אין פּרט פון גלות איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד. אויף דעם פּסוק „גלתה יהודה״ דרשנט דער מדרש: „גייען דען ניט אויך די אומות־העולם אין גלות? אָבער די אומות־העולם, וואָס עסן פון זייער ברויט און טרינקען פון זייער ווײַן, זייער גלות איז קיין גלות ניט; די ייִדן אָבער, וואָס עסן ניט פון זייער ברויט און טרינקען ניט פון זייער ווײַן, זייער גלות איז אַ גלות״ אאַז״וו. (פּרשה א, כח. און ייִדישע איבערזעצונג, זײַט 148).

די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע האָט געבראַכט דעם ייִדישן פאָלק אַ סך בזיון און חרפּה. די ייִדן האָבן זיך דערפילט ווי דערנידעריקטע אין די אויגן פון זייערע ניט־ייִדישע שכנים. דער נאָמען ייִד איז געוואָרן למשל ולשנינה, אַ זידל וואָרט.

לאָמיר דאָ איבערגעבן די דאָזיקע פּײַנלעכע טעמע, אויף וועלכער די דרשנים האָבן געדרשנט, אין גאַנצן אין ש. דונסקיס ייִדישער איבערזעצונג.

„אויף דעם פּסוק „ראה ה׳״ זע גאָט און קוק (ווי שפּל איך בין געוואָרן) האָט ר׳ פּנחס געזאָגט : עס איז געווען אַ מעשה מיט צוויי פּרויען זונות אין אַשקלון, וואָס האָבן זיך געקריגט איינע מיט דער אַנדערער. ווי זיי האָבן זיך אַזוי געקריגט איינע מיט דער אַנדערער, האָט איינע געזאָגט צו דער צווייטער : „דו גייסט ניט אַוועק פון דאַנען ? דו זעסט דאָך אויס אויפן פּנים ווי אַ ייִדישקע !״ אין טעג אַרום האָבן זיי זיך איבערגעבעטן איינע מיט דער אַנדערער. האָט יענע געזאָגט צו איר : אויף אַלץ בין איך דיר מוחל און איך פאַרגיב דיך, אָבער אויף דעם, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט : „דו זעסט אויס אויפן פּנים ווי אַ ייִדישקע״, וועל איך דיר ניט מוחל זײַן און ניט פאַרגעבן. דעריבער זאָגט דער פּסוק : „זע גאָט און קוק ווי שפּל איך בין געוואָרן״.

(פּרשה א., ייִדישע איבערזעצונג ז׳ 176)

זייער אַ שיינעם פּאָעטישן אויסדרוק נוצט דער דרשן צו באַצייכענען גאָטס טרויער אויף דעם חורבן. גאָט זאָגט אויף זיך : „עיני תבכה על עיני״ — מײַן אויג וויינט אויף מײַן אויג.

ס׳איז אינטערעסאַנט, ווי דער דרשן האָט געשאַפן דעם אויסדרוק.

דעם פּסוק „עיני, עיני, יורדה מים״ (מײַן אויג, מײַן אויג טוט רינען וואַסער) ווענדט דער דרשן אָן ניט אויף קיין אַנדערן, ווי נאָר אויף דעם הקדוש־ברוך הוא אַליין. ער גיט דערבײַ אַ משל מיט אַ דאָקטער, וואָס איין אויג האָט אים וויי געטאָן, דערפאַר האָט ער אויף זיך געזאָגט : איין אויג מײַנס וויינט אויפן צווייטן. און אַזוי ווי ישראל ווערט אין פּסוק (זכריה ט, א) אָנגערופן גאָטס אויג, פּירט דער מדרש אויס, אַז גאָט האָט געזאָגט : מײַן אויג וויינט אויף מײַן אויג״ (ייִדישע איבערזעצונג, ז׳ 202).

דער דרשן קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז ס׳איז גאָר קיין טרייסט ניטאָ פאַר דער כנסת־ישראל. איז עס מעגלעך, אַז „אין לה מנחם״ — זי זאָל ניט האָבן קיין טרייסטער ? ער איז דעריבער זיך סומך אויף אַנדערע פּסוקים אין תנ״ך, כּדי צו באַווײַזן אַז סוף־סוף וועט די טרייסט קומען (ייִדישע איבערזעצונג ז׳ 148).

די פּתיחתות אין איכה רבה זײַנען פול מיט וווּנדערלעכע מעשיות — שאַפונגען פון די בעלי־מדרש, וואָס צילן פון איין זײַט צו רעכטפאַרטיקן די שטראָף, וואָס ייִדן קומען אָפּ פאַר זייערע זינד, דער עיקר פאַר זייער דינען צו דער עבודה־זרה, פון דער צווייטער זײַט צילן זיי צו באַרויִקן זייערע צוהערערס מיט דעם, אַז גאָט דער בעל־הרחמים האָט צוגעזאָגט דער מוטער רחל, אַז אין איר זכות וועט ער אומקערן ישראל אויף זייער אָרט, ווי אין פּסוק שטייט : „ושבו בנים לגבולם״ — און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער תּחום. (פּתיחתא כ״ה, אין דער ייִדישער איבערזעצונג, זײַטן 62—74).

מדרש קהלת רבה. אין תּוך גענומען, איז דער ספר קהלת אַ פילאָסאָפיש־פּאָעטיש ווערק, פול מיט פעסימיסטישע און אַפּיקורסישע געדאַנקען.

אַזעלכע געדאַנקען, ווי „טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו” אָדער „מה שהיה הוא שיהיה, ומה שנעשה הוא שיעשה” זיינען ניט די איינציקע אין דעם ספר, וואָס דריקן אויס דאָס שווערע געמיט ביי אַ מענטשן, וואָס האָט געזוכט אַ ציל אין לעבן און אין זיין אַנטוישונג שרייט ער אויס: „הבל הבלים, הכּל הבל”.

נאָך מער, קהלתעס געדאַנק, אַז אַלץ, וואָס געשעט אונטער די הימלען, דאָס איז אַ שלעכטער ענין, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן זיך צו פאַרנעמען דערמיט (כּל אשר נעשה תּחת השמים הוא ענין רע נתן אלקים לבני אָדם לענות בו) — רירט אָן דעם סאַמע גלויבן אין גאָטס דרכים און גאָט אַליין.

אַזעלכע פעסימיסטע און אַפּיקורסישע געדאַנקען זיינען אין אַ סתּירה צום גייסט פון דער תּורה, וואָס רופט דעם מענטשן צום לעבן, אמונה און בטחון.

איז קיין וווּנדער ניט, פאַר וואָס אַ סך תּנאים זיינען לכתּחילה געווען קעגן איינשליסן אַזאַ בוך אין די כּתבי־הקודש. פון די צוויי גרויסע תּנאים הלל און שמאי איז דער ערשטער געווען פאַר און דער צווייטער קעגן איינשליסן דעם ספר־קהלת אין תּנ"ך. סוף־סוף האָבן זיך די חכמים באַרעכנט, אַז ספקות איז מענטשלעך און אַז דער מענטש קען האָבן ספקות, אָבער אין דער אמתן וויל ער גלייבן.

די חכמים האָבן צוגעטראַכט אָדער געפונען אַ זכות, און דער ספר־קהלת איז אַריין אין תּנ"ך. דער ספר איז טאַקע געהייליקט געוואָרן ווי אַ טייל פון די ספרי־הקודש, אָבער די ספקות־געדאַנקען זיינען אין דעם בוך פאַרבליבן. האָבן די בעלי־מדרש געהאַלטן פאַר זייער הייליקן חוב אָפּצושוואַכן אָדער אין גאַנצן צו נייטראַליזירן דעם נעגאַטיוון עפעקט פון פעסימיסטישע און אַפּיקורסישע געדאַנקען.

אויף דעם פּסוק „הבל הבלים הכּל הבל” דרשנט דער מדרש: „מיר האָבן געלערנט, אַז אַן עושר קריגט אַריין אַ גוטע זאַך איז ער צו ערשט הונגעריק אויף דעם. ווערט עס אים פאַרעלטערט, טרעט ער אויף דעם. אויך דער אָרעמאַן, אויף זיין אָרעמען שטייגער, אויך זיינע אויגן קוקן אַרויף צו דעם, וואָס איז העכער פון אים, צו דעם חלק, וואָס דעם עושר איז שוין נימאס געוואָרן, דער האָט תּאוות און יענער האָט תּאוות, אָבערביידע זיינען גלייך, ווען ס'קומט צום קבר — אַלץ איז נישטקייט”. (קהלת רבה, פּרשה יב, ט. ש. דונסקיס איבערזעצונג, ז' 496).

מיט זייערע מעטאָדן, אַ מאָל האַמלעטישע אַ מאָל עקזעגעטישע, האָבן די בעלי־המדרש מיט געשאַפענע מעשיות, משלים, אַפאָריזמען געזוכט צו שטאַרקן ביי זייערע צוהערערס ליבע צום מענטשן, גלויבן און בטחון אין

גאָט, ווי אויך צו קולטיווירן בײַ זיי מידות־טובות ומעשים־טובים. און ווי אַ באַקרעפטיקונג, אַז ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן און אַנטוישונגען דאַרף מען דאָס לעבן „באַיאָען", האָבן זיי זיך סומך געווען אויף דעם פסוק: „לך אכל בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך כי כבר רצה האלקים את מעשיך" — גיי עס מיט שימחה דײַן ברויט און טרינק מיט אַ פריילעך האַרץ דײַן ווײַן, וואָרום גאָט האָט שוין באַוויליקט דײַנע מעשים (קהלת ט, ז.).

❀

„אין ייִחוס כּייִחוס עצמו" — דער בעסטער ייִחוס איז דער אייגענער ייִחוס, ווייל ייִחוס עצמו מיינט כּשר־פאַרדינטע גאָלדענע רענדלעך מיט אייגענער פּראַצע און אייגענעם טאַלאַנט און שעפערישקייט. מיר האָבן דאָ אין זינען ש. דונסקין מיט זײַן ייִדישער איבערזעצונג פון די מדרשים אויף די פינף מגילות, אַן איבערזעצונג, וואָס איז אַ זייער וויכטיקער בײַטראָג צו אונדזער אַלט־נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

בײַם איבערזעצן אַ ליד פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער מוז דער מײַסטער־איבערזעצער (זײַנען דאָ אַ סך אַזוינע?) ניט נאָר זיך פילן היימיש אין ביידע שפּראַכן מיט זייערע פאַרשיידענע ניואַנסן, נאָר אויך, און דער עיקר, זיך קענען אידענטיפיצירן מיט דעם דיכטער, פילן די נשמה פון דעם ליד, דעם ריטעם און קלאַנג און ווערן ביז אַ גרויסער מאָס דער מיטשאַפער, דער איבערדיכטער פון דעם פּאָעטישן ווערק.

אין פרט פון איבערזעצן דעם מדרש, וואָס איז חוץ אַנדערע פּרטים אויך אַ קובץ פון קינסטלערישע שאַפונגען, דאַרף דער איבערזעצער ניט נאָר זיך פילן היימיש סײַ אין ייִדיש און סײַ אין דער שפּראַך (שפּראַכן) פון מדרש, נאָר אויך זײַן ראוי אויפצונעמען די וויסנשאַפטלעכע מדרש־פאָרשונגען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן פריִער פאַר אים. ער דאַרף אויך קענען אויספאָרשן סײַ דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון מדרש און שפּראַכלעכן געמיט פון וואָרט און זאַץ, כּדי צו פאַרשטיין און ריכטיק אויפנעמען די גרונטמאָטיוון אין דעם מדרש.

ס'איז ניט אונדזער ציל אין דער איצטיקער אַרבעט אַרויסצוברענגען דעם שקלא־וטריא וועגן דעם ענין היסטאָריע און כראָנאָלאָגיע פון די מדרשים אויף די גרונטמאָטיוון פון יענע מדרשים און ווי ווײַט מעגלעך אויף דונסקיס איבערזעצונגען.

ש. דונסקי איז צוגעטראָטן צו זײַן וויכטיקער אַרבעט ניט נאָר ווי אַן איבערזעצער, נאָר ווי אַ געניטער פאָרשער, אַ מלומד, וואָס פאַרמאָגט אַ גאָר באַזונדערע ליבע צו מדרש.

דונסקיס אַרײַנפירן צו יעדן ספר זאָגן עדותן, אַז ער האָט דאָס פעלד פון די דערמאָנטע מדרשים גוט צעאַקערט.

זײַנע פּילצאָליקע הערות, כמעט אויף יעדער זײַט פון יעדער ספר, זאָגן עדות אויף זײַן זהירות און דײַקנות בײַם אָפּקלײַבן און באַשטימען דאָס פּאַסיקע ייִדישע וואָרט. מען זעט, אַז אין אַ סך פאַלן האָט ער דורכגעפירט אַ גרינטלעכע פאָרשונג, וואָס שייך געוויסע תיקונים, וואָס פריִערדיקע מפרשים האָבן געמאַכט.

זײַן פּרוּוו צו שאַפן אַן איבערזעצונג, וואָס זאָל זײַן, ווי ער באַמערקט, אַ סינטעז פון דעם ייִדיש, וואָס ייִדן אין מיזרח אייראָפּע האָבן געטײַטשט דעם מדרש און די גמרא, און פון דעם מאָדערנעם ייִדיש פון אונדזער ליטעראַטור — אַזוי אַז דער חן, ניואַנסן און אינטימקייט פון לשון זאָלן ניט גיין לאיבוד — דער דאָזיקער פּרוּוו האָט זיך אים אײַנגעגעבן אין גאָר אַ גרויסער מאָס.

צום סוף אַ פּאָר וויכטיקע בײַשפּילן צו פאַרגלײַכן דעם אָריגינאַל און דונסקיס איבערזעצונג.

דעם אויסדרוק אין מדרש „דממה סלקה, דמומה נחתא״, מיט דער לאַקאָנישער פאָרעם און ריטעם, איבערזעצט דונסקי: „שווײַגנדיק טו איך אַרויפגיין״, און דער טאָן און ריטעם איז דער באַקאַנטער ייִדיש, אין וועלכן ייִדן האָבן געלערנט; דעם זאַץ „באותה שעה קפצה קטיגוריא לפני כסא־הכבוד״ טײַטשט דונסקי: „אין יענער שעה איז אויפגעשפּרונגען דער מידת־הדין פאַרן כסא הכבוד״, און כאָטש קטיגוריא וואָלט אין ייִדיש געווען (לויט יאַסטראָוון) די באַשולדיקונג, איז דאָס וואָרט מידת־הדין דאָך בעסער, ווײַל ייִדישלעכער און אין גײַסט פון מדרש; דעם זאַץ „הוא שהנביא מקנתרה ואמר לה״, איבערזעצט דונסקי: „דאָס איז וואָס דער נביא רייצט זיך מיט איר״, און כאָטש קנתּר אָדער קנטר מיינט (לויט יאַסטראָוון) זיך בייזערן, טאַדלען, שטעכן — שײַנט אָבער דאָס וואָרט ׳רייצט זיך׳ פּאַסיקער, ווײַל עס איז אין איינקלאַנג מיט דעם סיפּור־המעשה.

וסוף דבר, מיט זײַנע איבערזעצונגען פון די מדרשים צו די פינף מגילות האָט ש. דונסקי צוגעטראָגן אַ גאָר וויכטיקן צושטײַער צו אונדזער אַלטער אָבער שטענדיק נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

דוד האָפּשטיינס לידער און פּאָעמעס

די צוויי ביכער „לידער און פּאָעמעס״ פון דוד האָפּשטיין, אַרויסגעגעבן אין ישראל פון דעם פאַרלאַג „ישראל בוך״, שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָפּקלײַב פון דעם דיכטערס לידער, וואָס זײַנען פאַרעפּנטלעכט אין זײַנע ביכער אין פאַרשיידענע צײַטן.

אײַנגעטיילט אין תקופות, אָנהייבנדיק מיטן יאָר 1909 ביז קרוב צו 1948 — ווען דער דיכטער איז געוואָרן אַרעסטירט פון דער סאָוועטישער מאַכט און דערנאָך דערמאָרדעט — גיבן די לידער אַ מעגלעכקייט אַרײַנצובליקן אין דעם תמצית פון זײַן פּאָעטישן שאַפן, ווי אויך אין דער פּנימיות פון דעם דיכטערס פּערזענלעכקייט.

האָפּשטיין האָט זײַן קינדהייט און פריסטע יוגנט פאַרבראַכט מייסטנס אין אַ דאָרף אין אוקראַיִנע, ווו זײַן פאָטער, אַ געוועזענער וואַלד־אָנגעשטעלטער, האָט זיך באַזעצט מיט זײַן משפּחה און געצויגן חיונה פון אַ שטיקל ערד, וואָס ער און זײַנע קינדער האָבן באַאַרבעט.

באַשאָנקען מיט אַ שעפערישן טאַלאַנט און מיט אַ באַזונדערער ליבע צו דער נאַטור, האָט האָפּשטיין גאָר יונג אָנגעהויבן זײַן דיכטערישע קאַריערע. זײַנע נאַטורלידער האָבן גאָר פרי זיך גענומען אויסצייכענען מיט זייער אָרגינאַליטעט און סובטילן סטיל.

„איך שטיי אויף דער וואַך,
און ס׳וואַרט מײַן בליק
ביז ס׳וועט די צוּנג־קראַפט פון ערד
זיך נאָך אַ מאָל באַמיִען פון פײַכטער צווײַג
אַ געלע בלאַט אַראָפּצוציִען״.

(א׳ — ז׳ 11)

ניט נאָר אַן אָבסערוואַטאָר און מאָלער פון דער נאַטור איז האָפּשטיין. דאָרף און וואַלד און פעלד זײַנען אַזוי טיף אַרײַנגעוואָקסן אין זײַן האַרצן, אַז זיי זײַנען געוואָרן טיילן פון זײַן פּאָעטישן „איך״. אָט זײַנען צוויי בײַשפּילן:

„איך האָב צעקושט זיך מיטן ווינט
און אָן אַ וואָרט געוויר געוואָרן
וואָס טוט אויף פעלדער זיך אַצינד —
דאָרט בליט שוין קאָרן!״.

(א׳ — ז׳ 68)

„צום הימל צום הויכן
פון היימען פון פרעמדע געגאַן זײַנען רויכן...
בײַ נידעריקע פּלויטן
געוואַרט האָבן פרישע צעאַקערטע בייטן,

מיט עלנט געבעט און מיט פּחד געהיימען
געזייט האָב איך זוימען באַ ווילד־פרעמדע היימען״.

(א׳ — ז׳ 18)

די נאַטור מיט אירע דערשײַנונגען זײַנען געוואָרן זײַן אינסטרומענט, זײַן פידל, אויף וועלכן ער האָט גענומען אויפשפּילן זײַנע דיכטערישע געזאַנגען.

קיִעוו־בערלין־תּל־אביב און ווידער קיִעוו־מאָסקווע־באַשקיריע — דאָס זײַנען בלויז אייניקע סטאַנציעס אויף זײַן וואָגל־וואַנדער־וועג, און אומעטום האָט האָפּשטיין שטענדיק געטראָגן אין זיך ניט נאָר די שיינקייט פון דער נאַטור, נאָר אויך די זכרונות פון זײַן קינדהייט, זײַן יוגנט, זײַן לעבן בײַם זיידן, זײַן יידישע היים.

דער כוטאָר און דאָס יידישע הײַזל, וואָס האָבן אין זײַן האַרצן געטראָגן „פאַרבאָרגענע ווייען וואָס וואַרטן אויף זייען״, זײַנען ווי אויף אייביק פאַרבליבן אין זײַן געדעכעניש.

„אין דײַן זעל, אין דײַן זעל
פון געהיים פון טיל־טעל
מיט ווײַסקייט פון וואַנט,
מיט בלאַסקייט פון ליים
קוקט אַרויס נאָך אַ ווינקל,
וואָס ווינקט און דערמאָנט
אין אַ הויז, אין אַ היים...״

(ב׳ — ז׳ 83)

יענע בילדער טויכן אויף אין זײַן זכרון אויך אין די טרויעריקע טעג פון רציחה און מאָרד אויף יידן אין אוקראַינע, אַז אַפילו דער שיינער פרילינגטאָג יאָגט אָן אויף אים אַ טיפן טרויער.

„אָט די זעלבע זון, די פרײַע,
האָט באַלויכטן טויט, פאַרניכטונג,
האָט צו ווײנונג און צו שײַער
אָנגעוויזן זיי די ריכטונג״.
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
און די האַנט זי פאַלט אַרונטער
און די זון איז אַ בייזוווּנדער.״

(ב׳ — ז׳ 158)

זײַן בענקעניש נאָך היים קומט צום אויסדרוק אויף אַ גאָר באַזונדערן אופן אין דער לענגערער פּאָעמע זײַנער „צוויי וועוורוקלעך״, וואָס שליסט זיך, אַגב, מיט אַ מוסר־השׂכּל.

„זעסטו", זאָגט איין וועוורקל צום צווייטן, וואָס האָט אין זײַן דראַנג צו זײַן פרײַ זיך געלאָזט אין דער פרעמד ולסוף זיך אומגעקערט אַהיים — „דו ביסט דערגאַנגען אַליין / ווי שווער אין דער פרעמד איז / ווי ביטער אָן היים" (ב׳ — ז׳ 55).

די פּאָעמע איז געשריבן אין דער תקופה צווישן 1929 — 1932, און עס לאָזט זיך גלייבן, אַז דאָ ווערט געמיינט עפּעס מער ווי אַ פּערזענלעכע היים.

ס׳איז באַזונדערס וויכטיק אונטערצושטרײַכן דעם אינטראָספּעקטיוון כאַראַקטער פון זײַנע שאַפונגען. זײַן שטענדיקער באַגער איז געווען צו גרייכן יענע שעפערישע רגע, ווען „דאָס האַרץ און דער זינען אין איינקלאַנג זיי זײַנען צוזאַמען".

געפיל און געדאַנק, דאָס האַרץ און דער זינען, דאָס געזאַנג פון געלײַטערטן שכל — דאָס זײַנען די שטריכן פון זײַן דיכטערישער פּערזענלעכקייט. אין שטענדיקן געראַנגל מיט ספקות, סתירות און די אייביקע פראַגעס : ווו ? וווהין ? בלײַבט האָפּשטיין אַלץ דער שטענדיק גלייביקער אין זײַן באַרוף ווי אַ דיכטער און אין זײַן עקשנותדיקן דראַנג נאָך שלימות מיט זיך און מיט זײַן דיכטערישער פּען.

זײַן ליד איז די פּרוכט פון זײַן אוממיטלבאַרן דראַנג און געפיל. אָט ווי האָפּשטיין כאַראַקטעריזירט דעם אומרו און דעם אימפּולס, וואָס פירן אים צו שאַפן דאָס ליד.

דווקא דעמאָלט, ווען אים ווילט זיך אין אַלץ פאַרגעסן, „קומט זי, די דיכטערישע גאָב / ווען זי וויל ... / ... און אַלעס ברויזט אויף מיט פלאַמען / און ס׳ווערט געקייטלט און געשמידט / אָט דאָס וואָס הייסט דאָס ליד" (א׳ — ז׳ 37).

זײַן דיכטונג, וואָס איז אָפט אַ פּראָדוקט פון יסורים און לײַדן, באַטראַכט ער ווי אַן עבודה צו דינען דעם מענטשן, און ער איז מקבל זײַן מיסיע באַהבה :

„מײַן ציטעריקסטע ליבע, מײַן פרייד
וויל שטענדיק נאָר איינס, און איין זאַך איז זי אויסן,
און גליט נאָר אין לײַדנשאַפט מײַנער :
פאַרלינדערן מענטשלעכע לייד".

(ב׳ — ז׳ 175)

אין די גרויליאָרן, ווען די דיקטאַטאָרישע רוט פון דער יעווסעקציע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם פרײַען שאַפן פון די ייִדישע שרײַבערס און דיכטערס, זײַנען האָפּשטיינס געבענטשטע רגעס פון פרײַען שאַפן, „יענע ציטערס די שיינע פון האַרן", געוואָרן אַלץ זעלטענער. און דאָך, זײַן שטאַרקער דראַנג צום פרײַען אויסדרוק איבערגעוועלטיקט אָפט די מורא פאַר געפאַר, וואָס האָט שטענדיק געלויערט אין די חושכדיקע טעג און נעכט. יענע געבענטשטע רגעס רופן בײַ אים אַרויס די פריידיקסטע איבערלעבענישן :

„...און פּלוצעם קומט ער, דער מעכטיקער ציטער,
און מיט אַן אָפּשײַן פון ווײַטן פאַרבאָרגענעם פײַער
באַהעלט און אַלזײַזטיק באַשטראַלט...
געסט מײַנע, טײַערע, רגעס פון שאַפונג פון פרײַע,
קומט צו מיר אָפּט און אויף לאַנג זיך פאַרהאַלט״.

(ב׳ — ז׳ 148)

אָנהייב צוואַנציקער יאָרן הייבן זיך אָן אינקוויזיטאָרישע רדיפות אויף דער העברעיִשער שפּראַך, ליטעראַטור און טעאַטער. דאָס שאַפן אויף דער העברעיִשער שפּראַך, די אַנטוויקלונג פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, דאָס שאַפן און אַנטוויקלען אַ יִידיש טעאַטער אויף העברעיִש — אַלץ וויכטיקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע זאַכן, וואָס האָבן אין די אויגן פון יִדישע און ניט־יִדישע שרײַבערס אויסגעזען ווי באַרמאַלע דערשײַנונגען אין איינקלאַנג מיט דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער פרײַהייט — זײַנען אין די אויגן פון דער יעווסעקציע געווען נאַציאָנאַליסטישע און קאָנטערעוואָלוציאָנערע „קראַמאָלע״. צווישן די פיל געחתמעטע אויף דעם מעמאָראַנדום פון דעם אַקאַדעמיקער אָלדענבורג וועגן דער לאַגע פון דער העברעיִשער שפּראַך אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אויך געווען דעם דיכטער האָפּשטיינס חתימה. און דאָ איז דער דיכטער צום ערשטן מאָל געקומען אין קאָנפליקט מיט דער יעווסעקציע. האָפּשטיין ווערט אָפיציעל געטאַדלט פאַר חתמענען יענעם מעמאָראַנדום און ווערט אויך באַזײַטיקט פון זײַן אַמט אין דער רעדאַקציע פון דעם זשורנאַל „שטראָם״.

האָפּשטיין דערפילט, אַז אים וועט זײַן שווער אָנצוגיין מיט זײַן ליטעראַרישער אַרבעט, און ער פאָרט אָפּ קיין בערלין מיט דער האָפענונג, אַז דאָרט, אין דער סביבה פון יִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן עמיגרירט נאָך פריִער פאַר אים, וועט אים זײַן בעסער.

אין זײַן באַגריסונג, וואָס ער האָט זײַענדיק אין בערלין געשיקט צו ח. נ. ביאַליק, איז ער מרמז אויף די יעווסעקישע שרײַבערס, ווי „טומלערס מיט קליינע קעפּ און שמאָלע הערצער״.

די סביבה אין בערלין שטעלט אים ניט צופרידן און ער פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל. אָבער אויך דאָרט זעט ער ניט פאַר זיך קיין גוטע פּערספּעקטיוון. ער איז ניט צופרידן מיט זײַן שאַפן דאָרט אויף העברעיִש. און ער באַשליסט זיך אומצוקערן קיין סאָוועט רוסלאַנד. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ יִידישער דיכטער אין יִידיש, איז אין רוסלאַנד זײַן פּלאַץ, אַזוי האָט ער מסתּמא געמוזט טראַכטן. דער אמת איז, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם שטרענגן יעווסעקישן אויג, וואָס האָט אומעטום געזוכט „קראַמאָלע״, האָט זיך די טעטיקייט אין און אַרום יִדיש — יִדישע ליטעראַטור, יִדישער חינוך, פאָרשונג, א״אַ — אין יענער צייט געהאַלטן אין אַנטוויקלען און אַפילו פאַרצייכנט גרעסערע דערגרייכונגען.

האָפּשטיין קערט זיך אום קיין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרט איז מען אים מוחל אויף זײַנע „זינד״, ער ווערט רעהאַביליטירט און אויפגענומען ווי איינער פון די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבערס. ער אַנטוויקלט אויף אַ ברייטן אופן זײַן ליטעראַרישע אַרבעט און ווערט איינער פון די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין ייִדישן קולטור־לעבן.

ווי אַ סך אַנדערע שרײַבערס, האָט האָפּשטיין באמונה שלמה געגלייבט אין דער רוסישער רעוואָלוציע און אין איר מיסיע צו ברענגען די באַפרײַונג פון פעלקער און פעלקער־פאַרברידערונג אויף דער וועלט. פול מיט פּאַטאָס זײַנען זײַנע רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס דריקן אויס זײַן גלויבן, אַז דאָס נײַע, אויפגעוואַכטע רוסלאַנד איז די וועגווײַזערין פאַר דער מענטשהייט און איז באַרופן צו ברענגען די גאולה אויף דער וועלט״.

...מיר גייען אין דײַנע פּאָרנטיקע רייען,
שפּאַנענדיקע מענטשהייט,
מיר,שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע,
טראָט נאָך טראָט !

עס הייסט, אַז די אַלטע וועלט דאַרף לאָזן פּלאַץ פאַר דער נײַער, וואָס האַלט אין קומען בקרוב — און אָט דער געדאַנק ווערט אין ליד אויסגעדריקט אין אַ שטאַרקן טאָן פון גאָט־לעסטערונג אין רויטן אָנבליק פון דער פּלאַטערדיקער פאָן:

„...אויף שאַנדן שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט
דער אַלטער גאָט.
מיט לופט געלאַטעטע פלאַטערט אַלץ און פלאַטערט
צוריק קיין טראָט!

(א׳ — ז׳ 77)

צו די לידער פון יענעם מין באַלאַנגען אויך „גערעכטיקייט״, „אָקטאָבער״, „די רויטע בליטן״, „אין טעג פון אָנהויב״ און „וואַלגער שטיינער״. דאָס דינינקע ביכעלע זײַנס „איך גלייב״ פאַרלאָזט אים ניט, עס שטייט אים שטענדיק פאַר די אויגן, כאָטש אָפט איז פאַר די אויגן פינצטער... זײַן שטאַרקער גלויבן אין אַ פריידיקן מאָרגן האַלט אָן. צו זײַן באַגײַסטערונג איז ניטאָ קיין גרענעץ :

„...ניט גראָז פון וויסטעניש, אָ נייַן,
נאָר שטראַלן פון באַגינען
צעשפּראָצן זיך פון יעדן שטיין
אויף דײַנע ליכטיקע רויִנען.״

(א׳ — ז׳ 147)

האָפּשטיין איז שטאָלץ אויף דעם, וואָס אויך זײַן ליד פאַרנעמט אַ פּלאַץ אין דעם אַלגעמיינעם כאָר פון רעוואָלוציאָנערע לידער, אָדער ווי

ער דריקט זיך אויס, אַז אויך ער „האָט אַ פּאַדעם צוגעשטעלט צום נײַעם קנויט פון פרײַען פּאַקל דײַנעם, אָ גרויסע וועלט" (א' — ז' 109־110).

אָבער בײַ זײַן טיפן גלויבן אין דער רוסישער רעוואָלוציע האָט האָפּשטיין ניט געקאָנט און ניט געוואָלט מסכּים זײַן מיט דער יעווסעקציע, אַז די נײַע ייִדישע ליטעראַטור מוז אין גאַנצן איבעררײַסן מיט איר קולטור־ירושה און אַז דער ייִדישער שרײַבער אין סאָוועט־רוסלאַנד מוז זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פון דער פריִער געשאַפענער ליטעראַטור מחמת דעם, וואָס זי איז לויט זייער מיינונג נאַציאָנאַליסטיש. האָפּשטיין, דער ערלעכער דיכטער און באַגײַסטערטער באַזינגער פון דער רעוואָלוציע, קען ניט מסכּים זײַן צו אַזאַ ריס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין אַ ליד, געשענקט צו איזי כאַריקן, טענהט ער זיך אויס אויף אַזאַ אופן :

„...איז וואָס, אויב ס'האָט אַ מאָל אַ קליינטשיק ייִנגל
געלערנט פּסוק איוב ?
איז וואָס, איז וואָס, אַז ס'האָט אַ מאָל אַ דיכטער
געפונען ווײַטע גראַמען,
אוןביידע נעמען, ווײַט־צעשיידטע אין געשיכטע,
אַוועקגעשטעלט צוזאַמען ?...

(ב' — ז' 43)

דאָרט, ווו ליטעראַטור מיט נאַציאָנאַלן תּוכן איז אונטער שטענדיקן פאַרדאַכט אין שאָוויניזם און קאָנטררעוואָלוציע, קען קיין רייד ניט זײַן וועגן פרײַער דיכטונג אויף נאַציאָנאַלע מאָטיוון. דאָך רײַסט זיך דורך דאָ און דאָרט אַ פּערז אין זײַנס אַ ליד און אַפילו אַ גאַנץ ליד אויף אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן מאָטיוו.

אַ משל געפינען מיר אין האָפּשטיינס „ליד פון מײַן גלײַכגילט", געשענקט צו קושניראָוון. אין דעם ליד טענהט זיך דער דיכטער אויס מיט דער אַנטיסעמיטישער וועלט, וואָס קען ניט און וויל ניט פאַרגעסן אין יענע לעגענדעס אַרום קריסטוסן און קריסטנטום, וואָס האָבן ייִדן פאַרשאַפט און פאַרשאַפן נאָך איצט אַזוי פיל צרות. דער דיכטער שלײַדערט צוריק דער אַנטיסעמיטישער וועלט די בילבולים און באַליידיקונגען, וואָס ייִדן קומט אויס אויסצושטיין אַפילו אין דער איצטיקער צײַט, און ער דערמאָנט יענע ייִדישע שונאים, אַז די ייִדן האָבן דער וועלט געגעבן אַזעלכע גרויסע גײַסטער ווי מאַרקס און היינע און שפּינאָזע.

„...איר, זיכערע אומות
פון הערשער און הענקער,
עס איז מיר שוין נימאס
געדענקען

מײַנע ווײַטע פאַרלוירענע טריט
אויף מײַנע שטילע, געצירטע בית־עולמס״.
(ב׳ — ז׳ 37)

דאָס צעוויייטיקטע האַרץ פון דיכטער האַלט טײַער זײַן אָפּשטאַם און דעם שטענדיקן רוף, וואָס קומט פון „זײַן ליבע זײַן ריינער״, צו זײַן אַ יונגע, ליכטיקע שײַן איבער דעם אַלט־אַלטן ייִדישן פאָלק (דאָרט).

ניט יעדערער איז געבענטשט מיט דער מעלה צו קענען אָנהאַלטן דעם בטחון אויף אַ פרײדיקן עתיד, ווען דער הווה איז אַ שטענדיקער געראַנגל מיט זיך און מיט דעם אַרום און די טעג ווערן אָנגעפילט מיט ספקות און ייִאוש־שטימונגען. ניט יעדערער באַזיצט יענע גבורה, וואָס איז נייטיק, כדי אַוועקצוטרײַבן דעם „שטויב פון זײַן״ און האָפן למרות־הכל אויף אַ בעסערן טאָג, וואָס קען קומען. האָפּשטײנס כאַראַקטער־שטריך פון שטענדיקן גלויבן און האָפענונג באַשטייט אין דעם,

„וואָס ער קען אַזוי פון העלער הויט
אַ טרײַב טאָן אים, דעם שטויב פון זײַן,
אַ וויש טאָן די פײַכטע קויט
און מאַכן קלאָר די טונקעלע שויב,
די שויב פון וואָר,
און פראַנק און פרײַ
דאָ טאָן אַ זאָג :
ס׳וועט זײַן אַ טאָג,
אַ טאָג וועט זײַן !״
(ב׳ — ז׳ 131)

ס׳איז גוט אַרײַנצוקוקן אין האָפּשטײנס וווּנדערלעכער פּאָעמע „תפילות״, וואָס פאַרסכהכלט אויף אַ בצימצומדיקן אופן (אַ צימצום, וואָס זאָגט זייער אַ סך !) זײַן לעבנשפּאַן, זײַן וואָגלוועג און זײַן פּאָעטישע יצירה.

ס׳איז נישט שווער אַרויסצופילן אין דער פּאָעמע סײַ זײַנע ספקות, סײַ זײַן גלויבן, אַז עס איז דאָך דאָ אַ זין אין לעבן און אַז זײַן לעבן איז ניט געווען אומזיסט. ער ווינטשט זיך, אַז זײַן לעבן זאָל פאַרמאָגן כאָטש אַ שאָטן פון אַ צוועק, כאָטש „אַ רמז אויף דעם וואָס הייסט וועג״. ניט ער האָט מורא פאַר לײַדן, ניט ער פאַרלאַנגט „בײַם האַר פון לעבן״ אַ פאַרגיטיקונג פאַר זײַנע יסורים. ער וויל נאָר, אַז „די דרייסטע און הייכע פאַרלאַנגען, וואָס זײַן פאָלק האָט אים פאַרטרויט — אויסבאַהאַלטן פון טויט״ און „אַז אַלץ איך האָב אין געשאַנק / גאָר מײַן געפיל און געדאַנק / זײַן זאָל לעבנסלאַנג״ (ב׳ — ז׳ 162—160).

האָפּשטײן, דער באַזינגער פון ייִדיש, וואָס פאַרמאָגט, ווי ער זאָגט, אַזאַ „עפעס״, האָט אין דעם לשון געפונען אַן עשירות פון ווערטער און

ווערטערפאַרבן. פון יענעם קוואַל האָט ער געשעפּט די שפּראַך פאַר זײַנע לידער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אימאַזשן און סימבאָלן. טייל לידער זײַנען דורכויס סימבאָלן.

אַ קענער פון שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן, איז געווען נאַטירלעך, אַז ער זאָל זיך האָבן געפונען אונטער דער השפּעה פון יענע ליטעראַטורן, באַזונדערס די רוסישע ליטעראַטור און איר בעסטן פּאָעטישן פאָרשטייער, פּושקין. האָפּשטיין האָט זיך אָבער אויסגעטראָטן אַן אייגענעם וועג. זײַן ליד פאַרמאָגט זײַן אייגענעם ציטער. זײַן טעמאַטיק, ווי פאַרשיידן זי זאָל ניט זײַן — נאַטור און מענטש, היים און בענקעניש, גלויבן און ספקות, רעוואָלוציע און וועלט־גאולה — זיי אַלע גייען דורך דעם געשמעלץ פון האָפּשטיינס „איך”, איידער זיי ווערן די אָביעקטן פון זײַנע מעדיטאַציעס און דערנאָך פאַרקערפּערט אין לידער. און טאַקע דערפאַר דערשפּירט דער לייענער זײַן נאָענטקייט צום דיכטער.

די ווערטער אין זייער פּשטות שטייען אין זײַנע „געמאָסטענע שורות” איינפאַך און קלאָר און זײַנען פאַרקייטלט אין די פערזן, וואָס זײַנען ניט געקינצלט, נאָר נאַטירלעך און שיין. ניטאָ קיין איבעריקע ווערטער אין זײַן ליד, אַזוי אַז מען קען פון זײַן ליד קיין וואָרט ניט אַרויסוואַרפן.

מיט זײַן פּאָעטישן פאַרמעג האָט האָפּשטיין שוין לאַנג זיך פאַרשאַפט אַן אויבנאָן אין דער ייִדישער דיכטונג און פאַרבליבן ווי איינער פון אונדזערע וויכטיקסטע ייִדישע פּאָעטן.

יעקב ציפּערס נײַע דערגרייכונג

כידוע, באַשטייט די שיינקייט פון דעם חומש־סטיל אויך אין דעם, וואָס הגם געשריבן אויף לאַקאָניש, בצימצומדיקן אופן, פאַרמאָגט יעדע סדרה אַ סך פלאַץ סײַ פאַר דעם אַנאַליטישן נאָכקלער און אויסטײַטש פון די פסוקים, סײַ פאַר דער רײַכער פאַנטאַזיע פון קינסטלער.

די בעלי־אַגדה ווי די בעלי־הלכה האָבן יעדערער אויף זייער אופן געזוכט אַרײַנצודרינגען אין די סאַמע טיפענישן פון דעם חומש־גײַסט, און דער שכר פאַר זייער מי זײַנען די גרויסע אוצרות אין דער אַגדה און הלכה־ליטעראַטור.

די לעבן־באַשרײַבונג פון אַברהם אָבינו פאַרנעמט אין חומש בלויז דרײַ סדרות, אָבער וואָס פאַר אַ רײַכער קוואַל זיי זײַנען פאַר דער פאַנטאַזיע און קינסטלערישן שאַפן!

יענע סדרות, אָנגעפּראָפּט ווי זיי זײַנען מיט סך דראַמאַטישע פּאַסירונגען,ווי מלחמה און שלום, מענטשלעכע שוואַכקייטן פון קינאה און שינאה, צו דערמאָנען בלויז אַ פּאָר געציילטע, און איבער דעם אַלעמען אַברהמס גאָט־דערקענטעניש און עקדת־יצחק — דאָס אַלץ ווערט אין יענע סדרות דערציילט בתכלית־הקיצור און אָפט בלויז אין רמזים.

און נאָר די שפּעטער געשאַפענע אַגדות, וואָס זײַנען אַליין פּראָדוקטן פון מענטשלעכער פאַנטאַזיע, זײַנען געקומען אויסצופילן געוויסע בלויזן.

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז ציפּער איז אין זײַן בוך „אין די געצעלטן פון אַברהם" אַן איבערדערציילער פון יענע חומש־סדרות און די לעגענדעס, וואָס דורות האָבן שפּעטער געשאַפן.

ציפּער האָט באַוויזן, אַז ער קען זיך גוט אַרײַנלעבן סײַ אין דעם גײַסט פון דער חומש־דערציילונג, סײַ אין דעם מידבר־קאָלאָריט פון יענע ערטער, ווו אברהם האָט אויפגעשטעלט זײַנע געצעלטן.

דער קינסטלער אין ציפּערן און זײַן אָפט מאָל זייער געוואַגטע פאַנטאַזיע האָבן אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן אויפצובויען אַן איינהייטלעך און שיין געשילדערט בילד, אין וועלכן אַפילו דאָס פאַנטאַסטישע זעט אויס רעאַל.

אויף אַן ערלעכן אופן, טרײַ צום חומש־אָריגינאַל, אָבער מיט מער בולט־געצייכנטע שטריכן, שילדערט ציפּער אין זײַן בוך דעם גאָט־ליבנדיקן און פון גאָט־געפּרוווטן אַברהם אָבינו דעם פּאַטריאַרך, דעם האַר פון זײַנע געצעלטן, זײַנע פּאָטערלעכע באַציִונגען צו זײַן הויזגעזינט און טאָלעראַנץ צו זײַנע שקלאַפן, וואָס דינען „יעדער צו זײַן גאָט" ; דעם גרויסן מענטשן פון יושר, צדק און שלום, וואָס מאָנט גערעכטיקייט אַפילו בײַ גאָט אַליין און וואָס גאַרט צו לעבן נאָר בשלום מיט זײַנע שכנים אַרום.

מיט די פּשוטסטע ווערטער, וואָס מאָנען גערעכטיקייט און שלום, מוסרט ער זײַן פּלימעניק לוטן פֿאַר זײַן קריגערישן גײַסט: „מיט שלום האָט מיך מײַן גאָט געפֿירט אַהער און דו האָסט פֿאַרמיאוסט דעם נאָמען פֿון מײַן גאָט אין די אויגן פֿון די קינדער פֿון לאַנד".

דאָס געבורט פֿון ישמעאלן און דערנאָך פֿון יצחקן, די קינאה־שינאה צווישן שרהן און הגרן, דאָס פֿאַרטרײַבן הגרן מיט ישמעאלן און אַברהמס נשמה־צעריסנקייט — אָט די עלעמענטן פֿון דער חומש־דראַמע האָט זיפֿער אויפֿגעבויט אין אַ דראַמאַטישער דערציילונג און געשילדערט אויף דעם הינטערגרונט פֿון דעם פֿאַרצײַטיקן לעבן פֿון פּאַסטעכער־שבטים.

די וואַכנעכט אין די געצעלטן, די פֿאַרווײַלונגען פֿון דעם פֿאַרזאַמלטן עולם פֿון אייגענע און געלאַדענע שכנים, די סעודות און די שפּילן זײַנען אַזוי מוסטעריש געשילדערט, אַז דאָס גאַנצע בילד פֿון דעם ווײַט־ווײַטן אַמאָל זעט אויס נאָענט און רעאַל.

דאָס אויסלייזן יצחקן ווי דעם בכור, נאָך דעם ווי ישמעאל, דער פֿריִער אויסגעלייזטער און פֿון די געצעלטן־אָנערקענטער בכור און שפּײַזער פֿון הויזגעזינט, שאַפֿט אַ קאָנפֿליקט אין דעם מינהג און לייגט זיך שווער אויף דעם געמיט פֿון דעם גאַנצן הויזגעזינט.

דורך אַ קינסטלערישער המצאה געפֿינט זיפֿער אַ וועג, ווי אַזוי צו לאָזן אַברהמען אַליין אויפֿצוקלערן און אויסגלײַכן דעם קאָנפֿליקט.

צווישן די פֿאַרשיידענע פֿאַרווײַלונגען און שפּילן, וואָס ווערן דורכגעפֿירט פֿאַרן עולם, קומען אויך פֿאָר שפּילן וועגן מעשיות פֿון פֿאַרצײַטן (טאַקע גענומען פֿון חומש), אָנגעפֿירט פֿון אליעזרן מיט די עלטסטע פֿון חברון, יעדע נאַכט אַן אַנדער מעשה.

אויף דעם דריטן טאָג ווערט דורכגעפֿירט די מעשה פֿון קין און הבל — דער ערשטער ברודערמאָרד. אַברהם אַליין איז דער, וואָס פֿירט דאָס מאָל אָן מיט דער שפּיל, וואָס איז אַ מין פֿרעלוד אויפֿצוקלערן, אַז עס קען ניט הויזן ישמעאל דער יעגער מיט יצחקן דעם לאַם.

אין דעם זיבעטן טאָג, קעגן דעם אָנגענומענעם מינהג, ווערט דורכגעפֿירט די צערעמאָניע פֿון יצחקס אויסלייזונג, צו דער דערשטוינונג פֿון דעם עולם אַרום.

אָט די קינסטלערישע המצאה איז געוואַגט אָבער אויך אינטערעסאַנט און פּאַסט זיך גוט אַרײַן אין דעם אַלעמיינעם שיין־געצייכנטן בילד פֿון דעם לעבן און די קאָנפֿליקטן אין אַברהמס געצעלטן.

די אות־באות אויסדרוקן פֿון חומש, וואָס זיפֿער באַניצט ערטערווײַז, העלפֿן אַרויס דעם שיינעם אויסגעהאַלטענעם סיגנון־הלשון, וואָס פֿאַרמאָגט אויך דעם חן פֿון חומש־סטיל.

זיפֿערס בוך פֿאַרצייכנט אַ קינסטלערישע דערגרייכונג, וואָס איז אויך דער שכר פֿאַר זײַן קינסטלערישער מי.

ספר איוב און ה. לייוויקס איוב־דראַמע

די פילאָסאָפיש־טעאָלאָגישע איוב־פּראָבלעם איז דורך ה. לייוויקן אויסגעברייטערט און פאַרטיפט געוואָרן אין זײַן דראַמאַטישער פּאָעמע „אין די טעג פון איוב״.

אין וואָס איז באַשטאַנען לייוויקס צוגאַנג צו דער זייער קאָמפּליצירטער איוב־פּראָבלעם און ווי האָט ער עס אַנטוויקלט אין זײַן דראַמאַטישן ווערק ?

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, מוזן מיר זיך פריִער ווענדן צום ספר איוב גופא. אין דער דאָזיקער גרויסער דראַמאַטישער שאַפונג פון ספר־הספרים האָט דער מחבר (אָדער מחברים) געמאַכט אַ פּרווו אויפצונעמען די אייביקע פראַגע וועגן ציל און גורל פון דעם מענטשן אויף דער וועלט. אין דעם קאָנטעקסט פון ייִדישן רעליגיעזן דענקען איז די פראַגע פאַרבונדן מיט די באַגריפן פון בחירה חפשית, שכר ועונש, „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״.

לאָמיר פריִער איבערגעבן בקיצור דעם סיפּור־המעשה פון ספר איוב. אין לאַנד עוץ האָט געלעבט אַ מאַן מיטן נאָמען איוב. ער איז געווען אַן איש תם וישר, אַ ירא־שמים און שטאַרק אָפּגעהיט אין מעשים־טובים און אין זײַנע באַציִונגען מיט מענטשן.

האָבן אַ מאָל די בני־אלהים, און צווישן זיי דער שטן, זיך געשטעלט פאַר גאָט און געלויבט גאָט. האָט גאָט געפרעגט דעם שטן, צי האָט ער געטראָפן אויף זײַן וועג דעם רעכטפאַרטיקן איוב. דער שטן האָט אָנגערעדט אויף איובן אַ סך שלעכטס און ער האָט געקראָגן פון גאָט די דערלויבעניש אויסצופּרובירן איובן. דער שטן איז זיכער, אַז אויב אויף איובן וועלן קומען פיל צרות, וועט ער נעמען לעסטערן גאָט.

גלײַך נאָך דעם לאָזט זיך אַראָפּ אויף איובן איין אומגליק נאָך אַ צווייטן : אַ פײַער פאַרברענט זײַן האָב־און־גוטס ; אַ שטורעם ברעכט אײַן דאָס הויז פון זײַן עלטערן זון און אַלע זײַנע זין און טעכטער קומען אום.

דעם שטן גיט זיך אָבער ניט אײַן אײַנצוברעכן איובן. „נאַקעט בין איך אויף דער וועלט געקומען און נאַקעט וועל איך פון דער וועלט אַוועקגיין. געלויבט זאָל זײַן גאָטס נאָמען״ — זאָגט איוב נאָך די אַלע צרות, וואָס האָבן אים געטראָפן (איוב, תרגום יהואש, א׳, 21).

דער שטן שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ און רעדט ווידער אָן שלעכטס אויף איובן. גאָט לאָזט ווידער דעם שטן אָנגיין מיט זײַן אַרבעט אויסצופּרוּוון איובן, אָבער מיטן תּנאַי, אַז ער זאָל היטן איובס נפש.

דער שטן שיקט אָן אויף איובן שרעקלעכע פּלאָגן מיט אַ בייזן אויסשלאָג אויף דעם קערפּער פון קאָפּ ביז די פיס. מיט אַ שערבל אין האַנט נעמט איוב קראַצן זײַנע ווונדן און זײַנע יסורים ווערן נאָך גרעסער און פּײַנלעכער. איובס ווײַב קען ניט צוקוקן איר מאַנס יסורים און זי

עצהט אים, אַז ער זאָל שילטן גאָט, אַפילו אויב ער זאָל דערפאַר באַשטראָפט ווערן מיט טויט. אָבער איוב נעמט ניט אָן איר עצה, ווײַל ער האַלט, אַז מענטשן דאַרפן אָננעמען פון גאָט ניט נאָר דאָס גוטע, נאָר אויך דאָס שלעכטע.

דרײַ איובס פרײַנד, וואָס האָבן געהערט איובס געיאָמער, זײַנען געקומען אים טרייסטן. זיי זײַנען געזעסן מיט אים „שבעה" און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

דער מחבר פון ספר איוב שילדערט דערנאָך אַ ריי מאָנאָלאָגן און פרובירט אַרויסברענגען אין זיי דעם תוך פון איובס טענות.

אין טיף־רירנדיקע ווערטער נעמט איוב שילטן דעם טאָג פון זײַן געבוירן. אין זײַן מאָנאָלאָג שטעלט ער אַוועק די פראַגע: „פאַר וואָס גיט גאָט ליכט דעם, וואָס מאַטערט זיך, און לעבן צו די פאַרביטערטע אין געמיט?"

די דרײַ פרײַנד דערווידערן, אַז עס זײַנען ניטאָ קיין יסורים אָן זינד און ניטאָ קיין טויט אָן פאַרברעכן. זיי זאָגן, אַז איובס זין האָבן מסתּמא געזינדיקט, האָט זיי גאָט געשטראָפט, און אויב איוב איז ריין פון זינד, וועט ער האָבן אַ גליקלעכע צוקונפט.

אויבן אויף קען זיך אויסדוכטן, אַז איוב האָט אין זינען זיך אַליין און ער באַקלאָגט זיך נאָר אויף זײַן אייגענעם בראָך. אין דער אמתן באַקלאָגט ער דעם סדר־העולם בכלל און אויך די לײַדן און פּײַן פון דעם מין מענטש אויף דער וועלט.

איוב איז אַנטוישט אין דער חברשאַפט פון זײַנע פרײַנד און אין אמת פון זייערע טרייסטווערטער:

„איך האָב געהערט פיל אַזוינס. / צרהדיקע טרייסטער זײַט איר אַלע. / וועט זײַן אַ סוף צו אײַערע / ווינטיקע רייד" (איוב, י"ט).

און אַז די „ווינטיקע רייד" פון זײַנע פרײַנד האַלטן אָן, רעדט איוב זיי אויס, פאַר וואָס זיי שעמען זיך ניט אַפילו אים צו פּײַניקן. ער פרובירט זיי קלאָר צו מאַכן, אַז ער האָט ניט קיין טענות צו מענטשן, נאָר צו גאָט:

„אויב איר ווילט באמת זיך גרייסן קעגן מיר, טאָ ווייסט, אַז גאָט האָט מיך געקריוודעט. אָט שרײַ איך געוואַלד און ווער ניט געענטפערט, איך רוף און נישטאָ קיין גערעכטיקייט". (יהואָש)

אין זײַן מאָנאָלאָג שטעלט איוב אַוועק די פראַגע פון שכר ועונש מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און זאָגט אַרויס זײַנע ספקות אין דער גערעכטיקייט פון סדר־העולם.

ער פרעגט:

„פאַר וואָס לעבן די רשעים, עלטערן זיך און זײַנען שטאַרק אין קראַפט. זייער זאָמען שטייט פעסט פאַר זייער פנים און זייערע שפּראָצן פאַר זייערע אויגן. זייערע הײַזער זײַנען בשלום אָן אַנגסט און די רוט פון גאָט איז ניט אויף זיי". (יהואָש, כ"א, 7—10).

נאָך מער, יענע רשעים לאַכן זיך אויס פון גאָט:

„קער זיך אָפּ פון אונדז, זאָגן זיי צו גאָט,
און מיר ווילן ניט וויסן פון דײַנע וועגן.

וואָס איז דער אַלמאַכטיקער, אַז מיר זאָלן אים דינען ?
סײַ דער, וואָס האָט געלעבט אין וואוילטאָג,
סײַ יענער, וואָס האָט ניט פאַרזוכט קיין גוטס,
אין איינעם אין שטויב ליגן זיי
און ווערים דעקן זיי צו״. (יהואָש, כ״א, 14—16, 24—26).

און ווי באַלד אַזוי, ווו איז דער עונש און ווו איז דער שכר ?

איוב קומט צו גאָט מיט זייער שאַרפע טענות : אָנגענומען, אַז דער מענטש איז ניט מער ווי אַ מילב אין גאַנצן וועלטבאַשאַף, איז וואָס איז דער זין, אַז דער אַלמאַכטיקער גאָט זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען און „לייגן אויף אים זײַן האַרץ?״

איוב איז אַפילו סאַרקאַסטיש אין זײַנע טענות : „אַז איך זינדיק, איז וואָס טו איך דיר, היטער פון דער מענטשהייט ?״ (ז׳ 17—20).

איוב פילט, אַז ער איז גערעכט, און אין זײַן מאָנאָלאָג (קאַפּיטל ל״א) גיסט ער אויס זײַן צעווייטיקט האַרץ, אָנווייַזנדיק אויף זײַן לעבן, אַ לעבן פון גערעכטיקייט און מעשים־טובים. ער איז גרייט אַרויסצורופן גאָט אויף אַ מישפט :

„הלוואַי קריג איך ער זאָל מיך צוהערן !
אָט איז מײַן אונטערשריפט.
זאָל מיר דער אַלמאַכטיקער ענטפערן
און אַ געשריפטס זאָל אָנשרײַבן מײַן בעל־דין.
פאַרוואָר, איך וועל עס אויף מײַן אַקסל טראָגן,
איך וועל עס מיר אָנבינדן ווי אַ קרוין.
די צאָל פון מײַנע טריט וועל איך אים דערציילן.
אַזוי ווי אַ פירשט וועל איך צו אים גענענען.״
(יהואָש ל״ג, 25—38).

איוב אַפּעלירט אַפילו צו דער געשיכטע :
„הלוואַי ווערן נאָר אויפגעשריבן מײַנע ווערטער,
הלוואַי ווערן זיי אין אַ בוך פאַרצייכנט,
מיט אַן אײַזערנער פען און בלײַ
אויף אייביק אין פעלדז אַרײַנגעהאַקט.״
(י״ט, 23־24)

אין אַ שטורעם אַנטפּלעקט זיך גאָט צו איובן מיט אַן ענטפער אויף זײַן אַרויסרוף צו אַ מישפט. דאָס וווּנדערלעכע קאַפּיטל ל״ח, וואָס רײַן־פּאָעטיש שטײַגט עס אַריבער אַ סך פון די שענסטע קאַפּיטלעך פון

תּהילים, איז אַ שילדערונג פון גאָטס וואָרט צו איובן, ווי אויך אַ באַשרײַבונג פון דער אָנסופיקער גרויסקייט פון דעם אַלמאַכטיקן באַשעפער פון דער וועלט, זײַן זאָרג איבער אַלע באַשעפענישן, אַפילו די קלענסטע.

דאָס גאַנצע קאַפּיטל איז געשריבן אויף אַן אופן, וואָס זאָל דורך דער רעטאָרישער פראַגע אַרויסשטעלן דעם מענטשן אין זײַן באַגרענעצטקייט. גאָט וויל וויסן: „ווער פאַרטונקלט דאָס די כּוונה מיט ווערטער אָן פאַרשטענדעניש?"

איוב איז גרייט צוצוגעבן, אַז זײַן שׂכל איז אַ באַגרענעצטער, און כאָטש ער זעט די וווּנדער פון גאָטס פירונג, איז ער אָבער אויך דרייסט גענוג צו באַמערקן, אַז „וווּנדער זײַנען דאָס פאַר מיר און איך ווייס ניט." דאָס מיינט, אַז אין תּוך גענומען, זײַנען די וויכטיקע שאלות, וואָס עגבערן זײַן מות, נאָך אַלץ ניט פאַרענטפערט.

די גאַנצע מעשׂה אין ספר איוב ענדיקט זיך מיט דעם, אַז גאָט צאָרנט אויף איובס טרייסטערס, ווײַל זיי האָבן ניט גערעדט אַזוי אויפריכטיק וועגן גאָט ווי איוב, אָבער איוב אַליין ווערט פאַרגיטיקט פאַר זײַנע יסורים און ער פירט ווײַטער אַ לעבן פון אמת וצדק און אין רײַכקייט.

מיט דעם ענדיקט זיך דער סיפּור־המעשׂה, אָבער די פּראָבלעם פון גערעכטיקייט אין דעם סדר־העולם, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם ווערק, איז נאָך אַלץ געבליבן אָן אַ תּשובה.

וואָס איז מכּוח דעם אָנדערהאַלבן מיליאָן ייִדישע קינדער, וואָס זייערע לעבנס זײַנען פאַרשניטן געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס? וווּ איז דער שׂכר פאַר זייערע יסורים און וווּ איז דער עונש פאַר זייערע שוחטים און רוצחים?

דער גרויסער דיכטער חיים־נחמן ביאַליק האָט אפשר אויפן בעסטן אופן אויסגעדריקט די טראַגיק פון וויגן זיך צווישן אמונה און ספקות אין דער גערעכטיקייט פון סדר־העולם:

ואם יש צדק יוֹפַע מיד,
אַךְ אם אחרי הִשָמְדִי מתחת הרקיע
הצדק יופיע ——
יִמֻגַר נא כסאו לעד." („על השחיטה")

וואָס שייך דעם ספר איוב גופא און זײַן מחבר, זײַנען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען. ניט נאָר די פראַגע ווער עס איז געווען דער מחבר, נאָר אויך דער כאַראַקטער און די טעמאַטיק פון דעם ווערק האָבן פאַראינטערעסירט די דענקערס סײַ אין די מאָדערנע צײַטן, סײַ אין די גאָר פריִע תּקופות פון אונדזער געשיכטע.

שוין אין תּלמוד ווערט געזאָגט: „דער מאַן איוב האָט קיין מאָל ניט עקסיסטירט און איוב איז נאָר אַ משל. איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה". (בבא בתרא, ט"ו, ע"א; ט"ז, ע"ב).

איוב, בכן, איז ניט קיין לעבעדיקע פּערזאָן, נאָר אַ שם־הכּולל פון דעם מין מענטש אויף דער וועלט, ניט דווקא פון לאַנד עוץ.

אַ צווייטע מימרא פון חז״ל גייט נאָך ווײַטער און ברענגט צונויף אונדזערע אָבות מיט איובן. „ואימא איוב בימי יצחק היה״ (בבא בתרא, ט״ו). מען קען דאָך אויך מיינען, אַז איוב האָט געלעבט אין די צײַטן פון יצחקן.

אָט די צווי מימרות מיט זייער טיפן געדאַנק האָבן געגעבן לייוויקן דעם יסוד פון דער איוב־פּראָבלעם, וואָס איז ניט געבונדן מיט צײַט און אָרט.

שוין אין דעם ערשטן בילד פון זײַן דראַמאַטישער פּאָעמע „אין די טעג פון איוב״ פירט אונדז לייוויק צו נאָענט צו דער פּראָבלעם פון בחירה חפשית און צו דעם יחס צווישן גאָט, מענטש און שטן.

וואָס איז, אייגנטלעך, די פונקציע פון שטן ?

אין איוב איז דער שטן געשילדערט ווי אַ שליח פון גאָט. דער ציל פון זײַן שליחות איז נסיון. דער שטן איז אַן אָנרייצער און פאַרפירער פון דעם מענטשן און שיקט אויף אים אָן צרות און פּלאָג — זײַנע מיטלען צו צעברעכן דעם מענטשן פסיכיש און גײַסטיק. גיט זיך אים דאָס ניט אײַן צום ערשטן מאָל, ברענגט ער אויפן מענטשן נאָך גרעסערע יסורים.

אין לייוויקס פּאָעמע איז דער שטן געשילדערט ווי אַ קאָמפּליצירטע און אַ טראַגישע פיגור. דער שטן פּרובירט אַליין אויפקלערן פאַר זיך זײַן פונקציע און זײַן באַציִונג צו גאָט :

אַז דו ביסט ניט איך,
צי בין איך דו ?
ביסט פאַראַן אומעטום
און איך בין ווו ?״ (אין די טעג פון איוב, ז׳ 21)

דער שטן ווייסט, אַז זײַן גאַנצער מהות העננט אָפּ פון גאָט, איז עס דען מעגלעך, אַז ווען גאָט איז פאַראַן, זאָל ער, דער שטן, ניט זײַן ?

אין זײַן ראַנגלען זיך מיט דער פראַגע : ווי קען ער זײַן גאָט ? קומט דער שטן סוף־סוף צום אויספיר, אַז אויב גאָט איז דאָ, איז אויך ער דאָ.

„מײַן גאָט, מײַן גאָט,
מײַן טרויער שטיל אײַן,
אַז דו ביסט פאַראַן,
ווי קען איך ניט זײַן ?״ (ז׳ 21, דאָרט)

לפי גאָטס קול אין דער פּאָעמע, באַטראַכט גאָט דעם שטן ניט גלאַט ווי אַן אָנרייצער אויפן מענטשן. מיט זײַן דאָזיקער פונקציע איז דעם שטן באַשערט צו דינען דעם מענטשן דורך אויסלײַטערן אים דורך שווערע נסיונות. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן מיט דער טבע פון בחירה חפשית — אויב אַזוי מיינט עס דאָך, אַז דער מענטש אַליין איז דער מושל

איבער זיך און איבער זײַנע מעשים, ניט דער שטן און אַפילו ניט גאָט אַליין.

בכן, דער שטן הייבט אָן צו באַטראַכטן זײַן פונקציע אין אויסגלײַכן די וואָגשאָל צווישן גאָט און מענטש, ער זאָל ניט זײַן קיין צד.

צום מענטשן גופא האָט דער שטן גאָרניט. פאַרקערט, לויט זײַן אייגענער דערקלערונג, האָט ער גאָר דעם מענטשן ליב:

„דער מענטש אַליין איז מיר אפשר נאָענט און טײַער,
און ווי דו אַליין האָסט אים בשעתו אויסגעפורעמט.
און פרײַ געלאָזט אים אין זײַן פולער טבע —
וואָס מיר איז ניט צום האַרצן איז זײַן גאווה,
זײַן זיכערקייט אין זיך און אָפט נאָך זײַן מחשבה,
אַז דו אַליין אַנטפּלעקסט זיך נאָר צום אים.״ (דאָרט, ז׳ 16).

לייוויק האָט אין זײַן פּאָעמע באַרירט דעם עטישן מאָמענט, וואָס איז לויט אים נאָך ענג פאַרבונדן מיט דער איוב־פּראָבלעמאַטיק: צי קען אָדער דאַרף אַ מענטש זיך אידענטיפיצירן מיט זײַן חברס ווייטיק? ווי ווײַט אָדער ווי נאָענט דאַרף דער בעל־יסורים זײַן, אַז זײַן געיאָמער זאָל דערהערט ווערן פון זײַן פרײַנד און אַרויסרופן בײַ אים דאָס געפיל פון מיט־צער? „ווײַטקייט״, האַלט לייוויק, איז ניט קיין שוץ אָדער באַוואָרעניש, אַז מען זאָל ניט פאַרציטערט ווערן פון אַ צווייטנס פּײַן.

אליפז, איובס פרײַנד, איז בײַ לייוויקן געשילדערט ניט ווי דער „ווינטיקער טרייסטער״, ווי אין ספר איוב, נאָר ווי אַן אמתער פרײַנד, וואָס אַ צווייטנס לײַדן גייען אים שטאַרק אָן. לייוויק לאָזט אליפזן זאָגן, אַז לײַדן פון אַ לעבעדיקן פרײַנד פאַרמאָגן אַזאַ קלאַנג אין זיך, וואָס דרינגט דורך פאַרצוימונגען און ווײַטקייטן. ווערט טאַקע אין לייוויקס פּאָעמע איובס קול דערהערט אין די ווײַטסטע מרחקים, און מַחנות וואַנדערערס, קראַנקע, בעלי־יסורים, בלינדע, לאָמע, מצורעים קומען צו איובן גלײַך ווי זיי דערהערן זײַן געיאָמער.

מיר הערן דאָס אַרויס פון דעם וואַנדערער תּובלס רייד:

„געקומען איז ענדלעך איינער
ניט פאַר אייגן נוץ
צו אויפרײַסן דאָס שווײַגן
אויף דער ערד פון עוץ.״

אין ענין מיטלייד גייט לייוויק אַפילו ווײַטער און אַקצענטירט עס ווי אַ חוב צו לעבעדיקע באַשעפענישן בכלל.
דער דיכטער פירט אַרויס אין זײַן פּאָעמע דעם שעפס, וואָס האָט פאַרטראַטן יצחקן אויפן מיזבח:
„אויך אַ שעפּס האָט פרײַ רשות צו מאָנען מישפּט.

צי איז ניט דײַן טאַטנס מעסער
אויך ניט דײַן מעסער געווען ?
...צי איז דעם שעפּס בלוט קיין בלוט ניט ?
פאַר וואָס, טענהט דער שעפּס, ביסטו אַראָפּגעשפּרונגען
פון מיזבח און מיך מיט געוואַלד אַרויפגעשלעפּט ?
איין קרבן האָט געשלעפּט צום טויט אַ צווייטן.
פאַר וואָס, איך פרעג דיך, האָט עס מיר געקומט ?
און מײַן האַלדז שעכטן מעג מען ?" (ז' 122)

די איוב־פּראָבלעמאַטיק ווייסט ניט פון קיין גרענעצן. זי איז לויטן מהות אַן אוניווערסאַלע פּראָבלעם, וואָס שטייט איבער צײַט, שטח און מין.
אײַנהערנדיק זיך אין די יללות פון די מחנות בעלי־יסורים, ווערט דער שטן גאָר מבולבל :

„דער אמת איז, כ'האָב גאָרנישט געוווסט ביז איצט
ווי אומגליקלעך עס איז דער גאַנצער מענטשן־מין
אַפילו אין די בעסטע טעג זײַנע פון גליק,
בפרט אין טעג פון פּײַן אַן אומגעדולד." (ז' 84)

און דעם שטן באַפאַלן ספקות אין שפּיל זײַנעם מיט איובן :

„אפשר איז אין דער גאַנצער שפּיל אין זײַן שליחות פאַרוויקלט
גאָר אַן אַנדער שפּיל — די שפּיל פון גורל, איבער וועלכן
ניט דער מענטש, ניט דער שטן און ניט אַפילו גאָט אַליין
האָבן אַ שליטה, און עס באַפאַלט אים אַ
רחמנות אויף גאָט אַליין."

אין זײַן דיאַלאָג מיט יצחקן עצהט ער אים :
„ער זאָל זיך גוט אײַנהערן וועט ער זיך דערוויסן,
אַז גאָט אַליין גייט דאָ אַרום צווישן אונדז אַן
אָנגעלאָדענער מיט טרויער און מיט עלנט
און שווײַגט און וויל זײַן שווײַגן אויפרײַסן
און קאָן ניט — איז ער שטאַרק מקנא דעם,
וואָס האָט געהאַט דעם מוט און אויפגעריסן." (ז' 85)

דער שטן ווערט אויך ניט מבולבל פון די מחנות בעלי־יסורים, ער האָט פאַר זיי זייער שאַרפע ווערטער:

„זיי, די מחנות, ווערן אויפגערודערט
אין יושר־שטראָם נאָר דעמאָלט,
ווען זיי זײַנען מחנה ;
אין זיך אַליין אָבער האָט
יעדער פון זיי נאָר זיך אַליין אין זינען." (ז' 110)

אויך איוב האָט פאַר די מחנות שאַרפע דיבורים:
„זייט שטיל! פאַרמאַכט די מײַלער אײַערע,
איר ערב־רב, איר אָנגעלאָפענער המון!
איר ווילט דורך גאָט, דעם האַר, דערהערט זײַן,
נאָר ווער פון אײַך האָט ווען געהאָלפן
און געטרייסט זײַן שכן מיט אמתדיקער, טרייסטנדיקער הילף?"

(ז' 102)

לייוויקס איוב האָט זייער האַרבע טענות צו זײַנע דרײַ פרײַנד־טרייסטערס. אָבער אַ טרייסטער פון גאָר אַן אַנדער מין איז יצחק אָבינו, וואָס דער דיכטער שילדערט אים אין אַ ריי בילדער אין זײַן דראַמאַטישער פּאָעמע.

יצחק איז דער גרויסער בעל־יסורים, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם גרויל פון גיין צו דער עקידה. ער טראָגט אויך אין זיך דעם פּײַן פון זײַן מאַמען שרה, וואָס איז געשטאָרבן פאַר שרעק, ווען דער שטן זאָגט איר אָן, אַז איר איין־איינציקער זון ווערט געפירט פאַר אַ קרבן צו גאָט. יצחק דערשטיקט אין זיך די יסורים פון די פיל געליטענע, בלינדע, לאָמע אין דער מחנה. ער נעמט אויף שטיל דאָס קלאָגן זיך אויף זייערע יסורים און ער ווייטיקט מיט זיי. ער דערשטיקט אין זיך אַפילו די ביטערע רייד פון שעפּס דעם קרבן און איז גרייט צו גיין מיט דעם בלינדן יורם און לאָמען תּובל צו איובן און יאָמערן צוזאַמען מיט אים.

מעג יצחק יאָמערן אויף די יסורים?

דער ענטפער איז דאָ אין אַברהם אָבינוס רייד, אַז גאָט גיט יצחקן רשות זיך „אויסצוטענהן אין וויי פון טרויער", רשות אַפילו אויף אַ געשריי. „שוין צײַט" — זאָגט אַברהם — דעם גרויל פון לײַב צו בטל מאַכן, אַפילו ווען דו ביסט פאַרכאַפּט פון יענע גרויליקייטן, וואָס האָבן זיך אָהער דערטראָגן", אָבער „דאָס דאַרף זײַן אַ צוגרייטונג פאַר נאָך נסיונות, וואָס וועלן קומען שפּעטער." (ז' 58)

יצחק איז מיט איובן אין סאַמע רעש פון די קולות פון דער מחנה וואַנדערערס, וואָס פאָדערן פון איובן אַ נס צו באַפרײַען זיי פון „מום און טויט."

יצחק געפינט אויך אַ טרייסטוואָרט פאַר איובן, ווען עס ברעכט אויס אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן, ער הערט גאָטס קול אין התגלות און האָט יסורים פאַר זידלען און צעטרײַבן די מחנה קראַנקע.

דאָ קומען מיר אפשר צום קלימאַקס פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע.

איוב איז מסכּים מיט יצחקס געדאַנק, אַז גאָט איז פאַראַן אין שטילקייט מערער ווי אין שטורעם, אַז ווען „גאָטס געשריי איז לויטער פײַער, איז מענטש־געשריי נאָך אַלץ נישט מער ווי לײַב־געשריי." (ז' 172).

בדרך אַלעגאָריע זעט יצחק קלאָר צו מאַכן, אַז איוב איז נישט דער איינציקער בעל־יסורים אויף דער וועלט און אַז דאָס וועט אים קלאָר ווערן, ווען „ער וועט זיך אַוועקלאָזן אין וואַנדער־וואָגל און אויפקלײַבן אַלע וויי־געשרייען פון יסורים פון אַלע לײַדנדיקע און צעפּײַניקטע און וועט זיי ברענגען און אַנידערלייגן פאַר גאָט (ז׳ 172).

איוב הייבט אָן באַנעמען, אַז נאָך דעם ווי גאָט איז נתגלה געוואָרן צו אים דאַרף ער זײַן שטאַרק און גלייביק „און ביזן לעצטן אָטעם־צוג קיין איין געשריי ניט געבן און דערפילן אין זיך אַ געפיל פון לויב צו גאָט פאַר דער זכיה פון דערהויבענעם נסיון.״ (ז׳ 197)

לייוויק איז אַזוי אַרום געקומען נאָענט צו דער מימרא וועגן איובן, וואָס האָט, ווי ער אַליין גיט צו, געשפּילט די דעצידירנדיקע ראָלע אין אויפבויען זײַן דראַמאַטישע פּאָעמע :

אָמר ר׳ חנינא בר פּפּא : איוב אילו לא קרא תּגר כשבאו עליו יסורים — כשם שאומרים עכשיו בתפילה אלהי אַברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב, כּך היו אומרים : ואלהי איוב. (ר׳ חנינא בר פּפּא האָט געזאָגט : ווען איוב וואָלט ניט אויפגעהויבן קיין געוואַלד, בעת עס זײַנען אים באַפאַלן די יסורים, איז אַזוי ווי מען זאָגט איצט אין תּפילה : גאָט פון אַברהם, גאָט פון יצחק און גאָט פון יעקב, וואָלט מען אויך געזאָגט : גאָט פון איוב.)

התגלות איז דער צענטראַלער מאָטיוו אין לייוויקס גרויסער דראַמאַטישער פּאָעמע. ניט אומזיסט עפנט דער דיכטער דאָס בוך מיט די ווײַטערדיקע שורות:

התגלות, נעם מיך אונטער דײַנע פליגל,
דעק אויף פאַר מיר די ווייכקייט וואָס אין שטיין,
די שטילקייט וואָס אין וויי־געוויין,
די אָפנקייט אין צוגעהאַקטן ריגל.

א. ליעסין

דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון גליק,
די פרייד צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון פרייד.
א. ליעסין. 1933

I

אויף איינעם פון מײַנע געציילטע באַזוכן בײַ א. ליעסין אין הויז (אַ זכיה, וואָס איך האָב שטענדיק טײַער געהאַלטן) האָב איך אים געפרעגט, פאַר וואָס ער גיט ניט אַרויס זײַנע לידער אין בוכפאָרעם.

— צו וואָס ? — האָט ליעסין מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע.

א. ליעסינס ענטפער „צו וואָס ?" איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ לאַנגע צײַט. זאָל עס זײַן, האָב איך געטראַכט, אַ סאָרט צווייפלען אין זײַן אייגענער מיסיע ווי אַ דיכטער ? און אויב יאָ, זאָל דאָס טאַקע זײַן דער ענטפער אויף מײַן שאלה ?

אין זײַן פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד פון א. ליעסינס לידער פּרובירט הלל ראָגאָף פאַרענטפערן די פראַגע, פאַר וואָס דער דיכטער האָט ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלונג אָדער זאַמלונגען פון זײַנע לידער פריִער, פאַרן יאָר 1938.

די פּרוּוון, וואָס זײַנען פון צײַט צו צײַט געמאַכט געוואָרן פון א. ליעסינס פרײַנד אַרויסצוגעבן זײַנע ווערק, האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן, און הלל ראָגאָף האַלט, „אַז שולדיק דערין איז געווען ליעסין אַליין", מחמת „זײַן לײַדנשאַפטלעכער שטרעבונג נאָך פולקומענהייט אין זײַן שאַפן" און זײַן שטענדיקן „איבערשאַפן און איבערדיכטן" לידער, וואָס זײַנען שוין אַ מאָל געווען געדרוקט.

ערשט אַרום 1936 איז לויט ראָגאָפן „געלונגען צו ווירקן אויף ליעסינען, ער זאָל צוגרייטן זײַנע ווערק צום דרוק".

פון דעם יאָר 1897, ווען זײַנע גאָר ערשטע לידער זײַנען אַרויס אין מינסק אין בוכפאָרעם, העקטאָגראַפירט, ביזן יאָר 1937, ווען ליעסין האָט לויט ב. ריווקינען באַשלאָסן „מער ניט אָפּצולייגן און נאָך פון קראַנקנבעט גענומען גרייטן זײַנע געזאַמלטע לידער", איז אַ חשבון פון פערציק יאָר.

איז עס מעגלעך, אַז דעם דיכטער איז פרעמד געווען דער נאַטירלעכער דראַנג נאָך דער פרייד צו זען זײַנע לידער געזאַמלט אין אַ בוך ? האָט דאָך א. ליעסין אַליין נאָך אַזוי פרי ווי אין 1904 געפּלאַנעוועט און אַפילו צוגעגרייט צום דרוק אַ זאַמלונג פון זײַנע לידער, אָבער דערנאָך חרטה געהאַט.

זײַנען טאַקע די אויבן־דערמאָנטע סיבות געווען דער אָפּהאַלט ?

ס'איז שווער מסכים צו זײַן מיט ה. ראָגאָפס מיינונג. נאָך ווייניקער איבערצײַגנדיק איז ב. ריווקינס מיינונג, אַז ניט ליעסינס לײַדנשאַפט צו

קאָריגירן איז געווען דער אָפּהאַלט, נאָר זײַן לײַדנשאַפּט צו צאָלן לידער־חובות, ד״ה לידער, וואָס דער דיכטער זאָל האָבן געהאַלטן ווי אַ חוב ווען־עס־איז צו שרײַבן אויף טעמעס, וואָס ער האָט פֿאַר זיך געהאַט אָנגעצייכנט.

אויב דאָס וועלן צאָלן די פֿאַרצייכנטע „חובות״ זאָל האָבן געווען דער אָפּהאַלט, איז וואָס איז מכּוח יענער גרויסער צאָל „חובות״, וואָס ער האָט אויף אַזאַ קינסטלערישן אופן שוין לאַנג געהאַט געסילוקט ?

לפֿי עניות דעתּי, וואָלט מען באַדאַרפֿט די סיבה זוכן אין דעם מהות פֿון דעם דיכטערס קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט, אין דער טראַגיק פֿון זײַן לעבן און אין זײַן קוק אויפֿן לעבן בכלל, וואָס האָט אים געפֿירט ולסוף צוריקגעפֿירט צו זײַן באַקאַנטן אַלטן מוסר־ניגון, צום „עקסטאַז פֿון לײַד, דאָס גליק צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פֿון גליק, די פֿרייד צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פֿון פֿרייד״.

דאָ וויל איך בלויז געבן אַן אייגענע השערה, געבויט אויף א. ליעסינס ריין־פּערזענלעכער, אינטימער ליריק, וואָס עפֿנט פֿאַר אונדז אַ טירל צום דיכטערס געמיט. יענע לידער טראָגן ניט קיין אַרויפֿגעצויגענע מאַסקע פֿון וועלטווייטיק. זיי זײַנען דורכזיכטיק, קלאָר און מען קען פֿון זיי אַרויסלייענען און אַרויספֿילן די טיפֿע פּערזענלעכע איבערלעבונגען פֿון דעם דיכטער.

ווען מיר גייען נאָך די לידער זײַנע אין זייער כראָנאָלאָגישן סדר, זעען מיר, אַז מיטן אויסנאַם פֿון יענע לידער, וואָס זײַנען געשריבן אויף נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון, זײַנען די לידער פֿון פּערזענלעכער ליריק דורכגענומען מיט טיפֿן טרויער און אַפֿילו ייִאוש. עס שאַפֿט זיך אַפֿילו דער אײַנדרוק, אַז דער דיכטער וואָלט ווי באַוווסטזיניק (אפֿשר מחמת זוכנדיק פֿאַר זיך אַ תּיקון) באַשאָנקען דעם אַרום (פֿאָלק, באַוועגונג, רעוואָלוציע) מיט האָפֿענונג, מיט באַווּנדערונג פֿון גבורה און קידוש־השם.

פֿאַר זיך אָבער האָט ער געלאָזט בלויז „סומנע טעג״, „שווערן אומעט״ און „בלײַערנע טרערן״.

אין דעם ליד „בײַם טײַך״, געשריבן אין 1894, געפֿינען מיר, צוזאַמען מיט דער שילדערונג פֿון אַ נאַכט אין אַ פּראָסטיקן אָסיען, אויך אַ באַגער צו סופּיקער אָפּרו. אַלץ איז אין יענער נאַכט פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿער שטילקייט, בלויז דער טײַך רוט ניט.

> ...„ער ווינקט און ער ציט מיך צו זיך אין דער שוואַרצקייט,
> אין וואַסער אין טיפֿן, אין קאַלטן,
> אין רופֿנדער אָפּרו, אין פֿרירנדן צויבער,
> אין סוד — אויפֿן אָפּגרונט באַהאַלטן״.

אַזאַ איז אויך דער טאָן פון דעם ליד „אויפן שיידוועג״, וואָס ער האָט געשריבן נאָך זייַענדיק אין מינסק, ערב זײַן אָנקומען קיין אַמעריקע. דאָס ליד איז פול מיט אַנטוישונג אין די יאָרן פון יוגנטלעכן שטורעם און דראַנג.

...„מײַנע שטורמיקע יאָרן, זיי זײַנען אַוועק,
אַזוי ווי אַ טומלדיק דריקנדער חלום,
און דערוואַכנדיק זע איך נאָר פוסטקייט און שרעק,
אַ פאַרחלומטן הבל־הבלים״.

(אויפן שיידוועג, 1895)

אין 1896 איז א. ליעסין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. די יאָרן 1896—1901 זײַנען געווען יאָרן פון נויט און עלנט, ראַנגלענישן מיט זיך, שטרײַטן מיט דער סביבה אַרום און ניט ווייניק אַנטוישונגען. אין יענע יאָרן האָט ליעסין אָפּגעדרוקט אַ היפּשע צאָל לידער. לויט זייער טעמאַטיק זײַנען זיי דאָס רוב אויף אַרבעטער־און רעוואָלוציאָנערע מאָטיוון, האַרבסטמאָטיוון א״אַ.

פּונקט ווי אין זײַן ליד „די אַלטע היים״, אַזוי אויך אין דעם ליד „אָוונטקלאַנגען״ פילט מען זײַן אינעווייניקסטע צעריסנקייט, ציללאָזיקייט, טיפן טרויער, אין וועלכן ער האָט געלעבט ביז ער האָט פאַרלאָזן אונדזער וועלט.

...„און איך בלאָנדזשע אַרום ווי אַ פרעמדער,
אָן אַ ציל אויף דער וועלט, אָן אַ שטרעבן,
און איך האָב ניט פאַר וועמען צו שטאַרבן,
און איך האָב ניט פאַר וועמען צו לעבן״.

(„די אַלטע היים״, 1897, נ. י.)

...„אַך ענג ווי די גרוב איז די וועלט מיר —
די וועלט אַזוי גרויס, אַזוי ברייט ;
די שטילקייט פון גרוב אָבער פעלט מיר,
די רו און דער פרידן פון טויט״.

(אָוונט־קלאַנגען, 1900)

די אויבן־דערמאָנטע צוויי לידער זײַנען ניט די איינציקע פון דעם נוסח. צו יענער צײַט געהערן אויך די לידער „אין אַ שווערער מינוט״, „בענקעניש״ „די וואָלקנס״, „די בלעטער״ א״אַ.

אין 1901 האָט א. ליעסין חתונה. די סעריע לידער „דוכטענישן״, וואָס ליעסין האָט געווידמעט זײַן פרוי, דריקן אויס זײַן קוק אויפן לעבן, אויפגענומען ווי אַ פאַנטאָמימע פון ליכט און שאָטן.

...„אַלץ איז דוכטענישן אין לעבן,
אַ פֿאַנטאַסטיש נעבל־שפּיל ;
עס דערזעט דאָ יעדער אײנער
וואָס ער זוכט און וואָס ער וויל".

(„דוכטענישן", 1902)

דעם מענטשנס גורל איז אויף שטענדיק פֿאַרזיגלט און אַלע זײַנען גלײַך אין אָנבליק פֿון טויט.

די חתונה האָט געזאָלט אַרײַנברענגען ליכט און פֿרייד אין די „סומנע" טעג פֿון זײַן לעבן. לאָזט אָבער דער וויסטער גורל ניט אָפּ. זייער טאָכטער, רחל, איז געבוירן געוואָרן מיט אַן אומגעווײנלעך גרויסן קאָפּ, וואָס צעוואַקסט זיך נאָך מער און ווערט איבער נאַטירלעך גרויס. דערצו איז זי נאָך געווען האַלב־פּאַראַליזירט. דער טיפֿער צער פֿון דער מוטער (און ניט ווייניקער פֿון דעם פֿאָטער) איז אויסגעדריקט אין איינעם פֿון די שענסטע און רירנדיקסטע לידער פֿון דער סעריע „מוטער און קינד", וואָס א. ליעסין האָט געשריבן צום צענטן יאָרצײַט נאָך דעם טויט פֿון זײַן פֿרוי.

די מוטער זיצט בײַם וויגל און קוקט אויף איר הילפֿלאָז קינד :

...„אָ, גאָט, ווי איך גיב אַזוי גערן
מײַן מיידעלע יעדע מינוט,
מײַן נאַכט און מײַן מי־טאָג דעם שווערן
און טראָפּן נאָך טראָפּן מײַן בלוט.
אָ, גאָט ! וואָס וואָלט איך אין לעבן
ניט אָפּגעבן איר אַזוי זיס ?
אָ, וואָלט איך נאָך קענען איר געבן,
איר אָפּגעבן אויך מײַנע פֿיס !"

(בײַם וויגל, 1922)

אָבער דאָ איז שפּעטער געקומען נאָך אַ שטאַרקער קלאַפּ. ליעסינס פֿרוי איז געשטאָרבן (1912) און אים איבערגעלאָזט מיט אַן אומבאַהאָלפֿן אומגליקלעך קינד. א. ליעסין זונדערט זיך אָפּ צו זײַנע אייגענע ד׳ אַמות. זײַן פּאָעטיש שאַפֿן דורך די יאָרן 1912—1917 איז באַגרענעצט בלויז צו אַ צאָל איבערזעצונגען פֿון די לירישע לידער פֿון טיוטשעוו, לענאַו, פּושקין, קאָלצאָוו און אַנדערע — לידער, וואָס זייערע טרויעריקע טענער ער האָט, ווי עס ווײַזט אויס, אידענטיפֿיצירט מיט זײַן אייגענעם שווערן געמיט.

דער טויט פֿון זײַן פֿרוי און דער גורל, וואָס שוועבט איבער זײַן קינד, ווילן ניט און קענען ניט ווערן בלויז זכרונות פֿון אַ קאָשמאַרנעם אַמאָל. דאָס אומגליקלעכע קינד אָן אַ מאַמען אין דער היים איז אַ שטענדיקע דערמאָנונג, אַ שטענדיקער שפּיגל פֿון צער. צי אין חלום, צי אין וואָר איז זײַן פֿרוי אים דער „טײַערער שאָטן", וואָס באַגלייט אים אין זײַנע טעג און נעכט פֿון פּײַן.

...„געשטאַנען פאַר מיר איז זי שטיל,
פאַרגליווערט אַזוי און פאַרשטומט ;
געוואוסט האָב איך דאָך וואָס זי וויל,
נאָך וואָס און פון וואַנען זי קומט".

— — — — — — — — — — — — — —

...„אָ, שאָטן, אָ טײַערער מײַן !
די אויגן וואָס דו האָסט פאַרטרויט
באַוואַכן די טאָכטערל דײַן !
איך שווער דיר בײַם פײַן פון דײַן טויט,
אָ, שאָטן, אָ הייליקער מײַן !"

(„אין חלום", 1922)

און ליעסין האָט געהאַלטן די שבועה. אונטער זײַן טיפּול און השגחה איז רחל אויסגעוואַקסן אינטעליגענט און באַלייענט, ניט קוקנדיק אויף איר טרויעריקן פיזישן צושטאַנד.

— „זאָל עס רחל פאַרלייענען" — האָט ליעסין זיך געהאַט אָנגערופן, בעת איך האָב זיך געקליבן פאָרלייענען זײַנס אַ ליד, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט". — „זי פאַרשטייט גוט מײַנע לידער", האָט ער צוגעגעבן. ערשט שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ניט נאָר פאַרשטייט זי זײַנע לידער, נאָר אין גאָר אַ היפּשער צאָל פון זיי איז זי אויך זייער אמתער פּירוש.

בכלל איז די גאַנצע סעריע לידער „מוטער און קינד", וואָס ליעסין האָט געשריבן צו די יאָרצײַטן פון זײַן פרוי, לידער פון אַ ביאָגראַפישן כאַראַקטער, וואָס גיבן איבער די שטימונגען אין ליעסינס הויז אין יענע צײַטן, דעם אומעט און צער פון דער מוטער, די אויפטרייסלונגען און שווערן געמיט פון דעם פאָטער.

אָט איז אַ שילדערונג פון אַ מײַ־פּראָצעסיע. דורך די צעעפנטע פענצטערס הערט זיך דער „געפילדער און פּײַקל־געקלאַנג" פון הונדערטער מאַרשירנדיקע קינדער. די מוטער קוקט אויף דער פּראָצעסיע און זעט, קיין עין־הרע, אַזוי פיל קינדער, אָבער איר אייגן קינד איז דאָרטן ניטאָ.

...„זיצט זי בײַם קינד שוין און טראַכט,
דאָס בליק אירן פאַרשט זי דעם קלוגן —
אָ, שרעק ! דאָס באַוואוסטזײַן דערוואַכט,
זי זעט אין די אויגלעך עס לוגן !
זי טוט זיך פאַרצווייפלט אַ הויב
און וויינט פאַרן זון־זײַל פון שטויב".

(„בײַ דער מאַי־פּראַצעסיע", 1922)

און אָט דאָס ליד „דורך די נעכט״. אין אַנגסטן זיצט די מוטער אין די נעכט און וואַכט איבער דעם קינדס וויגל. דער גורל פון דעם אומגליקלעכן קינד טײַטשט די מוטער אויס ווי אַ שטראָף איז איר, דער מאַמען, באַשערט.

...„זי קוקט אויף איר טאָכטער און זעט
וואָס איר איז באַשערט,
זי הערט יעדן הילפלאָזן בעט
וואָס ווערט ניט דערהערט.
זי זעט יעדן שטרויכליקן טראָט,
וואָס רופט אַרויס שפּאָט.
זי פילט יעדן אָטעם פון קעלט,
וואָס פרירט איר קינדס וועלט.
זי וויינט אין זיך איבער אַליין
איר קינדס יעדן וויין״.

(„דורך די נעכט״, 1922)

ניט אויסגעמעקט פון דעם דיכטערס זכרון זײַנען די פּײַניקנדיקע טעג און נעכט פון זײַן פרוי, איר יעדער קער און װענד, צי װען זי איז מיטן קינד אין פּאַרק „אין שטילסטן, אין איינזאַמסטן פּלאַץ — וואָס ווײַטער פון מענטשן אַוועק״ ... („אין פּאַרק״), צי אין סאָבווײ, פּאָרנדיק מיטן קינד צום דאָקטער („אין סאָבוויי״), צי אין שפּיטאָל, וווּ זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה.

דאָס ליד „אין שפּיטאָל״ איז אַ טיף־רירנדיק בילד פון די ראַנגלעניש, וואָס די מוטער גייט דורך, שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט. אין דעם שנעלן געדרענג פון די בילדער, וואָס קומען צו איר אין די לעצטע מינוטן —

...„טראָגט מלאָשנע אויף איר ווי אַ ברענענדער ווינט
פון יעטווידער זײַט דאָס געוויין פון איר קינד.
און עס פלאַקערט אין מאַרך אין צעגליטן
אַ בראַנד, און איר קינד איז אין מיטן —
אָ, פלאַמען ! אָ ראַטעוועט ! פלאַמען !
אָ קינד מײַן, אָן פיס און אָן מאַמען !״

(„אין האָספּיטאַל״)

און ווי אַ ווידוי קלינגט דער לעצטער פערז, וואָס דריקט אויס דעם דיכטערס צער איבער דעם, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו זײַן ביי איר זײַט, בעת זי האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט :

...„איך בין ניט געוועזן בײַ דײַן זײַט,
ווען טויטלעך צעשמעטערט אין הילפלאָזן שטרײַט

געוואָרפן זיך האָסטו. מאַרטירערין מײַן,
פון בעטל אין פלאַקער פון פײַן.
דאָס האָט נאָר געזען אַזוי האַרט, אַזוי שטיל,
פון שטיינערנעס סדום־הויז דער שטיינערנער דיל״.

(דאָרט)

דאָס ליד „דוכטעניש״, וואָס איז מער ווי אַ פּאָעטישע שילדערונג פון דער נאַטור, געזען „פון דער ווערענדע ווי אַ פאַנטאָמימע ברייט און ווײַט״, האָט ליעסין געשריבן, בעת ער און זײַן פרוי האָבן פאַרבראַכט אין די קעטסקילבערג אין יאָר 1902, אַ יאָר נאָך זייער חתונה.

צו איר 21סטן יאָרצײַט ווידמעט ער איר אָנדענק דאָס ליד „עס שאָטנט אין אָוונט דער באַרג״ (1931). אויך דאָס ליד האָט ער געשריבן אין די קעטסקילס. די זעלבע ווערענדע „פון ווײַטן אַמאָל״ און אין זײַן דימיון זײַן טײַערער שאָטן, זײַן פרוי. אין אַ געדריקטער שטימונג טרייסט ער זיך מיטן געדאַנק, אַז די לאַנג־געגאַרטע באַגעגעניש מיט איר איז גאָר נאָענט.

...„אָ טײַערע מײַן, וואָס איך הער דײַן געוויין
אין חלום, אין וואָר !
עס איז צו דער גרויסער באַגעגעניש שוין
ניט ווײַט אַזוי גאָר ;
אין פינסטערניש זעט עס אויס דאָך
פיל נעענטער נאָך...״

(„עס שאָטנט אין אָוונט דער באַרג״, קעטסקילס, 1933)

אָט די געדריקטע שטימונג און שווערער געמיט האָבן, ווי עס איז צו זען, באַהערשט ליעסינען אַפילו אין די יאָרן, ווען ער האָט געשריבן זײַנע לידער פון יידישן עפּאָס. אויך יענע לידער זײַנע, וואָס ש. ניגער האָט אַ מאָל באַצייכנט ווי גאָט־דאָרשטיקע פּאָעזיע, זײַנען אָנגעהויכט מיט ייאוש.

ווי איוב אין די קעטסקילס, וואָס זיצט „אַ פאַרצאָגטער אין די צאַרטע שײַנען״, האָט אויך ליעסין געזוכט אַ זין און אַ באַשייד פון דעם סוד פון דעם מענטשלעכן לעבן און לײַדן. איוב אין די קעטסקילס צווייפלט אין אַ געטלעכער השגחה. און ווײַל ער איז זיכער, אַז אין דעם „ווײַטן בלאָ״ איז „קיינער דאָרט ניטאָ״ —

...„זוכט ער אַלץ דעם סוד דעם שטראַלנדיק פאַרהילטן
און ער זעט די נאַכט פון זײַן געמיט״.

(„איוב אין די קעטסקילס״, 1935)

א. ליעסין האָט אויך געצווייפלט אין דעם זין פון זײַן פּאָעטישן שאַפן. האָט ער דאָך אָט דעם געדאַנק אַזוי קלאָר ארויסגעבראַכט אין זײַן פּאָעמע „מײַנע לידער״ :

...„און אין אָוונט פון מײַן לעבן
פלוצלונג קומען זיי צו שוועבן,
אויפן סיום פון מײַן שטרעבן,
אָן אַ תּיקון, אָן אַ קיום״.

— — — — — — — — — —

...„שטעל איך זיך אַוועק, אַ פריידיקער,
אויף אַ בימה, אויף אַ ליידיקער,
ציקל מיט אַ שטים אַ פריידיקער :
אתּה הראת לדעת !
ענטפערט אָפּ אַן עכאָ : משוגעת !״

און דאָך גלייבט זיך, אַז ליעסינען איז, ווי יעדן דיכטער, ניט פרעמד געווען די גלוסט נאָך דער פרייד צו זען זײַנע לידער אין אַ בוך. און ניט די לײַדנשאַפט צו קאָריגירן אָדער צאָלן לידער־חובות, נאָר די לײַדנשאפט צו צוימען און צו ברעכן די פרייד „אין עקסטאַז פון לייד״ זאָל האָבן געווען די אמתע מניעה און דער אָפּהאַלט, וואָס די ביכער זײַנע זײַנען ניט אַרויס פריִער.

אין אָנבליק פון זײַן אינעווייניקסטן געראַנגל מיט זיך און דעם טיפן, הגם אויבן אויף געצוימטן, צער אין דער אייגענער היים, וואָלט אַזאַ פרייד געווען אַ דיסאָנאַנס, אויב ניט אַ פאַרשוועכונג, פון צער, ווײַל אויך צער קען פאַרשוועכט ווערן דורך פרייד.

איז אפשר האָט דאָ ליעסינען דער אַלטער מוסר־ניגון אונטערגעזאָגט דעם אויסגאַנג פון דעם קלעם אין דעם „עקסטאַז פון לײַד״, אַז עס איז דאָ אַן אַנדער פרייד — „אַ פרייד צו קענען אויך זיך אָפּזאָגן פון פרייד״.

נאַציאָנאַלע מאָטיוון

II

„לידער אונטערערדישע געהיימע קוואַלן שלאָגן,
שפּרודלען אויף און ווערן ווי פּאַרפאַלן.
(א. ליעסין „מיינע לידער״ 1931)

ייִדישע זיך־דערקענטעניש, וואָס לויט דער טראַדיציע האָט זי זיך אָנגעהויבן מיט דעם ברית־בין־הבתרים, און אפשר נאָך פריִער, מיט דעם ברית־עולם בין אלהים ובין כל נפש חיה, האָט זיך אין דער ייִדישער געשיכטע געפּורעמט דורך לאַנגע תּקופות פון מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַר דער ייִדישער אמונה און קיום־האומה. אַ הייליק געפיל וועגן דעם געטלעכן בונד בין־הבתרים האָט אַ. ליעסין אין זיך געטראָגן זײַן גאַנץ לעבן.

„ווי לעבט אין מיר הייליק דער בונד, ווי ער ברענט
בײַ מיר אין די אוראַלטע בלוטן!
איך טראָג אים דורך ציטערס פון צײַטן אָן ענד,
געלײַטערט פון געטלעכע גלוטן״
(„דער ברית בין הבתרים״, 1923)

קיין רישעות אין דער וועלט, קיין גרויליקע עינויִים, קיין אינקוויזיציעס אויף דער ייִדישער אומה האָבן ניט געקאָנט אונטערגראָבן איר אמונה און בטחון אויף סופיקער גאולה.

די ייִדישע געשיכטע איז פול מיט מסירת־נפשדיקן קאַמף פאַרן קיום־האומה און קידוש־השם. אָט די צוויי מאָטיוון אין דער ייִדישער מאַרטירערשאַפט קומען צום אויסדרוק אין אַ סך פון א. ליעסינס לידער. חוץ די נאַציאָנאַלע לידער פון ייִדישן עפּאָס, האָט ליעסין אויך געשאַפן אַ היפּשע צאָל לידער, ווו דער מאָטיוו פון ייִדישע יסורים, פּײַן און גרויל קומט אָפט מאָל געקייטלט מיט דעם אוניווערסאַלן מאָטיוו פון פעלקער־פאַרברידערונג און גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

דאָס איז ניט קיין חידוש, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט די סביבה, אין וועלכער דער יונגער ליעסין האָט זיך אַנטוויקלט, און די גילגולים, וואָס ער האָט שפּעטער דורכגעמאַכט, אָנהייבנדיק פון די פריסטע יאָרן פון זײַן יוגנט ביז נאָענט צו די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.

זײַן פרומע ייִדישע היים מיט איר שבת־יום־טובדיקן תּוכן, דער חדר, די גאַס און, אין ניט קיין קליינער מאָס, בלומקעס קלויז, זײַנען געווען די סביבה, אין וועלכער ליעסין האָט פאַרבראַכט זײַן קינדהייט. דאָרט האָט ער, דער שטיפערישער ייִנגל און צו דער זעלבער צײַט ווילדערנער מיטן

שאַרפֿן מוח און זעלטענעם כּוח־הדימיון, געשעפּט זײַנע ערשטע אײַנדרוקן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשטאַלטונג פֿון זײַן פּערזענלעכקייט.

דעם פּאָטערס באַזונדערע ליבע צום תּנ״ך ווי צום לערנען תּורה בכלל איז לײַכט אַריבער צום קינד. צו זיבן יאָר האָט ליעסין אָנגעהויבן גמרא. מיט גאָר באַזונדערן חשק און באַגײַסטערונג האָט ער צו דער זעלבער צײַט באַוויזן דורכצולייענען דעם עמק הבכא, שבט יהודה, שארית ישראל — אַלץ ספרים וועגן יידישער מאַרטירערשאַפט, וואָס האָבן גערייצט זײַן קינדערשע פֿאַנטאַזיע.

נאָך שפּעטער, לייענענדיק דעם יוסיפון, איז ער אַזוי שטאַרק באַאײַנדרוקט געוואָרן פֿון דער העלדישקייט פֿון די יידישע גיבורים, אַז ער האָט זיך אַפֿילו אָנגעהויבן אידענטיפיצירן מיט זיי אין זייער קאַמף און מסירת־נפש.

בעת ער האָט געלייענט דעם יוסיפון, דערציילט ליעסין אין זײַנע זכרונות, איז ער אַזוי פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם קאַמף פֿון די קנאָים, אַז גייענדיק פֿון חדר אַהיים פֿלעגט ער זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן און אין זײַן דימיון פֿאַרבויען די שטאָט מינסק מיט שוצוועגט און „הויך אויף די מויערוועגט בין איך געשטאַנען פֿלייצע צו פֿלייצע מיט די גרויסע פֿירער פֿון די קנאָים, — — — און געצילעוועט מיט די פֿײַלן און געבליצט מיטן שווערד און געקעמפֿט און געקעמפֿט אויף לעבן און טויט״ (ז׳ 34).

צווישן די פֿריסטע אײַנדרוקן, וואָס האָבן זיך אײַנגעשניטן אין זײַן זכּרון, איז געווען דער מאַרטירער־טויט פֿון רבי אמנון, דער מחבר פֿון „ונתנה תּוקף״. „טראַכטנדיק וועגן אים״, שרײַבט ליעסין, „האָב איך זיך פֿאַרגעסן אין אַלע מײַנע ביטערע חשבונות מיטן הימל, אָן דעם יום־הדין... — — — און אַ מערקווערדיקער פֿאַרלאַנג האָט זיך דערהויבן אין מיר, אַ פֿאַרלאַנג איבערצולעבן אַ יידישע גזירה און נאָכפֿאָלגן דעם בײַשפּיל פֿון רבי אמנון״ (ז׳ 88).

אין בלומקעס קלויז, ווו די דאַוונערס פֿלעגן אין די פֿרײַטיק־צו־נאַכטסן נאָך מעריב זיך אַרומשטעלן אַרום דער בימה און זיך אָנדערציילן נײַעסן וועגן וועלט־פּאָליטיק און גזירות אויף יידן — האָט ליעסין צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט „סאָציאַליסט״. דאָס איז געווען אין פֿאַרבינדונג מיט אַ רוסישן פּאָלקסלערער, וואָס האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און האָט באַוויזן אײַנצושלינגען סם נאָך איידער די פּאָליציי האָט אים אַרעסטירט.

אָט די מעשה וועגן דעם געוואַגטן לערער, וואָס האָט זיך מקריב געווען פֿאַר עפּעס אַ גרויסער זאַך, האָט זיך טיף אײַנגעשניטן אין זײַן זכּרון.

אַ טיפֿערן אײַנדרוק האָט אויף אים געלאָזן דער אַטענטאַט, וואָס אַ גאַנצע גרופּע רעוואָלוציאָנערן האָבן שפּעטער געמאַכט אויף דעם קייסער אין 1881.

אויך אין דעם פאַל האָט ליעסין באַוווּנדערט די סאָציאַליסטן און אויפגעגומען זייער העלדישקייט ווי אַן אַקט פון מסירת־נפש.

דאָך, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, וואָס ער האָט געלייענט וועגן די קנאָים אין דעם יוסיפון, האָט ער נאָך הייסער סימפּאַטיזירט מיט זיי (א. ליעסין איז דעמאָלט אַלט געווען נײַן יאָר).

די יאָרן 1881—1889 זײַנען בײַ אים געווען פול מיט אומרו, חשבון־הנפש און נשמה־געראַנגל.

די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין אוקראַיִנע, די געמאַכטע שריפה (מסתמא פון די פּאָגראָמשטשיקעס) אין זײַן שטאָט מינסק און דאָס וואָס די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי העלדן, האָבן באַגריסט די פּאָגראָמען, האָבן געמוזט אויפטרייסלען זײַן נשמה.

אַברהם מאַפּוס ראָמאַנען „אַהבת ציון" און „אַשמת שומרון", וואָס ער האָט דעמאָלט געלייענט מיט גרויס חשק, האָבן בײַ אים אַרויסגערופן פרייד און טרוים וועגן אַן אויפגעריכט ייִדיש לעבן אין דעם לאַנד פון די נביאים.

אָבער דער טרוים איז געווען אַ דיסאָנאַנס צום רעאַלן טרויעריקן ייִדישן לעבן אין דעם לאַנד פון שטענדיקע רדיפות און פּאָגראָמען אויף ייִדן.

צום ערשטן מאָל האָט ער, בעת די האַרבע וויכּוחים צווישן זײַן טאַטן און זײַן פּעטער גרשון־לייב, געהערט וועגן די „פּאַלעסטינצעס", וואָס ווילן דוחק זײַן דעם קץ און ברענגען די גאולה על־פּי דרך־הטבע, ווי אויך זײַן פאָטערס אַרגומענטן קעגן די חובבי־ציון, אַז נאָר גאָט וועט ברענגען די גאולה און נאָר ער וועט אויפבויען ארץ ישראל, ווײַל „אם ה׳ לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו".

פון ווילקאָמירער ישיבה קיין סלאָבאָדקע, פון דאָרט קיין וואָלאָזשין און שפּעטער קיין ווילנע — כּמעט אויף קפיצת־הדרכדיקן אופן האָט דער אומרויִקער, שטענדיק־פאָרשנדיקער ליעסין דורכגעמאַכט זייער יונג זײַן וועג פון אמונה צו ספקות, פון מוסר צו כּפירה און אפּיקורסות, און צו זעכצן יאָר איז ער פּסיכאָלאָגיש געווען גרייט אויפצונעמען די לערע פון די „אויפגעקלערטע" ייִדישע רעוואָלוציאָנערן. אונטער דער השפּעה פון די אויפגעקלערטע און פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור האָט ליעסין איבערגענומען די תּורה פון סאָציאַליזם און זי אויפגענומען אויף זײַן אייגענעם אופן.

די ייִדישע רעליגיע, האָט דעמאָלט ליעסין געהאַלטן, וועט פאַרשווינדן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רעליגיעס, בלויז די נאַציאָנאַלע געפילן וועלן איבערלעבן די אמונה־געפילן בײַם פאָלק. ווי אַ באַשײַמפּערלעכער באַווײַז האָט אים געדינט דער ציוניזם — וואָס אַפּעלירט צו די נאַציאָנאַלע און זייער ווייניק צו די רעליגיעזע געפילן פון פאָלק. אָבער סוף־כּל־סוף וועלן אויך די נאַציאָנאַלע געפילן בײַ ייִדן, ווי

אויך בײַ אַנדערע פעלקער, פאַרשווינדן, און עס וועט רעאַליזירט ווערן דער אידעאַל פון סאָציאַליזם און פעלקער־פאַרברידערונג.

אָט דער געדאַנקען־גאַנג, וואָס אויבנאויפיק זעט ער אויס צו זײַן אַזוי לאָגיש און פשוט, האָט ליעסינען געדינט ווי אַ באַגרינדונג פאַר זײַן גלויבן אין דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם.

פשוט און נאָך ניט אַזוי פשוט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען.

און נאָך אַ וויכטיקע זאַך האָט געזאָלט זײַן אַ באַקרעפטיקונג פון זײַן איבערגענומענער טעאָריע. זײַנען דאָך די נביאים מיט זייערע אוניווערסאַלע, עטישע באַגריפן און זייערע וויזיעס וועגן פעלקער־פאַרברידערונג געווען בײַ ליעסינען אַזוי טײַער און הייליק.

און אויב אין אָנבליק פון רדיפות און פּאָגראָמען אויף ייִדן מעג מען אָדער דאַרף מען (לויט דער דעה פון זײַן פֿאָטער גרשון־לייב און טויזנטער אַנדערע גרשונס) דוחק זײַן דעם קץ און ברענגען די גאולה אויף ייִדן על־פּי דרך־הטבע, פאַר וואָס ניט אין אָנבליק פון דער רישעות אויף דער גאַנצער וועלט ניט דוחק זײַן דעם קץ און על־פּי דרך־הטבע און מסירת־נפש ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, און ייִדן בתוכה ?

אָבער כּדי אויפצונעמען און זיך אידענטיפיצירן מיט דעם הויכן אידיאַל פון סאָציאַליזם, האָט ליעסין געהאַלטן, מוז מען זיך פריִער דערהייבן צו דער מדרגה פון אוניווערסאַלע מענטשלעכע באַגריפן, ווײַל נאָר פון יענער הייך קען מען אויפנעמען דעם סאָציאַליזם.

און ווי אַ מין רוף צו זיך אַליין זיך צו דערהייבן צו דער מדרגה פון יענעם אידעאַל, קלינגט א. ליעסינס ליד „אַהין, אַהין״ :

„אַהין, אַהין דערהייב זיך הויך מײַן זעלע
אַרויף צו מײַן פאַנטאַזיע־לאַנד,
ווו פריש און מעכטיק שלאָגט די קוועלע
פון רייִנסטן, לויטערסטן פאַרשטאַנד ;

ווו שיין און וואַגנד גייט דאָס לעבן
און פרייד פון פרײַהייט איבעראַל,
און שטאָלץ די גרויסע גײַסטער שוועבן
אין שײַן פון גרויסן אידעאַל.״

(מינסק, 1890)

אָט דאָס דאָזיקע ליד, וואָס ער האָט געשאַפן נאָך איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע, באַלאַנגט צו יענער צײַט, ווען ער האָט שוין בײַ זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז די פאַרגאַנגענהייט מיט אַלע אירע אידעאַלן איז אַן „אָפּגעשטאָרבענע זאַך״ און אַז אַלע זײַנע אידעאַלן זײַנען איצט געלעגן אין דער צוקונפט.

צו דעם געדאַנק איז א. ליעסין געקומען, ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר.
אָבער געדאַנק איז זיך איין זאַך און געפיל איז אַן אַנדערע זאַך און נישט שטענדיק זײַנען זיי צווישן זיך שווה־בשווה.
זיבן יאָר שפּעטער, בעת ער האָט שוין געלעבט אין ניו־יאָרק, דריקט ער אויס זײַן אמתן געמיט אַזוי:

„עס שטראַלט מיר אין קאָפּ די אַלמענטשלעכע צוקונפט,
דאָך שטייט נאָכאַנאַנד פאַר מיר שוואַרץ
דײַן פינצטערער עבר, מײַן פאָלק, און עס דאַכט מיר
אַ בר־מינן טראָג איך אין האַרצן.״

(„פון פינצטערן עבר״. ב׳ צ, ז׳ 21)

„איך לעב מיטן קאָפּ אין דער שטראַליקער צוקונפט,
מײַן האַרץ דאָך איז פול נאָר מיט דיר.
אָ, פינצטערער, גרויסער העראָישער עבר,
ווי טײַער, ווי ליב דו ביסט מיר !״

(ניו־יאָרק, 1897)

דער „העראָישער עבר״ האָט ליעסינען ממש פאַרכישופט און געפונען אַ תּיקון אין זײַנע לידער פון יידישן עפּאָס, וואָס צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פאַר אַ מאָנומענט פאַרן יידישן מאַרטירערטום, אַ מאָנומענט, וואָס איז איינציק אין דער יידישער דיכטונג.
אין 1896 איז א. ליעסין אָנגעקומען קיין אַמעריקע.
אויפן וועג אַהין האָבן אים אַרויסבאַגלייט די מעלאָדיעס פון זײַנע רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס די יידישע אַרבעטערס האָבן געזונגען מיט גרויס התלהבות.
אים איז אויך פאָרויסגעגאַנגען זײַן רעפּוטאַציע פון אַ פירער מיט אַן אייגענעם דרך אין סאָציאַליזם און גרינדער פון דעם קרײַז וואַלטאָווצעס — (פון ליעסינס אמתן נאָמען וואָלט).
נאָכן באַטרעטן דעם נײַעם באָדן, ווו עס האָבן זיך געפונען, לויט ווי ער האָט פריער געהערט, די אמתע „יידישע פאַבריטשנע אַרבעטער״, האָט ער אין אַן אינטערוויו אין „פאָרווערטס״ זיך אָנגעגעבן ווי אַ נאַציאָנאַליסט־סאָציאַליסט און זייער גיך זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אַנטאַגאָניסטישער סביבה, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך פײַנלעכע איבערלעבונגען.
אמת, אויך אין אמעריקע האָבן די יידישע אַרבעטער־מאַסן געזונגען און דעקלאַמירט זײַנע רעוואָלוציאָנערע לידער ; אויך דאָ האָבן אים די אַרבעטערס באַטראַכט ווי אַן אייגענעם פרײַנד און סאָציאַליסט.

אָבער צווישן די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע פירערס זײַנען דאָ געווען זייער ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגענומען זײַן געדאַנק, אַז חוץ דעם עקאָנאָמישן און רעוואָלוציאָנערן קאַמף פֿאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, טראָגט דער ייִדישער אַרבעטער גרויסע התחייבות צום ייִדישן פֿאָלק, צו וועמען ער געהערט.

ליעסינס נאַציאָנאַליזם־סאָציאַליזם איז דאָ גלײַך געקומען אין קאָנפֿליקט מיט דער אָפיציעלע קאָזיאָנער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. און כאָטש ער איז גלײַך נאָך זײַן אָנקומען אין לאַנד צוגעשטאַנען צו די סאָציאַליסטישע רייען, האָבן אָבער די אָפיציעלע פירערס געקוקט אויף אים מיט חשד פֿאַר האָבן די העזה צו באַשטיין אויף זײַן אייגענעם סאָציאַליסטישן דרך.

סײַ לויט זײַן טעמפּעראַמענט און סײַ לויט זײַן אינטעלעקט, איז ליעסין ניט געווען די פּערזאָן, וואָס זאָל זיך קענען צופּאַסן צו פּאַרטיי־פּראָגראַמען און דאָגמעס.

און כאָטש ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געשריבן אומצייליקע אַרטיקלען פֿאַר און וועגן סאָציאַליזם, און שפּעטער אויך פֿאַרן „בונד", איז ער אין תּוך אָבער געבליבן אומפּאַרטייִיש.

אויף אים, דעם גרויסן אינטעלעקט און דיכטער, זײַנען ווי אָנגעמאָסטן די פּשוטע ווערטער, וואָס מאָריס ווינטשעווסקי האָט אַ מאָל אויף זיך אַליין געזאָגט :

„איך לאָז ניט פֿאַרצאַמען
מײַן וועג מיט פּראָגראַמען,
איך קען קיין פּאַרטיי־מאַן ניט זײַן ;

איך קען מײַן געוויסן
ניט בינדן און שליסן
אין ענגע שנוראָווקעס אַרײַן".

א. ליעסינס זעלבשטענדיקייט איז אויך בולט אין זײַן קוק אויף זײַן אייגענער שליחות ווי אַ דיכטער. לויט זײַן אייגענער דערקלערונג, איז ער געקומען קיין אַמעריקע צו דינען די יידישע אַרבעטערס „מיט זײַנע כּוחות און פּעדער". און אויב דאָס האָט געזאָלט מיינען אַ צוזאָג, האָט ער זיכער געהאַלטן וואָרט, און אין אַ פולער מאָס.

זײַנע אַרבעטער־און רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס זײַנען, אַגב, געשריבן אין אַ כאַראַקטעריסטיש־דעקלאַמאַטאָרישן נוסח, זײַנען אָנגעפילט מיט מוט, פרייד און גלויבן אין אַ צוקונפטיקער אידעאַלער געזעלשאַפט. זיי זײַנען אויך אַ רוף צום קאַמף פֿאַר סאָציאַליזם און פעלקער־פֿאַרברידערונג.

א. ליעסין האָט אָבער זיכער ניט געמיינט צו באַגרענעצן זײַן דיכטערישן טאַלאַנט און זיך אונטערוואַרפן דער פאָדערונג פון דער סביבה, וואָס האָט פון דיכטער פאַרלאַנגט בלויז פּראָפּאַגאַנדע, אים האָט זיך געוואָלט „זינגען לידער״.

די אַסימילאַטאָרישע אַטמאָספער און די עם־הארצותדיקע הפקר־באַציִונג מצד די אָפיציעלע פירערס צו די נאַציאָנאַלע ווערטן און צו דעם רײַכן היסטאָרישן עבר פון דעם ייִדישן פאָלק האָבן זיך אַלץ שווערער געלייגט אויף ליעסינס געמיט.

אין אַ טיף־געדריקטער שטימונג רײַסן זיך פון אונטער זײַן פען אַרויס די פערזן:

„עס ווילט זיך מיר זינגען און זינגען.
איך וואָלט מיט מײַן זינגען פאַרטריבן
דעם שאָטן, וואָס האָט אַזוי פינצטער
ביי מיר אין געמיט זיך פאַרקליבן.

— — —

אַרום איז דער אָרט אַזוי סומנע;
איך שרעק זיך דאָ לידער צו זינגען,
דאָס קראַקען פון שוואַרצע סאָראָקעס
זאָל העסלעך מײַן קול ניט פאַרשלינגען״.

(אין אַ שווערער מינוט, נ. י. 1897)

לפי עניות־דעתי, האָט ליעסין דאָ, צום ערשטן מאָל און פאַר זיך אַליין אונטערגעשטראָכן זײַן באַרוף ווי אַ דיכטער און זײַן באַגער נאָך פרײַען, אומגעצווימטן שאַפן. אין דעם שרעקן זיך פאַר די „שוואַרצע סאָראָקעס״ ליגט אויך באַהאַלטן זײַן אַנטשלאָסנקייט זיך צו באַפרײַען פון יענער שרעק. מוט און זעלבשטענדיקייט אין דענקען האָט ליעסינען קיין מאָל ניט געפעלט אַפילו ווען דאָס האָט אים געקאָסט גרויס נויט און פּײַנלעכע טעג.

אַ באַפרײַטער פון די צווימען, איז ער אין זײַן דיכטונג געוואָרן אַלץ מער שעפעריש, און זײַן ליד האָט זיך ערשט דעמאָלט אויף אַן אמתן צעבליט.

אויך אין פּרט פון ייִדישן נאַציאָנאַליזם איז ליעסין געווען דער זעלבשטענדיקער דענקער, וואָס האָט זיך ניט אידענטיפיצירט מיט קיין פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע.

זײַן נאַציאָנאַליזם איז בײַ אים געווען אַ „ברענענדע איבערצײַגונג״, ווי ער האָט זיך אַ מאָל אויסגעדריקט, און אויף זײַן אייגענעם אופן האָט ער רעאַגירט אויף דעם ייִדישן גורל, אויף ייִדישע פּראָבלעמען.

אויף דער ייִדישער גאַס זײַנען אויפגעקומען אַ סך פּאַרטייען, יעדע מיט איר פּראָגראַם און ענטפער ווי אַזוי צו לייזן די אָנגעווייטיקטע

פראַגעס, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן מצב פון די ייִדן אויף דער וועלט.

צו יענע פראָגראַמען האָט זיך ליעסין באַצויגן סקעפּטיש און אָפּט אַפילו קריטיש.

פון אונטער זײַן פּען רײַסט זיך אַפילו אַרויס אַ פּאָעמע „ישראָליק", וואָס איז אַ סאַטירע אויף יענע פּאַרטייען:

„פּראָגראַמען רעכטס, פּראָגראַמען לינקס,
ישראָליק איז אין מיטן;
ער האָט פון די טעאָריעס שוין
די יוצרות לאַנג פאַרביטן".

(ישראָליק, נ. י. 1917)

ס׳וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו דענקען, אַז זײַן אומפּאַרטייִישקייט זאָל אים האָבן געפירט צו גלײַכגילטיקייט צו דער ייִדישער לאַגע.

אַ טרויעריק געמיט באַהויכט זײַנע לידער, וואָס ער האָט געשריבן נאָך איידער ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. יענע לידער זײַנען פיל מער ווי רעפלעקציעס וועגן די פּאָגראָמען אויף ייִדן. זיי דריקן אויס זײַן טיפן צער און אומבאַהאָלפענעם צאָרן אין אָנבליק פון די ייִדישע יסורים און פּײַן.

„איך האָב ניט, אָ, עלנדע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אַרום אין דעם אָרעמען, וואָכיקן לעבן.
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן".

(זאָלן זיי קומען! מינסק, 1894)

אַ צווייט ליד געשריבן אין יענער צײַט דריקט אויס דעם דיכטערס טיפן צער, וואָס ער מוז אין זיך דערשטיקן דעם דאָרשט נאָך נקמה פאַר די געפאַלענע ייִדישע קרבנות.

„...דאָך אין ברען פון מאַכטלאָזן צאָרן
האָב איך קרעכצן געקענט נאָר, ניט מער;
איך האָב ראַכע געדאָרשט אַזוי גלוסטיק
און שטילן געמוזט זיך מיט אַ טרער."

(נאָך אַ בלעטל מײַן פאָלק, מינסק, 1894)

צו דער זעלבער סעריע באַלאַנגט אויך דאָס ליד „דער אייביקער ייִד", וואָס איז געשריבן אין גײַסט פון ייִדישן בטחון און גלויבן, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט איבערלעבן דאָס אַכזריות פון זײַנע פאַרפאָלגערס און אַרויסקומען ווי תמיד געשטאַרקט פון די יסורים. דער אייביקער ייִד דריקט אויס זײַן עקשנותדיקן גלויבן און בטחון אין די ווײַטערדיקע ווערטער:

„...איך לעב און איך לעב און איך וועל אַלץ לעבן
דורך טויזנטער יאָרן פון שטרײַט;
איך וועל נאָך אַלץ לעבן און קעמפן און שטרעבן —
און טעמפּ איז דער צאָן פון דער צײַט!".

(„דער אייביקער ייִד", מינסק, 1894)

די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געזאָלט זײַן די אָנזאָגערין אויף אַ נײַער, גערעכטער, סאָציאַלער אָרדענונג, האָט אַנטוישט אַ סך ערלעכע און ערנסט־דענקענדיקע סאָציאַליסטן.

אַנשטאָט פרײַהייט, גלײַכהייט און פעלקער־פאַרברידערונג, האָט די רעוואָלוציע געבראַכט אַ פאַרביטערטן בירגערקריג און אַ שטאַרקן האַס און צאָרן צווישן די פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע. דער צאָרן האָט זיך באַזונדערס אויסגעגאָסן אויף די ייִדן, דעם שטענדיקן שעיר־לעזאָזל און אָנגענומען די פאָרעם פון שרעקלעכע שחיטות אויף ייִדן אין די אוקראַיִנישע שטעט און שטעטלעך אין די יאָרן 1918—1920.

די פריִער־אָנגעוויזענע צוויי מאָטיוון, דאָס געפיל פון נקמה פאַרן פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט און דער בטחון און עקשנותדיקער גלויבן אין דעם קיום־האומה, קומען אויך דאָס מאָל צום אויסדרוק אין צוויי פּאָעטיש־צײַטיקע לידער, וואָס ליעסין האָט געשריבן אין 1920.

דאָס נקמה־געפיל באַווײַזט זיך צום דיכטער דאָס מאָל:

„...ניט אין טרויער באַדעקט,
ווי זי האָט זיך אַ מאָל פאַרן נביא אַנטפּלעקט;
ניט אַ מוטער אַלמנה, אין שוואַרצן פאַרהילט,
אויפן שפּיץ פון באַרג ציון, אַ יאָמערליך ליד;

נאָר:

...מיט אַ פאַקעל אין האַנט
אין די רויִשיקע וועלט־שטעט, אַ שרעק־בילד פון בראַנד;

— — —

אַ נקמה פון פלאַקער, אַ צאָרן פון פלאַם
פון דער טיפקייט פון טויזנטער יאָרן פון סם".

(נקמה, נ. י. 1920)

דער דערוועקטער דאַרשט נאָך נקמה ווערט אויך דאָס מאָל געשטילט, אָבער „ניט מיט אַ טרער", נאָר מיט אַ שטאַרק עמאָציאָנעל־רעליגיעז געפיל פון בטחון.

צוזאַמען מיט דעם געפיל פון שאַרפער פּײַן איבער אַ וועלט פון לית דין ולית דיין, ווו קיינער הערט זיך ניט צו צו די ייִדישע לײַדן, לויכט אויף אין דעם דיכטער

„...דער רוף דער געטלעכער, וואָס האָט געלאָזט זיך הערן
פון טיפעניש, פון אַנגסט, דורך פערציק הונדערט יאָר:
אַל תּירא עבדי יעקב״.

(אַל תּירא עבדי יעקב, נ. י., 1920)

אָבער אַפילו נאָכן פאָגראָם געפינט ליעסין ניט קיין רו. ליעסין, ביי וועמען דער נאַציאָנאַליזם און דער סאָציאַליסטישער אידעאַל זיינעןביידע הייליק, לעבט דורך אַן אינעווייניקסטן געראַנגל און חשבון־הנפש. זיין סאָציאַליסטישער אידעאַל איז פאַרשוועכט, זיינע נאַציאָנאַלע געפילן באַליידיקט און פאַרוווּנדט. וואָס איז די סיבה ? ווו ליגט די שולד ? איז דאָ דער שולדיקער ? אָט די פיינלעכע פראַגעס זיינען דער תּוך פון זיין פּאָעמע „נאָכן פּאָגראָם״.

...„מען קען צו דיר, פאָלק מיין, ניט קומען מיט ווערטער פון שטראָף
אין בראָך אין דעם גרויסן, וואָס האָט דיך געטראָפן;
איך זע דיך פאַרצוקט צווישן זיבעציק וועלף ווי אַ שאָף —
ווי קען מען דיך שטראָפן !.״

דער דיכטער זאָגט זיך אויך אָפּ צו לעסטערן גאָט, ווייל :

...„דיין גאָט איז דאָך, פאָלק מיין, דיין אייגענער גייסט ;
זיין געבאָט דאָס איז דאָך דיין ווילן;
דיין אויסשטראַלונג איז דאָס, דיין אוראַלטע, אינערע שטים,
דער גאָט פון אַברהם און יצחק און יעקב״ ;

ער קאָן זיך אויך ניט אָפּזאָגן פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל און ער בלייבט אַלץ דער גלייביקער סאָציאַליסט ווי געוועזן, ווייל :

...„ווי וויסט וואָלט אונדז וועלן די וועלט אָן זיין מונטערן שטראַל —
„אונדז, שוואַכסטע פון שוואַכע...
נאָך אויפגעבן אויך אָט דעם גלויבן,
וואָלט הייסן דאָך
שוין דאָס לעצטע פאַרלענדן !״.

(נאָכן פּאָגראָם, נ. י., 1921)

מער ווי דריי צענדליק יאָר זיינען אַריבער פון יענער צייט, ווען ליעסין האָט געהאַט ביי זיך באַשלאָסן, אַז די פאַרגאַנגענהייט מיט אַלע אירע העלדן און העלדנטאַטן איז אַן אָפּגעשטאָרבענע זאַך און אַז „דער פינסטערער עבר״ פון דעם יידישן פאָלק איז ווי אַ „בר־מינן, וואָס ער טראָגט אין האַרצן״. אין משך פון דעם צייטאָפּשניט האָט מיט ליעסינען זייער אַ סך פּאַסירט, שווערע פערזענלכע איבערלעבונגען, נסיונות און שטרויכלונגען, אידעאָלאָגישע קאַמפן אין דעם סאָציאַלן לעבן, גרויסע האָפענונגען און פיינלעכע אַנטוישונגען און לסוף — דער אינעווייניקסטער געראַנגל, וואָס האָט געמוזט זייער אָפט פירן צו ספקות און פאַרלאָרנקייט.

„איך זע זיך דורך ווײַטן פון צײַטן אַלץ אימער
מיט אויגן ברייט אָפן, דערוואַכט
אין דורכפּלי פון שאָטנס, איינזאַם אין צימער,
פאַרלאָרן אין סוד פון דער נאַכט".

(אין דורכפּלי, נ. י., 1921)

אין יענער צײַט קערט זיך ליעסין אום צו זײַן באַליבטער טעמע — די יידישע מאַרטירערשאַפט, אַ טעמע, אויף וועלכער ער האָט נאָך אין יאָר 1907 געשאַפן זײַן ליד „רבי עקיבא".

עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז זײַן אומקערן זיך צום מאָטיוו פון יידישער מאַרטירערשאַפט איז בײַ אים געווען מער ווי אַ פאַרלאַנג צו סובלימירן זײַן ווייגעפיל איבער דעם טרויעריקן הווה פון דעם יידישן פאָלק. בעיקר, שײַנט אונדז, איז עס געווען זײַן פאַרלאַנג צו דערגרונטעווען זיך צו דעם גרויסן סוד, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם מיסטעריעזן כּוח פון דעם יידישן עקשנותדיקן קאַמף פאַר קיום־האומה און קידוש־השם.

ליעסין האָט גוט געקענט די יידישע געשיכטע, אָבער ער האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט געוווסט, און ווײַטער געפאָרשט די יידישע קוואַלן. און אויף דעם גרונט פון יענע קוואַלן האָט ער געשריבן זײַנע דראַמאַטישע פּאָעמעס פון יידישן עפּאָס.

ס'איז, אגב, ווערט צו באַמערקן ליעסינס באַזונדערע זהירות, וואָס ער ווײַזט אַרויס מיטן אָנגעבן דעם מקור, וואָס די פּאָעמע איז געבויט אויף אים.

די מאָטיוון פון יענע פּאָעמעס זײַנען אַ סך און אַלע זײַנען זיי געריכט צו די הויפּטמאָטיוון — מסירת־נפש און שטאַרקער גלויבן אין קאַמף פאַר קיום־האומה און קידוש־השם. און פּונקט ווי אַ מאָל, אין זײַן יוגנט, בײַם לייענען דעם יוסיפון, אַזוי אויך בײַם שאַפן זײַנע פּאָעמעס, אידענטיפיצירט זיך ליעסין מיט יעדן העלד־מאַרטירער אין זײַן ליד.

דער מוטיקער נאַציאָנאַלער קעמפער בר־כּוכבא רופט אַרויס בײַם דיכטער אַ טיפע זאָרג איבער דעם, וואָס מיטן טויט פון דעם נאַציאָנאַלן העלד איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון אַ פרײַער אומה און אויך דער שטאָלץ פון פרײַגײַסט בײַם „אַנעמיש געוואָרענעם יידישן פאָלק". ליעסין איז אָבער אויך זיכער, אַז

...„אין דער מיט פון אַ מענטשהייט פון פײַנט
גייט דאָס פאָלק גלות־אויס גלות־אײַן
דאָך, ווי דו, אַזוי מעכטיק, פאַרעקשנט,
אָ, בר־כּוכבא, דו זוניקער מײַן".

(אין דער מיט, נ. י., 1922)

וואָס מער ליעסין פאַרטיפט זיך אין די היסטאָרישע קאַמפן און מסירת־נפש פון די ייִדישע גיבורים און קדושים, אַלץ קלאָרער ווערט פאַר אים דער זין פון ייִדישער עקשנות און זייער שטאַרקער דראַנג נאָך תחית־האומה.

און מעג דער קאַמף פאַר קיום־האומה ווערן שוואַכער פון דור צו דור, „דאָך דער קאַמף גייט אָן, ווי ער דריקט זיך אויס, „אין רוים, אין צײַט באַנײַט, אַלץ מיט הײַפּעלער אָפּגעקליבענע״. (יהודה המכבי, נ. י., 1932).

דער העלדישער הווה איז אַ המשך פון דעם העלדישן עבר.

דער הייליקער קאַמף פאַר קידוש־השם און פאַר קיום־האומה פירט אָן דאָס ייִדישע פאָלק ניט בנשק ברזל נאָר מיט זײַן אומקאָמפּראָמיסלעכער עקשנות און אומבאַזיגלעכן גײַסט, אין גײַסט פון דעם נביאישן וואָרט „לא בחיל ולא בכּוח כּי אם ברוחי״, אָדער ווי ליעסין דריקט זיך אַזוי טרעפלעך אויס אין דעם ליד:

> ...„שטייט דאָס הײַפל אַלץ יאָרטויזנטער אין שלאַכט,
> ווײַזט דער גײַסט די וווּנדער אַלץ און ווײַזט
> ניט, אָ ניט דעם גײַסט פון אומבאַזיגטער מאַכט,
> נאָר די מאַכט פון אומבאַזיגטן גײַסט !״.

די דערגרייכונגען פון דעם ציוניסטישן אידעאַל אין ארץ־ישראל למרות די שטערונגען פון די שונאי־ישראל און גאָר באַזונדערס דער אידעאַליזם פון די חלוצים און זייער מסירת־נפש פאַר דעם אידעאַל פון בנין־האָרץ זײַנען פאַר ליעסינען געוואָרן אַ באַשטעטיקונג, אַז דער העלדישער עבר פון דעם ייִדישן פאָלק האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם הווה און אַז דער נאַציאָנאַלער קאַמף פאַר תחית־האומה ווערט געפירט פון די אייניקלעך פון די ייִדישע גיבורים פון אַמאָל.

און ווי אַ נבואה קלינגט איצט אין אונדזערע טעג, ליעסינס ליד „דער זעלאָט״, וואָס ער האָט געשריבן נאָך אין יאָר 1920:

> ...„איצט, נאָך יאָר טויזנטער, שטייט בײַ די שטיינער
> אַן אורקינד פון יענעם זעלאָט
> און קעמפט די אייביקע אומה זאָל האָבן
> צוריק אָט די אייביקע שטאָט״.

אין זײַן דימיון זעט דער דיכטער דעם טייטלעך־פאַרוווּנדעטן זעלאָט, דעם היסטאָרישן נאַציאָנאַלן קעמפער, וואָס האָט „שפּאַן פאַר שפּאַן״ ווי אַ לייב זיך געשלאָגן אין שײַן פון דער ברענענדיקער שטאָט ירושלים:

> „אָ, זיידע זעלאָט ! נישט אַנטפּלעקט איז געווען דיר
> פון פינצטערן גלות דער שײַן.
> עס מעג אונדזער אומה ווי טויטלעך פאַרוואונדעט זײַן,
> דאָך טויט וועט זי קיין מאָל נישט זײַן !״.

(„דער זעלאָט״, ליווינגסטאָן־מענאָר, 1920)

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דב סדן

דער לייענער פון די צוויי בענד „היימישע כתבים" (תל־אביב, תשל"ג) פון פראָפ' דוב סדן וועט הנאה האָבן און דערפילן, אַז ער האָט אַ סך געלערנט, אויב ער וועט ביַים לייענען יענע ווערק זיך ניט איַילן און זען צו פאַרדיַיען די טיפע מחשבות, וואָס דער מחבר ברענגט אַרויס אין זיַינע עסייען, רעצענזיעס און רעדעס.

די צוויי בענד זיַינען בלויז אַ טייל פון דער גרויסער צאָל כתבים, וואָס סדן האָט געשריבן אין ייִדיש און אין העברעיִש אויף פאַרשיידענע טעמעס. מחמת זיַין טיפקייט, חריפות, לומדות און זעלטענעם כוח־הסברה זיַינען די צוויי בענד געענוג, אַז מיר זאָלן קענען קריגן אַ באַגריף וועגן דער פילזיַיטיקייט פון דעם מחבר.

דב סדן איז אַן אוניקום אין אונדזער ייִדישער קולטורוועלט. אַ פאָרשער און קריטיקער פון אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן, אַ קענער פון ליטעראַטורן פון אַנדערע לשונות, איז סדן אויך דער היסטאָריקער, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן געפירט און פירן נאָך היַינט־צו־טאָג אויף שמאָלע איינזיַיטיקע פאַרטיַיטשן פון ייִדישער געשיכטע. זיַין באַנעם פון אונדזער געשיכטע איז אַ כוללדיקער, אָט ווי ער דריקט זיך אויס: „דאָס לעבעדיקע געדעכעניש פון אַלע ייִדישע נעכטנס אין אַלע ערטער און אין אַלע ציַיטן איז אַ וויטאַלער עלעמענט פון אונדזער לעבן" (ז' 353).

ווי פאַרשיידן עס זיַינען ניט געווען די אידעאָלאָגיעס פון אַ סך באַוועגונגען אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, האָבן זיי אָבער אַלע — מיטן אויסנאַם פון די אַבסאָלוט־אַסימילאַטאָרישע — פאַרמאָגט דעם צד־השווה: „די אידייע צו דערהאַלטן ייִדן ווי ייִדן".

זיַין צוגאַנג צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן איז אויך אַ כוללדיקער. טאָטאַליטעט פון דער פאָלקסקולטור און איר פאַרוואָרצלטקייט אין דעם וויַיט־וויַיטן עבר — דאָס איז דער שליסל צו סדנס קוק אויף אונדזער גרויסער און רייַכער קולטור־ירושה.

אין אַ קורצן עסיי, וואָס איז אָנגעפּראָפּט מיט טיפע געדאַנקען, מאַכט סדן אַ רעוויזיע פון דעם אַלטן צוגאַנג צו ביאַליקס שאַפן. סדנס לאַנגיאָריקע פאָרשונג און טיפער אַריַינדרינג אין ביאַליקס ווערק פירט אים ניט נאָר צו אַ רעוויזיע פון אָפּשאַצונגען פון פריִערדיקע קריטיקערס, נאָר אויך צו אַן אייגענעם טיפן אָפּשאַץ פון ביאַליקן דעם דיכטער.

די פריִערדיקע אויסטיַיטשערס האָבן געמאַכט אַ טעות מיט זייער אַקצענטירן די קינסטלערישע השפּעה פון דער סביבה אויף ביאַליקס שאַפן. סדנס איבערציַיגטע מיינונג איז, אַז ביאַליק איז געווען דאָס וואָס ער איז געווען נישט מיטן כוח פון זיַין סביבה נאָר קעגן איר".

און נאָך אַ טעות זײַנען די אַנדערע קריטיקערס באַגאַנגען מיט דעם, וואָס זיי האָבן אין ביאַליקן געזען צוויי באַזונדערע דיכטערס, איינער דער נאַציאָנאַלער דיכטער פון צער און צאָרן, דער צווייטער, דער אינדיווידועלער, דער דיכטער פון יחידישער פרייד און טרויער. יענע קריטיקערס האָבן ניט דערזען די פאַרבאָרגענע פאַרבינדונג אין ביאַליקס לידער, הן אין מאָטיוו, הן אין קלאַנג. דער איינציקער, וואָס האָט בעסער פון אַנדערע אָפּגעשאַצט ביאַליקן, איז געווען אַחד־העם, וואָס האָט אין זײַן בריוו, באַגריסנדיק ביאַליקן צו זײַן פופציק־יאָריקן יובל, געשריבן, „אַז אַזאַ משורר האָט דאָס פאָלק נישט פאַרמאָגט זינט ר׳ יהודה הלוי און אפשר אַפילו זינט ישעיהו הנביא״.

סדן פאַרענדיקט זײַן עסיי מיט דער האָפענונג, אַז די קומענדיקע דורות מיט זײער התמדהשער פאָרשונג און פאַרטיפונג וועלן קענען אויפדעקן דעם סוד פון דעם פענאָמען ביאַליק, ווײַל ביאַליק איז „באמת געווען מער ווי אַ דיכטער״.

ווי אַ פאָרשער און אַ קריטיקער האָלט סדן, אַז די אויפגאַבע זײַנע איז זיך צו דערגרונטעווען צו די פאַרהוילענע וואָרצלען, פון וועלכע די שעפערישע טאַלאַנטן ציִען זייער יניקה.

און ווי פאַרשיידן, סײַ אין קינסטלערישן מהות, סײַ אין פאָרעם, עס זײַנען די דיכטערס גראַדע, סוצקעווער, קערלער און מאַנגער, געפינט אָבער סדן אין די שאַפונגען פון די דערמאָנטע דיכטערס אַ צד־השווה — און דאָס איז זייער שורשדיקייט און צוגעבונדנקייט צו דער „שטים פון דורות״.

אין זײַן מאמר, וואָס איז, אייגנטלעך, אַן אַרײַנפיר צו חיים גראַדעס אַ לעקציע אין דעם ירושלמיער אוניווערסיטעט, דרינגט סדן טיף אַרײַן אין סאַמע מקור פון דעם פּאָעטס שאַפן. כאָטש ענלעך צו זײַנע חברים פון „יונג ווילנע״, איז גראַדע אַ סך אַנדערש פון זיי. ער איז אַ יחיד במינו. גראַדעס רײַכע קינסטלערישע ווערק, סײַ אין דיכטונג, סײַ אין פּראָזע, זײַנען פאַרוואָרצלט אין דער ישיבה און אין דער געדיכטער ייִדישער סביבה פון ירושלים דליטא. זײַן פּאָעזיע איז אַ „באַנײַטער אומקער צו די פּאָעטישע עלעמענטן פון ביאַליקס דיכטונג״.

אין אברהם סוצקעווערס שאַפונג זעט סדן אַ מין מיסטישן צוריקקער צו דער אייגענער היים. שטאַרק פאַרבונדן מיט „יונג ווילנע״ און מיט אַ באַוועגונג, וואָס איר אמונה איז געווען די מעגלעכקייט פון „אַ גאַנצער ייִדישער קולטור אין גלות און וועלכע האָט איבערגעריסן די בריק צווישן העברעיִש און ייִדיש — איז סוצקעווער איצט אין דער היים אין דעם „לאַנד פון חלום״, ווו „ווידער איז די ייִדנוועלט געוואָרן מער נתגלה״. נאָך אַ גרינדלעכן אַנאַליז קומט סדן צום אויספיר, אַז אין דער טיף פון זײַן שאַפן איז סוצקעווער פאַרבונדן מיטן שורש און מקור פון דער ייִדישער פאָלקסקולטור.

לויט סדנס פײַנעם אויסדרוק, האָט סוצקעווערס שאַפונג אין תּוך פּיל מער צו טאָן מיטן קעלער און מיטן בוידעם פון דער ייִדישער ווילנע און ... אַז דער קעלער אין דער טיף און דער בוידעם אין דער הייך זײַנען שטאַרקער פון דער שטוב ... ווײַל דאָרט, אין די אינעווייניקסטע שיכטן, איז ער אַן אייניקל פון אַ רב אַ גרויסן למדן און אַ זון פון אַ מאַמען, וואָס האָט געקענט תּנ״ך אויסווייניק.

אין אַ לענגערן מאמר, מיט אַ צוגאָב פון אַ רעדע וועגן יוסף קערלערן, מאַכט סדן אַן עקסקורסיע אין דעם דיכטערס וואָגל־און־וואַנדער, וואָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט דעם כאַראַקטער פון דעם דיכטערס שאַפן.

מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט רעדט סדן וועגן דעם דיכטער, וואָס איז געווען דער ערשטער אין דער גרויליקער סאָוועטישער ווירקלעכקייט מוטיק צו פאָדערן זײַן רעכט עולה צו זײַן קיין ישראל, זײַן היים. סדן האַלט, אַז עס איז געווען דער כּוח פון מקור, וואָס האָט קערלערן אַרויסגעהאָלפן אין זײַן שווערן געראַנגל, סײַ מיט די שרעקלעכע אומשטאַנדן בכלל און סײַ מיט דער אַרויפגעצוווּנגענער אידעאָלאָגיע בפרט. אָבער חוץ דעם כּוח פון מקור (זײַן היים, זײַנע שמועסן מיטן טאַטן און מיטן זיידן), האָבן קערלערן אַ סך אַרויסגעהאָלפן זײַן כאַראַקטער, זײַן ניט וועלן פאַרגעסן די קאָשמאַרן און די טעג פון היטלער און סטאַלין און זײַן ניט קענען זיך מוחל זײַן, וואָס ער האָט, זאָל זײַן אַפילו געצוווּנגענערהייט, געדינט דער עבודה־זרה. אָט די אַלע מאָמענטן קומען צום בולטסטן אויסדרוק אין קערלערס שאַפונגען. צו באַנוצן זיך מיט סדנס אויסדרוק: „דורך קערלערס ליד, דעם יחיד, רעדט דאָס פאַרשטומטע מויל פון אַ רבים״.

דער לייענער וועט זייער הנאה האָבן פון סדנס עטלעכע מאמרים וועגן איציק מאַנגער. באַנוצנדיק זיך מיט דעם ביאָגראַפישן מעטאָד אין זײַן טיפן אַנאַליטישן צוגאַנג צום דיכטערס ווערק, קלערט סדן אויף, אַז אין מאַנגערס נשמה האָט געטליִעט אַ פונק פון אַחדות מיט די אָבות און בכלל מיט די חומש־מאָטיוון. אָט דער פונק האָט זיך געשפּײַזט ניט נאָר פון דעם תּנ״ך, נאָר אויך פון דער היים — די שנײַדערשע שטוב, וואָס איז געווען „אַן אייביקער קאָנצערט פון ייִדישן ניגון און ליד״ ווי אויך פון דער ייִדישער גאַס. דערצו נאָך, מאַנגערס שטאַרקער ווילן זיך צו דערגרונטעווען צו זײַן מקור און צו זײַן געטרײַ צו זיך אַליין האָט גובר געווען אַלע אַנדערע השפּעות, וואָס וואָלטן גורם געווען אַן אַרויפגיין אויף אידעאָלאָגישע וועגן, וואָס זײַנען לחלוטין פרעמד דעם גײַסט פון אַ ייִדישן אויפקום אין דער אייגענער היים. ס׳איז ניט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס שוין אין זײַן ערשטלינגבוך זײַנען דאָ לידער פול מיט תּנ״ך־געשטאַלטן.

אויף אַ גלענצנדיקן אופן באַווײַזט סדן דעם אונטערשייד צווישן יענע, וואָס זײַנען געקומען קיין ישראל, האָבנדיק פריִער געלעבט מיט דער ישראל־היים בלויז „בשכנות", און מאַנגערן, וואָס האָט אינטויִטיוו געפילט זײַן בלוט־און פלייש־קרובהשאַפט מיט די אָבות, און קומענדיק קיין ישראל האָט ער זיך געזען ווי איינער וואָס קומט צו זיך אַהיים.

און ווי אַ באַשטעטיקונג פון זײַן טעזע ברענגט סדן מאַנגערס וווּנדערלעך ליד, אין וועלכן ער זאָגט, אַז ער וועט נישט קושן דעם שטויב, דעם בלאָ, דעם זאַמד פון ישראל, מחמת ער איז דאָך אַליין דער שטויב, די בלאָ, דער זאַמד פון דעם לאַנד און „ווער קושט עס, איך בעט אײַך, זיך אַליין ?".

סדנס מאמר וועגן ש. ניגער, דעם פאַרדינסטלעכן ייִדישן פאָרשער און ליטעראַטור־קריטיקער, איז געשריבן מיט אַ געפיל פון גרויס דרך־ארץ. סדן איז אָבער דורכויס ניט מסכים מיט דער אָנגענומענער מיינונג, אַז ש. ניגערס ליטעראַרישע קריטיק איז געווען אַ סינטעטישע. דער אמתער טײַטש פון וואָרט סינטעטיקע קען ניט ווערן אָנגעווענדט אויף ניגערן דעם קריטיקער. ס'איז אמת, אַז ניגער האָט געגלייבט אין אַ כלל־פאָלקישער שאַפערישקייט. ס'איז אָבער אַ מהלך־רב פון ניגערס געדאַנק וועגן כלל־פאָלקישער שאַפערישקייט ביז סדנס געדאַנק וועגן אַ „פולער טאָטאַליטעט פון דער פאָלקסקולטור אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען אין אַלע צײַטן און אין אַלע לענדער".

אַנאַליזירנדיק די יסודות, וואָס שטעלן צונויף דעם אמתן סינטעז פון אַ טאָטאַליטאַרער פאָלקסקולטור אין ברייטן זין פון וואָרט, ווײַזט סדן אָן, אַז ניגערס קריטיק איז געווען אידעאָלאָגיש געפּענטעט און אַז ניגער איז געשטאַנען אין דער ווירקלעכקייט, געאָטעמט דעם הווה און געווען פאַרטאָן אין חידוש, בעת די געשיכטע, דער עבר און די קולטור־ירושה זײַנען בײַ אים געווען בלויז די באַזעס. און נאָך אַ זאַך : ניגער האָט זיך אויסגעלעבט אין וועלטלעכקייט, געבויט ייִדיש און געזעסן אין גלות, בעת מסורה, העברעיִש און ישראל זײַנען אים געווען בלויז אַן אָנשפּאַר.

דער געניטער לייענער וועט זיך זיכער פונאַנדערקלײַבן אין די עלעמענטן פון דעם סינטעז פון אַ טאָטאַליטאַרער פאָלקסקולטור על פי נוסח־סדן. ס'וועט אויך זײַן גוט, אויב דער לייענער וועט דערבײַ אין זינען האָבן, אַז ניגערס צוגאַנג האָט זיך אַנטוויקלט און דערגרייכט איר העכסטן פּונקט אין אַ צײַט, ווען אין ייִדישן לעבן איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע דיפערענציאַציע פון אידייען און אידעאָלאָגיעס, איינע אָפט אין שאַרפער סתירה צו דער צווייטער.

סדנס מאמר איז געשריבן קלאָר, מיט אויסגעצייכנטער הסברה, איינער פון די שענסטע פּערל אין ליטעראַטור־קריטישער עסייִסטיק.

איך האָב זיך קאָנצענטרירט בלויז אויף עסייען אין די 2 בענד „ייִדישע כתבים". איך האָב זיך געהאַלטן נאָענט צום אַלטן אמת פון

„תּפֿסת מרובה לא תּפֿסת" און האָב דעריבער זיך קאָנצענטרירט אויף יענע עסייען, וואָס צוזאַמען כאַראַקטעריזירן זיי אין אַ גאָר גרויסער מאָס סדנס אַני מאמין ווי אַ ליטעראַרישער פֿאָרשער און קריטיקער.

סדן האָט מסתּמא שוין לאַנג געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט ניט צו זײַן קיין „גענאַרניק", נאָר צו באַטראַכטן זאַכן און ענינים אין זייער טיף און דערנאָך אַרויסברענגען זײַנע שאַרפֿזיניקע אָבסערוואַציעס פֿרײַ און קלאָר, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, צי זיי געפֿעלן עמעצן, צי ניט. בײַ זײַן שאַרפֿן אַנאַליז פֿון די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען, וואָס מיר טרעפֿן אָן אין אונדזער יידיש לעבן אומעטום, בײַ זײַן גאַנצן שנײַדנדיקן, כּמעט כירורגישן אָפּערירן מיט אַלע מניעות, וואָס שטעלן זיך אָפּט אין וועג — אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז סדן ווי אַן אידעאַליסט און אַן אָפּטימיסט.

רעדנדיק וועגן יהדות פּוילן האַלט סדן, אַז מיר זײַנען ווײַט ניט אירע לעצטע יורשים. מיר זײַנען עדות פֿון אַ גרויסן אויפֿבלי פֿון דער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור; למרות אַלע שטרויכלונגען און שטערונגען איז די יידישע ליטעראַטור אין אַלע אירע פֿאַזן נאָך אַלץ אונדזער גרויסע וווּנדערלעכע דערגרייכונג. מיר מוזן אָבער מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו פֿאַרפֿלאַנצן אין אונדזערע קינדער די ווירזיעס, וואָס מיר האָבן געהאַט אין משך פֿון דורות און וואָס זײַנען געקומען צום אויסדרוק אין אונדזערע רײַכע ליטעראַטורן (ז' 362).

אַברהם סוצקעווער

I

עס ווילט זיך פֿאַראַפֿראַזירן אַ פּאָר שורות פֿון אַ גוט באַקאַנט ליד: דאָס קליינינקע ביכעלע ליגט פֿאַר מיר אָפֿן, איך לייען עס און לייען עס צום צוועלפֿטן מאָל. אין זינען האָב איך דאָס קליינינקע ביכעלע סוצקעווערס „לידער פֿון טאָגבוך".

ניט קיין אוצרות פֿון מאַטעריעלע גיטער און ווילטאָג ווי אין קהלתס קיניגרייך, נאָר רייכע שייערן מיט דיכטונג איז דאָס פֿאַרמעג פֿון אַברהם סוצקעווער.

סוצקעווער איז ניט גענייגט צו קומען צום הבל־הבלים־אויספֿיר, הגם אויך אים זיינען ניט פֿרעמד די שאַרפֿע יסורימדיקע ווידעראַנאַנדן אין דעם גורלדיקן מענטשלעכן לעבן.

סוצקעווער פּרעטענדירט ניט צו פֿאַרנעמען זיך מיט פֿילאָסאָפֿישע ספּעקולאַציעס, און ווי וויכטיק עס איז ניט דאָס וואָס ער זאָגט, איז נאָך וויכטיקער דער „ווי אַזוי" ער זאָגט עס. זיינע געדאַנקען זיינען ריינע מעדיטאַציעס, וואָס קומען פֿון די טיפֿענישן פֿון זיין דיכטערישן „איך".

אים מאַטערט די חידה פֿון דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט. פֿרייד און טרויער, ליבע און פֿיינדשאַפֿט, האָפֿענונג און אַנטוישונג, גלויבן און ספֿקות, שייכותן צווישן מענטשן, נאַטור קאָסמאָס, גאָט — שטעלן מיט זיך פֿאָר די טעמאַטיק פֿון זיינע מעדיטאַציעס אין די סובטילע לידער פֿון דעם קליינינקן ביכעלע.

דאָס קענען זיך אויסטאָן פֿון דער וואָר און זיך „זען" שווימענדיק אין דער וועלט פֿון אַבסטראַקציע איז איינער פֿון די שטריכן פֿון דעם דיכטערס פּערזענלעכקייט.

גורל. וואָס איז גורל? איז עס אַ מין ברכה, וואָס באַגלייט דעם מענטשן מיט שטענדיקן אומאויפֿהערלעכן גליק?

איז עס אַן אייביקע קללה, וואָס באַגלייט אים אויף זיין וואַנדערוועג מיט אַל דאָס בייז און אומגליק?

צי אפֿשר איז עס גליק און אומגליק צוזאַמען?

וואָס איז עס דאָס געהיימע וואָרט — גורל, וואָס זיין זין איז פֿאַרהוילן פֿון דעם מענטשן? — פֿרעגט סוצקעווער. איז עס גערעכנגל נאָך וועלכן עס קומט אַ מאָל אַ מין פֿאַרגיטיקונג פֿאַר די יסורים?

אויף אַ סימבאָליסטישן אופֿן דריקט סוצקעווער אויס די אייביקע פֿראַגע אין איינעם פֿון די לידער.

„ער איז גרייט אויפֿצונעמען דעם קאַמף און וויל בעסער זיין אַ שלאַכטפֿעלד און אַ סודותדיקע מאַפּע". אין דער פֿאָעמע איז גורל אַ „קודלאַטער כלב" וואָס זיינע שאַרפֿע ציין שרעקן אים ניט אָפּ, אַפֿילו די וווּנדן, וואָס ער וואָלט געקראָגן, רופֿן ניט אַרויס קיין שרעק. אים איז אָבער דערווידער דעם הונטס „הכנעהדיקע לאַפּע".

„כ׳האָב ליב די ווײַסע צײַן פון שרעק
צופוסנס און צו קאָפּנס;
צערײַס, צעפּיצל, נאָר קוש ניט מײַנע פיאַטעס
מיט באַדויער״.
(ז׳ 22)

דאָס ליד קען אויך באַטראַכט ווערן ווי פאַבל. מען קען עס ווי אַ פאַבל אָנווענדן ניט נאָר אויף שײַכותן צווישן יחיד און יחיד, נאָר אויך צווישן פאָלק און פאָלק.

גורל איז אויך אַ מין וויגן זיך צווישן פרייד און טרויער, לעבן און טויט. אינטערעסאַנט, ווי סוצקעווער דריקט אויס דעם געדאַנק בדרך אַפאָריזם אין קורצע שורות, אין אַ פאָלקסטימלעכן נוסח, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן.

„בײַ טאָג אַ לוויה, בײַ נאַכט אַ קאָנצערט,
און קומען סײַ דאָרטן, סײַ דאָ איז באַשערט״.

ס׳איז אָפט דער פאַל, אַז נאָך פולע האָפענונגען און שווערן געראַנגל זאָלן קומען ביטערע אַנטוישונגען און מיט זיי אויך טעג און נעכט פון שאַרפער איינזאַמקייט.

אין אַזאַ מאָמענט איז גוט אַ זוך צו טאָן, זאָל זײַן אַפילו בלויז במחשבה, אַ פרײַנד אויסצוגיסן פאַר אים דעם סוד פון אייגן „צעבראָכן האַרץ״.

האָט ער דאָך געהערט דעם זאָג „דײַן פרײַנד איז אייביק״, אָבער אומזיסט זײַנען אַלע זוכענישן. הערן הערט ער בלויז דעם „פּזמון פון דעם זאָג״, און אַן אַנטוישטער באַשליסט ער צו גיין זוכן דעם פרײַנד אויף די בית־עלמנס — די האָטעלן „פאַר די טויטע און די לעבעדיקע״. (ז׳ 67).

באַצווייפלט מען פרײַנדשאַפט בכלל, מוז מען אויך צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון אַ פרײַנד, וואָס זינגט דיר אַפילו אַ לויב.

און אָט ווי דער דיכטער ברענגט עס אַרויס אין אַן איינפאַך בילדעלע :

„בעסער איז זיך אָפּצולערנען פון די פייגל,
וואָס לאַכן אָדער פײַפן פונעם שטורעם,
אָבער ווען אַ פּשוט גראָז גיט זיך אַ פאַרנייג,
פאַרנייג זיך אויך: גוטן אָוונט, גראָז, און מאַך פאַר אים אַ וואַרע״.
(ז׳ 68)

ס׳וואָלט געווען אַ טעות אויסצוטײַטשן די דערמאָנטע שורות ווי אַן אויסדרוק פון אַ מין מיזאַנטראָפּיש געפיל.

פאַרקערט, דורך די שורות פון יענע לידער קוקט אַרויס אַ שטאַרקע ליבע צום מיטמענטשן, אַ מיטגעפיל מיט דעם מענטשן אין זײַן איינזאַמקייט, אין זײַן פאַרלאָרנקייט.

סוצקעווערס שײַכות צום מענטשן, אויך צו דער חיה ווי בכלל צו דער נאַטור, איז אַ רעזולטאַט פון זײַן רעליגיעז־פּאַנטעיִסטישער לעבנס־באַטראַכטונג, אַ געוועב פון טיפער ליבע און פאַרשטענדעניש.

ניט נאָר מענטש זוכט אַ דערלייזער, האַלט סוצקעווער, נאָר אויך די חיה, און „ניט נאָר אַ מענטשן וועט משיח זיך אַנטפּלעקן״. (ז׳ 57).

די פראַגע וואָס מאַטערט דעם מענטשן איז די פײַנלעכע דיסהאַרמאָניע, וואָס הערשט אין אונדזער מעכאַניזירטער וועלט. אפשר איז אַ פּלאַן צו אַנטלויפן פון דער רישעותדיקער ציוויליזאַציע, וואָס פאַרשקלאַפט דעם מענטשנס פּערזענלעכקייט און האַלט אַפילו געפאַנגען דעם מענטשנס לשון „אין שווערע קייטן״.

אפשר איז אַ פּלאַן, טראַכט דער דיכטער, זיך אַרונטערצולאָזן טיף אין ים און אין דער „שטומער שטילקייט זיך לערנען דעם אַלף־בית פון שווײַגן״. (ז׳ 9).

אָדער אפשר גאָר זיך געזעגענען מיט דעם אַרום, „אָנשרײַבן אַ צוואה און אַנטלויפן אין דער מידבר״. (ז׳ 18).

ביידע, סײַ דער ווונטש זיך אַרונטערלאָזן אין די טיפענישן פון ים, סײַ דער ווונטש צו אַנטלויפן אין דער מידבר, זײַנען אין דער אמתן סוצקעווערס ניט־געשטילטער דאָרשט צו זוכן און געפינען זיך אַליין.

אַפילו דאָס קרעטשמעלע אין וואַלד, וואָס ער „בויט זיך אויף אין דימיון, צילט צו באַהאַלטן זיך „פון זיך אַליין״, כּדי דערנאָך זיך צו געפינען.

און זוכנדיק זיך אין מידבר געפינט ער גאָט.

„עמיץ לאַכט אין דער מידבר —\
לאַכט עס פון באַשאַף דעם בוראס?\
לאַכט עס גאָט פון זײַן באַשאַף?\
זײַ אַ חכם, ווער געוווּיר עס\
און צערײַס דעם לעצטן דף״. (ז׳ 45).

ער דערגייט, אַז:

„אויבן אויף די בערג,\
אין ווײַסע כוואַליעס פון דער שקיעה,\
אַלץ זע איך שווימט אַן אויג און לייענט...״ (ז׳ 64).

און אין זײַן זיך־דערקענטעניש זוכט ער זיך אַליין צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע:

וואָס וועט זײַן? וואָס וועט בלײַבן?

„...בלײַבן וועט אַ וואָלקנדל פאַרטשעפּעט אויף אַ בוים, גאָט וועט בלײַבן — איז דיר ניט גענוג״?

שיין זײַנען סוצקעווערס צוויי לידער וועגן זײַן אַנטפּלעקונג אין דער הייל פון אליהו.

אין אָט די לידער — מעטאַפיזישע בילדער אָנגעלאָדן מיט הייליקער „אָנצײַטיקער״ שטילקייט — אַנטפּלעקט זיך סוצקעווער צו זיך אַליין און דערוויסט זיך ווידער וועגן זײַן מיסיע אין לעבן.

דאָס דערזען זיך „מחוץ זײַן זיך״ אין אַ צײַט „מחוץ דער צײַט״ — דאָס אַלץ אויסגעדריקט אין „דין־דינע״ שורות — דערגרייכט די גאָר הויכע מדרגה פון דיכטערישער יצירה.

„און ווען ער ווערט אָנאָטעמדיק אין זײַנע דלד אַמות,
דערקײַקלט זיך אין הייל אַ טרער, אַ קליינע טרער דער מאַמעס,
און מאָנט בײַ אַליהון, אַז דאָס ייִנגל, איר מיזיניק,
מוז לעבן, לעבן און געזאַלבט נאָך ווערן פאַר אַ קיניג״. (ז׳ 76)

אַ מין ווידערגעבורט מיט אַ ציל, מיט אַ שליחות, און די שליחות איז דיכטונג, שלימות.

דאָ האָבן מיר אַן איבערחזרונג פון אַ געפיל, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן נאָך מיט יאָרן צוריק — דעם שטאַרקן גלויבן און זײַן נאַטירלעכן דראַנג צו פּאָעטישער יצירה. ס׳איז קלאָר, אַז די שליחות מוז גיין האַנט אין האַנט מיט זײַן פעסטן גלויבן אין זיך.

„זײַ הינקעדיק, נאָר לאָז ניט אָפּ די ליניע פון דער שליחות״, זאָגט סוצקעווער ווי צו זיך אַליין (ז׳ 50).

לעת־עתּה הערט ער, ווי עס צײַטיקט זיך די פּרוכט פון זײַן קינסטלערישער מי. ער איז אָבער אויך זיכער, אַז די פּירות וועלן געראָטן.

להיפּך צו דעם עדאָניסטישן קוק, וואָס מיר געפינען בײַ קהלתן (אין טוב תּחת השמש כּי אם לאכול ולשתּות ולשמח), האָבן מיר בײַ סוצקעווערן אַן אָנזאָג צו פרייען זיך מיטן „הונגער און זײַן הונגעריקן שאָטן״.

ווײַל:

„געזעטיקט וואָלסטו ניט געשריבן,
וואָלסטו ניט געקנאָטן,
און טויטער פונעם טויט וואָלט זײַן
דער חשק און די ליבע״. (ז׳ 53)

סוצקעווער שיקט אַפילו אַ לויב דעם בייזן גײַסט, וואָס חוץ זײַן כּוח פון צעשטערונג, איז ער אויך סטימול אין דעם שעפערישן פּראָצעס און קען

„פרײַלאָזן אַ הונגעריקן מבול אַ רעגנבויגן זאָל
אים שפּעטער צערטלען״. (ז׳ 53)

שיין איז דאָס ליד, וואָס שילדערט דעם פּראָצעס פון קינסטלערישן שאַפן, וואָס איז ענלעך צום אופן ווי אַ סקולפּטאָר שאַפט זײַנע

קונסטווערק, אַ פּראָצעס פון חומר ביד היוצר, מיט דעם אונטערשייד, וואָס דער דיכטער באַנוצט זיך מיט „חלום־ליים", וואָס איז אַ „ליים פון אַנדערע פּלאַנעטן" (ז' 18).

דער דיכטער פילט אַן אינעווייניקסטע פאַרבינדונג מיט זײַנע חברים־פּאָעטן, מען קען זאָגן, אַז נפשו קשורה בנפשם.

טײַער איז אים זייער „נשמהס טינט און פּראַצע", ווי בכלל די מי פון קינסטלער.

ער פילט, אַז

„פאַר זײַנעטוועגן שפּילן זיי, די פידלער,
שרײַבן זיי זייערע לידער,
וואַרעמען זיי אָן די קאַלטע שטערן".

און

„פאַר זייערטוועגן שרײַבט ער זײַנע שורות, אָמן סלה". (ז' 24)

סוצקעווערס באַציִונג צו זײַן מיסיע ווי אַ דיכטער איז אַ טיף־רעליגיעזע. די מיסיע איז אַ געשאַנק פון גאָט, וואָס קריגט אַ תּיקון אין זײַן ליד און ברענגט אים די בענטשנדיקע פרייד פון צעגעבן זיך אין מתּנות.

„פון געבן, געבן, זיך צעגעבן,
ווי הונגעריקן לײַוונט עס צעגיט זײַן פאַרב אַ מאָלער". (ז' 21)

כאָטש פאַרשיידן אין זייער טעמאַטיק, האָבן די לידער אין דעם ביכעלע אַן אינטימע אינעווייניקסטע פאַרבינדונג.

די „לידער פון טאָגבוך" זײַנען אַ זעלטענע זאַמלונג פון פאַרצייכנטע מעדיטאַציעס און פאַרשיידענע שטימונגען — אַלע ווי געצילט צום אויפקלער, קודם־כל פאַר זיך אַליין, אויף דעם זיך־אַנאַליטישן וועג פון זיך צו זיך.

II

די פינצטערע טעג אין געטאָ, דערנאָך זײַנע איבערלעבענישן ווי אַ פּאַרטיזאַן אין די וועלדער פון ווײַסרוסלאַנד און ליטע, האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן אײַנדרוק אויף דעם יונגן און שטאַרק־סענסיטיוון דיכטער.

אין 1944 איז אברהם סוצקעווער, דער פּאָעט־פּאַרטיזאַן, אָנגעקומען קיין רוסלאַנד, ווו ער איז באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם אין די מאָסקווער ליטעראַרישע קרײַזן מיט דעם באַוווּסטן רוסישן דיכטער איליאַ ערענבורג בראָש.

שפּעטער, נאָך יאָרן פון וואָגל־וואַנדער פון לאַנד צו לאַנד, איז ער סוף־סוף אָנגעקומען קיין ישראל, זיך דאָרט באַזעצט און געוואָרן דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון דעם וויכטיקסטן ייִדישן זשורנאַל „די גאָלדענע קייט״.

זײַן בוך „לידער פון ים־המוות״ (אַרויס אין ישראל אין 1968) איז אַ זאַמלבוך פון זײַנע לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין די יאָרן 1936—1966 און שטעלן מיט זיך פאָר, ווי ער באַצייכנט זיי, „אַן אײַנזאַמלונג פון זײַנע טעג און נעכט, פאַרוואַנדלטע אין לידער במשך דרײַסיק יאָר״.

עטלעכע לידער פון דער זאַמלונג האָט דער דיכטער געשריבן נאָך זײַן אָנקומען קיין ישראל. ווי די אַנדערע לידער, שטעלן זיי מיט זיך פאָר אינטראָספּעקטיוויסטישע שאַפונגען, געלײַטערטע אין דעם געשמעלץ פון זײַן פּאָעטישער נשמה.

ווי פיל אַנדערע ייִדישע פּאָעטן, איז אויך סוצקעווער געווען אונטער דער השפּעה פון ייִדישע דיכטערס — זײַנע פאָרגייערס — פון ייִדישן פאָלקלאָר און פון אייראָפּעיִשע דיכטערס בכלל.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז די גרויסע רוסישע דיכטערס פּושקין, בלאָק, יעסענין און אַנדערע האָבן בײַגעטראָגן זייער חלק השפּעה.

אָבער אין אַ סך פון זײַנע לידער שטײַגט סוצקעווער איבער יענע דיכטערס אַ דאַנק זײַן באַזונדערער פעיִקייט צו פאַרמאָדערניזירן די סטרוקטור פון זײַנע לידער מיט זײַן שעפערישן פּאָעטישן אָטעם. זײַנע לידער קומען פון די סאַמע טיפענישן פון זײַן פּאָעטישער דערפאַרונג „אין נוטראַ״, ווי די רוסן זאָגן דאָס.

מיט זײַן מײַסטערישן אופן פון נוצן דאָס שיינע וואָרט און פערז דערגרייכט ער די סאַמע הייכן אין זײַנע עסטעטישע עקסקורסיעס, צי דאָס איז סימבאָליזם, אימפּרעסיאָניזם, צי עקספּרעסיאָניזם.

אַזעלכע סעריעס לידער ווי „כל נדרי״ אָדער „די קאַרש פון דערמאָנונג״ שנײַדן זיך אײַן אין דער נשמה פון דעם לייענער און לאָזן אים איבער אין אַ שטימונג, וואָס איז אוממעגלעך צו פאַרגעסן. די פּאָעמע „און אויב מײַן פאָלק וועט בלײַבן בלויז אַ ציפער״ איז אַזוי רירנדיק און אַזוי שטאַרק ווי איינע פון די קלאַסישסטע פּאָעמעס פן אונדזער גרויסן דיכטער ח. נ. ביאַליק, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם.

אויב דער צאָרן פון פאַרלענדונג, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן ייִדישן פאָלק, זאָל פירן דערצו, אַז פון אים זאָל „בלײַבן בלויז אַ ציפער״, באַשווערט דער דיכטער דאָס פאָלקן, אַז בעסער זאָל עס אין גאַנצן פאַרגיין פון זײַן זכרון. ער באַשווערט אויך זײַן ביקס, אַז זי זאָל זיך פאַרוואַנדלען „אין שלאַנג אין זײַנע הענט״, „אויב נאָר דאָס מאָרגקינד וועט ניט דערהערן דעם שאָס וווהין איך האָב אים איצט געווענדט״.

אין יענער צײַט פון טײַוולאָנישע רציחות און מאָרדן האָט די וועלט זיך צוגעקוקט און געשוויגן צו די לײַדן, יסורים און געבעט פון די מיליאָנען ייִדן: ראַטעוועט! האָבן פעלקער זיך געמאַכט ווי טויב.

פאַר וואָס?

איז דאָ אויף דעם אַן ענטפער?

און אויב קיין לעבעדיקער מענטש קען אויף דעם ניט ענטפערן, איז אפשר האָבן די טויטע דעם ענטפער.

דער דיכטער באַנוצט זיך דאָ אין דעם ליד מיט דער לעגענדע וועגן משיחס קומען, ווען בײַם קול־שופר של משיח וועלן די טויטע צוריק ווערן לעבעדיק. אומזיסט אָבער זוכט און וואַרט דער דיכטער אויף דעם קול־שופר של משיח אין די אָפּגעברענטע געטאָס. ניט פון דאָרט קומט דער ענטפער.

פלוצלונג דערהערט ער אַ קול, וואָס הייסט אים זוכן דעם קול־שופר אין די טיפענישן פון זײַן האַרצן. פאַר גרויס צער און צאָרן רײַסט ער אויף זײַן האַרץ און פון דאָרט רײַסט זיך אַרויס זײַן אייגענער גײַסט מיט אַ קול אַזוי הויך און אַזוי שאַרף ווי דער שאַרפסטער קול־שופר, און מיט אַ לאַנגער תקיעה הייסט ער די טויטע ווערן לעבעדיק.

— די וועלט איז איצט אַ פרײַע! שרײַט אויס דער דיכטער, אָבער קולות פון די קברים שרײַען אַרויס:

אַוועק, דײַן ערד איז טמא. מיר זײַנען שוין לאַנג באַפרײַט געוואָרן פון דער שטראָף צו זײַן געבוירן, מיר ווילן ניט די בלינדקייט פון דײַנע טעג און נישט דאָס פינקלען פון דײַנע שטערן.

עס דערהערט זיך אַ בענקענדיקע שטים, צאַרט ווי דאָס ווייכסטע גראָז, און בעט דעם דיכטער, ער זאָל קומען עס אויסלייזן. דאָס איז גאָטס שטים, וואָס האָט „אַ מאָל געלעבט אין דעם דיכטערס ווערטער".

צו שוואַך זײַנען ווערטער צו קענען אויסדריקן סײַ די לײַדן, סײַ די ברויזנדיקע געפילן פון צאָרן און פאַראורטיילונג, און שוואַכע פאַלן זיי בײַם סאַמע טויער פון דעם ים־המוות.

ס'איז סוצקעווערס פּאָעטישער געניוס, וואָס העלפט דעם לייענער זיך אַרונטערלאָזן אין די טיפענישן פון דעם ים־המוות און דערנאָך צוריק אויפצוטויכן מיט אַ ממעמקים־תּפילה אויף די ליפּן.

די כאַראַקטעריסטישע הויפּטשטריכן אין סוצקעווערס דיכטונג זײַנען זײַן מיסטישער דראַנג נאָך יצירה און קינסטלערישער שלימות.

אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דעם אוניווערסיטעט אין ירושלים, בײַ דער געלעגנהייט פון דער פײַערונג פון זײַן פופציק־יאָריקן געבוירן־טאָג, האָט סוצקעווער אַנטפּלעקט דעם וווּנדערלעכן שטריך פון זײַן פּאָעטישער נאַטור. ער האָט דעם פאַרזאַמלטן עולם דערציילט, אַז אין זײַנע שווערסטע, צער־פולסטע טעג אין געטאָ איז ער ווי געפירט געוואָרן פון אַ שטאַרקן גלויבן, אַז כּל־זמן זײַן נאַטירלעכער דראַנג צו פּאָעטישער

שעפערישקייט וועט אים ניט פאַרלאָזן, וועט קיין זאַך אויף דער וועלט ניט קענען ברענגען זײַן פאַרניכטונג.

אין פאַרבינדונג מיט דעם איז וויכטיק זיך אָפּצושטעלן אויף צוויי פּאַסירונגען, בעת זײַן ראַטעווען זיך פון די רוצחים און בלײַבן לעבן בדרך־נס.

איין מאָל, אַנטלויפנדיק פון די שטורעם־טרופּערס, איז ער אַריין אין אַ מתים־שטיבל פון דער חברה־קדישא און זיך באַהאַלטן אין אַ ליידיקן אָרון. דער הילצערנער אָרון איז אין זײַן דימיון אַזוי ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויגל אָדער גאָר אַ קליין שיפל אויף שטורעמדיקע כוואַליעס, און ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ ליד.

אַ צווייט מאָל, אַנטלויפנדיק פון די נאַצי־סאָלדאַטן, וואָס האָבן אים נאָכגעיאָגט, איז ער אַרײַנגעלאָפן אין אַ גרוב פול מיט צעפירטן קאַלעך. אַזוי ליגנדיק פילט ער ווי זײַן לײַב ברענט, גלײַך ווי ער וואָלט געווען אַרומגענומען פון פלאַמען פײַער. פלוצלונג באַמערקט ער, אַז בלוט, וואָס שטראָמט פון זײַן קערפּער אַרויף אויף דער אייבערפלאַך פון דעם ווײַסן קאַלעך, מאָלט אויס אַזוי ווי אַ בילד פון דער אונטערגייענדיקער זון. דאָס טריפנדיקע בלוט קוקט אים אויס ווי שווימענדיקע רובינען, וואָס לייגן זיך אויס ממש ווי פערזן אין אַ פּאָעמע און אַ ליד איז געבוירן געוואָרן. נאָך מער, דאָס ליד האָט אויסגעלייזט דעם ווייטיק.

ס׳איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן דעם כוח פון אַזאַ דראַנג נאָך יצירה, סײַדן דער דיכטער פילט אין זיך אַ מיסטישע מיסיע, וואָס מאָנט און פאָדערט פון אים צו דינען דעם ציל פון אייביקן קינסטלערישן שאַפן, צום אייביקן ציל פון שלימות.

דאָס וואָס איז באמת ווערט צו נעמען אין באַטראַכט אין פּאָעזיע איז דאָס שלימות, האָט באָדלער אַ מאָל געזאָגט צו דעם אַרויסגעבער פון זײַן בוך „פלעיר די מאַל”.

און עס איז טאַקע זײַן הויכע מדרגה פון שלימות (אויך שלימות האָט מדרגות) און שפּראַך, ריטעם, האַרמאָניע, טאָנאַליטעט, וואָס גיט סוצקעווערן די מעגלעכקייט אויסצודריקן אויף אַ פּאָעטישן אופן זײַנע איבערלעבענישן און שטימונגען. פּאָעמעס ווי „ווערטער און דער סטיל פון שאַגאַל” גיבן איבער זײַן נאַטירלעכן דראַנג נאָך שעפערישקייט, זײַן שטרעבן צו שלימות אין זײַן שטענדיקן געראַנגל מיט זיך אַליין וועגן זײַן ציל, זײַן מיסיע — די אייביקע פראַגעס, וואָס פּײַניקן דעם אמתן קינסטלער.

— וואָס איז די מיסיע פון דעם קינסטלער ?

— וואָס איז דער ציל פון זײַן שאַפן ?

אָט זענען אייניקע אינטערעסאַנטע געדאַנקען, גענומען פון דער פּאָעמע גופא, וואָס קענען אפשר דינען ווי אַן אויפקלער אויף די פראַגעס.

דער קינסטלער איז בבחינת פון דעם געשלאָגענעם אָבער אויך

געקרוינטן קנעכט. דער קינסטלער פאַרדינט ניט קיין דאַנק, ניט מער ווי אַן עפּלבוים, וואָס גיט אונדז זײַנע עפּל.

דאָס וויכטיקסטע וואָס דער קינסטלער דאַרף אין זינען האָבן און אויספאָלגן איז דאָס זײַן אויטענטיש, זײַן געוואַגט אין זײַנע חלומות און לאָזן זײַנע בילדער ווערן זײַנע תּפילות.

די זעלבע קאַטעגאָריעס זענען חל אויף דעם גרויסן דיכטער סוצקעווער.

צו די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון סוצקעווערס דיכטונג באַלאַנגען די פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער טעמאַטיק, די פאַרשיידענע שטימונגען, וואָס באַהויכן זײַנע לידער און זײַן עשירות אין קאָליריק־קינסטלערישן וואָרט און פערז.

די פּאָעמעס „הילולי״, „דער פויגל קוקובאַרא״, „עמבלעם״ און „דער קעניג טשאַקאָ״, וואָס איז באַזירט אויף אַ לעגענדע פון דעם זולו־פאָלקלאָר, זײַנען פון די פײַנסטע פון דער סעריע „די וועלט צוקאָפּנס״.

„די אַלטע שטאָט יפו אין רעגן״ — אַ סעריע לידער רײַך אין קאָלירן, פאַרשיידן אין שטימונגען, צווישן וועלכע די פּאָעמע „שטילקייט און שטורעם״ איז די סאַמע סובטילסטע. יעדע איינע פון זיי זאָגט עדות אויף סוצקעווערס עשירות און פאַנטאַזיע און אויף זײַן מוסטערישער פּאָעטישער שפּראַך.

סוצקעווערס וואַרעמע געפילן פון יִראת־הכּבוד פאַר דעם גרויסן יִידישן דיכטער לייוויק זײַנען אויסגעדריקט אין דער וווּנדערלעכער פּאָעמע „צו לייוויקן״. אין בלויז צוויי פערזן דערגרייכט סוצקעווער אַרויסצוברענגען פּאָעטיש די פערזענלעכקייט פון דעם דיכטער פון דיכטערס ; אין צוויי אַנדערע פערזן ווערט די שטאָט ניו־יאָרק, די שטאָט פון הימל־קראַצערס, פאַרוואַנדלט, אַ דאַנק סוצקעווערס כּוח־הדימיון, אין אַ שטיינערנעם וואַלד פון אַן אייביקער שטילקייט. די סומנע שטימונג, וואָס לייוויקס טויט האָט אַרויסגערופן דרינגט דורך דורך דער גאַנצער פּאָעמע.

כאָטש די יאָרן פון זײַנע טראַגישע איבערלעבונגען זײַנען שוין לאַנג הינטער אים, קען אָבער סוצקעווער ניט פאַרגעסן די בילדער פון פּײַן און לײַדן פון זײַנע ברידער. איז ער דאָך אַליין געווען בײַ יענע פאַלן פון רציחות און מאָרד. ער קען ניט פאַרגעסן דעם לאַנגן מאַרש פון די קראַנקע יִידן, וואָס מאַרשירן („אין בלויע העמדער״) אין לאַנגע, בלויע העמדער, צוגעבונדן מיט שטריק איינער צום צווייטן און געטריבן דורך דער געשטאַפּאָ פון אַ דולהויז צו דער געטאָ.

ער קען אויך ניט פאַרגעסן די דײַטשע סאָלדאַטן („גוטע דײַטשן״), וואָס לאָזן זיך ווילגיין אין אַ פוטבאָלשפּיל, אין וועלכן אַ יִידיש קינד דינט זיי ווי אַ באָל.

אין זײַן פּאָעמע „מײַן תּפילה" בעט דער דיכטער „אויף ווערטער ניט־פון־דאַנען, אין געאָדערטע קול־דממהס, ער זאָל קענען רעדן מיט זײַנע שכנים, וואָס זײַנען שוין לאַנג אַוועק אין דער אייביקייט".

סאַראַ געלײַטערטע פּײַן ! ס'אַראַ עשירות אין פּאָעטישן אויסדרוק !

די יאָרן אין ישראל האָבן סוצקעווערן געבראַכט מאָמענטן פון מנוחה און אַפילו פרייד.

אָבער דאָס אומרעכט אויף דער וועלט, דאָס אַכזריות און שענדונג אין אַ וועלט, וואָס בענקט נאָך שלום און איז נאָך אַלץ פאַרוויקלט אין שחיטות, רופן אַרויס בײַם דיכטער פּעסימיסטישע שטימונגען.

איין דור פרעסט אויף אַ צווייטן און איז נאָך אַלץ ניט זאַט. ווען זשע וועט דער גואל קומען ?

און אַז דער גואל קומט ניט, ווער זשע וועט אויסלייזן די וועלט ? אין יענע מאָמענטן פון גאָטזוכעניש („דאָס ליד פון שײַכותן") געפינט עס דער דיכטער, אַז דער באַשעפער אַליין איז איינזאַם, איינזאַם ווי זײַן באַשאַפונג — דער מענטש.

די מאָמענטן פון פרייד זײַנען אויך געמישט מיט טרויער, ווען דער דיכטער טראַכט וועגן זײַן טאָכטער, וואָס איז פאַרנומען מיט גרויס חשק אויסצוגעפינען די סודות פון מצדה.

אין זײַן ליד „די סודות פון מצדה" באַמערקט ער, אַז זײַן טאָכטער, די סאַבראַ, ווערט אַלץ מער באַהאַוונט אין יעדן שערבל און אין יעדן שטיקל פּאַרמעט, וואָס האָט אַ שײַכות צו מצדה, אָבער זי ווייסט זייער ווייניק פון דער היסטאָרישער העלדישקייט פון די ייִדן אין גלות.

אויך דאָס פאַרשווינדן פון ייִדיש בײַ ייִדן רופט אַרויס מער ווי טיפן זאָרג בײַם דיכטער, וואָס בײַ אים איז ייִדיש פיל מער ווי אַן אינסטרומענט פון שאַפן.

דער בדחן פון לאָדזש („דער בדחן"), דער קלאַסישער אונטערהאַלטער אויף ייִדישע חתונות, זיצט איצט אין דער שענק „יורדי ים" און פרעגט זיך :

„אַז טויטע רעדן ייִדיש און די לעבעדיקע — ניין. פאַר וועמען זאָל איך שפּילן מײַן בדחנות ?"

דער סימבאָליזם איז קלאָר : אַזוי דער בדחן, אַזוי דער דיכטער.

אָבער אַ שטראַל ליכט רופט דאָך אַרויס האָפענונג אין דער צעפּײַניקטער נשמה פון דעם דיכטער, ווען די שײַטערן אויף די בערג אין ישראל צינדן זיך אָן לכּבוד דעם ל"ג־בעומר יום־טוב.

גאָר אַנדערע פײַערן וועקן זײַן זכּרון, ער דערמאָנט זיך אין יענע צײַטן, ווען ייִדישע געטאָס, שטאָט נאָך שטאָט זײַנען פאַרברענט געוואָרן, ניט לאָזנדיק נאָך זיך קיין שפּור.

אין די ל"ג בעומר־שײַטערן „ווי ברענענדיקע בינשטאָקן מיט האָניק אין די פונקען" זעט דער דיכטער אַ מין סימבאָלישע אויסלייזונג, אַ מין

מטהר־זײַן דעם אַש פֿון די פֿאַרברענטע שטעט און שטעטלעך, און עס פּלאַטערט אויף פֿון אַש אַרויס „זײַן טעכטערל, אַ פֿעניקס". פֿרייד געמישט מיט טרויער, ייִאוש געמישט מיט האָפֿענונג זײַנען שטריכן פֿון דעם ייִדישן היסטאָרישן גורל, און קיין אמת־ייִדישער דיכטער קען ניט לעבן, טראַכטן און פֿילן אויסער זײַן פֿאָלק, אַזוי אויך דער דיכטער בחסד עליון, אַברהם סוצקעווער.

III

ווי פּערל אָנגעצייליעט אויף אַ שנירל, אַזוי זײַנען די לידער אין א. סוצקעווערס נײַעם בוך „צײַטיקע פּנימער". ליד נאָך ליד, און צוזאַמען איין גרויס ליריש געזאַנג, אויפֿגעשפּילט אין בילדער, וואָס ווירקן מיט דעם ריטעם און שיינקייט פֿון פֿערז און וואָרט און מיט דער אָנגעהויכטער שטימונג פֿון דעם דיכטער.

נאָך אַלע חקירות בלײַבט נאָך אַלץ ניט־פֿאַרענטפֿערט די אייביקע פֿראַגע וואָס שייך דעם מענטשנס גורל אויף דער וועלט. דער אייביקער געראַנגל פֿון דעם מענטשן מיט זיך אַליין און מיט דעם תּוך און ציל פֿון לעבן אין אַ וועלט, וואָס זוכט אַליין איר תּיקון און קען אים ניט געפֿינען, קומט צום אויסדרוק אין די לידער־בילדער אין א. סוצקעווערס בוך.

אין אָנהייב 40ער יאָרן, אין יענע גורלדיקע, אַכזריותדיקע יאָרן, ווען דער מין מענטש האָט זיך אַנטפּלעקט אין זײַן שווידערלעכער אַכזריות, „ווען ווײַסע טויבן האָבן באַלד פֿאַרוואַנדלט זיך אין סאָוועס", האָט דער דיכטער מיט זײַן ליד „פּנימער אין זומפּן" אויסגעדריקט זײַן פֿאַראַכטונג און ביטול צו דער וועלט פֿון רישעות און גרייט געווען אַ שלײַדער טאָן דאָס לעבן דער דאָרשטיקער און ציטערדיקער ערד און

„מיטן גאָלד פֿון אונדזער לײַב פֿאַרפֿילן דײַנע גריבער"
אַזוי „אַז אַ קאָשמאַר פֿון פּנימער און זומפּן וועט באַפֿאַלן,
פּנימער אין זומפּן איבער זונפֿאַרגאַנג און שטיבער".

כאָטש אין אַ שטימונג פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, האָט דער פּאָעט דאָך ניט אָנגעווירן דעם גלויבן, אַז ערגעץ־ווו מוז זיך דאָך געפֿינען אַ ניצוץ פֿון יושר אויף דער וועלט, אַ „וואָרט פֿון גערעכטשאַפֿט", אַפֿילו ווען דאָס וואָרט פֿון גערעכטיקייט איז פֿאַרשוועכט.

און דעמאָלט האָט ער אויך דערהערט די שטים פֿון די זיידעס, וואָס, ניט קוקנדיק אויף אָפּטע נסיונות, האָבן שטענדיק גערופֿן צו באַזינגען דאָס לעבן.

און זוכסטו פֿאַר דײַן פּײַן אַ זין,
פֿאַרוואַנדל זיך אין איר אַנטפּלעקער
און הער, ווי זיידעס וועקן זין
ווי שטורעמהעק אין בראָנדז פֿון גלעקער.

און פאָלגנדיק יענעם רוף פון די זיידעס, האָט זיך דער דיכטער איצט אַ ווענד געטאָן פון די „פנימער אין זומפּן" צו די צײַטיקע פנימער פון דעם ניט־לאַנג פאַרגאַנגענעם עבר.

אויך זיי, די צײַטיקע פנימער, האָבן דאָך אויף זייער לעבנסוועג פאַרזוכט דעם טעם פון פּײַן און גערעאַנגל, איז ווי אַזוי האָבן זיי אויפגענומען די סתירה צווישן דער וועלט ווי זי איז און ווי זי וואָלט געדאַרפט זײַן?

די לידער אין דעם בוך זײַנען ווי מעשהלעך אין בילדער, נסיונות אין סימבאָלן, לידער פון די סאַמע טיפענישן פון דעם פּאָעטס נשמה.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אַ ציקל לענגערע פּאָעמעס, די ערשטע פון זיי „מײַן זיידנס פּעדער". די פּאָעמע איז געבויט אַרום דעם זיידן, דעם רב און למדן, און די מיכשולים, וואָס שטעלן זיך אים אין וועג בײַם שרײַבן און ענדיקן זײַן חיבור.

בעת איין ניט פאַרענדיקטער כּתב־יד נאָך דעם צווייטן ווערט, דורך צופאַלן, צי פון אַ ווינט, אַוועקגעטראָגן, צי אין אַ שריפה פאַרברענט, נעמט דער זיידע אויף די יסורים ווי אַ פרומער ייִד און הייבט אָן יעדער מאָל דעם חיבור פון ס'נײַ, ביז ער פאַרענדיקט דעם כּתב־יד, וואָס איז בײַ אים אַן עבודת הקודש.

„מען דאַרף טאָפּל וואַך זײַן" האַלט דער זיידע, „ווי אַ שטייגער
דערנעבן אויף דער וואַנט פּן ליים דער זייגער
מיט רעדעלעך, מיט שרײַפעלעך, מיט שטאָל, מיט בלײַ, מיט ניקל.
מען דאַרף זיך לערנען גיין צו זיך אַליין פון פּאָמפּעדיקל".

אַ גאַנצע ריי פיגורן ווערן מיט זעלטענער פשטות געצייכנט אין דער פּאָעמע. דער זייגער־מאַכער, וואָס קומט צום זיידן פאַרריכטן דעם וואַנטזייגער, זעט אײַן, ווי באַגרענעצט ער איז ווי אַ מײַסטער און זײַן אויספיר איז, אַז צום זייגער דאַרף מען האָבן „יענעם מײַסטער", אָנווײַזנדיק דערבײַ מיטן פינגער אויבן; דער פעלדשער, וואָס קען זיך אין דעם קליינעם שטעטל קיין עצה ניט געבן מיט דעם קראַנקן זיידן און באַשטייט, אַז מען מוז דעם זיידן פירן קיין ווילנע צום פּראָפעסאָר; דער בעל־עגלה, וואָס שפּאַנענדיק דעם פערד־און־וואָגן טוט תּפילה, אַז דאָס מאָגערע פערדל זײַנס זאָל דערשלעפּן זיך קיין ווילנע; דער זיידע, דער חולה, וועמען עס ליגט גאָר אין זינען ניט דער דאָקטער, נאָר די כּתבים זײַנע און די דרוקערײַ אין ווילנע; די מאַמע, די געטרײַע ייִדישע טאָכטער, מיט איר זאָרגן פאַר איר טאַטנס געזונט און איר עגמת־נפש, בעת מען גנבעט אַוועק דאָס רענצל מיט דעם זיידנס כּתבים; דער גנב, וואָס ברענגט צוריק דאָס רענצל מיט די כּתבים מחמת מורא פאַר דעם חרם, וואָס די רבנים אין שטאָט האָבן אויסגערופן און קריגט פון זיידן אַ ברכה, אַז ער זאָל קיין מאָל מער ניט גנבענען.

דאָס וואָס שײַנט צו זײַן דער גרונטמאָטיוו פון דער פּאָעמע ווערט אַנטפּלעקט אין איר לעצטן טייל — „אויף הר הצופים״.

יענע געשילדערטע געשטאַלטן, יענע צײַטיקע פּנימער זײַנען שוין מער ניטאָ. ניטאָ די מאַמע. ניטאָ דאָס אויסגעטרוימטע פּימסן־קעסטעלע, אין וועלכן מען פלעגט האַלטן דעם זיידנס פּעדער. ניטאָ אויך די פּעדער, מיט וועלכער דער זיידע האָט געשריבן זײַן ספר. און בלויז אין חלום זעט דאָס אייניקל די פּעדער „אונטער אַשיקע רוינען״. ערשט דעמאָלט פאַרשטייט דאָס אייניקל, אַז זוכן דאַרף ער בעסער דעם זיידנס כּתבים און, ווען געפינען, זאָל ער זיי מיט פרייד איבערגעבן צו די קינדער לדורי־דורות.

און ערשט קומענדיק קיין ירושלים, געפינט ער אין דער ספרים־פּעסטונג אויפן הר־הצופים דעם זיידנס הייליקן ספר, וואָס געבלעטערט האָבן אים ניט נאָר דער טויטער זיידע, ווען ער זעט „אויף ס׳ניי אַ לעבעדיקן״, נאָר יעדער איינער.

ס׳איז קלאָר, אַז מיט זוכן דעם זיידנס פּעדער און זײַן ספר, דאָס איינציק־געראַטעוועטע פון דער עקידה, וואָס ווערט פון ירושלים דליטא מגולגל קיין ירושלים אויפן הר־הצופים און קריגט ערשט דאָרט דעם תּיקון, האָט דער דיכטער סוצקעווער אַרויסגעבראַכט אין דער פּאָעמע דעם געדאַנק פון נצחיות פון דעם ייִדישן ספר, פון דעם ייִדישן שאַפן, און פּונקט ווי נצח ישראל לא ישקר, אַזוי קען אויך ניט ווערן אָפּגעלייקנט די אייביקייט פון ייִדישן ספר, פון ייִדישן אות, אין ברייטן און אין טיפן זין פון וואָרט.

די צווייטע פּאָעמע אין דעם ציקל איז „דעם טאַטנס פּידל״.

עלנט, וואָגל און וואַנדער, גורל און געראַנגל, און צוזאַמען מיט זיי דער פרומער גלויבן אין עולם־הבא ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם מענטשנס יסורים אויף דער ערד — דאָס זײַנען די מאָטיוון אין דער דאָזיקער פּאָעמע.

אַ ייִדיש פּאָרפאָלק מיט זייער בן־יחידל, פאַרוואָגלט ערגעץ אין דער סיבירער טײַגע, לעבן טײַך אירטיש, ווײַט אַוועק פון זייער היים, ריכטן אָפּ חנוכּה אין אַן אָוונט אין זייער הילצענער כאַטע אויף אַ כוטאָר. אויף דער אַנדערער זײַט אירטיש גייען נאָך אָן די קאַמפן אין די צײַטן פון רוסישן בירגערקריג.

אַן אומדערוואַרטער אורח קלאַפּט אָן אין טיר און קומט אַרײַן. דאָס איז אַ סאָלדאַט מיט אַן אויסזען פון „אַ ווינטיקער צעשויבערטער באַשעפעניש״, מיט אַ ביקס און פּיקע, משמעות, זיך אָפּגעשלאָגן פון זײַן אָפּטיילונג.

אויך ער, דער סאָלדאַט, אַ ייִד, איז דורך דעם גורל פאַרטראָגן געוואָרן ווײַט־ווײַט פון זײַן ייִדישער היים, וואָס שטייט ערגעץ־ווו לעבן דניעפּער. אַ מידער שלאָפט אײַן דער סאָלדאַט ליאָווע, זיצנדיק בײַם טיש נאָך איידער ער באַוויַזט אויסצוטרינקען די טיי. ווי פון אַ בייזן חלום

כאַפּט ער זיך אויף און גיט אַ צי זײַן ביקס גלײַך ווי דער שונא, וועמען ער האָט געזען אין חלום, וואָלט געשטאַנען אים אַנטקעגן. דער גאַסט קומט דערנאָך צו זיך און דער טאַטע נעמט שפּילן אויף זײַן פּידל. שטאַרק גערירט פון טאַטנס שפּילן דערציילט ליאָווע, אַז דאָס שפּילן האָט בײַ אים אויפגערירט זײַן וואָלפיש האַרץ און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן היים, אָן זײַן יוגנט, ווען אויך ער, אַ בן־יחיד, פלעגט שפּילן אויף זײַן פּידל.

אַזוי גיך אָבער ווי ער וועט פאַרלאָזן דאָס הויז און ווידער פאַרשווינדן אין דער טײַגע, ווו עס לויערן די באַנדעס, פילט ער, אַז אויך אַלע זײַנע זיסע אויפגערירטע זכרונות וועלן גיך פאַרשווינדן און ווערן וועט ער „ווידער וואָלפישער ווי פריִער". בעט ער דעריבער שטאַרק בײַם טאַטן, ער זאָל אים פאַרקויפן דאָס פּידל, כּדי ער זאָל קענען אין דער שנייִיקער טײַגע „הנאהדיק מיט שניי־פאַרשאָטענע אויגן אַ שפּיל טאָן אויפן פּידל". באַצאָלן האָט ער ניט מיט וואָס, איז קען ער דעם טאַטן באַצאָלן בלויז מיט זײַן עולם־הבא. גערירט פון די ווערטער פון דעם עלנטן אורח, באַשליסט דער טאַטע זיך צו שיידן מיטן פּידל און גיט אים איבער צו דעם אורח, וואָס לאָזט זיך גלײַך אין וועג אַריין.

און דאָ קומט די טענה, וואָס דאָס קינד, דאָס בן־יחידל, האָט צום טאַטן — איינער פון די מאָטיוון פון דער פּאָעמע:

„אַ טענה האָב איך צו מײַן טאַטן, זאָגט דאָס קינד, אַ געפּיל אַ האַרבן,
אָן עולם־הבא קאָן אַ מענטש דען לעבן, קאָן ער שטאַרבן?"

דאָס קינד איז אין גרויסע יסורים און איז פול מיט רחמנות אויף דעם סאָלדאַט, אויף ליאָוּוען, וואָס האָט פאַרקויפט זײַן עולם הבא.

די יסורים פון קינד ווערן אָבער שפּעטער געשטילט און פאַרהיילט, ווען אין אַ שטילן פרילינגטאָג, נאָך דעם ווי די מלחמה־קאַמפן זײַנען אַריבער, באַווײַזט זיך אין כוטאָר אָן אַלטיטשקער, וואָס ברענגט צוריק דאָס פּידל און פאַרשווינדט. ניטאָ ליאָווע, ס'איז בלויז דאָ דאָס פּידל — אַ פאַרוואונדעטער שטומער עדות...

און ליאָווע האָט צוריק זײַן עולם־הבא.

איך האָב בכיוון איבערגעגעבן דעם סיפּור המעשה. און געטאָן האָב איך דאָס בלויז קלאָר צו מאַכן, אַז איר צוגעטראַכטער סוף איז מחייב צו באַטראַכטן די פּאָעמע ווי אַ שיין מעשהלע און ניט ווי עפּעס, וואָס צילט צו זײַן אַ מין דרוש מיט אַ פילאָסאָפיש־טעאָלאָגישן ענטפער (אָדער פאַרענטפער) אויף דער טענה, צי קען דער מענטש לעבן אָדער שטאַרבן אָן דעם גלויבן אין עולם־הבא. בין איך אויך ניט גרייט צו לאָזן זיך פאַרפירן דורך אויסטײַטשן דאָס אומשולדיקע, שיינע מעשהלע, ווי אַ מין פרוּוו אויפצונעמען און אויף אַ סימבאָלישן אופן צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צי קען בכלל אַ מענטש לעבן אָדער שטאַרבן אָן גלויבן אין אַן „עפּעס", ווייל דאָס איז גאָר אַן אַנדער ענין, און די פּאָעמע זעט ניט אויס צו זײַן געצילט אין דער ריכטונג. אָבער ווי אַ פּאָעטיש מעשהלע איז די פּאָעמע מלא־חן.

און אויף דעם זאָגן עדות די אַרכיטעקטאָניק פון דער פּאָעמע, די נאַטור־שילדערונגען אין איר, דער ריטעם, וואָס גיט זיך איבער דעם לייענער, און די דראַמאַטישע מאָמענטן, אויפגעשפּילט מיט „דעם טאַטנס פידל״.

צו דעם זעלבן ציקל באַלאַנגען אויך „די ציגעלניע״ — אַ מעשה בתוך מעשה אָדער אַ ליד אין אַ ליד, און ביידע ווי אין אַ חלום; און די פּאָעמע „משה באַסין״ וועגן דעם יונגן אָנהייבער־פּאָעט, וואָס פאַרענדיקט זײַן לעבן אויף אַ טראַגישן אופן, ווײַל ער וויל בעסער „זײַן אַ פישעלע און שווימען, שווימען, שווימען...״

די דאָזיקע פּאָעמעס, ווי פיל אַנדערע אין בוך, פאַרכאַפּן דעם לייענער ניט נאָר מיט דער תּמימותדיקייט און פּשטות פון דעם סיפור־המעשה, נאָר גאָר באַזונדערס מיט די סימבאָלן, שפע פון אימאַזשן (אָפּט שאַגאַליש געצייכנט), שיינקייט פון פערז און וואָרט — וואָס צוזאַמען שאַפן זיי פּאָעטישע זעונג פון דעם „חלום אין אַ חלום״.

א. סוצקעווער איז דורכויס אַ ליריקער, אַ זינגער, ניט קיין זינגער־זאָגער. אַפילו אין יענע לידער זײַנע, וואָס אויבן אויף קענען זיך אויסדאַכטן צו זײַן אָביעקטיוויזירט, דריקן זיי אין דער אמתן אויס זײַנע פּערזענלעכע געפילן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בײַ אים דורך טיפע איבערלעבונגען און קומען ווי צו אַ ספּאָנטאַנעם קינסטלערישן אויסדרוק.

דאָס קענען אַרײַנקוקן זיך טיף און טיפער אין דער אייגענער נשמה ביז דערפילן, אַז „דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער״, איז מסתּמא דער שליסל צום כאַראַקטער פון דעם דיכטער, ווי אויך צו דעם קוואַל פון זײַן קינסטלערישן שאַפן.

אַזעלכע לידער ווי „באַריכט פון אַ נסיעה״, „מיט דער בריק וואָס קאַפּויערט אין וואַסער״ און „עקידת יצחק״ — לידער פון עלנט, וואָס קומט נאָך דעם ווי עס פאַרגייט דער טרוים — באַלאַנגען צו יענעם מין לידער אין זײַן בוך, אין וועלכע דער ניגון פון ליד איז דער „ניגון פון טרערן״, כ׳וואָלט געזאָגט, דער ניגון פון דערשטיקטע טרערן.

ביז גאָר רירנדיק איז דאָס ליד „צווײַג מיט לעצטע קאַרשן״. אין זײַן דימיון טראָגט זיך דער דיכטער אַריבער אַהין, וווּ עס איז אַ מאָל געווען זײַן היים און גאַרט אָנצוטרעפן עמעצן, וואָס געדענקט זײַן אומגעקומענע מאַמע אין יענע אַכזריותדיקע טעג. כאָטש אויף אַ האַלבער ווײַלע וואָלט ער וועלן, אַז דער אויסגעטרוימטער הייליקער מאַן זאָל „אַרויסאָטעמען״ דאָס פּנים פון זײַן מאַמען און מיט גרויס מורא וואָלט ער זי געפרעגט:

„זאָג מיר, מאַמע, האָט געקאָנט דיר קוקן דער באַשעפער אין די אויגן?״ אָבער ניט קיין גאָט־לעסטערונג שטעקט אין אָט דער פראַגע, נאָר אַ שטאַרק־געצוימטער ווייגעשריי פון פּראָטעסט קעגן אומרעכט אין אַן אַכזריותדיקער וועלט.

אין אברהם אָבינוס „השופט כל הארץ לא יעשה משפט״ איז באַהאַלטן אַ מין אָפּפרעגן גאָטס צדק און מישפּט.

מיט דער פראַגע אָבער ווי סוצקעווער האָט זי דאָ געשטעלט האָט ער דורך פאַרמענטשלעכן גאָט אַרונטערגעבראַכט די אידייע פון גערעכטיקייט פון דער אַבסטראַקטער הייך צו דער זינדיקער ערד און מיט פשוטע כּדבר־איש אל רעהו־ווערטער נאָך שטאַרקער אַקצענטירט דעם מענטשלעכן גורל און אומרעכט פון מענטש צו מענטש אין יענער צײַט פון לית־דין ולית־דיין.

גאָט־דערקענטעניש אין קונסט ווי אויך מענטשלעכע דערהויבנקייט קומען צום אויסדרוק אין די שײנע לידער „קופּערנע עכאָס" און „די ברכה".

בכלל איז די טעמאַטיק אין סוצקעווערס נײַעם בוך אַ פילאָסאָפישע, אַ ברייטערע, ווי אין זײַנע פריערדיקע ביכער, און נעמט אַרום די אַספּעקטן פון מענטש און וועלט, לעבן און טויט.

אין זײַנע פאַרשיידענע פּאָעטישע עקסקורסיעס דערגרייכט ער די פולע האַרמאָניע צווישן דער נשמה און דעם אויסערלעכן קינסטלערישן געבוי פון זײַן ליד.

ווי יעדער גרויסער דיכטער קען אָבער סוצקעווער ניט שטילן זײַן דאָרשט נאָך קינסטלערישער שלימות. ער, דער ווירטואָז אין דער יידישער ליריק, איז אַליץ ניט צופרידן מיט זײַן הויכער מדרגה פון קינסטלערישן שאַפן. ער איז, ווי ער זאָגט אויף זיך אַליין, „אַ קראַנקער אויף שלימות".

אַוודאי זײַנען אין דעם בוך דאָ לידער, וואָס זײַנען אָנגעווייט מיט פּעסימיסטישע שטימונגען, אָבער ווי אַן אַנטידאָט צו יענעם פּעסימיזם שאַפט זיך אויך בײַ אים דער דעוויז פון „האָדעוועט אין זיך דעם טויט־און־לעבן".

צי איז עס ניט אַ מאָל דער דאָזיקער דעוויז אַן אָפּשײַן פון דעם זיידנס חכמה, אַז „מען דאַרף זיך לערנען גיין צו זיך אַליין פון פּאָמפּעדיקל ?"

און אפשר איז דעם פרומען זיידנס חכמה, דעם בעל־יסורים און גיבור אין זײַן בטחון, די סיבה פון סוצקעווערס אָפּטימיזם, וואָס רײַסט זיך דורך אין זײַנע לידער און שטראַלט אַרויס אין זײַן „באחרית הימים"־ליד,

„ווען עס וועלן אויף אַקסלען פון שטיין
אָנוואַקסן פליגל און לאַכן אין זוניקן פלאַטער".
און „דאָס מענטשלעכע וואָרט וועט געהערט ווערן
פון קעלער, פון בוידעם".

נח סיגאַלאָווסקי

סיגאַלאָווסקי איז געבוירן געוואָרן און דערצויגן אין דאָרף מערווין, קיִעווער גובערניע. צו 14 יאָר געוואָרן אַ לערער פון ייִדישע קינדער אין אַ צווייט דאָרף.

סיגאַלאָווסקי האָט זיך אַריינגעוועבט אין דער דאָרפישער סביבה און אַריינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פון דער נאַטור. זיין קינסטלערישע אויג האָט באַמערקט די קלענסטע דעטאַלן פון אַרום און זיי אַרויסגעבראַכט אויף זיין אייגנאַרטיקן אופן. ער האָט פאַרפיקסירט אין זיין זכרון דאָס לעבן פון די פויערים, זייער פרייד און טרויער, זייער מגע־ומשא מיט די ייִדישע משפּחות, וואָס האָבן זיך געמיט אַלע כּוחות אָנצוהאַלטן זייער ייִדישקייט. ביז דער פעברואַר־רעוואָלוציע האָט סיגאַלאָווסקי געלערנט אין אַ פּאָר דערפער. ער האָט אויסגענוצט דאָס פּראָקלאַמירן גלייכע רעכט פאַר אַלע פעלקער און ער איז אַריין אין דער ליניצער גימנאַזיע.

סיגאַלאָווסקי איז אַ געבענטשטער דערציילער. די ביכער פון זיין טרילאָגיע קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ גאַנצער קראַנץ פון פיינע דערציילונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער דורך דער צענטראַלער אידייע: אָרעמקייט און רעוואָלט („אין קריג״), קעגן אונטערדריקונג און פאַרשקלאַפונג. דער הינטערגרונט איז די תּקופה פון ערבֿ דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז אַן ערך דעם בירגערקריג אין דער רעוואָלוציע פון 1917.

דאָס אוקראַיִנישע דאָרף און די דאָרפישע נאַטור זיינען פיין געמאָלן און מען קען אָנווייזן אויף אַ סך געראָטענע שילדערונגען אין זיינע דערציילונגען. די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק אָבער פון זיין שאַפן איז דאָס אַרויסברענגען דאָס פינטעלע מענטש, דעם מענטשן מיט זיינע ליידן און פריידן.

ס׳איז שיין געשילדערט די מורא פון די פויערישע קינדער, וואָס פאַרגנבענען זיך ביי נאַכט אויף דעם פּריצישן בוריקעס־פעלד, כּדי אָנצורייסן פאַר זייערע היימען בוריקעס־בלעטער אין זייערע זעקעלעך. נאָך שענער ווערט אַרויסגעבראַכט אין אַן אַנדער בילד די באַציִונג פון די פויערישע קינדער צו זייער חבֿר, דעם ייִדישן ייִנגל שמעון, וואָס איז ביי זיי דער פאַרזינגער („זאַפּעוואַלע״). אין דער אמתן האָבן זיי אים ליב, נאָר מחמת דער ייִדיש־פיינטלעכער סביבה זעען זיי אין אים דעם פרעמדן, דעם ייִדן, און וואָלטן ליבערשט געוואָלט אים זען אַן אָפּגעשמדטן, כּדי ער זאָל אין גאַנצן ווערן אַ זייעריקער. און אָט איז אַ ביישפּיל אין דער באַשרייבונג:

שמעון האַלט אין ווערן בר־מיצווה. ער געפינט פאַר נייטיק צו קומען אָנצוזאָגן זיינע חבֿרים, אַז ער וועט מער ניט קענען זיך שפּילן און פאַרברענגען מיט זיי. און ס׳קומט פאָר צווישן זיי אַזאַ שמועס:

„— און מער וועסטו מיט אונדז ניט זינגען? האָט שוין טימקאַ לאַווריוו זיך אָנגערופן.

— ווי קאָן איך? האָט שמעון זיך פאַרענטפערט.

דיניס האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— דו, האָט ער געזאָגט, שימקאַ, שמד זיך בעסער, וועסטו זינגען וויפל דײַן האַרץ גלוסט און וועסט פאַרשפּאָרן זיך שאָקלען איבער דײַן טאַטנס הייליקע ספרים. וועסט חתונה האָבן מיט יעוודאָקאָן, נעמען פעלד, האָבן אַ ליכטיקע וועלט! און אַז דו וועסט שטאַרבן, וועסטו גיין מיט אונדז אין גן־עדן אַרײַן״.

דער זעלביקער כאַראַקטער־שטריך חזרט זיך איבער אויף אַן אַנדער אָרט, נאָך דעם ווי דער ייִדישער סטודענט ראַבינאָוויטש, אַ געהיימער אַגיטאַטאָר צווישן די פּויערים, ווערט אַרעסטירט. דער פּויער מאַקאָר באַדויערט שטאַרק וואָס מ׳האָט דעם סטודענט אַרעסטירט:

„— אַ ייִד איז ער טאַקע, אָבער זאָל אים גאָט געבן געזונט דערפֿאַר, וואָס אַ נשמה האָט ער אַ ריינע, אַ קריסטלעכע און ער האָט אונדז אַ סך גוטס געטאָן. אַזאַ איינעם אָפּשמדן, וואָלט ער געווען אַ טשאָלאָוויק, אַ מענטש נאָך בעסער פונעם גלח״.

די ייִדישע משפחות אין דאָרף זײַנען געשילדערט בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן און פאַרנעמען ווייניק פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער פּאַנאָראַמע פון דעם דאָרפישן לעבן. אַחוץ די ייִדישע תושבים אין דאָרף, קומען אויך אין דאָרף אַרײַן פון צײַט צו צײַט ייִדישע בעלי־מלאָכות, גלעזערס, בלעכערס, שנײַדערס און אַנדערע בעלי־מלאָכות, וואָס אַרבעטן בײַ די פּויערים אַ שטיקל צײַט.

מיר דערוויסן זיך וועגן דער ייִדישער משפחה פון כײַקל רייקיס, אַ ייִד, וואָס דינט בײַם פּריץ אין דער עקאָנאָמיע און האַלט אויס אַ ייִדישן לערער פאַר זײַנע קינדער. זײַן זון שמעון דאַרף ווערן בר־מיצווה, פאָרט טאַקע כײַקל צום סופר אין שטעטל אַרײַן אָפּנעמען די באַשטעלטע תפילין.

מיר דערוויסן זיך אויך וועגן אַ ייִדן אָרן, וואָס האָט אַ גוטע נשמה און איז גרייט אַרויסצוהעלפן דעם אָרעמען פּויער מאַקאָרן מיט אַ הלוואהלע, כאָטש ער ווייסט, אַז מאַקאָר האָט פריִער בײַ אים געליִען געלט און צוגעזאָגט אָפּצואַרבעטן און זײַן צוזאָג ניט געהאַלטן.

די באַציִונג פון די פּויערים צו די ייִדן איז אין אַלגעמיין אַ גוטע, אָבער אונטער דער אייבערפלאַך פון דרך־ארץ טליִעט אַ שינאה, וואָס ווערט געשפּײַזט סײַ פון דער קירך, פון פּריץ און דער „וואָלאַסט״.

שיין אויפגעבויט און געשילדערט אין אַ ריי דערציילונגען איז די שווערע דאָליע פון די פּויערים, וואָס אַרבעטן שווער בײַם פּריץ אויף שרעקלעך מיזערנע באַדינגונגען (דעם 12טן סנאָפּ). זייער אומצופרידנקייט וואַקסט אַלץ שטאַרקער אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון די געהיימע אַגיטאַטאָרס, וואָס עצהן די פּויערים צו פאָדערן אַ טעגלעכן לוין.

די אומצופרידנקייט צעוואַקסט זיך אין אַן אַ בונט, וואָס ווערט דערשטיקט פון אַ מחנה קאָזאַקן.

נאָכן קומען קיין אַמעריקע האָט סיגאַלאָווסקי זיך גענומען אײַנבירגערן אין דעם נײַעם לאַנד, זיך אײַנלעבן אין גאָר אַן אַנדערער סביבה, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן זײַן נײַע קינסטלערישע מיליע. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער קוואַל פון זײַנע זכרונות פון אַמאָל האָט זיך אויסגעשעפּט. בילדער פון אַמאָל אויף דער אוקראַיִנער ערד שטייען נאָך אַלץ אויף לעבעדיקע אין זײַן זכרון, און אין זײַנע צוויי ביכער „דער אוצר" און „נאָכן שטורעם" זײַנען אויך דאָ דערציילונגען, וואָס פאַרמאָגן שיינע שילדערונגען פון דעם דאָרפישן אַמאָל.

מיר געפינען אין יענע קורצע דערציילונגען סיגאַלאָווסקיס פאַרשטענדעניש פאַר די גרונטשטריכן און אונטערשיידן פון דעם דאָרפישן יידישן קאָוואַל, זײַן איידעם און זײַן אייניקל („דרײַ דורות") ; זײַן אַרויסהייבן דעם שיינעם שטריך פון צניעות פון דער יידישער פרוי, די אשת־חיל, וואָס אַרבעט שווער און ציט איר אָרעמע פרנסה פון איר אָרעמען קרעמל („מרים") ; זײַן מיטגעפיל מיט דעם אָרעמען דאָרפישן שיקסל, וואָס ווערט אַן אומשולדיקע דערשלאָגן צום טויט פון דעם פריצס זון דעם פוסט און פאַסניק („נאַסטיאַ") ; זײַן אַרויסברענגען אויף אַ סובטילן אופן דעם זייער באַגרענעצטן חשק צו רויב, וואָס די אָרעמע אַלמנה ווײַזט אַרויס, בעת די פויערים לויפן רויבן דעם פריצס האָב און גוטס, וואָס איז געוואָרן הפקר. די אָרעמע אלמנה שלעפּט בלויז אַ סנאָפּ שטרוי, כּדי אָנצווואַרעמען איר קאַלט הויז („שטרוי").

סיגאַלאָווסקי דער דערציילער שילדערט ניט די מענטשן מן הצד, נאָר לאָזט זיך פילן אין דער שטימונג, וואָס ער שאַפט און וואָס גיט זיך איבער דעם לייענער.

דאָס רוב דערציילונגען אין די דערמאָנטע צוויי ביכער זײַנען אויף אַ גאָר אַנדערער טעמאַטיק. זיי זײַנען גענומען פון זײַן נײַער מיליע, פון דעם אַמעריקאַנער לעבן. לייענענדיק די דערציילונגען פילט מען, אַז ער האָט ממש געזוכט דעם מאַטעריאַל פאַר זײַנע שאַפונגען. געזוכט און געפונען, און געפונען האָט ער דאָס, וואָס ער האָט געזוכט — דעם מענטשן מיט זײַנע כאַראַקטער־שטריכן, מיט זײַנע דאגות, מיט זײַנע ראַנגלענישן אין לעבן. און עס גיט זיך אים אײַן צו שילדערן די פאַרשיידענע מענטשן אַזוי, אַז זיי שטייען פאַר אונדז ווי לעבעדיקע.

אין זײַנע שילדערונגען ווײַזט ער אַרויס אַ סך פאַרשטענדעניש און מיטלייד פאַר די „פאַרזעענע", פאַר די גורל־באַעוולהטע. עס פילט זיך אויך זײַן אייגענע פרייד, בעת ער שילדערט אַ פריידיקן מאָמענט אין דעם לעבן פון די העלדן אין זײַנע שאַפונגען. די בילדער זײַנען געמאָלן קלאָר, די שפּראַך פשוט און אינטים.

איינע פון די שענסטע אין בוך „נאָכן שטורעם״ איז די דערציילונג „די פאַרזעענע״. דאָ האָט סיגאַלאָווסקי באַוויזן אַרײַנצודרינגען אין דער פסיכיק פון אַ יונגער פרוי גאָשיק, וואָס איר מאַן איז אַ טראָק־דרײַווער און א שלימזל דערצו. די פרוי גאָשיק ווײנט זיך אויס איר ביטער האַרץ בײַ „יזכור״ אין דער ווײַבערשער שול, און אירע קולות און יללות דערהערט דער ראַבײַ פון שול. מיט דער הילף פון אַ מיטגליד פון אַ פרויען־אָרגאַניזאַציע געלינגט אַרײַנצונעמען די יונגע פרוי אין דער געזעלשאַפט. די אָרעמע, פאַרזעענע פרוי שטעלט זיך גאָרניט פאָר, אַז זי קען זיך אַרײַנפּאַסן אין דער נײַער סביבה, אָבער ביסלעכווײַז לעבט זי זיך דאָך אײַן און ווערט טעטיק ווי איינע פון זיי. דורך אָט דער ענדערונג אין איר לעבן ווערט די פאַרזעענע פרוי ווי דורך אַ נס נתעלה. סיגאַלאָווסקי האָט פון איר באַשאַפן כמעט אַ פּסיכאָלאָגישע שטודיע, וואָס לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס.

סיגאַלאָווסקיס נאַטור שילדערונגען זאָגן עדות, אַז ער נעמט אויף אויף אַ נאַטירלעכן אופן די אינטימע קרובהשאַפט צווישן מענטש און נאַטור. און ס׳איז קיין ווונדער ניט, וואָס אין זײַן דערציילונג „דער בוים״, ווי אין אַנדערע ענלעכע דערציילונגען, פיגורירט דער בוים ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס לעבט, ראַנגלט זיך, לעבט דורך צײַטן פון פרייד און צײַטן פון טרויער ביז דאָס לעבנס־קאַפּיטל ענדיקט זיך.

ס׳איז זייער אינטערעסאַנט, ווי סיגאַלאָווסקי באַשרײַבט דעם באַרנבוים, וואָס שטייט אין הויף בײַ זײַן הויז, מיט זײַן בליִענדיקער פרייד אין פרילינג און אויך מיט זײַן געראַנגל מיט דעם שטורעם און שלאַקסרעגן אין שפּעטן אָסיען, ביז דער סוף קומט און דער בוים בלײַבט ליגן מיט זײַנע אויסגעריסענע וואָרצלען „וואָס שטאַרצן אַרויף צום רעגנדיקן הימל״.

מיט דעם אופן פון שילדערן די נאַטור, באַזונדערס די דאָרפישע, און מיט זײַן באַשרײַבן דעם מענטשן און זײַן לעבן־געראַנגל, איז סיגאַלאָווסקי דער נאַטור־דיכטער און סאָציאַלער רעאַליסט אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור.

אַהרן צייטלין דער ליטעראַטור־קריטיקער

ווען ש. ניגער האָט פאַרעפנטלעכט אין זײַן זשורנאַל „די יודישע וועלט" אַהרן צייטלינס ערשטע ליטעראַרישע שאַפונג „די מטרוניתא", האָט ער גלײַכצײַטיק אָוועקגעשיקט צו הלל צייטלינען אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט שטאַרק געלויבט זײַן זונס שאַפונג און טאַלאַנט.

אין זײַן ענטפער צו ניגערן האָט הלל צייטלין געשריבן, אַז אַהרן האָט געשריבן און געדרוקט זאַכן, בעת ער האָט נאָך געלערנט אין חדר מתוקן. נאָר די געדרוקטע זאַכן גיבן נישט אַפילו דעם מינדסטן באַגריף פון זײַן שאַפן. „ווילט איר וויסן וואָס איך דענק וועגן אים? — איז אָט וואָס. ער איז נישט נאָר אַ טאַלאַנט, נאָר אַ גרויסער דיכטער, זייער אַ גרויסער. ער וועט אין זײַן פּערזאָן פאַראייניקן פּרץ און ביאַליק צוזאַמען, אויב ניט נאָך העכער" (א. צייטלין, ליטעראַרישע שריפטן, 382—387).

און א. צייטלין האָט באמת דערגרייכט אַ גאָר הויכע מדרגה ווי איינער פון די גרעסטע דיכטערס אין יידיש און העברעיש.

אָבער ניט נאָר איז א. צייטלין געוואָרן דער גרויסער יידישער דיכטער. ער איז אויך אויסגעוואַקסן ווי אַ פילזײַטיקער יידישער שרײַבער און דענקער.

דאָ ווילן מיר זיך אָפּשטעלן אויף א. צייטלינען דעם ליטעראַטור־קריטיקער, אָבער פריער עטלעכע וויכטיקע פּרטים פון זײַן ביאָגראַפיע.

אַהרן צייטלין האָט זיך דערצויגן אין אַ זעלטענער יידישער היים, אין אַ הויז, וואָס איז אַ דאַנק זײַן גרויסן פאָטער געוועזן אַ בית־ועד־לחכמים.

אַ געניאַלער תּלמיד, מיט אַ קלאָרן קאָפּ, האָט א. צייטלין יונגערהייט געלערנט אין אַ חדר מתוקן און ניט ווייניקער געלערנט בײַ זײַן גרויסן פאָטער, וואָס האָט גענומען אַ גרויסן אינטערעס אין זײַן זונס דערציִונג.

זײַן וועלטלעכע דערציִונג האָט ער באַקומען אין דער העברעיש־פּוילישער גימנאַזיע און שפּעטער אין די הויכשול־קורסן.

אָבער אַ סך מער ווי אין גרענעצן פון די אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, קריגט צייטלין אַ רײַך וויסן אין פרעמדע שפּראַכן און קולטורן אויף אַן אויטאָדידאַקטישן אופן, אַ דאַנק זײַן נאַטירלעכן דראַנג נאָך וויסן און זײַן גרויסער התמדה. צי איז עס ליטעראַטור פון די גרויסע שרײַבערס בײַ די אומות־העולם, צי זײַנען עס די ווערק פון די גרויסע דענקערס אויפן געביט פון פילאָסאָפיע — דאָס אַלץ זאַפּט צייטלין אײַן אין זיך מיט זײַן ניט געשטילטן דאָרשט נאָך וויסן. אין אַלע ווערק און שאַפונגען פון די גרויסע גײַסטער דרינגט ער אַרײַן מיט זײַן שאַרפן מוח און קלאָרן קאָפּ, וואָס זוכט שטענדיק זיך צו דערגרונטעווען צום שורש פון אַ געדאַנקען־גאַנג.

און אויף אים איז ווי אָנגעמאָסטן דער זאָג וועגן דעם גרויסן תּנא ר׳ מאיר: „רמון מצא, את תּוכו אָכל ואת קליפּתו זרק״.

זײַן ייִדישע היים, וואָס איז געווען אַ טרעפפּונקט פאַר ייִדישע ליטעראַטן, איז פאַר אים געווען ניט נאָר אַ וווּנדערלעכע קולטור־אַטמאָספער, נאָר אויך אַ קוואַל פון וויסן און אינספּיראַציע. דאָ האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן דעם מהות פון שרײַבערס און זייערע ווערק. אַ גאָר באַזונדערע אינספּיראַציע איז בלי־ספק פאַר אים געווען זײַן גרויסער פאָטער, וואָס האָט בײַ אים אַרויסגערופן דעם אינטערעס אין קבלה און אין חסידות.

ניט אומזיסט איז בײַ ציטלינען געבליבן אַ באַזונדער געפיל פון שטאָלץ און ליבע, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך פאַר זײַן גרויסן אומפאַרגעסלעכן פאָטער.

אליעזר וויזעל דערציילט, אַז ווען אַהרן ציטלין פלעגט רעדן וועגן זײַן פאָטער, „פלעגט אַ מאָדנע פײַערל זיך אָנצינדן אין זײַנע בלויע אויגן: יאָ, מײַן טאַטע איז געווען, געווען...״.

דאָס מהות פון ייִדישקייט, דאָס פּינטעלע ייִד איז בײַ אַהרן ציטלינען געוואָרן דער אויסגאַנגפּונקט אין זײַנע שפּעטערדיקע קריטישע עסייען אין ליטעראַטור און פילאָסאָפיע.

ס׳איז וויכטיק דעריבער זיך אַרײַנצוטראַכטן אין הלל ציטלינס היסטאָריאָסאָפיע פון ייִדישקייט און אין דעם אופן ווי דער זון, אַהרן, האָט זי פאַרשטאַנען.

מיט אַן אויסערגעוויינלעך־אָפּטימיסטישן בליק אויף דער וועלט און אירע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען האָט הלל ציטלין אויך אין דעם אַנטיסעמיטיזם געזען אַ פּאָזיטיוון עלעמענט. צוזאַמען מיט יסורים, וואָס ער האָט געבראַכט אויף דעם ייִדישן פאָלק, האָט דער אַנטיסעמיטיזם אויך אַוועקגעשטעלט דעם ייִדישן מצב אויף דער וועלט ווי אַ וועלטפּראָבלעם און אויסגעטיילט דאָס ייִדישע פאָלק מיט זײַן באַזונדערקייט אין דער וועלט־געשיכטע. די שינאת־ישראל האָט געצוווּנגען דעם בעסערן ניט־ייִד זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער ייִדישער פּראָבלעם און עס דערזען ווי אַ היסטאָרישע דערשײַנונג. דער בעסערער ניט־ייִד האָט דעריבער געזוכט צו דערגיין דעם סוד פון דער עקשנותדיקער יסורים־פולער ייִדישער עקסיסטענץ למרות אַלע טראַגישע אומשטאַנדן, נגישות און רדיפות.

דאָס האָט געפירט דעם בעסערן ניט־ייִד צו רעווידירן זײַן קוק אויף זײַן אייגענער רעליגיע. דאָס איז, למשל, צו באַמערקן אין טאָלסטאָיס אומקערן זיך צום אורקריסטנטום, ווי אויך אין זײַן פּאָזיטיוון אינטערעס אין ייִדן און אין זייער עקסיסטענץ ווי אַ פאָלק.

ייִדן גופא האָבן זיך אונטערן דרוק פון די אומשטאַנדן און אַנטיסעמיטיזם אויסגעקריסטאַליזירט אַ נײַע אַליין־דערקענטעניש.

ייִדן האָבן זיך דערזען און אָנגעהויבן באַגרײַפן, אַז עס איז דאָ אַ היסטאָרישער ייִד, ניט נאָר אַן עמפּירישער. דער היסטאָרישער ייִד איז

דער צענטער אין דער וועלט־געשיכטע מיט אַ געוויסער שליחות אויף דער וועלט. די שליחות איז אַ נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע און דאַרף ווערן אַ סינטעז פוןביידע עלעמענטן: ברית־עם און אור לגויים, אין איינקלאַנג מיט דער נבואה פון ישעיה הנביא: „אני בחרתיך בצדק, ואתנך לברית עם, לאור גויים, לפקוח עינים עוורות״.

„און דיך געמאַכט פאַר אַ פאָלקבונד, פאַר אַ ליכט צו פעלקער צו עפענען בלינדע אויגן״ (אַהרן צייטלין איז גורס ניט „אור לגויִם״ נאָר „אור גויִם״, ווײַל די „ל״ אין טעקסט באַציט זיך ניט אויף גויִם נאָר אויף אור).

דאָס ייִדישע פאָלק איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכצופירן אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות אויף דער וועלט און טאָר זיך ניט אָפּזאָגן צו גיין צו די פעלקער, ווי דער נביא יונה האָט זיך אָפּגעזאָגט גיין קיין נינוה.

דער סוד פון דער גאולה, הייסט עס, ליגט אין סינטעז פון די צוויי הפכים, נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם. די נבואה קען ניט מקויים ווערן סײַדן דער סוד וועט ניט ווערן דורכגעפירט.

אָט דער היסטאָריאָסאָפישער בליק, בעסער געזאָגט, גלויבן אין דער היסטאָריאָסאָפיע פון ייִדישן פאָלק, ווי ער האָט זי פאַרשטאַנען, האָט הלל צייטלינען באַגלייט ביז דעם לעצטן טראָט אויף זײַן וועג צו קידוש־השם.

אַהרן צייטלין איז געווען שטאַרק באַווירקט פון זײַן פאָטערס בליק אָדער אמונה. ער האָט דעם געדאַנק פון בלײַבן אַ ייִד אונטער אַלע אומשטאַנדן שפּעטער אויסגעדריקט אין זײַן ליד:

זײַן אַ ייִד הייסט: ניט קאָנען אַרויס פון גאָט
אַפילו אַז מען וויל עס,
ניט קאָנען אויפהערן תּפילה צו טאָן
אַפילו נאָך אַלע תּפילות,
אַפילו נאָך אַלע אַפּילות. ליטעראַרישע עסייען (ז׳ 84)

מיט אַ היפּשן קולטורעלן און ליטעראַרישן באַגאַזש איז דער גרויסער דיכטער א. צייטלין צוגעטראָגן צו זײַן אויפגאַבע ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער. דאָס זעט מען קלאָר אין זײַנע אויסגעצייכנטע עסייען וועגן ליטעראַטור און שרײַבערס. דאָס פּינטעלע ייִד איז בײַ אים דער אויסגאַנגפּונקט אין זײַן קריטיקירן אַ ווערק.

אים איז פרעמד דאָס, וואָס ווערט געוויינלעך אָנגערופן קונסט לשם קונסט. קונסט מוז אין זיך האָבן אַן אידייע.

קונסט, ווי ער זאָגט, איז גײַסט אָנגעטאָן אין אַ לבוש.

וואָס שייך דעם מהות און ציל פון דער ייִדישער ליטעראַטור, טרעפט זיך צייטלין צונויף מיט י. ל. פּרצן, וואָס האָט אין זײַן וויכטיקן עסיי

אונטערן נאָמען „וואָס פעלט דער ייִדישער ליטעראַטור ?” געשריבן נאָך אין יאָר 1910, אַז „שרײַבן אויף ייִדיש מיינט שרײַבן ייִדיש מיט ייִדישן אינהאַלט, אויסדריקן די פּערזענלעכקייט פון ייִדישן פאָלק, די נשמה זײַנע, אויסדריקן דעם גאַנג צום מענטש אויפן ייִדישן וועג”. (ז' 143, א. צייטלין, עסייען, נ”י, 1980).

באַזונדערס איז אָט דער געדאַנק חל אויף אונדזער צײַט, נאָך דעם ווי מיר האָבן איבערגעלעבט דעם גרויסן חורבן און זײַנען עדות פון דעם אויפקום פון מדינת־ישראל.

די צוויי וויכטיקסטע מאָמענטן אין אונדזער ייִדישער געשיכטע לייגן אַרויף אויף דעם ייִדישן שרײַבער אַ גאָר באַזונדערע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע שליחות. און קיין ייִדישער שרײַבער קען ניט זאָגן, אַז ער איז בלויז פאַראינטערעסירט אין קונסט און אַז ענינים, וואָס זײַנען נוגע דעם ייִדישן פאָלק און זײַן גורל גייען אים ניט אָן.

ווי אַ זון פון פאָלק דאַרף דער ייִדישער שרײַבער זיך באַטראַכטן ווי אַ טרעגער פון דער גרויסער ייִדישער קולטור ירושה און ווי איר יורש דאַרף ער ווײַטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון שורשדיקער ירושה און אירע ווערטן.

די מיסיע, האַלט צייטלין, איז אַ כּלל־ישׂראלדיקע און איז אין זיך כּולל דאָס ייִדישע לעבן און שאַפן אין ישׂראל און אין די תּפוצות.

אינטערעסאַנט איז צייטלינס שטעלונג צו דער פראַגע פון שײַכותן צווישן קינסטלער און קינסטלער.

אים זײַנען געווען גוט באַקאַנט די אַלע שוועריקייטן און מיכשולים, וואָס זײַנען אָפט אַ פּועל־יוצא פון קינאת־סופרים. אים זײַנען אויך גוט באַקאַנט די שוואַכע זײַטן פון קריטיק, וואָס ברענגען אָפט ניט ווייניק ווונדן סײַ דעם שרײַבער, סײַ זײַן ווערק.

דער אידעאַלער וועג, האַלט צייטלין, וואָלט געווען „ווען קינסטלערס פון וואָרט זאָלן באַוווּנדערן אָדער ליב האָבן אַנדערע קינסטלערס, וואָס זײַנען גײַסטיק נאָענט צו זיי, אָדער לפּחות קענען ווערן פון צײַט צו צײַט אַזוי אָביעקטיוו, אַז זיי זאָלן זײַן בכּוח צו באַנעמען אויך דאָס, וואָס איז לחלוטין אַנדערש פון זייער דרך”. (ז' 127).

אַזאַ צוגאַנג וואָלט געקאָנט היילן די ווונדן פון דעם, וואָס מען רופט קריטיק.

א. צייטלין, דאַרף געזאָגט ווערן, האָט די עצה־טובה פּראַקטיצירט אַליין אין זײַנע עסייען, ווי מיר וועלן באַלד זען.

צייטלינס עסייען אין ליטעראַטור צייכענען זיך אויס מיט זײַן בקיאות אין דער ייִדישער און וועלט־ליטעראַטור און מיט זײַן טיפן אַרײַנדרינגען אין דעם מהות פון דעם שרײַבער און זײַנע ווערק. זײַן הסברה און סטיל אָטעמען מיט קלאָרקייט און פּשטות.

מיט אַ סך גענויקייט אַנאַליזירט ער דאָס ליד בײַ ייִדישע פּאָעטן און קומט צום אויספיר, אַז בײַ אַ סך ייִדישע פּאָעטן האָבן זיך אין זייערע

לידער אַריינגעכאַפּט און באַזעצט דײַטשמעריזמען און רוסיציזמען. מחמת דעם וואָס אין ייִדיש האָבן מיר נישט געהאַט און האָבן אויך ניט דערוויַיל קיין פּראָזאָדיע אָדער ווי ער רופט עס אָן „פּאָעטיק״ — די לערע פון פערזן און גראַמגעבוי — האָט דער ייִדישער דיכטער, וואָס איז געווען מושפּע פון דער דײַטשער דיכטונג, איבערגענומען דעם פערזן־און גראַם־געבוי פון דעם דײַטשן ליד. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט יענע ייִדישע דיכטערס, וואָס זײַנען באַווירקט געוואָרן פון דער רוסישער דיכטונג.

ניט אַלע דײַטשמעריזמען אָדער רוסיציזמען האָבן זיך געקאָנט אײַנבירגערן אין דעם ייִדישן ליד. שטאַרצן זיי טאַקע אַרויס פון דעם ייִדישן ליד ווי פרעמדע ניט־ייִדישע פאָרמען, פרעמד דער ייִדישער שפּראַך, ריטעם און גראַם.

אָט די שוואַכע פּונקטן קען מען לײַכט באַמערקן אין אַ סך לידער פון אַזעלכע דיכטערס ווי יהואש, ליעסין און אַנדערע, אַפילו בײַ די ייִנגערע, ווי פּרץ מאַרקיש.

די אָנגעוויזענע חסרונות, דאַרף מען געדענקען, נעמען אָבער גאָרניט אַראָפּ פון דער קוואַליטעט פון דער ייִדישער פּאָעזיע, וואָס האָט דערגרייכט אין אונדזער דור אַ גאָר הויכע מדרגה און קען זיך פאַרגלײַכן מיט דער פּאָעזיע בײַ אַנדערע פעלקער, אויב ניט נאָך העכער.

צייטלין פאַרקוקט ניט די חסרונות, וואָס ער באַמערקט אין די לידער פון ייִדישע דיכטערס. ער טוט עס אָבער אָביעקטיוו און טרײַ צו זײַן עצה טובה — „צו זײַן בכוח צו באַנעמען אויך דאָס, וואָס איז לחלוטין אַנדערש פון זײַן דרך און קענען אויך באַוווּנדערן אָדער אויך ליב האָבן אַנדערע קינסטלערס, וואָס זײַנען גײַסטיק נאָענט צום אים״.

ווי אַ בײַשפּיל וועלן מיר זיך דאָ אָפּשטעלן אויף עטלעכע שרײַבערס.

מער ווי אַנדערע ייִדישע דיכטערס האָט אַ. ליעסין זיך געזען אין דער דימענסיע, וואָס פאַרבינדט דעם ייִדישן היסטאָרישן אַמאָל מיט דעם הווה און דעם עתיד. ער האָט זיך ממש אַרײַנגעלעבט אין דעם געזאַנג פון ייִדישע דורות.

ליעסינס לידער פאַרמאָגן רוסיציזמען, אָבער דאָס פרעמדע רוסישע וואָרט איז אַזוי אַרײַנגעבויט אין זײַן ליד, אַז „דאָס אויער נעמט עס אָן צוליב דער מוזיקאַלישקייט פון זאַץ און פערז״. (אַ. צייטלין, עסייען. נ״י, 1980).

❀

ד. פּינסקיס דראַמאַטישע ווערק זײַנען פון גאָר אַן אַנדער זשאַנער, פונדעסטוועגן זעט צייטלין זיך אין קרובהשאַפט מיט פּינסקין דעם דראַמאַטורג.

ניט פּינסקי דער רעאַליסט אין זײַן דראַמע „יאַנקל דער שמידט״, נאָר פּינסקי דער נאַציאָנאַלער דראַמאַטורג אָדער דראַמע־פּאָעט מיט זײַן

איינאַקטער „דער אייביקער ייִד" אַפּעלירט צו צייטלינען דעם ליטעראַטור־קריטיקער.

פינסקי איז, לויט צייטלינען, ייִדישע נאַציאָנאַלע געשיכטע און קען דינען ווי אַ סימבאָל פון אידענטיפיצירן זיך אין פולן זינען מיט דעם ייִדישן פֿאָלק אין זײַן עבר, הווה און אין זײַן דאָרשט נאָך גאולה אין עתיד.

❀

אינטערעסאַנט איז צייטלינס אָפּשאַצונג פון סוצקעווערס דיכטונג. ער איז זיך מודה, אַז אין אָנהייב איז ער, ווי פיל אַנדערע ייִדישע שרײַבערס, געווען אַנטציקט פון דער אויסערגעוויינלעכער שיינקייט פון סוצקעווערס לידער. ער האָט אָבער אויך געפילט, אַז פֿאָרעם אַליין ווי אויסגעצייכנט זי זאָל נישט זײַן מאַכט נאָך ניט דאָס ליד. האָט ער געזוכט און סוף־סוף אויסגעפונען, אַז הינטער דער פֿאָרעם פון סוצקעווערס לידער געפינט זיך אַ הויך־פּאָעטישער תּוך און אינדיווידואַליטעט, אין וועלכער ער האָט אויך דערקענט זײַן גײַסטיקע קרובהשאַפט צו סוצקעווערן דעם פּאָעט.

דורך זײַן טאַטנס פידל און זײַן זיידנס פעדער דריקט סוצקעווער אויס אין וווּנדערלעכע פערזן זײַן בענקעניש און דאָרשט זיך גײַסטיק צו אידענטיפיצירן מיט דער דורותדיקער ייִדישקייט, וואָס וואָרצלט אין זײַן פּאָעטישער נשמה.

צייטלין איז באַזונדערס אַנטציקט פון סוצקעווערס אַ ליד, „געשריבן" ווי אין אַ טראַנס אויף זײַן קראַנקנבעט. דאָס וואָס אַפּעלירט צו צייטלינען אין דעם ליד איז דאָס מיסטישע, דאָס מעטאַפיזישע פון דעם ליד, און ער זוכט עס אויסצוטײַטשן אויף זײַן אופן, וואָס ער רופט אָן פּאַראַפּסיכאָלאָגישער אופן.

צייטלינען ווערט קלאָר, אַז סוצקעווער איז ניט נאָר אַן אויסטערלישער מאָלער, נאָר אויך אַ ווירטואָז וואָס שייך דעם תּוך און דער פֿאָרעם פון זײַן ליד.

❀

צייטלין האַלט, אַז דער קינסטלערישער אופן, ווי אַזוי באַשעוויס שילדערט די פּערזאָנען און פּאַסירונגען אין זײַנען ווערק, שטעלט אים אַוועק אויף אַ גאָר באַזונדערער מדרגה פון שאַפן. ער איז ניט גלאַט אַ פּראָזאַיִקער, נאָר אַ פּראָזאַיִקער־פּאָעט. בײַם גלאַט פּראָזאַיִקער וואָלט אַזאַ ווערק ווי „דער שטן אין גאָריי" געווען אַן איינפאַכע דערציילונג אויף אַ טעמע פון ייִדישן לעבן אין אַ שטעטל מיט פּאַסירונגען אין די צײַטן פון שבתי־צבי. בײַ באַשעוויסן זײַנען די פאַרשיידענע פּאַסירונגען און פיגורן געשילדערט אויף אַ הויך־פּאָעטישן אופן. צייטלין ברענגט טאַקע אין זײַן

עסיי ציטאַטן פון דעם בוך, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פּאָעטישער שיינקייט, און ניט אומזיסט האַלט ער, אַז באַשעוויסעס עפּישע דערציילונגען דערגרייכן אַן אוניווערסאַלע הייך און די פּאָעזיע גייט זיך צונויף מיט דער פּראָזע.

❀

נאָך איין פּראָזאַיִקער, וואָס איז ווערט צו ווערן אָנגערופן אַ פּראָזאַיִקער־פּאָעט, איז אליעזר וויזעל. צייטלין האַלט, אַז אין וויזעלס ווערק איז פאַראַן אַ צײַטוויַיליקע נשמה פון אַן אוישוויץ־מענטשן, וואָס קען ניט פאַרגעסן די ערשטע נאַכט אין דעם פאַרניכטונג־לאַגער. וויזעל אַליין זאָגט עס אין זײַן הקדמה צו זײַן ערשטן בוך „די נאַכט״: „קיין מאָל וועל איך ניט פאַרגעסן, ווען כ׳זאָל אַפילו פאַרמישפּט זײַן צו לעבן אַזוי לאַנג ווי גאָט אַליין, קיין מאָל ניט״. איינע פון די גאָר וויכטיקסטע פראַגעס, וואָס ער באַרירט אין זײַנע ווערק, איז: ווי קען מען סײַ לעבן, סײַ ניט לעבן? ווי קען דער מענטש פון אוישוויץ לעבן צווישן לעבעדיקע און אין דער זעלבער צײַט זיך געפינען צווישן די אומגעקומענע און זײַן דער אינסטרומענט פון יענע אומגעקומענע? דער גרויל פון אוישוויץ און אַנדערע לאַגערן האָט אין אַ סך פאַלן גורם געווען, אַז טיף־רעליגיעזע מאמינים זאָלן ווערן אַטעיִסטן. אָבער דאָ קומט גלײַך די פראַגע: גלויבן אין דעם מענטשן? ווי קען מען האָבן גלויבן אין מענטשן, וואָס האָט דורכגעפירט די עקזעקוציעס? און וויזעל קערט זיך אום צו גאָט, ווײַל אַפילו ווען גאָט דאַרף ניט דעם מענטשן, דאַרף אָבער דער מענטש — גאָט.

אין פּרט פון שולדגעפיל פון אַ געראַטעווטען און זײַן לעבן צווישן די לעבעדיקע און זײַן דער אינסטרומענט פון די אומגעקומענע איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז וויזעל טרעפט זיך צונויף מיט דעם דיכטער חיים גראַדע, וואָס איז זיך מתוודה אין איינעם פון זײַנע לידער: „זײַט וויסן, מײַנע געסט, איך לעב דאָ אַ פאַרשטעלטער. איך האָב געמיינט איך בין אַנטלאָפן פון דעם טויט, אַנטלאָפן אין אַ גוף, וואָס ברעכט זיך און ווערט עלטער, און אַ געשאָנקען העמד איז מיר מײַן לײַב, מײַן הויט״.

❀

א. צייטלינס „פראַגמענטאַרע באַמערקונגען וועגן ה. לייוויק״ זײַנען אַ ליד, אַ מין געזאַנג צום גרויסן דיכטער לייוויק און זײַן שאַפן.

בלויז אַ פּאָר ציטאַטן, גענומען פון יענע באַמערקונגען, זײַנען גענוג, כּדי זיך צו איבערצײַגן אין צייטלינס וואַרעמער באַציִונג צום מהות פון דעם דיכטער און זײַן שאַפן:

...„לייוויקס לידער גייען ערגעץ, מ׳דאַרף מיטגיין״.

...„בלעטערן דאָס בוך [לייוויקס באַנד לידער], איבערהיפּערן — אין

דעם פאַל מער ווי אין אַנדערע פאַלן — איז אַ חטא פון אַבסאָלוטער באַציִונגסלאָזיקייט".

..."מ'וואָלט באַדאַרפט ציטערן איבערן גורל פון אַזאַ איידל בוך אין אונדזער הפקר־אַטמאָספערע".

צייטלין האַלט, אַז די צוויי ווערטער "קייטן" און "הייליק" דריקן אויס גרונטמאָטיוון פון לייוויקס לידער.

לפי עניות דעתי, וואָלט דער איוב־מאָטיוו געקאָנט צום בעסטן אויסדריקן דעם גרונטמאָטיוו פון לייוויקס שאַפן, ווײַל דער איוב־מאָטיוו אין זײַן טיפסטן און ברייטסטן זין נעמט אַרום לייוויקס גאַנצן "לעבנס עיגול" — זײַנע נסיונות און יסורים, דעם מענטשנס געראַנגל מיט זיך, מיט דער מענטשהייט און מיט גאָט, וואָס קומט צום פולסטן אויסדרוק אין לייוויקס ווונדערלעכער דראַמאַטישער פאָעמע "אין די טעג פון איוב". לייוויק אַליין זעט צום בעסטן אויסגעדריקט זײַנע ראַנגלענישן און גילגולים אין לעבן און שאַפן אין זײַן ליד "אייביק".

אין דעם דאָזיקן ליד זײַנען אויסגעדריקט זײַנע נסיונות, מיכשולים און יסורים אין אַ וועלט, וואָס נעמט אים אַרום מיט שטעכיקע הענט און דאָך, נאָך אַלע גילגולים, הייבט ער זיך אויף "און שפּאַנט אַוועק ווײַטער".

צייטלין ווייסט גוט, אַז עס זײַנען דאָ ביי לייוויקן אויך איינצלנע שוואַכע לידער, אָבער ווי אַ פאַרליבטער קריטיקער איז ער גרייט צו באַטראַכטן די דאָזיקע לידער ווי בלויז "פאַרבן־פלעקן" אין אַן אַלגעמיינער לאַנדשאַפט און ווי עס וואָלט געווען אַן אומזין זיך אָפּצושטעלן אויף פּרטים".

❀

א. צייטלין איז געווען אַ פילזײַטיקער שעפערישער טאַלאַנט, אַ מין מעין־המתגבר. רײַך אין זײַן פּאָעטישן שאַפן, איז ער אויך געווען אַן עושר אין קריטישע עסייען וועגן ליטעראַטור און שרײַבערס.

זײַנע דורכגעטראַכטע עסייען וועגן ליטעראַטור און קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען צייכענען זיך אויס מיט אַ שלל פון וויסן, ווי אויך מיט געניטקייט אין אַנאַליזירן דעם מהות פון אַ פּראַגע אָדער פּראָבלעם, וואָס ער באַהאַנדלט.

סײַ ווי אַ דיכטער, סײַ ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער איז א. צייטלין געווען אַן אַליין־גייער. ער איז ניט געוואַקסן, ווי ער דריקט זיך אויס, חברותאדיק, קיין מאָל ניט מיטגעזונגען אין כאָר.

ולסוף, בלויז צו סומירן בקיצור צייטלינס אני־מאמין ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער:

קודם כל, דאָס פּינטעלע ייִד אין אים, וואָס איז געווען ריין פון "איזמען", האָט ער אויך געזוכט בײַ דעם שרײַבער, וואָס ער האָט אַנאַליזירט און קריטיקירט זייערע ווערק.

שנית, זײַן זוכן בײַם שרײַבער דאָס ייִדיש־שורשדיקע, נשמהדיקע.
שלישית, דאָס זײַן ערלעך־אָביעקטיוו אין אָפּשאַצן דעם שרײַבער און זײַן ווערק און קענען אַפילו ליב קריגן דעם שרײַבער, אין ווען ער האָט געפונען זײַן ייִדיש־גײַסטיקע קרובהשאַפט ; נישט פאַרזען די חסרונות פון דעם שרײַבער, אָבער אויך אָנערקענען און געהעריק אָפּשאַצן די מעלות פון זײַן ווערק.
א. צייטלין איז געווען אַ גלייביקער אין רוח־הקודש, אין אינספּיראַציע און אַז אָן אינספּיראַציע איז ניטאָ קיין קינסטלערישע שאַפונג.

היסטאָרישע עסייען

דער ייִדישער ייִשוב אין שפּאַניע

דער איצטיקער ייִדישער ייִשוב אין שפּאַניע, וואָס איז מיינסטנס קאָנצענטרירט אין די צוויי גרעסערע שטעט מאַדריד און באַרצעלאָנע און אין געציילטע קלענערע שטעט, ווײַזט אַרויס אַ רצון אָנצוהאַלטן זײַן ייִדישע אידענטישקייט און זעט צו שאַפֿן די נייטיקע אַטמאָספֿער, אין וועלכער די ייִדישקייט פֿון ייִשוב זאָל קענען געדײַען און האָבן אַ קיום.

עס ווײַזן זיך מעגלעכקייטן, אַז דער ייִשוב זאָל זיך מיט דער צײַט פֿאַרגרעסערן, מחמת דעם אָנקומען פֿון נײַע ייִדישע עמיגראַנטן, באַזונדערס פֿון מאַראָקאָ. דער גורל אָבער פֿון דעם ייִשוב און זײַן אויסזען אין דער נאָענטער צוקונפֿט איז, אין אַ גרויסער מאָס, אָנגעוויזן אויף דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע אין שפּאַניע גופֿא, ווי אויך אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער קאָנסטעלאַציע אין דער וועלט. פֿון חשבון טאָר אויך ניט ווערן אַרויסגעלאָזט די קאַטוילישע קירך, איר באַזונדערע ראָלע אין דער פּאָליטישער געשיכטע פֿון לאַנד און איר אַקטיווע שינאה צו ייִדן, וואָס איז אַ שם־דבר אין דער ייִדישער געשיכטע.

אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע פֿון דער ייִדן־פֿראַגע אין שפּאַניע במשך פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן איז נייטיק, כּדי צו קענען אָפּשאַצן די אַלגעמיינע אַטמאָספֿער, וואָס אין איר קומט דעם ייִדישן ייִשוב אויס צו לעבן.

א. ערשטע סימנים פֿון חרטה אויף דעם גירוש 1492

לאָמיר אָבער פֿריִער פֿאַרצייכענען עטלעכע סימנים פֿון אָט דעם חרטה־געפֿיל און אַ ווילן צו טאָן תּשובה — אַ טענדענץ, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ טייל שפּאַנישע געלערנטע און אינטעלעקטואַלן. אין פֿאַרבינדונג מיט אָט דער טענדענץ ווערן געוויינטלעך דערמאָנט אַ צאָל קריסטלעכע שפּאַנישע היסטאָריקערס פֿון דעם פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווי אַדאָלפֿאָ דע קאַסטראָ, אַמאַדאָר דע לאָס ריִאָס, וואָס האָבן אין זייערע ווערק איבער דער רעליגיעזער, סאָציאַלער און פּאָליטישער געשיכטע פֿון די ייִדן אין שפּאַניע שטאַרק אונטערגעשטראָכן די וויכטיקע בײַטראָגן פֿון די ייִדן. אַדאָלפֿאָ דע קאַסטראָ האָט אין זײַן בוך אַפֿילו ניט געשוינט קיין ווערטער צו שטראָפֿן די אינקוויזיציע.[1]

ווי אַ רוף צו תּשובה, וואָס איז געקומען פֿון אַ ייִדן, זאָל דרך־אַגב דערמאָנט ווערן דער געלערנטער מאַגדעבורגער רב לודוויג פֿיליפּסאָן,

וואָס האָט אין גײַסט פון יענער צײַט אין אייראָפּע אויף אַ דרייסטן אופן זיך געווענדט מיט אַ רוף צו דעם שפּאַנישן קאָרטעס* אָפּצומעקן די חרפּה פון גירוש 1492.

„מיר האָבן ניט בדעה — האָט ער געשריבן — צו פֿאָדערן צוריק דאָס צוגערויבטע גוטס פון אונדזערע עלטערן, אויך ניט די בתי־תּפילה... מיר ווילן, אַז דער פלעק פון דעם שרעקלעכן גירוש זאָל ווערן אָפּגעווישט".

ס'איז אויך אינטערעסאַנט, אַז אין אַ שריפט, וואָס איז אַרויס אין 1854 אונטערן נאָמען פּאָפּולערע תּפילות פאַר דעם שפּאַנישן פאָלק, שלאָגט פאָר דער מחבר, לויס דע אַסאָז אי ריִאָ, אויך די דאָזיקע תּפילה: „מיר זײַנען זיך מודה פאַר דיר, אָ גאָט, אין דער גרויסער זינד, וואָס אונדזער פאָלק איז באַגאַנגען קעגן די אָפּשטאַמלערס פון דעם אַלטן פאָלק ישראל, מיט וועמען אונדזערע עלטערן זײַנען זיך באַגאַנגען אַזוי אַכזריותדיק און דערנאָך זיי אַרויסגעטריבן פון דעם לאַנד, ווו זיי זײַנען געבוירן געוואָרן... פאַרגיב, אָ גאָט, די דאָזיקע רציחה, ווײַל מיר האָבן אויף דעם חרטה... און ווען דו, גאָט פון אַברהם, וועסט די קינדער זײַנע צוריקברענגען קיין שפּאַניע, לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז דו וועסט אויך זאָגן: און איך וועל בענטשן יענע, וואָס בענטשן דיך, און שילטן יענע, וואָס שילטן דיך".[2]

די ערשטע געבראַכטע דערקלערונגען פון חרטה און תּשובה זײַנען געמאַכט געוואָרן פון יחידים, פּריוואַטע בירגערס.

אין 1869 האָט שוין פּרעזידענט פון דער ערשטער רעפּובליק, עמיליאַ קאַסטעליאַר, אין זײַן רעדע בעת דער דעבאַטע איבער דער קאָנסטיטוציע, פאַראורטיילט די אינקוויזיציע און אָנגעוויזן, אַז איבער דעם גירוש פון 1492 האָט שפּאַניע אָנגעווירן דעם כּבוד צו זײַן דאָס לאַנד פון אַזעלכע גרויסע גײַסטער ווי שפּינאָזע, דיזראַעלי און אַ סך אַנדערע; און צו יענע, וואָס ווילן נאָך אַלץ האַלטן דאָס לאַנד געשלאָסן פאַר ייִדן, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ פֿאָדערונג, אַז „אינעם נאָמען פון רעליגיע, ליבע און גערעכטיקייט" זאָל די קאָנסטיטוציע ווערן געבויט אויף דעם פונדאַמענט פון פרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערלעכקייט אין גאָר דער וועלט".[3] זײַנע רייד זײַנען אָבער געפאַלן אויף טויבע אויערן, דער קאָרטעס האָט, ווי עס ווײַזט אויס, ניט געוואָלט גיין אויף דעם וועג פון הומאַניטאַרע רעכט — דעם וועג צו וועלכן די בעסטע זין האָבן גערופן זייער פאָלק און זייער רעגירונג.

*שפּאַנישע נאַציאָנאַלע לעגיסלאַטור.

ב. דאָס אַרטיקל XI אין דער קאָנסטיטוציע

דאָס אַרטיקל XI אין דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין קאָרטעס אין 1869 בשײַכות מיט רעליגיעזער טאָלעראַנץ, מעג צוגערעכנט ווערן צו קלאַסישע בײַשפּילן פון היפּאָקריטישער האַנדלונג, וואָס זוכט צו פאַרדעקן דעם רעאַקציאָנערן גײַסט פון דעם גאַנצן פּאַראַגראַף. „די קאַטוליש־אַפּאָסטאָליש רוימישע רעליגיע — לייענט זיך אין דעם אַרטיקל XI — איז די רעליגיע פון דער מלוכה. די נאַציע נעמט אויף זיך אויסצוהאַלטן אירע גײַסטלעכע און איר גאָטסדינסט. קיינער טאָר ניט ווערן געשטערט אָדער געררודפט אויף דער שפּאַנישער ערד ניט פאַר זײַנע פּאָליטישע מיינונגען, ניט פאַר זײַן באַזונדערן אופן פון דינען גאָט, אַזוי לאַנג ווי ער האַלט זיך אין די ראַמען פון קריסטלעכער מאָראַל; אָבער קיין אַנדערע צערעמאָניעס און קיין אַנדערע עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס אַחוץ יענע, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער מלוכה־רעליגיע, זײַנען ניט דערלויבט".[4]

אַחוץ דעם וואָס דאָס אַרטיקל צייכנט אָן די פּריווילעגירטע פּאָזיציע פון דער רוימיש־קאַטולישער רעליגיע, דערקלערנדיק זי ווי די רעליגיע פון דער מלוכה, באַגרענעצט עס אויך די געשאַנקענע, אַזוי גערופענע, טאָלעראַנץ צו אַנדערש־גלייביקע דורך דעם, וואָס זייער טוּונג מוז זײַן אין איינקלאַנג מיט די ראַמען פון דער קריסטלעכער מאָראַל און פאַרבאָט דאָס עפנטלעכע גאָטסדינסט פון אַנדערש־גלייביקע, ניט־קאַטולישע מיעוטים.

פון דעם אַרטיקל איז קלאָר, אַז די געשאָנקענע און באַגרענעצטע טאָלעראַנץ איז חל בלויז אויף קריסטלעכע ניט־קאַטולישע מיעוטים. די ייִדישע רעליגיע ווערט אין דעם אַרטיקל אַפילו ניט דערמאָנט. און אויב קיין אַנדערע צערעמאָניעס און קיין אַנדערע עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס אַחוץ יענע, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער מלוכה־רעליגיע, זײַנען ניט דערלויבט, אַפּשיטא שוין אַז עפנטלעך גאָטסדינסט אין שולן אָדער אַפילו אין מנינים איז פאַרווערט.

און אָט דאָס אַרטיקל האָבן עטלעכע שפּאַנישע פּאָליטיקערס געזאָלט פאַרקויפן די ייִדן ווי אַ באַשטימטן צוריקרוף פון דער גזירת־הגירוש. דער אמת איז אָבער, אַז די אומקלאָרקייט פון דעם געזעץ (כאָטש די בייזע כוונה איז שוין גאָר קלאָר) האָט געהאַלטן דעם קליינעם ייִדישן ייִשוב אין שטענדיקן פחד און אין אומזיכערקייט.

עס האָט ניט געהאָלפן קיין שתדלנות מצד די ייִדן פון ענגלאַנד דורך זייער „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" לטובת די ייִדן אין שפּאַניע. די פּעטיציעס פון די ענגלישע ייִדן צו דער שפּאַנישער רעגירונג אין 1868 און 1876 לטובת דעם ייִדישן ייִשוב האָבן קיין ישועה ניט געבראַכט.

אין דעם שפּאַנישן קאָרטעס גופא זײַנען צוויי מאָל געמאַכט געוואָרן פּרוּוון אויסצובעסערן דאָס געזעץ אַזוי, אַז די פרײַהייט פון רעליגיעזן

גלויבן זאָל ווערן באַזירט אויף דעם פּרינציפּ פון ריין הומאַניטאַרן רעכט און ניט זײַן אָנגעוויזן אויף דעם חסד פון דער אָפּיציעלער מלוכישער קריסטלעך־קאַטוילישער קירך. אָבער אין ביידע פּאַלן האָבן זיך די פּרווון ניט אײַנגעגעבן. געזיגט האָט דער אַלטער שטאַרק־פּאַרוואָרצלטער קאָנסערוואַטיווער געדאַנק, אַז בלויז איין איינהייטלעכע רעליגיע איז צום האַרצן דעם שפּאַנישן פּאָלק.

ג. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד און די נײַע אויסטײַטשונג פון אַרטיקל XI

פינף יאָר שפּעטער זײַנען אין רוסלאַנד פּאָרגעקומען פּאָגראָמען, וואָס האָבן אַרײַנגעוואָרפן די דאָרטיקע יידישע יישובים אין אַ פּאַניק. יידישע משפחות אין די טויזנטער האָבן גענומען אַנטלויפן פון רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון שחיטות און רדיפות, און זוכן פאַר זיך אַ מקום־מיקלט אין אַנדערע לענדער. אין יוני 1881 האָט דער „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" אין ענגלאַנד באַקומען אַן אָפּיציעלע דערקלערונג פון דעם שפּאַנישן פּרעמיער־מיניסטער פּראַקסידיס סאַגאַסטאַ, אַז דאָס אַרטיקל XI אין דער קאָנסטיטוציע דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ צוריקרוף פון דעם גירוש 1492, אַז יידן מעגן אומגעשטערט קומען קיין שפּאַניע און אַז די רעגירונג „וועט פון איר זײַט אויפנעמען די אײַנ זאַנדערערס מיט גוטהאַרציקייט און מיטגעפיל".[5]

דער אָפּטימיזם בײַם „באָאַרד אָוו דעפּיוטיס" איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער איז געווען גרייט אָנצונעמען די דערקלערונג ווי אַ סימן פון תשובה. אין אַן אָפּטימיסטישן טאָן האָט די ענגלישע יידישע צײַטשריפט דזשויש קראָניקל דעם 24סטן יוני פאַרנאָטירט די אָפּיציעלע דערקלערונג פון דעם שפּאַנישן פּרעמיער און אָנגעזאָגט אירע לייענערס, אַז „ענדלעך האָט שפּאַניע אָנערקענט דעם טעות און דאָס אומרעכט פון באַרבאַרישער אומטאָלעראַנץ".

און נאָר דער טיפער צער איבערן גורל פון די יידישע וואַנדערערס האָט געקאָנט פּאַרפירן דעם גרויסן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו, ער זאָל אויסטײַטשן די דערקלערונג פון דעם שפּאַנישן פּרעמיער, אַז „די יידישע צרות אין רוסלאַנד האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין יענעם לאַנד, וואָס האָט אין 1492 אַליין פאַרטריבן די יידן פון זײַנע גרענעצן... און אַז דאָס אַלטע קאַטוילישע שפּאַניע האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט פאַר אַ פרײַנדלעכן אויפנעם צו די קרבנות פון דער מאָדערנער גריכיש־אָרטאָדאָקסישער שפּאַניע".[5א]

אַ מער רעאַליסטישע שטעלונג האָבן אָנגענומען די דײַטשע יידן. די אַלגעמיינע צײַטונג דעס יודענטומס האָט זיך קלאָר אַרויסגעזאָגט קעגן יידישער עמיגראַציע קיין שפּאַניע. „שפּאַניע, האָט די צײַטונג געשריבן,

איז נאָך זייער ווײַט פון דעם גײַסט פון אמתער טאָלעראַנץ און פרײַהייט פון געוויסן. דאָס פאַרבעטן יידישע עמיגראַנטן קיין שפאַניע נעמט זיך מסתמא פון ריין מאַטעריאַליסטישע אויסרעכענונגען, ניט פון אידעאַליסטישע געפילן, און מען קען קיין מאָל ניט וויסן, ווי אַזוי די שפאַניער וועלן רעאַגירן אין פאַל פון אַ גרויסער יידישער אײַנוואַנדערונג״.[6]

וואָס שייך דער פערזענלעכער מיינונג פון דעם ליבעראַלן פרעמיער סאַגאַסטאַ, מעג מען אָננעמען, אַז ער אַליין האָט אפשר געמיינט ערנסט מיט זײַן אָפיציעלער דערקלערונג. אויף אַן אָנפרעג אין קאָרטעס, אין 1882, וועגן רעכט פון ניט־קאַטויליקן האָט ער געענטפערט, אַז ניט־קאַטוילישע שפאַניער האָבן די זעלבע רעכט ווי אַלע אַנדערע בירגערס. אַ פאַקט איז אָבער, אַז קיין אָפיציעלן דעקרעט וועגן רעליגיעזער פרײַהייט פאַר ניט קאַטויליקן האָט די רעגירונג ניט אַרויסגעגעבן און דאָס אַרטיקל XI מיט אַלע באַגרענעצונגען איז נאָך אַלץ געבליבן.

אין יאָר 1890 האָט סאַגאַסטאָ רעזיגנירט און ערשט אין יאָר 1910 האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַן אָפיציעלן דעקרעט, וואָס דערקלערט, אַז רעליגיעזע פאַרזאַמלונגען פון אַנדערש־גלייביקע דאַרפן ניט באַטראַכט ווערן ווי עפנטלעכע מאַניפעסטאַציעס, נאָר ווי רעליגיעזע גאָטסדינסט און אַז בנינים, וואָס ווערן באַנוצט פאַר גאָטסדינסט פון אַנדערש־גלייביקע, מעגן האָבן שילדן אָדער סימבאָלן, וואָס באַצייכענען יענע רעליגיעס. און הגם יידן ווערן אין דעם דעקרעט ניט דערמאָנט, האָט מען דאָך געקאָנט אָננעמען, אַז אויך זיי האָבן דאָס רעכט צו האָבן אַ שול פאַר עפנטלעכן גאָטסדינסט.

ד. די נײַע ווענדונגען פון דער רעגירונג בנוגע די יידן

נאָך אין יאָר 1903 האָט דער ליבעראַלער מיטגליד פון סענאַט אַדזשעל פודילאָ אויפגעפאָדערט די רעגירונג, אַז זי זאָל פאַרריכטן די עוולה, וואָס שפאַניע איז באַגאַנגען קעגן די יידן און רופן אַלע ספרדישע יידן („די שפאַניער אָן אַ היימלאַנד״), זיי זאָלן זיך אומקערן צוריק אַהיים, ד״ה שפאַניע. די באַגײַסטערטע ווערטער פון דעם ליבעראַלן סענאַטאָר האָבן ניט געקראָגן דעם געהעריקן אָפקלאַנג.[6א]

אויב אָבער דאָס ריין־מענטשלעכע געוויסן האָט ניט געקאָנט באַוועגן די סענאַטאָרן צו מאַכן דעם הומאַניטאַרן טריט, וואָס פודילאָ האָט געפאָדערט, האָבן אָבער ריין־פּראַקטישע אויסרעכענונגען גאָר אין גיכן געטריבן די רעגירונג אָנצונעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער פראַגע פון די ספרדישע יידן.

לויט אַ געהיימען אָפּמאַך צווישן שפאַניע און פראַנקרײַך (1904), האָבן זיך ביידע לענדער אײַנגעטיילט מיט ספעציעלע „השפעה־ספערן״

אין מאַראָקאָ. צוויי יאָר שפּעטער נאָך דער אַלזשעסירער קאָנפערענץ איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער שפּאַנישער השפעה־ספערע זײַנען אײַנגעשלאָסן אַ טייל טעריטאָריעס אין צפון־אַפריקע בײַם ים־ברעג און אויך טאַנזשער. בלויז אין די יישובים טעטוּאַ, סעאוטאַ און לאַראַטשע אַליין האָבן געלעבט אַן ערך 25 טויזנט ספּרדישע ייִדן. כּדי צו באַפעסטיקן אירע רעכט אין יענע השפעה־ספערן, איז די שפּאַנישע רעגירונג געווען געצוווּנגען צו באַטראַכטן די ספּרדישע ייִדן אין יענע יישובים ווי שפּאַנישע אונטערטאַנערס (מעג אַפילו זײַן פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע) ווענס ווילזײַן זי דאַרף פּאַרטיידיקן.

דאָס זאָל האָבן געווען דער אָנהייב פון דער נײַער ווענדונג פון דער רעגירונג לגבי די ייִדן.

און טאַקע גלײַך אויף דער אַלזשעסירער קאָנפערענץ האָט דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון שפּאַניע, הערצאָג אַלמאָדאָוואַר, דערקלערט, אַז זײַן לאַנד וועט מער ווי יעדער לאַנד באַגעגענען מיט פרייד די נײַס, אַז די רעליגיעזע טאָלעראַנץ אין מאַראָקאָ איז אויך חל אויף די ייִדן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט שפּאַניע סײַ מיט זייער אָפּשטאַם און סײַ מיט זייער שפּראַך. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דער קיניג אַלפאָנזאָ אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון די טאַנזשערער ייִדן און צוגעזאָגט צו באַשיצן זייערע אינטערעסן.[7]

אין די קרײַזן פון דער שפּאַנישער אינטעליגענץ איז געוואַקסן די טענדענץ פון סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַר דעם גורל פון ספּרדישע ייִדן, „די שפּאַניער אָן אַ היימלאַנד", און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרבאַנד פון שפּאַניער און ספּרדישע ייִדן (Union Hispano Hebrea) אָנצוהאַלטן פרײַנדלעכע באַציִונגען צווישן שפּאַניער און די מאַראָקאַנער ייִדן.

דער אָריענטאַליסט שלמה יהודה איז באַשטימט געוואָרן פאַר פּראָפעסאָר פון העברעיִש און העברעיִשער ליטעראַטור אין דעם מאַדרידער אוניווערסיטעט — אַן אַמט, וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן צווישן די יאָרן 1912—1915.

דער באַקאַנטער פאַרלעגער און זשורנאַליסט איגנאַץ לאַנדאַוער איז געוואָרן אָנגענומען ווי אַ מיטגליד פון דער מאַדרידער אַקאַדעמיע אין געשיכטע. ער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָרגאַניזירערס פון דעם קליינעם ייִדישן יישוב אין מאַדריד און דער פאַרוואַלטער פון מדרש אַברבנאל — אַ פאַרשטעלטער נאָמען פון אַ בית־תפילה, ווײַל קיין עפנטלעכע סינאַגאָגע האָבן נאָך די ייִדן זיך ניט דערוועגט צו עפענען. אויף אַן ענלעכן אופן האָט זיך אויך אין באַרצעלאָנע געעפנט אַ פאַרזאַמלונג־פּלאַץ, ווו ייִדן האָבן געקאָנט אין געהיים מתפלל זײַן בציבור.[7א]

די שטאָט מאַדריד, דער וויכטיקסטער צענטער אין לאַנד, און באַרצעלאָנע מיט איר וויכטיקן פּאָרט און אינדוסטריע האָבן אין משך פון

דער ערשטער וועלט־מלחמה צוגעצויגן אַ צאָל ייִדן (אַן ערך 500), וואָס זײַנען געווען פֿאַראינטערעסירט אין מיסחר. דאָס זײַנען מייסטנס געווען ספרדישע ייִדן, אָבער אויך אַ צאָל אַשכּנזישע ייִדן פֿון צענטראַל־און מיזרח־אייראָפּע.

צוליב רייִן־פּאָליטישע מאָטיוון האָט די רעגירונג פֿון פּרימאָ דע ריווערא אין 1924 אָנגענומען אַ געזעץ, אַז ספרדישע ייִדן, וואָס האָבן געלעבט מחוץ שפּאַניע, קענען ווערן שפּאַנישע בירגערס לויט דעם פּרינציפּ פֿון Jus Samguimis. דאָס געזעץ האָט אָבער ניט געמיינט, אַז עס ווערט יענע ייִדן געגעבן דאָס רעכטע זיך אומצוקערן אַהיים.

צו דער זעלבער צײַט האָט די קאַטוילישע קירך דורך איר שטענדיקן דרוק אויף דער רעגירונג געטאָן אַלץ, אַז די שינאה צו ייִדן, וואָס זי האָט קולטיווירט סײַ אין דער קירך און סײַ אין דער שולסיסטעם, זאָל ניט ווערן אויסגעלאָשן.

די שינאה צו ייִדן האָט זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקט דורך דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין די צײַטונגען און אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אויך די „זקני־ציון"־פּראָטאָקאָלן זײַנען געוואָרן אַ קראַנטער אַרטיקל אין די אַנטיסעמיטישע רייען.

דער אַנטיסעמיטישער גײַסט אין דער רעגירונג האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין די יאָרן פֿון דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים פֿון פּרימאָ דע ריווערא, אַ רעזשים, וואָס האָט אין זיך פֿאַרקערפּערט די פּרינציפּן פֿון אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע און פֿון דער הערשנדיקער רוימיש־קאַטוילישער רעליגיע ווי די אָפֿיציעלע מלוכה־רעליגיע. די לאַגע האָט זיך אויף אַ צײַט געביטן צום בעסערן נאָך דעם ווי פּרימאָ דע ריווערא האָט רעזיגנירט און ניסעטאָ זאַמאָראַ איז געוואָרן דער פּרעזידענט פֿון דער פּראָקלאַמירטער צווייטער רעפּובליק.

די נײַע שפּאַנישע קאָנסטיטוציע האָט דערקלערט שפּאַניע פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, וואָס איר רעגירונג קריגט די אויטאָריטעט פֿון דעם פֿאָלק. די קאָנסטיטוציע האָט גאַראַנטירט די פֿרײַהייט פֿון רעליגיע און אַנולירט דעם פּרינציפּ פֿון מלוכה־רעליגיע.

דער ייִדישער ייִשוב אין שפּאַניע האָט אויף אַ צײַט פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. צום ערשטן מאָל האָט מען אין 1931 עפֿנטלעך געפּראַוועט אַ ייִדישע חתונה אין דער מאַדרידער שול, וואָס האָט נאָך אַלץ פֿיגורירט ווי דער „מדרש אַבּרבּנאל". צום ערשטן מאָל אין יענעם יאָר איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאָרשטייערס פֿון די געציילטע ייִדישע ייִשובים מיטן צוועק צו שאַפֿן אַ פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע קהילות. נײַע ייִדישע עמיגראַנטן אין גרעסערע צאָלן, באַזונדערס פֿון דײַטשלאַנד, האָבן אָנגעהויבן קומען קיין שפּאַניע. לויט דער סטאַטיסטיק פֿון ד"ר ווישניצער זײַנען אין יענער צײַט (אַרום 1934) בלויז אין באַרצעלאָנע אַליין געווען אַן ערך 4000 ייִדן.[8]

אין 1934 קומט אויך אויף אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס שיקט 1935 איר דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין לוצערן. דער ייִד איגנאַץ באַוער ווערט פון דער רעגירונג באַשטימט ווי דער שפּאַנישער פאָרשטייער צו דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון פעלקער־ליגע־געזעלשאַפטן.

ווי אַן אויסדרוק פון חרטה און אויך אָנערקענונג פאַר די גײַסטיקע בײַטראָגן פון די ייִדן צום לאַנד, פירט די רעגירונג דורך אַ ספּעציעלע פײַערונג לכּבוד דעם 800־יאָריקן געבוירן־טאָג פון דעם רמב״ם. אַן עפנטלעכע תּפילה ווערט אָפּגעהאַלטן אין דער רמב״ם־שול אין קאָרדאָווע, אין בײַזײַן פון אַ פאָרשטייער פון דער רעגירונג און דעם בירגער־מײַסטער פון שטאָט. אויף אַ טאָוול, וואָס ווערט צוגעשלאָגן צו דער וואַנט פון דער שול, איז דאָ די דעקלאַראַציע, אַז אַ שלום איז געשלאָסן געוואָרן צווישן שפּאַניע און די ייִדן און אַ מאָנומענט פאַר דעם רמב״ם ווערט אַוועקגעשטעלט בײַם אַרײַנגאַנג צו דער שול. אָבער גאָר אין גיכן האָט אויסגעבראָכן דער בלוטיקער בירגערקריג, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם נצחון פון גענעראַל פראַנקאָ.

ה. דער רעזשים פון גענעראַל פראַנקאָ און די פראַגע פון רעליגיעזער פרײַהייט פאַר ייִדן

די יאָרן פון דעם בירגערקריג (1936—1939) זײַנען געפאַלן ווי אַ שווערע משא אויף דער באַפעלקערונג פון שפּאַניע.

געוועזן אַ צײַט, ווען די לאַיאַליסטן האָבן געוווּנען דעם סענטימענט פון סך ליבעראַלע עלעמענטן אין שפּאַניע און אַפילו אין אַנדערע לענדער. האָט מען דערוואַרט, אַז די פאָלקס־רעגירונג וועט פאַרזיכערן, ווי זי האָט עס דערקלערט, די פרײַהייט און גלײַכע רעכט פון אַלע בירגערס, אָן אונטערשייד פון ראַסע אָדער רעליגיע. אין דעם אומגלײַכן קאַמף זײַנען די לאַיאַליסטן באַזיגט געוואָרן און עס איז אויפגעקומען די דיקטאַטאָרישע רעגירונג פון גענעראַל פראַנקאָ.

דער בירגערקריג האָט אַרײַנגעוואָרפן דאָס לאַנד אין אַ שטאַרקן קריזיס. ס׳איז אָנגענומען, אַז דער קריג האָט גורם געווען ניט ווייניקער ווי אַ האַלבן מיליאָן געהרגעטע און אַן ענלעכע צאָל פאַרוווּנדיקטע. גענעראַל פראַנקאָ האָט געוואָרפן די שולד פון דער קריטישער לאַגע אויף די לאַיאַליסטן און עפנטלעך אויך פאַראורטיילט די ייִדן „וואָס קיין שום לאַנד וויל זיי ניט האָבן, ווײַל זיי זײַנען אַ קאָמוניסטישע האָרדע״.[9]

ווי דער נאַציאָנאַלער פירער פון דער פאַלאַנגאַ־פּאַרטיי און גענעראַליסימאָ פון דער אַרמיי, ווערט פראַנקאָ אויך דער פירער (Caudillo) פון דער שפּאַנישער אימפּעריע. לויט זײַן דעקרעט אין אויגוסט 1939, האָט פראַנקאָ איבערגענומען „די אַבסאָלוטע אויטאָריטעט... און איז

פֿאַר קיינעם ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך אַחוץ פֿאַר גאָט און דער געשיכטע". די רוימיש־קאַטוילישע רעליגיע איז ווידער דערקלערט געוואָרן ווי די אָפֿיציעלע רעליגיע פֿון דער מלוכה.[10]

די אַנטיסעמיטן האָבן צוריק אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זייער אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך ווידער פֿאַרשטאַרקט. אין די טעקסטביכער פֿון דער שפּאַנישער געשיכטע פֿאַר די שולן האָבן זיך ווידער באַוויזן באַליידיקנדיקע באַמערקונגען וועגן ייִדן. פֿאַר דעם ייִדישן ייִשוב האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די יאָרן פֿון אומרו און אומזיכערקייט.

אַ סך תּושבים פֿון די ייִדישע ייִשובים פֿון באַרצעלאָנע און מאַדריד האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. אין באַרצעלאָנע, וווּ דער ייִדישער ייִשוב האָט געהאַט דערגרייכט אַ גרעסערע צאָל, זײַנען געבליבן ניט מער ווי אַ 500 ייִדן. לויט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון דער רעגירונג (1942), זײַנען אַלע ייִדישע געבעטהײַזער, וואָס האָבן אין דער עפֿנטלעכקייט פֿיגורירט ווי ייִדישע צענטערס, געמוזט זיך שליסן. ווען די נאַצישע אַרמיי האָט פֿאַרכאַפּט טיילן פֿון מערב־אייראָפּע, האָט אַ גרויסער שטראָם פֿון ייִדישע פּליטים פֿון האָלאַנד, בעלגיע און אַנדערע לענדער געפֿלייצט פֿריִער קיין פֿראַנקרײַך און דערנאָך קיין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אַ סך פֿון זיי מיט טראַנזיט־וויזעס אויף אַנדערע לענדער.

אין שפּאַניע זײַנען די פּליטים געוואָרן אינטערנירט ווי אומלעגאַלע עמיגראַנטן און אָפּגעזונדערט אין תּפֿיסות און אין לאַגערן. מיט גרויסע שוועריקייטן איז דעם דזשאָינט־קאָמיטעט געראָטן צו פּועלן בײַ דער שפּאַנישער רעגירונג זי זאָל די פּליטים ניט אַרויסשיקן פֿון לאַנד. דער קאָמיטעט האָט דערבײַ געגעבן דער רעגירונג די פֿאַרזיכערונג, אַז ער נעמט אויף זיך די פֿולע התחײַבֿות זיך מטפּל צו זײַן מיט די פּליטים. אַ סך פֿון זיי זײַנען דערנאָך, מיט דער שיף „ניאַסאָ", געבראַכט געוואָרן קיין ישׂראל, אַנדערע קיין קאַסאַבלאַנקאַ.

באַנוצנדיק זיך מיטן געזעץ פֿון 1924, האָט אַ גרויסע צאָל ספֿרדישע ייִדן פֿון סאַלאָניקי באַוויזן זיך צו ראַטעווען פֿון די נאַצישע רוצחים. פֿון יענע פּליטים, וואָס זײַנען אָנגעקומען קיין שפּאַניע, איז בלויז קליינע צאָל פֿאַרבליבן אין לאַנד. די גרעסטע טייל האָט שפּעטער אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער.*

*לויט די אַרבעטן פֿון נאָרמאַן בענטוויטש און עטלעכע אַנדערע זאָל גענעראַל פֿראַנקאָ האָבן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן דעקרעט און אויך אינסטרוקציעס צו אַלע שפּאַנישע אַמבאַסאַדאָרן צו באַשיצן אַלע ספֿרדישע ייִדן אין יענע לענדער, וווּ די נאַציס האָבן געבושעוועט. קיינער פֿון די מחברים גיט ניט אָן די מקורות, אויף וועלכע זיי שטיצן זייערע דערקלערונגען.

ו. אויפֿן וועג צו פֿרײַהייט פֿון געוויסן

הגם די פּאָליטישע לאַגע אין שפּאַניע נאָך דער מלחמה האָט זיך מער ווייניקער סטאַביליזירט, איז אָבער דער עקאָנאָמישער מצב אין לאַנד געווען זייער אַ קריטישער. אויך מאָראַליש האָט דער שפּאַנישער רעזשים ניט געהאַט קיין באַזונדערס גוט אָנזען אויף דער וועלט. אין 1945, ווען עס האָט געהאַלטן דערבײַ, אַז שפּאַניע זאָל ווערן אויסגעשלאָסן פֿון די „פֿאַראייניקטע פֿעלקער״, האָבן די רעגירונגען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, כּדי צו ראַטעווען דעם פּרעסטיזש פֿון שפּאַניע, אַרויסגעלאָזט אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער זיי האָבן אויסגעדריקט זייער האָפֿענונג, אַז די פֿירנדיקע פּאַטריאָטישע און ליבעראַל־דענקענדיקע שפּאַניער וועלן גיכן געפֿינען אַ וועג, „וואָס זאָל פֿירן צו דעם, אַז דאָס שפּאַנישע פֿאָלק זאָל קריגן מעגלעכקייטן צו באַשטימען אויף אַ פֿרײַען אופֿן די פֿאָרעם פֿון רעגירונג, וואָס דאָס פֿאָלק אַליין וויל און אַליין אויסקלײַבן זײַנע פֿירערס״.[11]

אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַרק האָט שפּאַניע ניט געקאָנט קריגן קיין קרעדיט און געמוזט מאַכן אירע צאָלונגען אין מזומן. פּרוּוון, וואָס די שפּאַנישע רעגירונג האָט געמאַכט, כּדי צו קריגן אַ גרויסע הלוואה בײַ די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. און ערשט אין 1949 האָט די „טשייס נעשאָנעל באַנק״ באַוויליקט דער שפּאַנישער רעגירונג אַ קורץ־טערמיניקע הלוואה אויף 25 מיליאָן דאָלאַר. דערווײַל האָבן גענומען אונטערקומען די פֿאַרהאַנדלונגען צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און שפּאַניע בנוגע די געפּלאַנטע לופֿט־און ים־באַזעס אין שפּאַניע, און די באַציִונגען צווישן ביידע לענדער האָבן אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע ווענדונג.[12]

ס׳איז דעריבער מער ווי אַ השערה צו זאָגן, אַז אָט די נײַע ווענדונג אין די באַציִונגען צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און שפּאַניע האָט מעגלעך געמאַכט, אַז דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר זאָל קאָנען פּועלן בײַ דער מוניציפּאַלער רעגירונג פֿון באַרצעלאָנע אין 1949, אַז זי זאָל אָפֿיציעל דערלויבן דער יִידישער קהילה צו עפֿענען אַ שול פֿאַר עפֿנטלעכן גאָטסדינסט און אַז אין דעם זעלבן יאָר זאָל פֿראַנקאָ אַרויסקומען מיט זײַן מעמאָראַנדום El Safardismo, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט אָנערקענונג פֿאַר די יִידישע קולטורעלע בײַטראָגן אין שפּאַניע און דערקלערט, אַז אַלע ספֿרדישע יִידן קענען ווערן שפּאַנישע בירגערס לויט דעם פּרינציפּ פֿון Jus Sanguinis.

פֿינף יאָר שפּעטער האָבן די ספֿרדישע און אַשכּנזישע יִידן אין באַרצעלאָנע געעפֿנט אַ בשותּפֿותדיקע שול.

דערווײַל איז אַ גרעסערע צאָל ייִדן פון מאַראָקאָ און טאַנזשער אָנגעקומען קיין מאַדריד און דער דאָרטיקער ייִשוב האָט זיך פאַרטאָפּלט. צען יאָר שפּעטער איז אויך די מוניציפּאַלע רעגירונג פון מאַדריד נאָכגעקומען דער בקשה פון דעם ייִדישן ייִשוב פון מאַדריד און אים געגעבן אַ דערלויבעניש אָנצוגיין עפנטלעך מיטן גאָטסדינסט. עס האָט זיך דאָרט געשאַפן אַזאַ מאָדנער צושטאַנד, אַז בעת זייערע בירגערעכט האָבן די ייִדן געקראָגן לויטן געזעץ פון דער לאַנד־רעגירונג, איז אָבער זייער רעכט פאַר עפנטלעכן גאָטסדינסט און בתּי־תּפילה זיי געגעבן געוואָרן ווי אַ מין דערלויבעניש פון די מוניציפּאַלע רעגירונגען (פון באַרצעלאָנע און מאַדריד). אַז אַזאַ מטושטשדיקער צושטאַנד האָט ווײַט ניט געמאַכט אַ סוף צו דער אומזיכערקייט פון דעם ייִשוב, איז צו זען פון זײַנע ווײַטערדיקע פּרוּוון צו קריגן פון דער רעגירונג אַ לעגאַלן סטאַטוס, וואָס זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט אָנצוגיין עפנטלעך מיט די רעליגיעזע, דערציִערישע און סאָציאַלע פונקציעס ווי אַ ייִדישע קהילה.

ערשט אויף אַ ספּעציעלער אוידיענץ האָט פראַנקאָ געראָטן די פּרעזידענטן פון די ייִדישע ייִשובים אין מאַדריד און באַרצעלאָנע, מאַקס מייזין און אַלבערט לעווי, אַז זיי זאָלן זיך ווענדן מיט אַ פּעטיציע צו דער שפּאַנישער רעגירונג־קאָמיסיע.

ענדלעך איז אין 1965 אין מאַדריד דערקלערט געוואָרן די ייִדישע קהילה ווי אַ לעגאַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע אונטער דעם נאָמען קאָמאָנידאַד היספּאַניאָ העברעאַ Communidad Hispano Hebrea.[13] אַ נײַע דעקלאַראַציע פון דער לאַנד־רעגירונג בנוגע דער פרײַהייט פון געוויסן — פרײַהייט פון רעליגיע — איז געקומען ערשט שפּעטער.

עס דאַרף דאָ, דרך אַגב, באַטאָנט ווערן, אַז אין דעם פּרט פון רעליגיעזער פרײַהייט איז דער גורל פון ייִדן געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דעם פּראָטעסטאַנטישן מיעוט, צו וועלכן די שפּאַנישע רוימיש־קאַטוילישע קירך האָט זיך שטענדיק באַצויגן ניט מיט קיין איבעריקער טאָלעראַנץ. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך די קאַטוילישע קירך געשטעלט קעגן דער מיסיאָנערישער טעטיקייט פון די פּראָטעסטאַנטן.

אָבער מחמת דעם עקומעניזשן גײַסט בײַ די ליבעראַלע עלעמענטן אין דער קירך, ווי אויך מחמת דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג אין די אייראָפּעיִשע לענדער, איז אין די רעגירונג־קרײַזן געוואַקסן די שטימונג צו געבן רעליגיעזע פרײַהייט דעם פּראָטעסטאַנטישן מיעוט.

סײַ די ייִדן, סײַ די פּראָטעסטאַנטן האָבן געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען די רעגירונג וועט ענדלעך אַרויסקומען מיט אַ נײַעם און קלאָרן געזעץ וועגן רעליגיעזער פרײַהייט.

אין דעם זעלביקן יאָר (1965), ווען דער עקומענישער קאָנסיל איז אַרויסגעקומען מיט דער דעקלאַראַציע פון פרײַהייט פון רעליגיע, האָט

גענעראַל פראַנקאָ אין זײַן ווענדונג צום קאָרטעס אָנגעטײַט אויף דעם געדאַנק וועגן אָפיציעל אָנערקענען די רעליגיעזע רעכט פאַר ניט־קאַטויליקן. נאָך אַ ריי גילגולים פון טעקסט־שינויים און נאָך אַ לאַנגער פּראָצעדור פון אײַנשטימיקייט, פריִער פון די שפּאַנישע בישאָפן און דערנאָך פון אַ רעפערענדום פון אַ גרויסער מערהייט פון שפּאַנישע ווײלערס, איז דאָס אַרטיקל 6 אין דעם שפּאַנישן טשאַרטער ענדלעך אויסגעבעסערט געוואָרן אין דעצעמבער 1966.

עטלעכע זייער וויכטיקע פּרטים מוזן דאָ ווערן אַרויסגעבראַכט, כּדי קלאָר צו מאַכן אין וואָס אייגנטלעך איז די אויסבעסערונג באַשטאַנען. אין יולי 1945 האָט דער קאָרטעס אָנגענומען אַ נײַעם טשאַרטער פון דעם שפּאַנישן פאָלק. דאָס ערשטע אַרטיקל אין טשאַרטער לייענט זיך אַזוי :

„די שפּאַנישע מלוכה פּראָקלאַמירט ווי דעם גרונטפּרינציפּ פון זײַנע טווּנגען דעם רעספּעקט פאַר דער ווערדע, אָרנטלעכקייט און פרײַהייט פון דעם מענטשן און אָנערקענט דעם מענטשן ווי דעם טרעגער פון אייביקע ווערטן, אויך ווי אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עדה און טרעגער פון פליכטן און רעכט, וואָס זי (די עדה) גאַראַנטירט אים לטובת הכּלל“.[14]

דער טעקסט ווי דער נוסח פון דעם אַרטיקל וואָלטן געקאָנט ווערן אויסגעטײַטשט ווי אַ נצחון פון דעם פּרינציפּ פון פרײַהייט פון געוויסן און אַז אַלע רעליגיעס ווערן אָנערקענט און אין אַ גלײַכער מאָס באַשיצט דורך דער רעגירונג. קומט אָבער דערנאָך דאָס אַרטיקל זעקס וואָס איז דער ערשטער טייל אין דעם אַרטיקל און דערקלערט אַז :

„דער גלויבן און דאָס פּראַקטיצירן פון דער קאַטוילישער רעליגיע, וואָס איז די רעליגיע פון דער שפּאַנישער מלוכה, וועט געניסן פון אַ ספּעציעלער שוץ“.

און דער צווייטער טייל פון דעם זעלבן אַרטיקל זאָגט :

„קיינער זאָל ניט ווערן געשטערט אין זײַן רעליגיעזן גלויבן אָדער אין דעם פּראַקטיצירן זײַן קולט אויף א פּריוואַטן אופן. אָבער קיין עפנטלעכע צערעמאָניעס אָדער מאַניפעסטאַציעס ווערן ניט דערלויבט אַחוץ יענע פון דער קאַטוילישער רעליגיע“.[15]

חוץ דעם וואָס דאָס אַרטיקל שטעלט אַוועק די קאַטוילישע רעליגיע אויף אַ ספּעציעל־פּריווילעגירטער מדרגה, באַגרענעצט עס, ווי עס איז צו זען, די רעכט פון די ניט־קאַטוילישע מיעוטים דורך דעם, וואָס עס פאַרבאָט זיי צו פּראַקטיצירן זייערע רעליגיעס עפנטלעך און ניט געשטערט. אונטערן דרוק פון די נײַע באַדינגונגען איז געוואָרן אַרײַנגעבראַכט אַ שינוי אין דעם אַרטיקל זעקס, כּדי צו געבן די ניט־קאַטוילישע מיעוטים דאָס רעכט פון עפנטלעכן גאָטסדינסט. דער שינוי באַשטייט אין דעם, וואָס אַנשטאָט דעם טעקסט פון דעם צווייטן טייל איז געקומען אַ נײַער, וואָס לייענט זיך אַזוי :

„די מלוכה וועט באַשיצן די רעליגיעזע פרײַהייט, וואָס וועט זײַן גאַראַנטירט דורך אַן עפעקטיוווער יורידישער שוץ, וואָס וועט אין דער זעלבער צײַט פאַרזיכערן די מאָראַל און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג".[16]

דער ערשטער טייל פון דעם אַרטיקל איז געבליבן ניט געביטן.

דער שינוי האָט זיכער געבראַכט אַ פאַרבעסערונג אין דעם מצב פון די ניט־קאַטוילישע מיעוטים, ייִדן בתוכם, וואָס שייך זייער מעגלעכקייט איצט עפנטלעך אָנצוגיין מיט זייער גאָטסדינסט און אַנדערע רעליגיעזע פונקציעס אין עפנטלעכע בנינים פאַר דעם צוועק, קלויסטערס אָדער בתּי־תּפילה.

אין דעם נײַעם אויסגעבעסערטן טעקסט שטעקט אָבער די סכּנה, אַז „די עפעקטיווע יורידישע שוץ", וואָס דאַרף גאַראַנטירן די פרײַהייט, זאָל אַ מאָל ניט ברענגען מיט זיך אַ קאָנטראָל פון דער רעגירונג און אויף אַזאַ אופן מינערן דעם סטאַטוס פון דער „געשאָנקענער" פרײַהייט. ס'איז קיין יאָר ניט אַוועק זינט דער אויסבעסערונג פון דעם אַרטיקל, ווי דער קאָרטעס האָט אין יוני 1967 נאָך לאַנגע היציקע דעבאַטעס אָנגענומען אַ נײַע צוגאָב־אויסבעסערונג, לויט וועלכער אַלע קירכן (און מיינט אויך בתּי־תּפילה), חוץ דער קאַטוילישער, דאַרפן דער רעגירונג צושטעלן די נעמען פון זייערע מיטגלידער און אויך די קאָנטע־אויסצוגן וועגן זייער פּעולה.[16א]

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, מוז מען צוגעבן, אַז אַ טריט פאָרויס, ווי פּאַוואָליע ער זאָל ניט זײַן, איז דאָך געמאַכט געוואָרן אין דער געשיכטע פון רעליגיעזער פרײַהייט אין שפּאַניע אונטער דעם פראַנקאָ־רעזשים.

אין סעפּטעמבער 1968 האָט דער ייִדישער ייִשוב אין מאַדריד געפּײַערט אַ גרויסן יום־טוב לכּבוד דער עפענונג פון נײַעם שול־בנין, וואָס איז אי אַ בית־תּפילה, אי אַ שול פאַר קינדער, אי אַ צענטער פאַר ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

דער יום־טוב איז געפּײַערט געוואָרן אין בײַזײַן פון פירערס פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך און פאָרשטייערס פון ייִדישע קהילות פון אַ סך אַנדערע לענדער.[16ב]

ז. דער איצטיקער מצב פון ייִדישן ייִשוב

דער ייִדישער ייִשוב אין שפּאַניע ציילט איצט (1966) אַן ערך 8000 נפשות. אַן ערך 7000 אין די צוויי גרויסע צענטערס מאַדריד און באַרצעלאָנע און אַן ערך 1000 אין די קלענערע שטעט ווי קאָרדאָווע, גראַנאַדע, טאָלעדאָ, סעווילאַ און מאַלאַגע. צוזאַמען מיט די ייִדן אין שפּאַניש־מאַראָקאָ וואָלט די צאָל באַטראָפן אַן ערך 12.000.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די ייִדן אין שפּאַניע איז מער־ווייניקער אַ צופרידנשטעלנדיקער.

דער יישוב באַשטייט פון ספרדישע און אַשכּנזישע ייִדן, וואָס האָבן זיך גוט צוזאַמענגעלעבט און אַרבעטן האַרמאָניש אין זייערע קהילות לטובת הכּלל.

די ספרדישע ייִדן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם רוב מנין פון יישוב, זײַנען די צום מײנסטן צוגעפּאַסטע צום היגן אַרום אַ דאַנק דער שפּראַך, מענטאַליטעט און נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט דעם שפּאַנישן פּאָלקסמענטש. יעדע פון די צוויי גרעסטע קהילות, מאַדריד און באַרצעלאָנע, פאַרמאָגט אַ שײנעם בנין פאַר אַ בית־תּפילה, שול פאַר קינדער און צענטער פאַר פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן. חוץ אַ קינדער־גאָרטן און טאָגשול האָבן זיי אויך ספּעציעלע קלאַסן פאַר ייִדישע לימודים, ווו עס לערנען יענע קינדער, וואָס גייען ניט אין טאָגשול, קינדערקלובן, קלובן פאַר יוגנטלעכע און אַ קינדער־קאָלאָניע. לעקציעס פאַר דערוואַקסענע, פײַערונגען פון ימים־טובים זײַנען אַ וויכטיקער טייל פון די קהילה־אַקטיוויטעטן.

די היגע ייִדן זײַנען צופרידן מיט זייער בירגערשאַפט און מיט דער מעגלעכקייט צו אידענטיפיצירן זיך פרײַ און אָפן מיט דער ייִדישער קהילה, מיט זייערע בתּי־תּפילה, און זיי זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו שאַפן אַ גינציקע אַטמאָספער, וואָס זאָל פאַרזיכערן דעם המשך פון יישוב און זײַן ייִדישע אידענטישקייט.

ישראל, מיט איר פענאָמענאַלער גײַסטיקער און ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג און מיט אירע העלדישע קאַמפן פאַר עקסיסטענץ, האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדער וואַרעם געפיל פון שטאָלץ בײַ די שפּאַנישע ייִדן, יונג און אַלט, און דאָס דריקט זיך אויס אין זייער אַקטיוון אינטערעס אין דעם גורל פון מדינת־ישראל.[17]

דער קאָונסיל פון די ייִדישע קהילות, וואָס האָט עקסיסטירט אומאָפיציעל, האָט אין מערץ 1965 געקראָגן אַ לעגאַלן סטאַטוס און קען איצט אָנגיין מיט זײַנע טעטיקייטן און משפּיע זײַן אויף די קלענערע יישובים און אַרויסהעלפן זיי ווי ווײַט מעגלעך אין זייערע קהילה־נויטן.

און דאָך פילט מען אַרויס בײַ טייל תּושבים אַ געוויסע אומזיכערקייט. די אָפטע פּאָליטישע שינויים אין שפּאַניע אין משך פון די לעצטע פופציק יאָר זײַנען זיכער ניט געווען גינציק פאַר דער סטאַביליזירונג פון דעם יישוב. נאָך פריש זײַנען אין זכרון די יאָרן, ווען די ייִדן האָבן געלעבט ווי טאָלערירטע אײַנוואַנדערערס אָן שום אָפיציעל־גאַראַנטירטע בירגעררעכט. און אַוודאי געדענקט זיך נאָך דער זייער נאָענטער עבר, ווען דאָס אָפריכטן גאָטסדינסט עפנטלעך איז געווען פאַרבאָטן. די שינאה, וואָס די קירך האָט קולטיווירט קעגן ייִדן אין משך פון הונדערטער יאָרן, איז נאָך אַלץ שטאַרק, ניט געקוקט אויף די נײַע עקומענישע ווענדונגען אין דער קריסטלעך־קאַטוילישער קירך.

דער אַנטיסעמיטיזם איז לעצטנס געוואָרן געשטאַרקט דורך די אָנגעקומענע נאַציס, וואָס האָבן זייער צענטער אין מאַדריד. יענע נאַציס

ווירקן אין די קרײַזן פון דער הויכער שפּאַנישער געזעלשאַפט און אין דער פּאַלאַנגאַ־פּאַרטיי, וואָס איז נאָך אַלץ די מאָסגיביקע פּאַרטיי אין דער רעגירונג. דער פּרווו אונטערצוצײַנדן די שול אין באַרצעלאָנע אין אויגוסט 1966, דאָס אָפּדרוקן אַ קאַלענדער פון יאָר 1966 מיטן קאָפּ „טויט די ייִדן" (''Amatar Jueus'') זײַנען אויסבראָכן פון אַ ניט־געצוימטן אַנטיסעמיטיזם".[17א]

די אַסימילאַטאָרישע נייגונגען בײַ אַ טייל פון דער יוגנט, די מורא פאַר געמישטע חתונות זײַנען וויכטיקע פּראָבלעמען בײַ די ייִדישע עלטערן. יענע וואָס האָבן די מעגלעכקייט פּרובירן פאַרענטפערן זייער פּראָבלעם דורך שיקן זייערע קינדער קיין ישׂראל צו שטודירן אָדער, לפּחות, אויף קורצע באַזוכן מיט דער האָפענונג, אַז דאָס וועט בײַ דער יוגנט שטאַרקן זייער געפיל פון אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק. די אויבן־דערמאָנטע פאַקטאָרן ווײַזן קלאָר, אַז דער ייִשוב האָט פאַר זיך אַ שווערע פּראָבלעם און מוז זיך גוט אָנגורטן, כּדי צו קענען שטעלן אַ ווידערשטאַנד יענע כּוחות, וואָס זײַנען אַ סכּנה פאַר זײַן המשך און קיום.

מען טאָר אָבער ניט אַרויסלאָזן פון חשבון אויך יענע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, וואָס שטאַרקן די האָפענונגען פון דעם ייִשוב אויף בעסערע צײַטן און בעסערע דערגרייכונגען.

ווי עס איז פריִער שוין אָנגעוויזן, איז אין די שפּאַנישע אינטעלעקטועלע קרײַזן דאָ אַ געפיל פון חרטה אויף דעם גירוש און אַ דראַנג צו טאָן תּשובה. דאָס געפיל דריקט זיך אויס אין זייער פרײַנדלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט די ספרדישע ייִדן אויף דעם קולטורעלן געביט. נאָך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאָר וויכטיקער פאָרש־אינסטיטוט (De Estudios Sefardies) פאַר דער ייִדישער און שפּאַניש־ייִדישער געשיכטע. אין שפּיץ פון דעם אינסטיטוט, וואָס פאַרמאָגט איצט אַן ערך 30,000 וויסנשאַפטלעכע ווערק אין ייִדישער און שפּאַניש־ייִדישער געשיכטע און גיט אַרויס אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל ווי אויך וויכטיקע מאָנאָגראַפיעס, שטייט דער באַרימטער פּראָפעסאָר קאַסטראָ, וואָס פאַרנעמט אויך די קאַטעדרע פון העברעיִשער ליטעראַטור פון מיטל־עלטער אין דעם מאַדרידער אוניווערסיטעט.[18]

אַ קאָנסיל פון קריסטן און ייִדן, ענלעך צו די וואָס אין ענגלאַנד און אַמעריקע, אָרגאַניזירט אין 1961, זעט משפּיע צו זײַן אויף ווי ווײַט מעגלעך, אַז עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן אין עפנטלעכן לעבן.

אויך צווישן דער קאַטוילישער היעראַרכיע זײַנען דאָ עלעמענטן, וואָס ווײַזן אַרויס אַן אינטערעס און ווילן צו קאָאָפּערירן מיט די שפּאַנישע ייִדן אין שטודירן די העברעיִשע און אַראַבישע ליטעראַטור פון מיטל־עלטער.

דער קאָנגרעס פון שפּאַנישע שפּראַך־אָרגאַניזאַציעס, אָפּגעהאַלטן אין מאַדריד אין 1961, מיט דער באַטייליקונג פון פאָרשטייערס פון ספרדישע קהילות אין פאַרשיידענע לענדער, האָט אָנגענומען רעזאָלוציעס, וואָס צילן צו דערנענטערן די שפּאַניש־רעדנדיקע קריסטן און ייִדן און באַשלאָסן צו געבן סובסידיעס ספרדישע ייִדישע סטודענטן אין די שפּאַנישע אוניווערסיטעטן.

פון דער גרויסער צאָל אַמאָליקע בתּי־תּפֿילה, וואָס זײַנען אין דער צײַט פון גירוש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלויסטערס, זײַנען עטלעכע איבערגעגעבן געוואָרן צו די ייִדישע קהילות. אַזוי ווי די רמב״ם־שול אין קאָרדאָווע האָט אויך די היסטאָרישע שול אין טאָלעדאָ געקראָגן דעם סטאַטוס פון אַ נאַציאָנאַלן מאָנומענט און געפינט זיך איצט אונטער דער השגחה פון דעם וועלטפאַרבאַנד פון די ספרדישע ייִדן.[19]

ווי אַ באַווײַז, אַז אין די אינטעלעקטועלע און טייל קירכלעכע קרײַזן איז דאָ אַן אומצופרידנקייט מיט די אַנטיסעמיטישע אויסבראָכן, קען דינען דער פאַקט, אַז אין דעם אויבן־דערמאָנטן פאַל מיט דעם אַנטיסעמיטישן קאַלענדאַר, האָבן יענע קרײַזן זיך פאַראייניקט מיט די ייִדן אין אַ פּראָטעסט, וואָס האָט געצוווּנגען די רעגירונג צו קאָנפיסקירן דעם אָפּגעדרוקטן קאַלענדאַר.

עס האָט גענומען דעם פראַנקאָ־רעזשים מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט צו דערגיין צו דער מדרגה פון פרײַהייט פון רעליגיעס און אָננעמען דאָס געזעץ פון דעצעמבער 1966, כאָטש קרוב לאמת וואָלט געווען, ווען מען זאָל עס באַצייכענען ווי בלויז אַ געזעץ פון טאָלעראַנץ פאַר ניט־קריסטלעכע רעליגיעס.

דאָס וווּנדערלעך שיינע, אָבער אין פיל פּרטים צוריקגעשטאַנענע שפּאַניע, איז ווי צוגעשמידט צו אַ דורותדיקער פּאָליטישער און קירכלעכער דאָגמע, אַז נאָר איין און איינציקע רעליגיע איז דער גורל פון לאַנד און די רעליגיע איז די רוימיש־קאַטוילישע. שינאה צו אַלץ, וואָס איז ניט רוימיש־קאַטויליש; קעגנערשאַפט צו אַלץ, וואָס איז פּראָגרעסיוו, איז דער תּוך פון יענער דאָגמע, וואָס וואָרצלט טיף אין די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און רעליגיעזע באַדינגונגען פון דעם ווײַטן עבר. אָבער לויט אַ סך סימנים, שטייט איצט שפּאַניע ערבֿ וויכטיקע פּאָליטישע שינויים. די דערשײַנונגען אין די לעצטע יאָרן אין דעם עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און רעליגיעזן לעבן זײַנען קלאָרע אויסדרוקן פון אַ וואַקסנדיקער אומצופרידנקייט מיט דעם איצטיקן רעזשים.

אויבן אויף מאַכן די גרויסע שטעט ווי מאַדריד און באַרצעלאָנע דעם אײַנדרוק פון גרויסע צענטערס פון אַ רײַך און אינדוסטריעל־אַנטוויקלט לאַנד. אין דער אמתן אָבער איז שפּאַניע, אין פאַרגלײַך אַפילו מיט איר נאָענטער שכנה איטאַליע, זייער הינטערשטעליק אינדוסטריעל. מער ווי 55 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרנעמט זיך מיט ערדאַרבעט. דער גרעסטער טייל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה איז פון

אַגריקולטור־פּראָדוקטן. די בעסטע שטרעקעס לאַנד געהערן צו דער קירך און צו די שפּאַנישע גרויסע לאַנד־באַזיצערס. די מערסטע קליינע פּאַרעמס זײַנען ניט־עקאָנאָמיש, און די לעבנס־באַדינגונגען סײַ פון דעם אַרענדאַר־פּאַרמער, סײַ פון יענע אַרבעטערס, וואָס פּאַרמאָגן ניט קיין אייגענע ערד, זײַנען שלעכטע. אַרבעטסלאָזיקייט אין דער אַגריקולטור־עקאָנאָמיע איז זייער הויך.

די הונדערטער מיליאָנען, וואָס די פּאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַרײַנגעבראַכט אין שפּאַניע דורך די לעצטע 20 יאָר סײַ אין שטיצע, סײַ אין הלוואות, זײַנען געווען אַ גרויסע הילף פאַר דער עקאָנאָמיק פון לאַנד, אָבער דער יערלעכער דעפיציט אין דעם נאַציאָנאַלן באַלאַנס איז נאָך אַלץ אַ כראָנישער.

די לאַגע פון דעם פאַבריק־אַרבעטער איז ניט בעסער. די אַרבעטער־פּאַראייניגען ווערן קאָנטראָלירט פון דער מלוכה און דריקן ניט אויס דעם אמתן ווילן פון די אַרבעטערס. די שטרענגע רעגולאַציעס האָבן שווער געמאַכט צו קעמפן פאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען און אַרבעטלוין. ערשט אין 1965 איז די רעגירונג געווען געצוווּנגען צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שטרײַקן און דורכפירן אַ געזעץ וועגן דעם אַרבעטערס רעכט צו שטרײַקן אין פאַלן פון עקאָנאָמישע סיכסוכים.

אונטער דער ווירקונג פון זייערע אומלעגאַלע אַרבעטער־קאָמיטעטן זײַנען די אַרבעטערס אין יאָר 1969 אַרויסגעקומען מיט פאָדערונגען, אַז זייערע אָפיציעלע פאָרשטייערס פון פּאַראייניגען זאָלן ווערן אויסגעקליבן דורך די אַרבעטערס גופא.[20]

אויך בײַ דער סטודענטישער יוגנט וואַקסט די אומרויִקייט און אומצופרידנקייט מיטן רעזשים. די סטודענטישע אומרוען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין די לעצטע יאָרן, זײַנען אַ סך מער ווי אַ רעוואָלט קעגן דעם פּראָפעסאָר פון דעם אַלטן אויטאָקראַטישן שניט און קעגן דער אַלגעמיינער שטאַרק־פּאַרעלטערטער אַטמאָספער אין די אוניווערסיטעטן. די אומרוען דריקן אויס אין אַ גרויסער מאָס די אומצופרידנקייט בײַ דער יוגנט מיט דעם איצטיקן רעזשים, וואָס רעכנט זיך קודם־כל מיט די אינטערעסן פון דער אויטאָקראַטישער קירך, אַרמיי און גרויסע לאַנד־באַזיצערס און ניט מיט די אינטערעסן פון פאָלק.

דאָס געזעץ פון 1943, אַז דער ציל פון דערציִונג דאַרף זײַן אין איינקלאַנג מיט דער לערע פון דער קאַטוילישער קירך און אירע דאָגמעס און אַז דער אוניווערסיטעט דאַרף זײַן דער „באַסטיאָן פון דער פאַלאַנגיסטישער אידעאָלאָגיע", צווינגט אויך אַרויף אויף דעם סטודענט צו זײַן אַ מיטגליד פון די אָפיציעלע פאַלאַנגיסטישע סטודענטן־פּאַראייניגען.

די שטרײַקן אין 1966 אין די אוניווערסיטעטן פון מאַדריד און באַרצעלאָנע זײַנען געווען געוואָרן אויס פּראָטעסט קעגן צווינגען דעם סטודענט צו געהערן צו די אָפיציעלע סטודענטן־פּאַראייניגען. אין יענע

שטרײַקן האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ סך פּראָגרעסיווע פּראָפעסאָרן. אַ היפּשע צאָל פון יענע פּראָפעסאָרן זײַנען דערפאַר אָפּגעזאָגט געוואָרן.

אָבער די רעפּרעסיעס פון דער רעגירונג האָבן ניט באַוויזן צו אונטערדריקן די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט און אין אָקטאָבער 1966 איז פאָרגעקומען דער „אַנטירעפּרעסיע־טאָג”, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט סטודענטן, אַרבעטערס, יונגע גלחים און אינטעלעקטואַלן.

אויך אין דער מײַ־דעמאָנסטראַציע פון 1968 האָבן סטודענטן מאַרשירט צוזאַמען מיט די אַרבעטערס.

און כאָטש די דעמאָנסטראַציעס זײַנען דערשטיקט געוואָרן דורך פּאָליצײַ, האָט דאָך די רעגירונג געמוזט נאָכקומען די פאָדערונגען פון די סטודענטן צו האָבן דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זייערע אייגענע פאַראייננען.[21]

ס'איז אמת, אַז די מאַכט באַווײַזט דורך רעפּרעסיעס צו ספּראַוועןזיך מיט די אומרועןאון שטרײַקן, און מען קען נאָך אַפילו הײַנט, אָקטאָבער 1969, זען סאָלדאַטן פון דער ציוויליער גוואַרדיע (Guardia Civil) שטיין בײַ די אַרײַנגאַנגען צו די אוניווערסיטעט־בנינים, ס'איז אָבער קלאָר, אַז די סטודענטישע יוגנט איז רעוואָלוציאָנער געשטימט און איז אַנטשלאָסן צו קעמפן פאַר אַ נײַער, פרײַער שפּאַניע.

אויך די אינדוסטריאַליסטן פילן די שטאַרקע אומצופרידנקייט פון די אַרבעטערס און וואָלטן גערן געזען נײַע רעפאָרמען לטובת זייערע אינטערעסן און די אינטערעסן פון די אַרבעטערס. ווי האָט זיך אויסגעדריקט אַן אינדוסטריאַליסט פון סעוויל: „ווען איך גיי דורך מײַן פאַבריק, קען איך פילן ווי די אַרבעטערס שטעכן מיך דורך מיט זייער שינאה...[22] ...און עס וועט זײַן זייער שלעכט אין דרום־שפּאַניע, ווען עס זאָל קומען צו אַ קאָנפליקט”.

אויף דער פּאָליטישער אַרענע זעט זיך אָן מער ווי פריִער די פּאַרטיי „אָפּוס דעיִ” (Opus Dei), וואָס ציילט צווישן אירע מיטגלידער עטלעכע מיניסטאָרן, געשעפטלײַט, רעדאַקטאָרן און אינטעלעקטואַלן. די פּאַרטיי פירט אין דער רעגירונג אַ קאַמף מיט דער רעגירונג־פּאַרטיי, די פאַלאַנגיסטן, און מאַכט מעגלעך, אַז די אינדוסטריאַליסטן זאָלן קריגן מער ווירקונג אין דער רעגירונג. לעצטן אָקטאָבער איז איינער פון די מיטגלידער פון דער „אָפּוס דעיִ”, לאַפּאַס בראַוואָ, באַשטימט געוואָרן פאַר מיניסטער פון דרויסנדיקע ענינים — און דאָס ווערט אויסגעטײַטשט אין פּאָליטישע קרײַזן, אַז די פאַלאַנגע־פּאַרטיי הייבט אָן פאַרלירן איר השפּעה.

פרײַהייט פון פּרעסע איז אָפיציעל גאַראַנטירט לויט אַ געזעץ אין דעם טשאַרטער. אָבער דאָס איז נאָר אויפן פּאַפּיר. אין דער פּראַקטיק עקסיסטירט אַ שטרענגע צענזור. שרײַבערס אין די צײַטונגען ווערן אויס מורא פאַר דער צענזור אויפגעפּאָדערט פון זייערע רעדאַקטאָרן ניט צו שרײַבן וועגן ענינים, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד.

דער גוט־באַקאַנטער רײַזנדער און פֿײַנער שרײַבער דזשעימס מיטשינער דערציילט, אַז אין יאָר 1961, זײַענדיק אין שפּאַניע, האָט ער אין די דאָרטיקע צײַטונגען ניט געפֿונען קיין זאַך, וואָס זאָל האָבן צו טאָן מיט דער לאַגע אין לאַנד. די קאָלומנעס אין די צײַטונגען זײַנען געווען אויסגעפּילט מיט נײַעס וועגן ספּאָרט, וועגן פֿויפֿס און — מחמת די אַרויסגעבערס פֿון די צײַטונגען זײַנען געווען מאָנאַרכיסטן — מיט דערציילונגען וועגן דעם, ווי גוט עס האָט זיך געלעבט אין יענע לענדער, וואָס האָבן געהאַט קיניגן און ווי שלעכט עס האָט זיך געלעבט אין אַנדערע לענדער, וואָס האָבן קיין קיניג ניט געהאַט. דאָס פּרעסע וואָרט האָט זיך אָבער פּאָרט געריסן צום אויסדרוק. אין 1966 זײַנען עטלעכע יעזויִטישע צײַטונגען אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַרטיידיקונג פֿון די יונגע גלחים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסטירט קעגן דעם ברוטאַלן אופֿן ווי די פּאָליציי האָט באַהאַנדלט די דעמאָנסטראַנטן. יענע צײַטונגען זײַנען גיך קאָנפֿיסקירט געוואָרן. אַנדערע פֿינף צײַטונגען, וואָס האָבן זיך דערוועגט אײַנצושטעלן פֿאַר דער פֿרײַהייט פֿון דער פּרעסע, זײַנען אויך קאָנפֿיסקירט געוואָרן. און זינט 1966 אין די צענזור נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן.[23]

דאָך מיינט עס ניט, אַז די אומצופֿרידנקייט מיטן עובר־זײַן אויפֿן געזעץ פֿון פּרעסע־פֿרײַהייט איז דורך דעם געמינערט געוואָרן. אַ ידיעה פֿון מאַדריד דעם 8טן דעצעמבער 1969 גיט איבער, אַז דער פּראָפֿעסאָר רויז זשימענעץ, אַ מיטגליד פֿון דער לינקער פֿראַקציע פֿון דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און שאַרפֿער קעגנער פֿון דעם רעזשים, האָט גוטע מעגלעכקייטן צו ווערן אויסגעקליבן פֿאַר דעם דעקאַן פֿון דעם אַדוואָקאַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס פֿאַרמאָגט אַ גאָר גרויסן פּרעסטיזש אין לאַנד.

די לאָזונגען „25 יאָר פֿרידן" — אויפֿרופֿן מיט וועלכע דער רעזשים האָט געשפּײַזט דאָס פֿאָלק און פֿאַרלאַנגט, אַז עס זאָל געהאָרכיק זיך לאָזן פֿירן פֿון דער רעגירונג — האָבן אָנגעהויבן פֿאַרלירן זייער כּישוף.

און מען מעג מיט זיכערקייט אָננעמען די אויבן־געבראַכטע דערשײַנונגען ווי סימנים, אַז שפּאַניע שטייט איצט ערבֿ וויכטיקע פּאָליטישע שינויִים און אַז דאָס אָרט פֿון דעם איצטיקן רעזשים זאָל פֿאַרנעמען אַ רעגירונג, וואָס וועט זײַן אין גײַסט פֿון אַ פֿרײַער, דעמאָקראַטישער שפּאַניע.

ווען דאָס זאָל געשען, וואָלט דער שטאַרק־געפּרוווטער ייִדישער ייִשובֿ אין די געשאַפֿענע מער גינציקערע באַדינגונגען זיך געפֿילט נאָך זיכערער ווי איצט און מיט מער מוט געקאָנט אַנטוויקלען זײַן וויכטיקע אַרבעט לטובֿת זײַן המשך און קיום.

ביבליאָגראַפיע

1. Don Adolfo De Castro, The History of the Jews in Spain. Cadiz 1847. Translated by Ed. D.G. Kirwan, published by John Deighton. p. 240, 3.

2. Jacob Beller, Spain and the Jews. in Viewpiont, Canadian Jewish Quarterly, vol. 3 p. 1, 1968.

2a. C.C. Aronsfield, Between Tolerance and Freedom. Institute of Jewish Affairs, 29 p. Vol 3 No. 2, 1969.

3. Ibid. 30

4. Constitutions of Nations, Vol. III pp. 77-78, First Compilation by Amos J. Peaslee, 1950, The Ramford Press; Concord N.H., Modern Constitutions by Walter Fairleigh Dodd, Vol. II, p .201. Chicago University Press, 1909.

5. C.C. Aronsfield etc. p. 30.

5a. S. Dubnow, History of the Jews in Russia and Poland, p. 268-269. Phila, Jewish Publication Society, 1918.

6. C.C. Aronsfield etc. p. 30.

6a. Jacob Beller etc. p. 37-45.

7. ש. דובנאָוו, וועלטגעשיכטע, באַנד X, זײַט 410.

7a. Norman Bentwich, Jewish Reinstatements in Spain and Portugal, p. 24-28 in Wiener Library Bulletin 1968/9, vol. 23 No. 14.

8. Ibid p. 24-28.

9. Universal Jewish Encyclopedia, vol. 9, p. 683-690.

10. Raymond Carr, Spain 1808—1939, p. 351, Oxford 1966; Salvador de Madariaga, Spain in Modern History, p. 606—642. N.Y., 1967.

11. Arthur Whitaker, Spain and Defense of the West, publ. for the Council on Foreign Relations, 37-44, Harper Bros. N.Y. 1961;
Salvador de Madariaga, Spain in Modern History, ect. 422.

12 Encyclopedia Britannica, see "Spain" in vols 1950, 1951, 1954.

13. Norman Bentwich, Jewish Reinstatements ect... 24-28.

14. Constitution of Nation, vol. III, p. 826, Printed in Netherlands, Ed. by Ames J. Peaslee, 1968

15. Ibid... p. 826.

16. Ibid... p. 826.

16a. Encyclopedia Britannica, see "Spain" vol. 1968.

16b. Hakesher, Circular Del Consejo De Las Comunidades Israelitas de Espana, Octuber 1969, Madrid.

17. Comunidad Israelita de Madrid, Jan. 1969.

17a. Jacob Beller, p. 37-45, American Jewish Year Book, 1967.

18. Norman bentwich etc. p. 24-28

19. Ibid.

20. James Cleugh, Spain in Modern World, p. 180, Alfred A. Knopt, N.Y. 1953; Salvador de Madariaga, etc. p. 615-635 : וזען אויך
Charles E. Chapman, a History of Spain, founded on a Historia De Espana y De La Civilization Espanola of Rafael Altamiza, p. 524, N.Y. McMillan, 1948.

21 Encyclopedia Britannica, see "Spain", vols. 1966, 1969, also Salvadore de Maderiaga etc. 606-638, also James Michener, Iberia Fawcett Publ. Inc. Greenwich Conn. 1969, p. 419-420, 604-626.

22. Ibid 393, p. 466—474.

23. Ibid 393, 466—474.
Encyclopedia Britannica in vols, "Spain" 1966, 1967, 1969 : זען אויך

30 יאָר פראַנקאָ־רעזשים

אויבן אויף מאַכן די גרויסע שטעט פון שפּאַניע דעם איינדרוק פון גרויסע צענטערס פון אַ רייך, אינדוסטריעל און קולטורעל אַנטוויקלט לאַנד. גאַסן מיט מאַסיווע געבײַדעס, גרויסע געשעפטן, באַנקען, רעסטאָראַנען, רײַכע האָטעלן, בולוואַרן, פּאַרקן, מוזעומס און אוניווערסיטעטן.

אין דער אמתן אָבער איז שפּאַניע, אין פאַרגלײַך מיט אירע שכנים פראַנקרײַך און איטאַליע, זייער הינטערשטעליק. אין זייער פיל פּרטים שטאַרצן גאַנץ בולט אַרויס די שטריכן פון מיטל־עלטער.

מער ווי 55 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פאַרנעמען זיך מיט ערדאַרבעט.[1] אַ גאָר גרויסער טייל פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה קומט נאָך אַלץ פון די אַגריקולטור־פּראָדוקטן. און די הכנסה וואָלט געווען נאָך גרעסער, ווען דער רעזשים באַהאַנדלט בעסער די זייער אָנגעווייטיקטע אַגראַר־פראַגע אין לאַנד.

גרויסע שטרעקעס פּרוכטיקע ערד, ווי, למשל, אין אַנדאַלוזיע, באַלאַנגען צו דער קירך און צו די גרויסע לאַנד־באַזיצערס. מער ווי 80 פּראָצענט פון לאַנד־באַזיצערס אין לאַנד פאַרמאָגן ווייניקער פון 12 אַקער יעדערער און פון זיי אַ גאָר גרויסע צאָל אַפילו ווייניקער ווי צו דרײַ אַקער יעדערער.

מיטל־עלטערלעכע באַדינגונגען — גרויסע לאַטיפונדיעס מיט שטאַרקער פּאָליטישער מאַכט פון זייערע באַזיצערס — שפּילן נאָך אַלץ אַ גרויסע ראָלע אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פון לאַנד. יענע לאַנד־באַזיצערס צוזאַמען מיט דער קאַטוילישער קירך זײַנען ווײַט ניט פאַראינטערעסירט אין פּראָגרעסיווע רעפאָרמען.

די פּרוּוון אַרײַנצוברענגען ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרמען אין די צײַטן פון דער צווייטער רעפּובליק האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן, און אַלע פּלענער צו לייזן די קאָמפּליצירטע אַגראַר־פראַגע דורך יושרדיקער פאַרטיילונג פון דער ערד צווישן זעלבשטענדיקע פאַרמערס אָדער צו פאַרמער־קאָלעקטיוון זײַנען אין גאַנצן צו נישט געוואָרן מיט דער אַנטשטייונג פון דעם פראַנקאָ־רעזשים.

פון זײַן קליינער פאַרם, וואָס ער באַאַרבעט נאָך דערצו מיט די סאַמע פּרימיטיווע מעטאָדן, קען דער אָרעמער פּויער ניט פאַרדינען גענוג אויף חיונה און צוזאַמען מיט די פּויערים אָן ערד ווערט ער אָנגעוויזן אויף טאָגאַרבעט בײַ די רײַכע לאַנד־באַזיצערס. דער רײַכער לאַנד־באַזיצער קען זיך פאַרגינען צו קולטיווירן בלויז אַ טייל פון זײַנע טויזנטער אַקער לאַנד און דאָס איבעריקע לאָזן אויף פּאַשע אָדער פאַר שאָפן פאַרמס צו האָדעווען אָקסן פאַר דעם אָקסנקאַמף — די שטאַרק פאַרשפּרייטע

נאַציאָנאַלע פאַרוואַלטונג.[2] ער (אָדער דער אַדמיניסטראַטאָר פון זײַן פאַרמעגן) איז עס דער, וואָס באַשטימט וויפל טאָג־אַרבעטערס ער דאַרף נייטיק פאַר דעם אָדער יענעם סעזאָן און ער קען זיי אויך אָפּזאָגן צו יעדער צײַט, ווען נאָר ער געפינט פאַר נייטיק.

אונטער אַזעלכע אומזיכערע באַדינגונגען בלײַבט פאַר די אָרעמע פויערים די ברירה צו פאַרלאָזן די געגנט און זיך לאָזן אין די אינדוסטריעלע ערטער, ווי, למשל, באַרצעלאָנע, אָדער גאָר אויסוואַנדערן אין אַנדערע לענדער.[3]

די רעפאָרמען, וואָס דער פראַנקאָ־רעזשים האָט אַרײַנגעבראַכט, צוזאַמען מיט די איריגאַציע־פּראָיעקטן, האָבן ווײַט ניט באַוויזן צו ענדערן די לאַגע צום בעסערן. די גרויסע שטרעקעס ערד זײַנען נאָך אַלץ אין די הענט פון די גרויסע לאַנד־באַזיצערס. לויט דער סטאַטיסטיק, זײַנען אין יאָר 1965 נאָך אַלץ געווען 49 מיליאָן פאַרמס, יעדע פון זיי אונטער דרײַ אַקער, מיט זייער אַ קנאַפּער חיונה, פאַר דעם פאַרמער מיט זײַן משפחה.[4] זײַנען טאַקע אַ סך געגנטן, באַזונדערס אין דרום־שפּאַניע, אין אַ געדריקטן עקאָנאָמישן מצב, און פון יענע ערטער ציט זיך מייסטנס די אויסוואַנדערונג פון די אָרעמע פאַרמערס קיין צפון אין די אינדוסטריעלע געגנטן.

זייער ווייניק מזל־ברכה האָט דער פראַנקאָ־רעזשים געהאַט אין זײַנע פּרוּוון אויף דעם געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע. ניט קענענדיק זיך ספּראַווען מיט דער אַגראַר־פראַגע, איז אינדוסטריאַליזאַציע געוואָרן איינער פון די גאָר וויכטיקסטע, אויב ניט וויכטיקסטער פּראָיעקט פון דעם רעזשים. אָבער דאָ האָט דער רעזשים זיך קודם־כל אָנגעטראָפן אויף אַן אַלטער עקאָנאָמישער פּראָבלעם — די אינטערעסן פון דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל מיט זײַנע אינוועסטירונגען אין שפּאַניע.

רײַך אין נאַטירלעכע אוצרות, האָט שפּאַניע נאָך מיט יאָרן פריִער צוגעצויגן אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן פון ענגלאַנד, פראַנקרײַך, בעלגיע, דײַטשלאַנד, שווייצאַריע, איטאַליע און אַמעריקע, וואָס האָבן געמאַכט גרויסע אינוועסטיציעס און געשיקט זייערע עקספּערטן צו עקספּלואַטירן יענע אוצרות. און כאָטש דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל האָט אַ סך געהאָלפן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעל־צוריקגעשטאַנענער שפּאַניע, איז ער אָבער אין דער זעלבער צײַט אויך געווען אַ שטער צו דער אַנטוויקלונג פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע. שפּאַניע איז געוואָרן אָנגעוויזן אויף די אויסלענדישע אינדוסטריעס אין איר אייגן לאַנד. אָט איז איינער פון אַ סך בײַשפּילן: פון אַלע אייראָפּעיִשע לענדער איז שפּאַניע דאָס רײַכסטע אין קופּער, אָבער די קופּער־אוצרות אין שפּאַניע באַלאַנגען צו די ענגלישע אינוועסטירערס און שפּאַניע דאַרף צו זיי אָנקומען נאָך קופּער.

די פּלענער פון אייגענער נאַציאָנאַלער אינדוסטריאַליזאַציע זײַנען ווײַט ניט געלונגען; און עקאָנאָמיסטן צווייפלען שטאַרק, צי מ'האָט בײַם

/

מאַכן די פּלענער אויסגעקליבן די פּאַסיקע אינדוסטריעס, די פּאַסיקע געגנטן פֿאַר זיי און צי ווערן אָנגעווענדט אין זיי די נײַסטע עפֿעקטיווע מעטאָדן. אין פֿאַרגלײַך מיט איטאַליע פּראָדוצירט שפּאַניע צען מאָל אַזוי פֿיל קוילן, און כאָטש זי פֿאַרמאָגט אַ היפּשן זאַפּאַס פֿון רויען אײַזן, דאָך באַווײַזט זי ניט צו פּראָדוצירן גענוג שטאָל. איר שטאָל פּראָדוקציע איז פֿיל מאָל וויניקער ווי אין איטאַליע.[5]

די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר, וואָס די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט אַרײַנגעבראַכט קיין שפּאַניע דורך די לעצטע 20 יאָר אין הילף, אין הלוואות און אויף אַנדערע אופֿנים, זײַנען געווען אַ גרויסע הילף פֿאַר דער עקאָנאָמיק פֿון לאַנד. אָבער דער יערלעכער דעפֿיציט אין דעם נאַציאָנאַלן באַלאַנס איז נאָך אַלץ געבליבן אַ כראָנישער.[6] כּדי צו פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעם פֿון אַרבעטלאָזיקייט, האָט דער רעזשים זיך גענומען דורכפֿירן דעם אַזוי גערופֿענעם ערשטן אַנטוויקלונגס־פּלאַן.

לויט דער רעגירונג־סטאַטיסטיק, זײַנען אין משך פֿון די יאָרן אונטערן פּלאַן (1964—1967) געשאַפֿן געוואָרן אַן ערך אַ מיליאָן נײַע אַרבעטפּלעצער אין דער אינדוסטריע און בײַ פֿאַרשיידענע באַדינונגס־באַדערפֿענישן. דאָך האָבן טויזנטער אַרבעטערס געהאַלטן אין אויסוואַנדערן אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער. דער גאַנצער פּלאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ דורכפֿאַל.[7]

עס ווערן אָנגעגעבן פֿאַרשיידענע סיבות פֿאַר דעם דורכפֿאַל. ראשית, די אַלע פֿאָרגענומענע פּראָגראַמען זײַנען געווען מערסטנס אימפּראָוויזירטע און דערצו האָט נאָך געפֿעלט די געהעריקע קאָמפּעטענץ בײַ די אָנפֿירערס פֿון די פּלענער. שנית, די גאַנצע אַרבעט איז געווען אַ מלוכה־צענטראַליזירטע און אָנגעפֿירט פֿון אַ ביוראָקראַטיע, וואָס איז געווען קאָרופּטירט. ווי אַ בײַשפּיל ווערט אָנגעגעבן, צווישן אַנדערע, דער פֿאַל מיט דער באַוול־מאַנופֿאַקטור. עס איז געווײַנלעך די יוריסדיקציע פֿון דעם מיניסטעריום צו באַשטימען די פּרײַזן פֿון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן. פֿאַסירט זייער אָפֿט, אַז דער באַשטימטער פּרײַז פֿאַר דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט איז צו נידעריק, אָפֿט מאָל אַפֿילו נידעריקער פֿון דעם קאָסטן פֿאַר דעם רויען מאַטעריאַל, וואָס ווערט גענוצט פֿאַרטיק צו מאַכן דעם מלבוש. פֿאַבריקאַנטן באַקלאָגן זיך אָבער, אַז די רעגירונג מאַכט זיך ניט וויסנדיק. דער פֿאַבריקאַנט לאָזט דערנאָך פֿאַרקויפֿן 20 פּראָצענט פֿון דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט לויט דעם אָפֿיציעלן פּרײַז, אָבער דאָס איבעריקע פֿאַרקויפֿט ער אויפֿן שוואַרצן מאַרק פֿאַר שטאַרק־אַרויפֿגעשרויפֿטע פּרײַזן. די רעגירונג־אינספּעקטאָרן ווייסן פֿון דעם און מאַכן אַ שווײַג. דער פֿאַבריקאַנט ווערט אַ צד אין דעם פֿאַרברעכן און מחמת מורא ווערט ער אויך געפֿאַנגען ווי אַן אָנהענגער פֿון דעם רעזשים.[8]

דער צווייטער פיריאָר־אַנטוויקלונגס־פּלאַן (1968—1972) האָט אויך ניט פאַרבעסערט די לאַגע פון אַרבעטער.

לויט דעם טשאַרטער פון 1945, וואָס איז אין 1966 אַמענדירט געוואָרן, האָט יעדער שפּאַניער דאָס רעכט אויף אַרבעט און די מלוכה דאַרף זען, אַז דער אַרבעטער זאָל קריגן אַ גענוגיקן לוין פאַר זיין אַרבעט, בכדי ער און זיין משפחה זאָלן קענען פירן אַן אָנשטענדיק לעבן, אָדער ווי עס שטייט אין טעקסט פון טשאַרטער „אַ מאָראַלישע און בכבודיקע עקסיסטענץ".[9]

אָבער אַזוי שטייט בלויז אין פּסוק. אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך דער רעזשים אַנטפּלעקט מיט זיין היפּאָקריטסטווע און דיקטאַטאָרישן טעראָר. אין די יאָרן פון דעם ערשטן אַנטוויקלונגס פּלאַן האָט זיך אין אָנהייב געמערקט אַ געוויסע פאַרבעסערונג אַ דאַנק דעם געהעכערטן לוין. אָבער די אַלץ שטייגנדיקע אינפלאַציע האָט שנעל פאַרמינערט דעם ווערט פון דער לוין־העכערונג. פון דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק איז צו זען, אַז הגם דער דורכשניטלעכער טעגלעכער לוין איז געשטיגן פון אַן ערך 142 פּעזעטאַס אין 1963 צו 244 אין 1967, איז אָבער דער ווערט פון דעם לוין געפאַלן מחמת דעם וואָס לעבנס־מיטל איז געשטיגן אויף מער ווי 8 פּראָצענט.[10]

ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אין יאָר 1967 איז דער אָפיציעלער קורס פון דאָלאַר געווען 70 פּעזעטאַס, מיינט עס אַז דער דורכשניטלעכער לוין פאַר אַ טאָג אַרבעט האָט אין יענעם יאָר באַטראָפן אַן ערך דריי דאָלאַר מיט פופציק סענט. די לאַגע האָט זיך אַפילו לעצטנס ניט שטאַרק פאַרבעסערט. לויט דער רעגירונג־סטאַטיסטיק, האָט דער פאַבריק־אַרבעטער אין סעפּטעמבער 1969 באַקומען אַ 38.76 פּעזעטאַס פּער שעה, וואָס דאָס באַטרעפט אַן ערך 56 סענט אין אַמעריקאַנער וואַלוטע.[11]

ס'איז אַ פאַקט, אַז דער פּער־קאָפּ הכנסה אין שפּאַניע איז נאָך אַלץ פון די גאָר נידעריקסטע אין מערב־אייראָפּע.[12]

קיין פרייע אַרבעטער־פאַראיינען, יוניאָנס, וואָס זאָלן פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטערס, זיינען אין שפּאַניע ניטאָ. די שפּאַנישע סינדיקאַטן זיינען די אָפיציעלע אָרגאַניזאַציעס, אַרויסגעוואַקסענע פון דער רעגירונג, און באַשטייען פון די אַרבעט־געבערס, לוין־אַרבעטערס, אַליין־באַשעפטיקטע און אָנגעשטעלטע. די סינדיקאַטן געפינען זיך אונטערן רשות פון דעם אַרבעט־מיניסטעריום און זיינען אין דער לעצטער שורה פאַראַנטוואָרטלעך צו דער רעגירונג. אין פּשוטע ווערטער הייסט עס, אַז זיי זיינען אַ פּאָליטישער אָרגאַן פון דעם רעזשים.

דאָס אַרטיקל 16 פון דער קאָנסטיטוציע גיט די שפּאַנישע בירגערס דאָס רעכט פריי צו שאַפן פאַראיינען צוליב געזעצלעכע צילן, געהערשט האָט אָבער דער דעקרעט פון 1938, לויט וועלכן שטרייקן זיינען דערקלערט ווי פאַרברעכנס קעגן דער מלוכה. דאָס האָט שווער געמאַכט

פֿאַר דעם אַרבעטער צו קעמפֿן פֿאַר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען. ערשט אין 1965 האָט די רעגירונג, אונטערן אַלגעמיינעם דרוק, אַמענדירט דאָס געזעץ אַזוי, אַז שטרײַקן, וואָס זײַנען אַרויסגערופֿן דורך עקאָנאָמישע מאָטיוון, זײַנען דערקלערט געוואָרן לעגאַל. אַנדערע שטרײַקן וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ סכּנה פֿאַר דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט, זײַנען שטרענג פֿאַרבאָטן. געוועזן אַ פֿאַל, ווען עטלעכע הונדערט שטאָל־אַרבעטערס אין בילבאַאָ זײַנען אַרויס אין שטרײַק און די קאָמפּאַניע האָט זיי דערפֿאַר אָפּגעזאָגט. די אַרבעטערס האָבן אַפּעלירט צום געריכט, אָבער דאָס העכערע געריכט האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם אַפּיל און דערקלערט, אַז אַלע מינים שטרײַקן זײַנען ניט לעגאַל און באַשטעטיקט דאָס רעכט פֿון דער קאָמפּאַניע אָפּצוזאָגן די אַרבעטערס.[13]

אין דער מײַ־דעמאָנסטראַציע אין 1968 האָבן סטודענטן מאַרשירט באַגלײַך מיט די אַרבעטערס, אָבער די דעמאָנסטראַציעס זײַנען דערשטיקט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי. אין די אינדוסטריעלע צענטערס, באַזונדערס אין צפֿון־שפּאַניע (באַרצעלאָנע, בילבאַאָ), ווו די אַרבעטערס זײַנען מער באַוווסטזיניק און האָבן אַ סאָציאַליסטישע און אַן אַנאַרכיסטישע טראַדיציע, מערקט זיך אַ וווּקס פֿון אומלעגאַלע יוניאָנס, "Comi-siones Oberos," וואָס עקסיסטירן אין געהיים און גיבן די אַרבעטערס די נייטיקע דירעקטיוון.

אונטער דער ווירקונג פֿון אַזעלכע אומלעגאַלע קאָמיטעטן זײַנען די אַרבעטערס אין 1969 אַרויסגעקומען מיט פֿאָדערונגען, אַז זייערע אָפֿיציעלע פֿאָרשטייערס אין די סינדיקאַטן זאָלן ווערן אויסגעקליבן פֿון די אַרבעטערס גופֿא, ניט ווערן באַשטימט פֿון אויבן.

לויט דעם צענזוס פֿון 1960 ציילט שפּאַניע אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַרום דרײַסיק מיליאָן און עס ווערט דערוואַרט, אַז סוף 1970 וועט זי גרייכן די צאָל פֿון 33,279,000. אויב מען זאָל אָננעמען די רעגירונג־סטאַטיסטיק פֿאַר ריכטיק, זײַנען אין 1964 נײַן פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג געווען אַנאַלפֿאַבעטן און פֿון זיי 68 פּראָצענט פֿרויען. דער אַלגעמיינער צושטאַנד פֿון דערציִונג אין שפּאַניע איז נאָך אַלץ דער נידעריקסטער אין אייראָפּע. אַן ערך דרײַ און פֿערציק טויזנט שולן אין לאַנד ווערן נאָך אַלץ אָנגעפֿירט און באַזאָרגט דורך איין לערער.[14] די שלעכטע אויסשטאַטונג, אָרעמער לערן־מאַטעריאַל, אָפּגעשטאַנענע מעטאָדן זײַנען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דער שול אין שפּאַניע.

אין אַ זייער צוריקגעשטאַנענעם צושטאַנד איז די העכערע בילדונג. אין דעם 1966־1965 אַקאַדעמישן יאָר זײַנען אין אַלע אוניווערסיטעטן (13 אין צאָל) געווען רעגיסטרירט עפּעס מער פֿון 125 טויזנט סטודענטן. זייער אַ נידעריקע רעגיסטראַציע אין פֿאַרגלײַך מיט די אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפֿעלקערונג.

מחמת אַ סך סיבות ווי, למשל, די אַלטע צוריקגעשטאַנענע אַקאַדעמישע אַטמאָספֿער, דאָס אויספֿעלן פֿון לערן־מאַטעריאַל דער הויפּט אין יענע

לימודים, וואָס דאַרפֿן רעפלעקטירן אויף דעם פּראָגרעס און נײַע שיטות פֿון וויסנשאַפֿט, די אויטאָקראַטישע באַציִונג פֿון דעם רוב פּראָפֿעסאָרן פֿון אַלטן שניט — פֿאַלן פֿיל סטודענטן אַרויס יעדער יאָר פֿון די אוניווערסיטעטן.

דער ציל פֿון דערציִונג מוז זײַן אין אײַנקלאַנג מיט דער לערע פֿון דער קאַטוילישער קירך און אירע דאָגמעס און דער אוניווערסיטעט דאַרף זײַן דער „באַסטיאָן פֿון דער פֿאַלאַנגיסטן־פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע״. ביז ניט לאַנג צוריק האָט דאָס געזעץ געצווונגען דעם סטודענט צו זײַן אַ מיטגליד פֿון די אָפֿיציעלע פֿאַלאַנגיסטישע סטודענטן־פֿאַראיינען.

די אומרויִקייט און אומצופֿרידנקייט בײַ די סטודענטן האָבן געפֿירט צו די שטרײַקן אין די אוניווערסיטעטן פֿון מאַדריד און באַרצעלאָנע, וואָס זײַנען גערופֿן געוואָרן אין 1966 אויס פּראָטעטס קעגן צווינגען דעם סטודענט צו באַלאַנגען צו די אָפֿיציעלע סטודענטן־פֿאַראיינען. אין יענע שטרײַקן האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ צאָל פּראָגרעסיווע פּראָפֿעסאָרן, וועלכע זײַנען דערפֿאַר שפּעטער סוספּענדירט געוואָרן. די רעפּרעסיעס פֿון דער רעגירונג האָבן ניט באַוויזן צו אונטערדריקן די וואַקסנדיקע אומצופֿרידנקייט און אין אָקטאָבער 1966 איז פֿאָרגעקומען דער „אַנטי־רעפּרעסיע טאָג״, אין וועלכן עס האָבן זיך, חוץ סטודענטן, באַטייליקט אויך אַרבעטערס, יונגע גלחים און אינטעלעקטואַלן.

און כאָטש די דעמאָנסטראַציעס זײַנען דערשטיקט געוואָרן פֿון דער פּאָליציי, דאָך האָט די רעגירונג געמוזט נאָכקומען די פֿאָדערונגען פֿון די סטודענטן צו האָבן דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זייערע אייגענע פֿאַראיינען. לעצטנס איז דער מיליטאַנטישער גײַסט בײַ די סטודענטן געשטיגן. געוווּג צו באַמערקן, אַז סוף 1968 האָבן די סטודענטן דורכגעפֿירט אַ דעמאָנסטראַציע אַרום און אין דעם אָפּיס פֿון דעם יורידישן פֿאַקולטעט און עפֿנטלעך פֿאַרברענט דאָס בילד פֿון דעם גענעראַליסימאָ פֿראַנקאָ.[15-16]

די סטודענטישע אומרוען דאַרף מען אָבער ניט באַטראַכטן ווי בלויז אַ רעוואָלט קעגן דער אַלגעמיינער שטאַרק־פֿאַרעלטערטער אַטמאָספֿער אין די אוניווערסיטעטן מיט זייער שטרענגער דיסציפּלין און מיט זייערע פּראָפֿעסאָרן פֿון אַלטן אויטאָקראַטישן שניט. יענע אומרוען דריקן אויס אין אַ גרויסער מאָס די אומצופֿרידנקייט בײַ דער יוגנט מיט דעם איצטיקן רעזשים, וואָס איז אין די אינטערעסן פֿון דער אויטאָקראַטישער מאַכט, קירך, אַרמיי און גרויסע לאַנד־באַזיצערס. אמת, די מאַכט באַווײַזט נאָך דערווײַל דורך רעפּרעסיעס צו ספּראַווען זיך מיט די אומרוען און שטרײַקן און מען קען נאָך אַפֿילו איצט זען זשאַנדאַרן פֿון דער ציווילער גוואַרדיע שטיין בײַ די אַרײַנגאַנג צו די אוניווערסיטעט־געבײַדעס.[17]

איינער פֿון די פֿיל בײַשפּילן פֿון היפּאָקריטישער האַנדלונג פֿון דעם דיקטאַטאָרישן פֿראַנקאָ־רעזשים איז דאָס קאַפּיטל וועגן רעליגיעזער פֿרײַהייט אין יענער תּקופֿה. ס׳האָט דעם פֿראַנקאָ־רעזשים גענומען העכער אַ פֿערטל יאָרהונדערט, ביז ער האָט ענדלעך אין דעצעמבער 1966

אָנגענומען דאָס געזעץ פון רעליגיעזער פרײַהייט. קרוב לאמת וואָלט געווען, ווען מען זאָל דאָס באַצייכענען ווי אַ געזעץ, וואָס שענקט טאָלעראַנץ צו ניט־קאַטוילישע רעליגיעס.

לויט דער אָנגענומענער סטאַטיסטיק פון 1967, זײַנען אין יענעם יאָר אין גאַנץ שפּאַניע געווען אַן ערך דרײַסיק טויזנט פּראָטעסטאַנטן. דער נײַער ייִדישער יִשוב, וואָס איז מייסטנס קאָנצענטרירט אין מאַדריד און באַרצעלאָנע, האָט אין יענער צײַט פאַרמאָגט אַן ערך קרוב צו 8,000 נפשות.

צוויי קליינע מינאָריטעטן, איינע קלענער פון דער צווייטער, און דאָך האָט דער רעזשים אַ לאַנגע צײַט ניט געקאָנט בײַ זיך פּועלן צו געבן זיי פולע רעליגיעזע פרײַהייט.

די אַלטע דרײַאייניקייט — איין פאָלק, איין רעליגיע און מאָנאַרכיע — איז געווען דער חוט־המשולש אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון שפּאַניע. בלויז אויף אַ קורצער צײַט (אין די געציילטע יאָרן פון דער צווייטער רעפּובליק) האָט זיך דער חוט־המשולש איבערגעריסן, און די קאָנסטיטוציע האָט פּראָקלאַמירט שפּאַניע ווי אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק, גאַראַנטירט די פרײַהייט פון רעליגיע און אַנולירט דעם פּרינציפּ פון מלוכה־רעליגיע.

אונטער פראַנקאָ איז די פּאָליטישע דרײַאייניקייט צוריק רעסטאַווּרירט געוואָרן. לויט דעם דעקרעט פון פראַנקאָ אין אויגוסט 1939, האָט פראַנקאָ איבערגענומען „די אַבסאָלוטע אויטאָריטעט... און איז צו קיינעם ניט פאַראַנטוואָרטלעך אויסער גאָט און דער געשיכטע". די רוימיש־קאַטוילישע רעליגיע איז ווידער דערקלערט געוואָרן ווי די אָפיציעלע רעליגיע פון מלוכה.[18-19] די פּראָטעסטאַנטישע און די ייִדישע מינאָריטעטן זײַנען געוואָרן אַוועקגעשטעלט אין אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע וואָס שייך זייער עפנטלעכן גאָטסדינסט.

ס'איז קלאָר, אַז די שפּאַנישע רוימיש־קאַטוילישע קירך האָט קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע ליבע צו אירע קריסטלעך־פּראָטעסטאַנטישע ברידער.

וואָס שייך די ייִדן, האָבן טאָרקוועמאַדאָס אייניקלעך סתּם ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ייִדן זאָלן זיך גאָר געפינען אויף דער שפּאַנישער ערד.

ווען עס האָט געהאַלטן דערבײַ (1945), אַז שפּאַניע זאָל מחמת איר רעזשים און אַנדערע חטאים ווערן אויסגעשלאָסן פון די פאַראייניקטע פעלקער („יונײַטעד ניישאָנס"), האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פראַנקרײַך אין אַ בשותּפותדיקער דעקלאַראַציע געלאָזט וויסן דער וועלט זייער האָפענונג, אַז די ליבעראַל־דענקענדיקע שפּאַניער וועלן געפינען אַ וועג, אַז דאָס שפּאַנישע פאָלק זאָל אויף אַ פרײַען אופן באַשטימען די פאָרעם פון זײַן רעגירונג און דערוויילן זײַנע פירערס.

פראַנקאָ האָט פאַרשטאַנען דעם ווונק. ער האָט שנעל רעאָרגאַניזירט דעם קאַבינעט און אַרויסגעלאָזט אַ נײַעם טשאַרטער פון רעכט פאַר דעם שפּאַנישן פאָלק „פועראָ דע לאָס עספּאַנאָלעס", וואָס איז געוואָרן אָנגענומען אין קאָרטעס, די שפּאַנישע נאַציאָנאַלע לעגיסלאַטור.

די הקדמה אין דעם טשאַרטער רעכנט אויס אַ גאַנצע ריי שיינע דערהויבענע באַגריפן פון פרײַהייט און מענטשלעכער ווערדע, וואָס דאַרפן דינען ווי פּרינציפּן פאַר דער שפּאַנישער מלוכה.

אָבער נאָך דער הקדמה קומען דיסקרימינירדיקע אַרטיקלען:

שוין דאָס אַרטיקל 6 דערקלערט, ראשית, אַז „דער גלויבן און דאָס פּראַקטיצירן פון דער קאַטוילישער רעליגיע, וואָס איז די רעליגיע פון דער שפּאַנישער מלוכה, וועט געניסן ספּעציעלע שוץ.

שנית, קיינער זאָל ניט ווערן געשטערט אין זײַן רעליגיעזן גלויבן אָדער אין דעם פּראַקטיצירן פון זײַן קולט אויף אַ פּריוואַטן אופן, אָבער קיין עפנטלעכע צערעמאָניעס אָדער מאַניפעסטאַציעס וועלן ניט ווערן דערלויבט אויסער דער קאַטוילישער רעליגיע".[20-21]

אַזוי אַרום איז אַלץ געבליבן בײַם אַלטן. ניט די פּראָטעסטאַנטן, ניט די ייִדן האָבן געקראָגן דאָס רעכט פון עפנטלעכן גאָטסדינסט אין קירכעס אָדער בתּי־תּפילה.

ערשט מיט 20 יאָר שפּעטער, אין 1965, אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אויף דער וועלט און מחמת דעם עקומענישן גײַסט צווישן אַ צאָל פּראָגרעסיווע קאַטוילישע פירערס, איז נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, אַ גאַנצער ריי גילגולים פון טעקסט־שינויים און לאַנגע פּראָצעדורן דאָס אַרטיקל 6 אין דעם טשאַרטער ענדלעך אַמענדירט געוואָרן אין דעצעמבער 1966.

דער שינוי באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט אין גאַנצן אויסגעלאָזן דער אויסדרוק „פּראַקטיצירן פון זײַן קולט אויף אַ פּריוואַטן אופן" און לייענט זיך: אַז „די מלוכה וועט באַשיצן די רעליגיעזע פרײַהייט, וואָס זאָל זײַן גאַראַנטירט דורך אַ שטאַרקער יורידישער שוץ, וואָס זאָל אין דער זעלבער צײַט פאַרזיכערן די מאָראַל און די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג".[22] דער קאָרטעס האָט זיך אָבער גיך דערשראָקן פאַר זײַן „צו פּראָגרעסיוון" שריט און אין עטלעכע חדשים אַרום אָנגענומען אַ צוגאָב־אַמענדמענט, וואָס צילט צו פאַרזיכערן פאַר דעם רעזשים אַ קאָנטראָל איבער די רעליגיע־אינסטיטוציעס פון די מינאָריטעטן.

לויט דעם צוגאָב־אַמענדמענט דאַרפן אַלע קירכעס אויסער דער קאַטוילישער, צושטעלן דער רעגירונג די נעמען פון זייערע מיטגלידער און אויך די קאָנטע אויסצוגן וועגן זייער טעטיקייט.[23] און אונטער אָט דעם רעגלאַמענט עקסיסטירן איצט די פּראָטעסטאַנטישע קירכעס און די ייִדישע בתּי־תּפילה אין מאַדריד און באַרצעלאָנע.

אויך אין דעם פּרט פון פרײַהייט פון וואָרט און פּרעסע, האָבן מיר אַ בײַשפּיל פון היפּאָקריטסטווע און רעפּרעסיע אונטער דעם פראַנקאָ־רעזשים.

לויט דעם אַרטיקל 12 אין דער קאָנסטיטוציע, האָט יעדער שפּאַניער דאָס רעכט פרײַ אויסצודריקן זײַנע געדאַנקען און מיינונגען „אַזוי לאַנג ווי זיי זײַנען ניט קעגן די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער רעגירונג און שטעלן זיי ניט אין סכנה״.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען קען קיין רייד ניט זײַן וועגן פּרעסע־פרײַהייט, ווײַל די מינדסטע קריטיק איבער דער טעטיקייט פון דעם רעזשים קען פון דער מאַכט ווערן לײַכט אויסגעטײַטשט ווי אַן אופן פון שטעלן אין סכנה די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן פון דער רעגירונג.

אין 1966 זײַנען עטלעכע יעזויִטישע צײַטונגען אַרויסגעקומען מיט אַ פאַרטיידיקונג פאַר די יונגע גלחים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די סטודענטישע דעמאָנסטראַציעס, און פּראָטעסטירט קעגן דעם ברוטאַלן אופן ווי די פּאָליציי האָט באַהאַנדלט די דעמאָנסטראַנטן. יענע צײַטונגען זײַנען שנעל קאָנפיסקירט געוואָרן.

פינף אַנדערע צײַטונגען, וואָס האָבן יענעם יאָר געוואַגט זיך אײַנצושטעלן פאַר דער פרײַהייט פון פּרעסע, זײַנען אויך געוואָרן קאָנפיסקירט. זינט דעמאָלט איז די צענזור נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין 1967 האָט דער קאָרטעס געהעכערט די שטראָף אויף 6 יאָר תּפֿיסה פאַר איבערטרעטן די ראַמען פון געזעץ פון „פּרעסע פרײַהייט״ און אויף 12 יאָר תּפֿיסה פאַר דרוקן באַליידיקנדיקע באַמערקונגען וועגן דעם רעזשים אָדער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די פונדאַמענטאַלע געזעצן פון לאַנד.

בלויז אין משך פון צוויי יאָר (1966—1968) זײַנען צײַטונגען אין 339 פאַלן צוגעצויגן געוואָרן צום געריכט פאַר איבערטרעטן דאָס געזעץ. אין 1969 איז די רעגירונג געגאַנגען נאָך ווײַטער און דערקלערט נויט־מצב („סטייט אָוו עמוירדזשענסי״), און די פרײַהייט פון פּרעסע איז געוואָרן אין גאַנצן אָפּגעשאַפט. לויט דער פאַראָרדענונג, דאַרף דער לייען־מאַטעריאַל אין דער צײַטונג פריִער דורכגיין אַ שטרענגע צענזור. [24]

דער פראַנקאָ־רעזשים איז געקומען נאָך אַ לאַנגען בירגערקריג, וואָס האָט געבראַכט ניט ווייניקער ווי אַ האַלבן מיליאָן געהרגעטע און אַן ענלעכע צאָל פאַרוואונדעטע.

אויסגעמאַטערט פון בירגערקריג, האָט דאָס פאָלק געדאַרשט נאָך רו, און דאָס איז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, פאַר וואָס דער פראַנקאָ־רעזשים האָט באַוויזן זיך צו האַלטן אַזוי לאַנג.

אָבער די לאָזונגען „25 יאָר פון פרידן״, „30 יאָר פון פרידן״ — אויף פּלאַקאַטן, מיט וועלכע דער רעזשים האָט ביז איצט געשפּײַזט דאָס פאָלק — האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער היפּנאָטישן כּוח.

די אומצופרידנקייט וואַקסט סײַ בײַ די אַרבעטערס סײַ בײַ די פויערים און בײַ דער שטאָטישער אינטעליגענץ.

ס׳איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס דווקא דעם 29סטן אָקטאָבער 1969, פּונקט צום 30סטן געבוירן־טאָג פון דער פאַלאַנגאָ־פּאַרטיי, איז פּלוצלונג געקומען די אָפיציעלע דערקלערונג וועגן שינויים אין דער מיניסטאָרן־קאַבינעט מיט זייער אַ גרויסער צאָל אָפּוס־דעי מיטגלידער אויף די וויכטיקסטע אַמטן.

די פאַלאַנגיסטן־פּאַרטיי און די רעגירונגס סינדיקאַטן הייבן אָן פאַרלירן זייער אײַנפלוס, און מען קען ניט זאָגן, אַז די פירערס אין דער פאַלאַנגאָ־פּאַרטיי וועלן בלײַבן צופרידענע מיט דעם איצטיקן אומבײַט פון כוחות אין דעם קאַבינעט. קיין דויערדיקן שלום־בית אין דער רעגירונג קען מען ניט דערוואַרטן.

די פאַלאַנגיסטישע פּאַרטיי און די רעגירונג־סינדיקאַטן הייבן אָן פאַרלירן זייער השפעה. פראַנקאָ איז שוין אַלט. די אַרבעטערס ווערן אַלץ באַוווסטזיניקער. די סטודענטשאַפט, די אינטעליגענץ און אַפילו טיילן פון דער גלחימשאַפט ווערן קעמפערישער. מען קען דעריבער פאָרויסזען גרויסע ראַדיקאַלע געשעענישן אין שפּאַניע.

1. Madariaga, Salvador de, Spain, A Modern History, pp. 615—620. Praeger Publishers New York, Washington, 1967; Encyclopaedia Britannica, Vol. 21, p. 195.

2. Madariaga, Salvador de, p. 137.

3. Madariaga, Salvador de, pp. 138—140.

4. Labor Law and Practice in Spain. U.S. Dept. of Labor, B.L.S. Report 289, April 1965.

5. Madariaga, Salvador de, p. 615.

6. Statistical Abstract of U.S., 1969, pp. 790—794.

7. Labor Development Abroad, U.S. Labor Statistics, Dec. 1968, Vol, 13, No. 12, p. 6; also, Statistical Abstract of U.S. 1969, pp. 790—794.

8. Madariaga Salvador de, pp. 633—636.

9. Charter of Rights in Constitution of Nations, Vol. III, pp. 826 etc., Article 27. Printed in Netherlands by Ames J. Peaslee, 1968.

10. Labor Development Abstact etc. 1968, Vol. 13, No. 12, p. 6.

11. Monthly Bulletin of Statistics (Bulletin Mensuel de Statistique), May 1970.

12. Ibid.

13. Labor Development Abroad. U.S. Report of Labor, April 1968, Vol. 13, No. 14, p. 15.

14. James Michener, Iberia. Fawcett Publ., Greenwich, Conn., 1969, pp. 466—474.

15-16. Economic and Social Development Program for Spain, 1964—1967, John Hopkins Press Baltimore, Md., p. 194;
Encyclopaedia Britannica, 1969, p. 687.

17. Sulzberger, C. L. New York Times, Sunday, May 17, 1970. אַן ענלעך בילד האָב איך געזען בעת מײַן באַזוך אין די אוניווערסיטעטן אין מאַדריד און באַרצעלאָנע.

18-19. Carr, Raymond, Spain 1808—1939. Oxford, 1966, p. 361. See also : Madariaga, Salvador de, pp. 606-642; Constitution of Nations, Vol. III, pp. 77-78. First compilation by Amos J. Peaslee, 1950, Ramford Press, Concord, N. H. See also : Modern Constitutions by Walter Fairleigh Dodd, Vol. 201 Chicago U. Press, 1969.

20-21. Constitutions of Nations, Vol. III, 826 etc. Printed in Netherlands by Amos Peaslee, 1968, p. 826.

22. Ibid. p. 826.

23. Encyclopaedia Britannica, Vol. 1968, "Spain".

24. New Leader, Nov. 24, 1969; Madariaga, Salvador de, p. 630

דער ייִדישער ייִשוב אין איטאַליע

א. היסטאָרישער הינטערגרונט.

ערב דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז דער ייִשוב אין איטאַליע געווען פולשטענדיק אײַנגעגלידערט אין לאַנד. עמאַנציפּירט בירגערלעך און פּאָליטיש, האָבן די ייִדן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון איטאַליע. עס איז גענוג צו דערמאָנען די ייִדן לוצאַטו, זייער אַ חשובן פּראָפעסאָר אין יוריספּרודענץ און דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, וואָס איז 1910 געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער, ווי אויך טשעזאַרא לאָמבראָזאַ, אַליין אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ באַרימטער ייִדישער משפּחה, אַ גרויסער וויסנשאַפטלער פון אַ שיטה אין פּסיכאָלאָגיע.[1]

די עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט דעם אײנצלנעם ייִדן געבראַכט גרויסע מעגלעכקייטן און אַ סך נוצן, האָט אָבער גורם געווען אַ סך שאָדן דעם אָרגאַניזירטן ייִדישן ייִשוב. דער פריִערדיקער געטאָ־ייִד האָט זיך דערפילט ווי אַ פרײַער איטאַליענער און אָנגעהויבן באַטראַכטן זײַן אָנגעהעריקייט צו דער ייִדישער קהילה ווי אַן ענין פון פרײַען אויסוואַל. טייל ייִדן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער פאַרבונדנקייט צום ייִדישן פאָלק און איז מיט דער צײַט אַוועק פון דער ייִדישער קהילה. אָט דער פּראָצענט פון אַסימילאַציע, באַזונדערס צווישן די גאָר פאַרמעגלעכע ייִדן, האָט זייער שלעכט זיך אויסגעווירקט אין דעם רעליגיעזן און קולטורעלן לעבן פון דעם ייִשוב.

הויכע לערן־אַנשטאַלטן, ווי די רבנישע אַקאַדעמיעס אין פּאַדואַ און ליוואָרנע, וואָס האָבן פריִער פאַרנומען אַ חשוב אָרט צווישן די רבנישע שטודיר־מוסדות אין אייראָפּע, זײַנען מיט דער צײַט אַרונטער פון זייער גדולה און זייער השפּעה אין ייִדישן לעבן איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. די שיינע, רײַכע סינאַגאָגעס, וואָס דער ייִשוב האָט געהאַט אויסגעבויט מיט אַזוי פיל כוונה, האָבן אָנגעהויבן פּוסטעווען. דער ייִדישער חינוך האָט אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ, עטלעכע ישיבות אין לאַנד האָבן זיך געשלאָסן.

די הויכע פּאָזיציעס אין דעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן, וואָס אַ צאָל ייִדן האָבן דערגרייכט, זײַנען געווען גרויס אין די אויגן פון דעם ניט־ייִדישן אַרום, און עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספער פון קינאה־שינאה צום ייִדישן ייִשוב. צו דער דאָזיקער אַטמאָספער האָבן די קלויסטערס צוגעטראָגן זייער טראַדיציאָנעלן חלק האַס צו ייִדן.

צוויי טראַגישע געשעענישן בײַם סוף פון דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט — דער בלוט־בילבול און דער פּאָגראָם אין קאָרפו (1891) און דער דרײַפוס־פּראָצעס (1894), וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט — האָבן אויך אויפגעוועקט אין די איטאַליענישע ייִדן זייער געפיל פון ייִדישער ווערדע, און דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט גענומען אַרײַנדרינגען אין דעם ייִדישן ייִשוב.

ניט ווייניק האָט דערצו בײַגעטראָגן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן עפנטלעך אין דער איטאַליענישער פּרעסע. די מלחמה צווישן איטאַליע און טערקײַ האָט געגעבן די אַנטיסעמיטן אַ געלעגנהייט פּאַר עפנטלעכע באַשולדיקונגען, למשל, אַז די איטאַליענישע רעגירונג געפינט זיך אין די הענט פון די ייִדן און די מאַראַנען, וואָס זײַנען ניט קיין איטאַליענישע פּאַטריאָטן.

דער עפנטלעכער אַנטיסעמיטיזם האָט געצוווּנגען אַפילו ייִדן אין די אַסימילאַטאָרישע קרײַזן זיך צו פאַרטראַכטן וועגן זייער גורל און וועגן דעם גורל פון דעם ייִדישן פאָלק. דער ציוניסטישער געדאַנק האָט אָנגעהויבן ציִען צו זיך מער און מער אָנהענגערס. די אידייע פון אַ ייִדיש־נאַציאָנאַלן אויפלעב איז געקומען צום אויסדרוק צום ערשטן מאָל אויף דעם צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער יוגנט אין פלאָרענץ (1911).

ווי אַ פּועל־יוצא פון יענער קאָנפערענץ זײַנען אין עטלעכע שטעט געשאַפן געוואָרן קולטורקרײַזן פון ייִדישער יוגנט „פּראָ קולטוראַ העבראַיִקאַ״. דער צווייטער צוזאַמענפאָר אַ יאָר שפּעטער האָט אויפגענומען די פראַגע פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל.

די לאַגע פון די ייִדן אין די אַנעקסירטע אַפריקאַנער פּראָווינצן אין טריפּאָלי און קירענייקאַ (פאַראייניקט אונטערן נאָמען ליביע) און די פראַגע פון ייִדישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל זײַנען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער דריטער קאָנפערענץ. דער אַלץ־שטײַגנדיקער אינטערעס אין ציוניזם איז אָבער אַ צײַט געוואָרן איבערגעריסן מחמת דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.[2]

ב. דער ייִדישער ייִשוב אונטערן פאַשיסטישן רעזשים

נאָך דעם ערשטן וועלטקריג איז איטאַליע געשטעלט געוואָרן פאַר אַ סך נסיונות און דורכגעמאַכט אַ סך פּאָליטישע שינויים. די געדריקטע עקאָנאָמישע לאַגע און די אינעווייניקסטע געוואַלטיקע פּראָבלעמען אין לאַנד האָבן געפירט צו שאַרפע חילוקי־דעות צווישן די איטאַליענישע פּאַרטייען.

די פאַשיסטישע פּאַרטיי, וואָס איז דורך דער צײַט אויסגעוואַקסן, האָט סוף־סוף דערפילט איר כּוח און באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן די מאַכט. אין אָקטאָבער 1922 האָט מוסאָליני, דער פירער דער פאַשיסטישער פּאַרטיי,

דערקלערט אָפֿן אַן אולטימאַטום, אַז „אָדער די רעגירונג גיט זיך איבער צו אונדז אָדער מיר וועלן פֿאַרכאַפּן די מאַכט, מאַרשירנדיק אויף רוים."[3] ער האָט דעם סטראַשונעק אויסגעפֿירט. דרײַ טעג שפּעטער האָט מוסאָליני פֿאַרכאַפּט די מאַכט. די אַלע נײַע געזעצן, וואָס די פֿאַשיסטישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן גלײַך אין אָנהייב פֿון איר אַרבעט, צייכענען זיך אויס מיט אַ דיקטאַטאָרישן גײַסט.

דאָס שטרענגע רעגולירן די עקאָנאָמיע, דאָס אונטערדריקן אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען ; דאָס אויפֿלעבן דאָס געזעץ פֿון טויטשטראָף ; דאָס באַגרענעצן דאָס רעכט פֿון יחיד ; פּרווו צו איטאַליעניזירן די מינאָריטעטן אין איטאַליע (200,000 דייטשן און 500,000 סלאָוואַקן) — דאָס אַלץ כאַראַקטעריזירט דעם פֿאַשיסטישן רעזשים.

צווישן מוסאָלינין און זײַנע אָנהענגערס האָט אין אָנהייב געהערשט אַ שטילער הסכם.: מוסאָליני וועט האָבן די אויטאָריטעט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון מאַכן באַשלוסן און זיי וועלן אָנפֿירן מיט דער אַדמיניסטראַציע און דורכפֿירן די באַשלוסן. די אַדמיניסטראַציע האָט שוין געזאָרגט, אַז אין אַלע פֿאַלן זאָל מוסאָליני אַרויסקומען דער גערעכטער. אויף אַלע פּלאַקאַטן און אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע־אויפֿשריפֿטן איז דאָס לעצטע שלאָגוואָרט תּמיד געווען : מוסאָליני איז שטענדיק גערעכט.[4]

„דער צוואַנציקסטער יאָרהונדערט וועט זײַן דער יאָרהונדערט פֿון פֿאַשיזם און אין צען יאָר אַרום וועט גאַנץ אייראָפּע זײַן פֿאַשיסטיש" — האָט מוסאָליני דערקלערט בנוסח נבואה.

עס איז וויכטיק צו געדענקען, אַז דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען דער איטאַליענישער פֿאַשיזם האָט ניט געהאַט קיין מגע־ומשא מיטן דײַטשישן נאַציזם. מוסאָליני, דער געוועזענער סאָציאַליסט, האָט געהאַט אַ סך פֿרײַנד צווישן ייִדן און האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צום ייִדישן יישובֿ אין איטאַליע. זייער אָפֿט פֿלעגט ער אויסרימען איטאַליע ווי דאָס לאַנד, ווו ייִד און קריסט לעבן בשלום און דערבײַ אויך צוגעגעבן, אַז ייִדן זײַנען דאָס אייניציקע פֿאָלק, וואָס האָט געגעבן אַ גאָט דער מענטשהייט. ייִדן, פֿלעגט ער אָנווײַזן, האָבן אַ סך בײַגעטראָגן צו דער מערבֿדיקער ציוויליזאַציע און אַז אין איטאַליע איז ניטאָ קיין חילוק צווישן ייִד און קריסט.

די איטאַליענישע ייִדן האָבן מוסאָליניס דערקלערונגען באַטראַכט ווי די אָפֿיציעלע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג, און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ייִדן זאָלן אַרײַנטרעטן אין דער פֿאַשיסטישער פּאַרטיי. אין 1922 האָבן 750 ייִדן זיך פֿאַרשריבן ווי מיטגלידער און אין 1933 איז זייער צאָל געשטיגן צו 4,320. עטלעכע ייִדן האָבן אַפֿילו פֿאַרנומען הויכע פּאָזיציעס אין די רעגירונג־אַנשטאַלטן. דער ייִד לודאָוויקאָ מאָרטאַראַ איז אַ לאַנגע צײַט געווען פּרעזידענט פֿון דעם אַפּעלאַציע־געריכט און אַ צײַט אויך פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון יוסטיץ־מיניסטער.[5]

אין דעם איטאַליענישן סענאַט זײַנען אין 1933 נאָך געװען 26 ייִדן. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער פאַשיסטישער רעזשים איז געווען אַזוי פּאָזיטיוו אײַנגעשטעלט צום איטאַליענישן יישוב.

דאָס געזעץ פון 1925 קעגן די מאַסאָנישע פאַראיינען, וואָס האָט געפאָדערט, אַז די רשימה פון זייערע מיטגלידער זאָל צוגעשטעלט ווערן צו די רעגירונג־מוסדות, האָבן די ייִדן מיט רעכט באַטראַכט ווי געצילט קעגן זיי, מחמת די רעאַקציאָנערן האָבן שטענדיק געטענהט, אַז ייִדן פילן אָן די רייען פון די מאַסאָנען און האָבן אַ שטאַרקע השפעה אויף דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

די איטאַליענישע ייִדן זײַנען אויך געוואָרן זייער סענסיטיוו בעת דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די מינאָריטעטן אין איטאַליע (דײַטשן און סלאָוואַקן). די ייִדן האָבן אין דעם דערפילט, אַז דאָס מיינט מען אויך זיי. אַ שטאַרקן גרונד צו אַזאַ געפיל האָט געגעבן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס איז אין יענער צײַט אָנגעפירט געוואָרן פון די רעאַקציאָנערע כוחות, און האָבן בײַ ייִדן אויפגעוועקט אַ טיפן פאַרלאַנג זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער ייִדישער קהילה.

עס איז ניט קיין צופאַל, אַז צום ייִדישן יוגנט־קאָנגרעס אין ליוואָרנע אין 1924 זײַנען געקומען ניט נאָר נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדן, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס האָבן וויייניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט זייערע ייִדישע קהילות און זייערע טעטיקייטן. די דעבאַטעס אויף יענעם קאָנגרעס זײַנען געפירט געוואָרן ניט נאָר וועגן ציוניזם, ייִדישער קולטור, אַרבעט צווישן דער יוגנט, נאָר אויך וועגן אַסימילאַציע.

דער אינטערעס אין ייִדיש־נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט דעם אויך די טעטיקייט פון דער ייִדישער יוגנט.

די פאַשיסטן האָבן אויף אַ בייזוויליקן אופן אויסגענוצט די אָפיציעלע ציוניסטישע פּובליקאַציעס צו באַווײַזן, אַז די איטאַליענישע ייִדן באַטראַכטן זיך ניט ווי בירגערס פון לאַנד און זײַנען דעריבער ניט ווערט קיין צוטרוי פון דער רעגירונג.

ניט איין מאָל האָט דער הויפּט־רב פון רוים אַנדזשעלאָ סאַסעדאָטי געמוזט קומען צו מוסאָלינין און אים פאַרזיכערן, אַז די אויסגעדריקטע מיינונגען אין די ציוניסטישע פּובליקאַציעס זײַנען בלויז פון יחידים ; אַז ציוניזם איז בלויז אַ קולטור־באַוועגונג פאַר אויפלעבן די ייִדישע קולטור ; אַז בלויז אַ נישטיקע צאָל ייִדן האָבן פאַרלאָזן איטאַליע און אַז אַלץ גרעסער ווערט די צאָל ייִדן, וואָס פאַרשרײַבן זיך אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי.[6]

מוסאָליני אַליין האָט אין זײַנע באַזונדערע קאָנפערענצן מיט די ציוניסטישע פירערס חיים ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו און ד״ר יאַקאָבסאָן אויסגעדריקט זײַן אינטערעס און סימפּאַטיע פאַרן ציוניסטישן געדאַנק און אַפילו אויסגעדריקט זײַן גרייטקייט באַהילפיק צו זײַן אין די ציוניסטישע שטרעבונגען. סאָקאָלאָוו פון זײַן זײַט האָט געזאָגט, אַז פאַשיזם איז

אימוניזירט קעגן אַנטיסעמיטיזם. „מיר פאַרשטייען איצט דעם מהות פון פאַשיזם", האָט ער געזאָגט מוסאָלינין און אים פאַרזיכערט, אַז אמתע ייִדן האָבן קיין מאָל ניט געקעמפט קעגן אים.

די אַנטיסעמיטישע כּוחות זײַנען אָבער אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט און געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו ווירקן אויף דער רעגירונג אָנצונעמען אַנטי־ייִדישע געזעצן. אין 1929 איז די דעפּוטאַטן־קאַמער געווען גרייט דורכצופירן אַ געזעץ צו פאַרמאַכן אַלע סינאַגאָגעס, נאָר אַ דאַנק מוסאָלינים השפּעה איז עס אין דער לעצטער מינוט דורכגעפאַלן.

„עס איז לעכערלעך צו טראַכטן, אַז די סינאַגאָגעס דאַרפן ווערן צוגעמאַכט", האָט מוסאָליני דערקלערט אין זײַן רעדע, „ייִדן זײַנען דאָ אין רוים נאָך פון די צײַטן פון די ייִדישע מלכים".[7]

ביז 1922 איז דער לעגאַלער סטאַטוס פון די ייִדן אין איטאַליע ניט געווען קלאָר. דער פאַראיין פון די איטאַליענישע קהילות, וואָס האָט עקסיסטירט פון 1911, איז געווען געבויט אויפן יסוד פון פרײַוויליקן אויסקלײַב. לויט אַ שפּעטערדיקן געזעץ זײַנען עטאַבלירט געוואָרן 26 אָנערקענטע קהילות ווי לעגאַלע קערפּערשאַפטן. יעדער ייִד ווערט באַטראַכט ווי אַ מיטגליד פון דער קהילה. אַ ייִד, וואָס וויל ניט געהערן צו זײַן קהילה, מוז צושטעלן אַ שריפטלעכע דערקלערונג, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון ייִדישקייט. די אָנערקענטע קהילות, וואָס זײַנען מחויב צו זאָרגן פאַר די רעליגיעזע באַדערפענישן און בכלל פאַר דעם וווילזײַן פון זייערע מיטגלידער, דאַרפן זײַן פאַראייניקט אין אַ פאַרבאַנד, וואָס טראָגט די אחריות פאַר דעם גאַנצן ייִדישן ייִשוב און איז זייער פאָרשטייער פאַר דער רעגירונג. דער פאַרבאַנד האָט דאָס רעכט אויפצומאָנען שטייערן פון די מיטגלידער, באַשטימען אַ רב פאַר יעדער קהילה, ווי אויך רבנים־פאָרשטייערס צו דער רעגירונג.[8]

דער פאַשיסטישער רעזשים איז וואָס אַ יאָר אַלץ מער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון נאַציזם און מוסאָלינים פּירערשאַפט אין זײַן פּאַרטיי און אין דער רעגירונג איז געוואָרן אַלץ שוואַכער. מסתּמא אין אַ מאָמענט פון חשבון־הנפש זאָל מוסאָליני האָבן דערקלערט, אַז דעם העכסטן שטאַפּל פון זײַן פּירערשאַפט און פּרעסטיזש האָט ער דערגרייכט אין 1937. אָבער דאָס איז אמת אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער האָט זיך ביז יענער צײַט באַטראַכט ווי דער אַליין־הערשער אין איטאַליע, ווײַל שוין אין אָקטאָבער 1937 איז ער געוואָרן דיקטירט פון היטלערן.

אין די יאָרן 1925—1936 האָט מוסאָליני געהאַט אַ סך דורכפאַלן אין זײַן אויסן־פּאָליטיק, וואָס האָבן אים געבראַכט פיל אַנטוישונגען. זײַן ניט־געלונגענער פּרווו צו איטאַליעניזירן די מינאָריטעטן אין צפון־איטאַליע אויף די גרענעצן מיט עסטרײַך און יוגאָסלאַוויע ; זײַן אַנטוישונג אין דעם פאַקט, וואָס האָט געזאָלט פירן צו אַ נאָענטער פרײַנדשאַפט מיט עסטרײַך (1934) ; זײַן מלחמה מיט אַבעסיניע

(1935־1936), וואָס האָט געבראַכט עקאָנאָמישע סאַנקציעס קעגן איטאַליע — דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט דער גערדיקטער לאַגע אין לאַנד, האָט געשטויסן מוסאָלינען נאָענטער צו היטלערן — אַ געשעעניש, וואָס איז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל פאַר איטאַליע און במילא פאַר דעם ייִדישן יישוב דאָרטן.

ווי אַ סך אַנדערע האָט אויך מוסאָליני געגלייבט אין דעם כּוח פון קרובהשאַפט און ענגער פאַרבינדונג צווישן אַלע ייִדן אויף דער וועלט און אַז עס עקסיסטירט אַן אינטערנאַציאָנאַל ייִדנטום מיט אַ גרויסער השפּעה אין דער וועלט־פּאָליטיק. כּל־זמן ער האָט געהאָפט, אַז ער וועט דורך דער ייִדישער השפּעה קענען באַקערן ענגלאַנד און פראַנקרײַך אויף זײַן זײַט, איז זײַן באַציִונג צו ייִדן בכלל און צום ייִדישן יישוב אין איטאַליע בפרט געווען אַ פרײַנדלעכע. אָבער נאָך זײַן אַנטוישן זיך אין דער האָפענונג אויף דער פרײַנדשאַפט פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, האָט זיך געביטן זײַן באַציִונג צו ייִדן און ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם ציוניזם ווי ענג פאַרבונדן מיט די אינטערעסן פון ענגלאַנד אויפן מיטל־מיזרח.

אין 1936 האָט געבעלס, דער רײַך־מיניסטער פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין דײַטשלאַנד, זיך געטראָפן אין ווענעציע מיט מוסאָליניס מיניסטער דינאַ אַלפערי און זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן, באָלשעוויקעס און ציוניסטן. אַ ווילדע סעריע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן אין „איל פּאָפּאָלאָ ד׳איטאַליאַ״.[9] יענער פּלאַן און סעריע אַרטיקלען זײַנען געווען אַן אָנזאָג אויף דער ראַסיסטישער פּאָליטיק, וואָס איטאַליע האָט בדעה אײַנצופירן לגבי ייִדן.

כּדי דורכצופירן אַזאַ ראַסן־פּאָליטישע ליניע, האָט מען קודם־כּל געמוזט אויפקלערן, אַז די איטאַליענער זײַנען אַ באַזונדערע ראַסע מיט אַ רײַן־אַרישן שורש און אַז זיי פאַרמאָגן אַלע כאַראַקטער־שטריכן פון צפונדיקע אַריער.[10]

אַזאַ אויפקלערונג־מאַניפעסט איז אין גיכן צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אַ גרופּע דײַטשישע וויסנשאַפטלערס און איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אונטערן נאָמען: „דיטשע ראַציאָנע דעללאַ ראַצצאַ״, מסתּמא ניט אָן וויסן פון מוסאָלינין.

אין מאַניפעסט ווערט דערקלערט, אַז ייִדן זײַנען אַן עלעמענט, וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט אינטעגרירט אין דעם איטאַליענישן פאָלק. די רעגירונג ווערט דעריבער גערופן אײַנצופירן אַזעלכע געזעצן בנוגע ייִדן, וואָס זאָלן זײַן אין הסכּם מיט דער אָנגעצייכנטער ראַסן־פּאָליטיק.

ג. אונטער דער נאַצישער הערשאַפט

אין 1937 הייבט זיך אָן די נאַצישע הערשאַפט אין איטאַליע. די פאַשיסטישע פּאַרטיי ווערט די רעכטע האַנט פון דער נאַצישער מאַכט. די

איטאַליענישע רעגירונג ווערט דעגראַדירט צו אַן אָרגאַן, וואָס דאַרף אויף אַן אָפיציעלן אופן אַרויסגעבן געזעצן, לכתחילה אָנגענומענע דורך דעם העכסטן ראַט פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי.

אין הסכם מיט דער ראַסן־פּאָליטיק האָט דער העכסטער ראַט צו ערשט אָנגענומען צוויי גזירות קעגן די ייִדן: 1) דעפּאָרטירן אַלע ייִדן, וואָס זײַנען געקומען קיין איטאַליע נאָך 1919. 2) פאַרבאָטן ייִדן צו שטודירן אין אוניווערסיטעטן אָדער פאַרנעמען שטעלעס פון פּראָפעסאָרן אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן.

אַ ספּעציעלער דעפּאַרטאַמענט פאַר דעמאָגראַפיע איז געשאַפן געוואָרן צו האָבן השגחה, אַז די ראַסן־פּאָליטיק ווערט אויסגעפירט אין אַלע מלוכהשע אינסטיטוציעס.

די צוויי גזירות זײַנען געווען אַן אָנזאָג אויף נאָך ערגערע שיקאַנעס.

דעם 17טן נאָוועמבער 1938 זײַנען אויף דער רעקאָמענדאַציע פון העכסטן פּאַרטייראַט פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ גאַנצע ריי געזעצן, וואָס האָבן געצילט ניט נאָר צוצונעמען בײַ די ייִדן זייערע בירגערלעכע רעכט, נאָר אויך זיי אָוועקצושטעלן אויסערן געזעץ, אָן אַ שמץ שוץ.

די געזעצן האָבן פאַרבאָטן געמישטע חתונות צווישן ייִדן און אַריער; ייִדן ווערן ניט אַרײַנגענומען אין דער אַרמיי; ייִדן ווערן אויסגעשלאָסן פון די רעגירונג־אינסטיטוציעס אָדער געזעלשאַפטלעכע מוסדות, חוץ יענע, וואָס זײַנען פאַרוואַלט געוואָרן אָדער באַקומען אויסצייכענונגען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; ייִדן טאָרן ניט זײַן קיין שותפים מיט אַריער אין אַ געשעפט; ייִדן טאָרן ניט אַרויסגעבן קיין צײַטונגען אָדער אַנדערע פּובליקאַציעס, ניצן עפנטלעכע ביבליאָטעקן, פאַרווײַלונג־ערטער אאַז״וו.

די און נאָך אַנדערע גזירות אין נוסח פון די נירנבערגער געזעצן אין דײַטשלאַנד פון 1935 האָבן פאַרזיגלט דעם גורל פון דעם ייִדישן ייִשוב אין איטאַליע.

די נאָוועמבער־געזעצן זײַנען געווען אַ טויטקלאַפּ פאַר די איטאַליענישע ייִדן, וואָס זײַנען געווען געוווינט זיך צו באַטראַכטן ווי פולע איטאַליענער אויף אַלע געביטן פון לעבן.

דעם 29סטן נאָוועמבער 1938 איז דער באַרימטער רעדאַקטאָר פון מאָדענאַ אַנדזשעלאַ פאָרטונאַטאַ פאָרמאַגיני באַגאַנגען זעלבסמאָרד דורך אַרונטערוואַרפן זיך פון אַ הויכן טורעם. „איך מוז דעמאָנסטרירן דעם גרויליקן אַבסורד פון דער ראַסן־פּראָקלאַמאַציע און וויל ציִען דעם אויפמערק צו מײַן פאַל, וואָס איז טיפּיש פאַר אַלע אַנדערע פאַלן"—האָט ער געשריבן אין זײַן בריוו צו זײַן פרוי.

אַנדזשעלאַ פאָרמאַגיני איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין איטאַליע עטלעכע הונדערט יאָר. אַליין איז ער געווען אַ זון פון אַ געשמדט פּאָרל.[11-12]

און דאָס איז ניט געווען דער איינציקער פאַל.

דערוויסנדיק זיך וועגן די ראַסן־געזעצן, האָט דער מעדאַלירטער פּאָלקאָווניק סעגרע אַרויסגעפירט זײַן רעגימענט אויף אַ פּאַראַד און מיט אַ צייכן פון „זײַ געזונט" זיך דערשאָסן פאַר די אויגן פון זײַנע סאָלדאַטן.

דער גענעראַל אַסקאָלי האָט זיך דערשאָסן אין זײַן אייגן הויז.[13]

אַנדערע האָבן געפונען אַן אַנדער אויסוועג—שמד. אין די יאָרן 1938־1939 האָבן 3,910 ייִדן זיך געשמדט.

אין יוני 1940 איז איטאַליע אַרײַן אין קריג אויף דער זײַט פון דײַטשלאַנד. ערשט אין דרײַ יאָר אַרום האָבן די אַלײַרטע אַרמייען פאַרנומען דרום־איטאַליע. דער צפון־טייל און דער צענטער פון איטאַליע—דער שטח, וווּ עס האָבן זיך געפונען די מערסטע ייִדישע יישובים—איז געבליבן אין די הענט פון די נאַצישע חיילות. די אמתע באַלעבאַטים פון לאַנד זײַנען געוואָרן די דײַטשן. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ נאַציסטישע רעגירונג אונטערן נאָמען „די איטאַליענישע פאַשיסטישע רעפּובליק" מיט מוסאָליניִן בראָש און גענומען דורכפירן זייער טײַוולאָנישן פּלאַן פון אויסראָטן דעם ייִדישן יישוב.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אומברחמנותדיקע „אַקציעס" צו כאַפּן ייִדן און זיי דעפּאָרטירן אין די דײַטשע טויטלאַגערן. טייל ייִדן האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און פּרובירט שוואַרצן די גרענעץ קיין שווייץ. אַנדערע האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען אַ מקום־מיקלט אין די היימען פון פרײַנדלעכע איטאַליענישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס.

אין די אַכזריותדיקע יאָרן זײַנען אומגעקומען אַרום 8,000 ייִדן. בײַם סוף פון דער מלחמה האָבן די ניצול־געוואָרענע זיך גענומען אומקערן צו זייערע אַלטע יישובים. צווישן די 56,000 צוריקגעקומענע זײַנען געווען אַן ערך 26,000 ייִדן־פּליטים פון צענטראַל־און מיזרח־אייראָפּע.[14]

ד. דער איצטיקער ייִדישער יישוב

גלײַך נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דאָס שטאַרק־אָפּגעשוואַכטע איטאַליע גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי זיך צו באַפרײַען פון דעם מלחמה־קאָשמאַר און ווי צו געפינען אַן אויסוועג פון די קאָמפּליצירטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעמען, די נאָכווייענישן פון צווייטן וועלטקריג.

אין אַזאַ צושטאַנד האָט די שארית־הפליטה פון דעם איטאַליענישן ייִדנטום געטראָפן דאָס לאַנד, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע היימען. עס איז אַ גרויסער ספק, צי זיי וואָלטן געקענט אַליין אויפבויען צוריק אַ נאָרמאַל־פונקציאָנירנדיק ייִדיש לעבן, ווען דאָס וועלט־ייִדנטום מיט זײַנע הילף־אָרגאַניזאַציעס — דזשאָינט, אָרט, אָזע, ייִדישער וועלטקאָנגרעס — וואָלט ניט געקומען צו הילף.

צו ערשט האָבן די גרעסערע און קלענערע יישובים אויסגעטיילט פון זיך מנהיגים, וואָס האָבן גענומען אָרגאַניזירן לאָקאַלע „קאָונסילס" און

זייערע באַזונדערע טעטיקייטן. אין מײַ 1946 האָבן די „קאָונסילס" אויפגעשטעלט אַ פאַרבאַנד פון די ייִדישע קהילות אין איטאַליע, וואָס האָט זיך גענומען ענערגיש צום ווידעראויפבוי פון דעם ייִשוב.

מיט דער שטיצע פון די ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס האָבן די קהילות אָנגעהויבן צוריק אויפשטעלן די סינאַגאָגעס אין טורין, פלאָרענץ, ליוואָרנע, רוים און אַנדערע שטעט. אַרום די סינאַגאָגעס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן זונטיק־און נאָכמיטאָג־שולן פאַר קינדער, זומער־לאַגערן פאַר קינדער און קולטור־צענטערס פאַר יוגנטלעכע און דערוואַקסענע.

אויך אין דעם פּריוואַטן ייִדישן לעבן האָט זיך גענומען פילן דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער שטייגער — בריתן, בר־מיצווהס, חתונות. דער חינוך פון די קינדער איז אָבער געשטעלט געוואָרן פאַר גרויסע פּראָבלעמען. די געשאַפענע זונטיק־און נאָכמיטאָג־שולן האָבן געגעבן ייִדיש וויסן אויפן שפּיץ מעסער. אין דער רעגולערער שול, ווידער, האָט זיך שטאַרק געפילט די השפעה פון דער קאַטוילישער קירך, אַחוץ וואָס די ייִדישע קינדער אין יענע שולן מוזן לויטן געזעץ לערנען אויך שבת.

די מנהיגים פון עטלעכע קהילות האָבן דעריבער גענומען אָרגאַניזירן ייִדישע טאָגשולן, ווו די קינדער זאָלן באַקומען אַ פולע ייִדישע און אַלגעמיינע דערציִונג. אין מילאַן, טורין און רוים זײַנען געעפנט געוואָרן ייִדישע טאָגשולן מיט אַן אַכטיאָריקן קורס, אין קלענערע ייִשובים — מיט פינפיאָריקן קורס. מילאַנער קהילה האָט אַפילו געמאַכט אַ פּרווו צו עפענען אַ שול פאַר העכערע לימודים.

אין רוים האָט זיך געעפנט אַ רבנים־סעמינאַר אין 1947 מיט דער הילף פון „דזשאָינט" און ספּעציעלע פאָנדן פון ענגלישע און איטאַליענישע ייִדן.

דער „אָרט" האָט געעפנט אַ גאַנצע נעץ פאַכשולן.

לויטן אַלטן געזעץ פון 1930 האָט יעדע משפחה געדאַרפט אײַנצאָלן אַ יערלעכן שטייער צו דער קהילה. די הכנסה פון יענעם שטייער, ווי אויך פון פרײַוויליקע בײַשטײַערונגען, האָט דערמעגלעכט דעם פאַרבאַנד פון די ייִדישע קהילות צו באַזאָרגן די הצטרכותן פון די רעליגיעזע און ייִדישע געזעלשאַפטלעכע מוסדות.

די פּליטים פון פּוילן, אונגאַרן, עגיפּטן און אַנדערע לענדער, וואָס זײַנען געקומען קיין איטאַליע נאָכן צווייטן וועלטקריג, זײַנען באַזאָרגט געוואָרן פון אַלוועלטלעכע ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס מיט דער באַטייליקונג פון די אַמעריקאַנער און איטאַליענישע רעגירונגען.[15]

דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָט אָנגעפילט דעם ייִדישן ייִשוב אין איטאַליע מיט גרויס ענטוזיאַזם, געהויבן זײַן אייגענע חשיבות און צוגעגעבן אַ דינאַמישן אימפּעט צו זײַנע טעטיקייטן. שוין אין 1950 האָבן די ייִדן אין רוים דורכגעפירט אַ קאָמפּאַניע פון 300,000 דאָלאַר, וואָס 80 פּראָצענט איז געגאַנגען פאַר מדינת־ישראל.

אין יוני 1961 איז ראַטיפיצירט געוואָרן דער אָפּמאַך מיט דער רעגירונג פון מערב־דײַטשלאַנד וועגן די שילומים צו יענע איטאַליענישע ייִדן, וואָס זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דײַטשלאַנד אָדער האָבן געליטן אַנדערע היזקות פון די נאַציס. פון יענע שילומים־געלטער האָבן די איטאַליענישע ייִדן באַקומען אַרום 9.5 מיליאָן דאָלאַר פאַר די געליטענע אָדער זייערע יורשים, ווי אויך פאַר די ייִדישע אַנשטאַלטן, וואָס זײַנען באַשעדיקט געוואָרן אין דער צײַט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

די שילומים־געלטער האָבן מעגלעך געמאַכט אויפצובויען די רוינירטע שול אין ליוואָרנע און אויפצושטעלן דעם מוזעום און צענטער פאַר ייִדישער דאָקומענטאַציע אין רוים.

צווישן אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס דער ייִשוב האָט באַוויזן צו שאַפן אין די לעצטע יאָרן, איז דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער בילדונג אין 1972, דאָס הויז פאַר איטאַליענישע ייִדישע סטודענטן אין דעם תל־אָביבער אוניווערסיטעט „קאַזאַ איטאַליאַנאַ” און אַ מאָנומענט אין אָנדענק פון די אומגעקומענע אין די אויסראָט־לאַגערן.[16]

אין זײַן גרעראַנגל פאַר קיום און המשך האָט דער ייִדישער ייִשוב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ סך מניעות. עטלעכע פאַקטאָרן ווירקן נאָך איצט ווי צעשטערערישע כּוחות, וואָס זײַנען עלול אונטערצוגראָבן דעם סאַמע יסוד פון דעם אָרגאַניזירטן ייִשוב.

דער סטאַטוס פון די ייִדן אין לאַנד איז בדרך־כּלל ניט קיין שלעכטער. לויט דער איטאַליענישער קאָנסטיטוציע פון דעצעמבער 1947 געניסן די ייִדן אַלע בירגערלעכע רעכט ווי אַלע תּושבים פון לאַנד. קיין אויסנאַמען טאָרן ניט געמאַכט ווערן וואָס שייך ראַסע, מין, שפּראַך, רעליגיע אָדער פּערזענלעכן סאָציאַלן מצב.[17]

אין די קלענערע ווי אויך אין די גרעסערע שטעט זײַנען די ייִדן ס׳רוב פאַרטראָטן אין גרויס־און קליין־האַנדל און פעדלערײַ. זיי זײַנען אויך באַשעפטיקט ווי אָנגעשטעלטע אין קראָמען און קאָמערציעלע אַנשטאַלטן.

דער אַלגעמיינער קולטורעלער ניוואָ פון די ייִדן איז אַ פּיל גרעסערער ווי בײַ דער אַרומיקער באַפעלקערונג. 15 פּראָצענט פון דער ייִדישער יוגנט לערנען אין אוניווערסיטעטן. אַ סך ייִדן געפינען זיך אין די פרײַע פּראָפעסיעס, טייל פון זיי האָבן אַ נאָמען איבערן לאַנד. לעצטנס איז דער ייִד עדואַרדאָ וואַלעריאַ, אַ פּראָפעסאָר פון רוימישן רעכט אין רוימער אוניווערסיטעט, נאָמינירט געוואָרן פאַר אַ ריכטער צום קאָנסטיטוציאָנעלן געריכט, ווי אַן אָנערקענונג פאַר זײַן בײַטראָג צו דער איטאַליענישער וויסנשאַפט.

עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז מיטן נצחון איבער דער נאַצישער הערשאַפט אין איטאַליע האָט זיך געענדיקט די שינאה צו ייִדן. אַוודאי געפינען זיך צווישן די איטאַליענישע פאָלקסמאַסן גוטע מענטשן, וואָס פאַרהאַלטן זיך פרײַנדלעך מיט זייערע ייִדישע שכנים. געוויס זײַנען

אויך אין די אינטעלעקטועלע קרײַזן דאָ מענטשן, וואָס אַנטיסעמיטיזם איז זיי ניט צום האַרצן. וואָס מיר האָבן דאָ אין זינען איז די אַלגעמיינע אַטמאָספער אין לאַנד בנוגע דעם ייִדישן יישוב — יענער קלימאַט איז ווײַט פון גרויסער ייִדישער פרײַנדלעכקייט.

עס איז גענוג דורכצולייענען די זאַכלעכע (מיט פאַקטן און סטאַטיסטיק) יערלעכע באַריכטן אין דעם „אַמעריקען דזשויִש ייִרבוק" פון 1948 ביז 1978, כּדי אײַנצוזען, אַז אין משך פון די דרײַסיק יאָר איז דער אַנטיסעמיטיזם אין איטאַליע, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ באַהאַלטענער אָדער אַ געצווימטער, געוואָרן אַן אָפֿענע דערשײַנונג. אין 1948 איז פאָרגעקומען דער ערשטער אַנטיסעמיטישער אינצידענט, ווען די מיטגלידער פון דער נעאָ־נאַצי־פּאַרטיי האָבן מאַרשירט אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל אין רוים און פאַר דער ייִדישער סינאַגאָגע דורכגעפירט אַ סקאַנדאַליעזן אַקט איבער דעם מאָנומעט נאָך די ייִדישע מאַרטירערס, וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט. די ייִדן אַליין, אָן דער הילף פון זייערע ניט־ייִדישע שכנים, האָבן פאַרטריבן די כוליגאַנעס. די ייִדישע פּראָטעסטן אָבער צום אינערן־מיניסטעריום האָבן זיך געענדיקט בלויז מיט אַן אויסדרוק פון באַדויער. די אַנטיסעמיטישע בויאַנעס זײַנען ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זייערע פאַרברעכערישע מעשים אין אַנדערע שטעט.[18]

אַנטיסעמיטישע אויסברוכן פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער כאַראַקטער זײַנען ניט געווען קיין אייִנצלנע פאַלן. דעמאָנסטראַציעס אין די שטעט, פאַרשוועכונג פון ייִדישע קברים, פליבלעטלעך מיט באַליידיקנדיקע אויסדרוקן קעגן ייִדן, דאָס פאַרשפּרייטן שקרים און בילבולים אויף דער ניט־לאָיאַלקייט צו איטאַליע — דאָס זײַנען בלויז אַ טייל פון די מיטלען, וואָס צילן צו דערנידעריקן די ייִדן אין די אויגן פון זייערע ניט־ייִדישע שכנים.

אַנדערע מיטלען אַרויסצורופן שינאה קעגן ייִדן איז צו פאַרשפּרייטן אַנטיסעמיטישע ביכער און פאַמפלעטן צווישן דעם ברייטן עולם. אין 1956 איז אַרויס אַ בוך פון אַן אַנאָנימען מחבר אונטערן טיטל „יודאַיִזם, מאַסאָניזם און קאָמוניזם", וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק, אַז ייִדן, מאַסאָנען און קאָמוניסטן זײַנען אַ פאַרמאַסקירטער אייִנציקער כּוח, וואָס שעדיקט איטאַליע.

דער אַנטיסעמיטישער גײַסט אין דער רעגירונג גופא האָט זיך אַרויסגעוויזן גלײַך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דיסקרימינירן קעגן ייִדישע אָנגעשטעלטע.

אין דער פאַשיסטישער תּקופה האָט מען ייִדישע און אַ צאָל אויך ניט־ייִדישע אָנגעשטעלטע אָפּגעזאָגט פון זייערע רעגירונג־שטעלעס מיט אַ צוזאָג, אַז ווען „די צײַט וועט קומען" וועלן זיי צוריקקריגן זייערע פּאָסטנס. די צײַט איז געקומען, אונטער דעם נײַעם רעזשים האָבן די ניט־ייִדישע אָנגעשטעלטע געקראָגן זייערע פריִערדיקע שטעלעס מיט אַ באָנוס דערצו — אָבער ניט די ייִדישע.

ווי אַזוי די שפּיצן פון דער רעגירונג האָבן געפילט וועגן ייִדן, איז צו זען פון דער רעדע, וואָס דער פּרעמיער־מיניסטער דע־גאַספּערי האָט אין 1951 געהאַלטן אין פלאָרענץ. „ייִדן — האָט ער געזאָגט — באַשטייען צו לערנען אַנדערע דעם אמתן תּוך פון קריסטנטום, מיר האָבן קיין מאָל ניט געחלומט צו אינטערפּרעטירן דאָס ייִדישע געזעץ בנוגע דער ייִדישער באַציִונג צו אַנדערע."[19]

בעת די לאָקאַלע וואַלן אין רוים אין 1960 האָבן די נעאָ־נאַציס מיט זייערע דעמאָנסטראַציעס אַרויסגערופן ערנסטע אינצידענטן אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל, ווי אויך אַרויסגעשיקט סטראַשונעק־בריוו צו פּראָמינענטע ייִדישע פּירערס. נאָך די ייִדישע פּראָטעסטן האָט דער אינערן־מיניסטער אינסטרויִרט דער מאַכט מער ניט צו דערלאָזן אַזעלכע אינצידענטן, אָבער די געכאַפּטע כוליגאַנעס האָט דאָס געריכט באַפרײַט, מחמת „די פאַקטן שטעלן ניט פאַר מיט זיך קיין באַליידיקונג".

אויך אין דער רעגירונג־אַדמיניסטראַציע פאַר דערציִונג פּילט זיך דער אַנטיסעמיטישער גײַסט. אין 1962 האָט מען אויף די עקזאַמענס צו קוואַליפיצירן לערערס געגעבן די קאַנדידאַטן צו איבערזעצן אַ קאַפּיטל פון אַן אַנטיסעמיטיש בוך פון דעם פראַנצייזישן שרײַבער אַדאָלפאָ בעקער. אויף די פּראָטעסטן פון די ייִדן איז געקומען אַן אַנטשולדיקונג פון דעם מיניסטעריום — און מיט דעם האָט זיך דאָס געענדיקט. דער פאַקט איז, אַז זייער ווייניק הויך־קוואַליפיצירטע ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן פאַרנעמען וויכטיקע אַקאַדעמישע פּאָזיציעס.

די אָרגאַניזירטע יוגנט פון די נעאָ־נאַציס הערט ניט אויף מיט אירע ווילדע מעשים־תּעתּועים קעגן ייִדן. דעם 18טן מײַ 1975 האָבן אירע מיטגלידער געוואָרפן „מאָלאָטאָוו־קאַקטיילס" אויף די טויערן פון דער סינאַגאָגע אין מילאַן און די ווענט פאַרשמירט מיט סוואַסטיקעס און אויסרופן: „ייִדישע ממזרים, מיר וועלן נאָך מאַכן זייף פון אײַך".[20]

אויך די קאַטוילישע קירך טראָגט צו איר חלק שינאה צו ייִדן. די שילערס אין זייערע שולן ווערן נאָך אַלץ געשפּײַזט מיט דער אַלט־אַלטער תּפילה, ווו די ייִדן ווערן פאָרגעשטעלט ווי פאַררעטערס פון קריסטוסן און ווי פאַרשאָלטענע פון גאָט.

נאָך אין 1948 האָבן די ייִדן אין איטאַליע זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום וואַטיקאַן צו פאַרבײַטן דאָס וואָרט „פּערפידי" (פאַררעטער) אויפן וואָרט „אומגלייביקע", אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. צום ערשטן מאָל, ווען דער וואַטיקאַן האָט זיך יאָ אַרײַנגעמישט, איז געווען, ווען אַ יעזויִטישער גלח, לאָמבאַרדי, האָט אַ צײַט לאַנג אָנגעהאַלטן זײַנע אַנטיסעמיטישע דרשות. אויף די ייִדישע פּראָטעסטן איז סוף־סוף געקומען אַ ווונק פון וואַטיקאַן און דער גלח האָט אָפּגעשטעלט זײַנע העצרייד קעגן ייִדן. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דער יעזויִטישער „סיווילטאַ קאַטאָליקאַ" ווײַטער צו פּובליקירן אירע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען קעגן יודאַיִזם און ציוניזם.

אַ שווידערלעכער פאַרברעכן איז זיך פאַרלאָפן אין די מילאַנער שטאָטישע שפּיטאָלן אין 1951. אָן שום מורא פאַרן געזעץ און ניט רעכנענדיק זיך מיט די געפילן פון די קרובים, האָט מען אין די שפּיטאָלן אָפּגעשמדט אַלע יידישע קראַנקע, ווען זיי זײַנען געלעגן אָן באַוווסטזײַן.[21]

אין 1958 איז מאָנסיני ראַנקאַלי, געוועזענער אַפּאָסטאָלישער אַמבאַסאַדאָר אין טערקײַ און גריכנלאַנד, געוואָרן פּויפּס און אָנגענומען דעם נאָמען דזשאָן דער דרײַ און צוואַנציקסטער. ווי אַ שטאַרקער אָנהענגער פון טאָלעראַנץ צו אַנדערש־גלייביקע און קעגנער פון אַנטיסעמיטיזם, האָט ער גערופן צו אַ נײַער באַציִונג פון דער קאַטוילישער קירך צו ניט־קאַטאָליקן.

אין אַפּריל 1963 איז געקומען זײַן באַרימטע דעקלאַראַציע „שלום אויף דער ערד", וואָס האָט געזאָלט אַרײַנברענגען אַ טיפע ענדערונג אין דער באַציִונג פון דער קאַטוילישער קירך צו אַנדערע רעליגיעס.

וואָס שייך יידן, איז צווישן אַנדערע דאָ איין פּונקט, וואָס פאָדערט אויף די קירך אויסצומעקן דעם אויפרייצנדיקן אויסדרוק „פאַררעטער" אין דער פרײַטיקדיקער פאַרפּסחדיקער תּפילה און עס פאַרבײַטן מיט אַן איינפאַך געבעט פאַר יידן און אַנדערע ניט־קריסטן.

די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין וואַטיקאַן האָבן זיך ניט געאײַלט דורכצופירן די אויסבעסערונג. ערשט אונטער דעם נײַעם פּויפּס פּאול דעם זעקסטן איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאַרוואָסערטע דעקלאַראַציע אין 1965 אונטערן נאָמען „אין אונדזערע טעג". הגם עס פעלט אין דער דעקלאַראַציע דער הומאַניסטישער שווונג פון דעם פריִערדיקן פּויפּס, פאַרמאָגט זי אָבער אין תּוך זײַנע וויכטיקסטע פּונקטן.

די פּונקטן מאַכן קלאָר, אַז די קריסטלעכע קירך וואָרצלט אין דעם אַלטן טעסטאַמענט און איז אין קרובהשאַפט מיטן יידישן פאָלק, וואָס איז טײַער בײַ גאָט. די קריסטן טאָרן ניט באַשולדיקן אַלע יידן פון יענער צײַט און אַוודאי ניט די יידן פון הײַנט אין דעם מאָרד פון קריסטוסן. יידן טאָרן ניט באַטראַכט ווערן ווי פאַרשטויסענע פון גאָט און די קירך באַדויערט שטאַרק די שינאה און רדיפות אויף זיי.

נאָך אַ גאַנצער ריי גילגולים זײַנען די היפּש־פאַרוואָסערטע פּונקטן אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען אין אָקטאָבער 1965.[22]

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און עס איז געקומען אַ נײַע איבעראַשונג: דער זעלביקער פּויפּס, וואָס האָט אין זײַן דעקלאַראַציע קלאָר געזאָגט, אַז יידן זײַנען ניט שולדיק אין דעם מאָרד פון קריסטוסן, האָט אין אַ דרשה זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קאָנפליקט צווישן יידן און קריסטן אין יענער צײַט און דערקלערט, אַז ניט נאָר האָבן די אַמאָליקע יידן ניט אָנערקענט קריסטוסן, נאָר „אויך באַקעמפט, באַליידיקט און דערהרגעט".

און אַז דער פּויפּס מעג — פאַר וואָס ניט דער בישאָף ?

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט דער בישאָף לוידזשע קאַרלאָ פון סעגוי אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין דעם זעלביקן גײַסט און פּשוט דערקלערט, אַז יידן טראָגן אַ קאָלעקטיווע שולד פאַרן מאָרד פון קריסטוסן און זײַנען דעריבער פאַרמישפּט לגנאַי פון גאָט אַליין.

כּדי אַרויסצופירן דעם וואַטיקאַן פון זײַנע סתירהדיקע דעקלאַראַציעס, האָט דער ליבעראַלער קאַרדינאַל בעאָ גענומען אויף זיך די מיסיע צו אינטערפּרעטירן די נײַע רייד פון פּויפּס פּאול אין דעם זינען, אַז די קריסטלעכע דאָקטרין פאַראורטיילט די יידן פאַר אָפּזאָגן זיך צו אָנערקענען קריסטוסן ווי דעם משיח און אַז זיי דאַרפן זיך שמדן אויף אויסצוקויפן זיך פון זייערע זינד.

די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע מיט די שקרים און בילבולים, אַז יידן זײַנען קאָמוניסטן, קאָסמאָפּאָליטן, מאַסאָנען און זוכן צו געוועלטיקן אויף דער וועלט, צוזאַמען מיטן אַלטן בילבול פון דערהרגענען קריסטוסן און מיטן נײַעם שקר, אַז יידן האָבן דערמאָרדעט פּרעזידענט קענעדי — האָבן מער פאַרפּעסט די לופט פון דעם יידישן יישוב אין איטאַליע.

אַפילו נאָך דעם ווי נײַנציק קאַטוילישע בישאָפן און גלחים זײַנען אין 1970 געווען אויף אַ טור אין מדינת־ישׂראל און צוריקגעקומען באַגײַסטערטע, האָט זייער פּאָזיטיווער באַריכט וויייניק געהאָלפן אָפּצושוואַכן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. עס האָט אַפילו ניט אָפּגעהאַלטן אַ גרופּע אַרטיסטן אויפצופירן אַן אַנטיסעמיטיש שפּיל אין אַ רוימער טעאַטער.[23]

נאָך אין 1950 האָט דער פאַרבאַנד פון די יידישע קהילות אין איטאַליע אָנגענומען אַ פּלאַן פון טעטיקייטן מיטן ציל צו באַקעמפן די געפאַר פון דעם אַלץ וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם.

דער פּלאַן איז באַשטאַנען פון די ווײַטערדיקע וויכטיקע פּונקטן: אײַנשטעלן אַ נאָענטע פאַרבינדונג מיטן וואַטיקאַן; גרינדן אַן אַסאָציאַציע פון פרײַנדשאַפט צווישן יידן און קריסטן; עטאַבלירן אַ געזעלשאַפט פאַר יידישע שטודיעס און פאַרבעטן קריסטלעכע געלערנטע צו האַלטן דאָרטן לעקציעס; שאַפן אַ פאַרבאַנד קעגן ראַסן און רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ מיט אַ ספּעציעלער שריפט „פּראַטערניטאַ״.

דער פּלאַן איז אַקצעפּטירט געוואָרן און די טעטיקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן. עס האָט זיך אָבער גלײַך אַרויסגעוויזן, אַז בלויז געציילטע מיטגלידער פון דער רעגירונג און די לינקע פּרעסע האָבן אַן אינטערעס אין די יידישע פּראָבלעמען.

עס איז ניט אַוועק קיין לאַנגע צײַט ווי דער פאַרבאַנד קעגן ראַסן און רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ האָט עקסיסטירט — און עס איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט. דער אָפיציעלער זשורנאַל פון דעם פאַרבאַנד „פּראַטערניטאַ״ האָט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, וואָס האָט קריטיקירט דעם גלח לאָמבאַרדי פאַר זײַנע אַנטיסעמיטישע דרשות. די קאַטוילישע

גלחים־מיטגלידער פֿון דעם פֿאַרבאַנד האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם און רעזיגנירט פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

די יערלעכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ פֿון דעם פֿאַרבאַנד, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין רוים אין יוני 1975, האָט דעבאַטירט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע פּראָגעס און האָט זיך געענדיקט מיט פֿרומע ווונטשן, אַז די קאַטוילישע קירך וועט געפֿינען וועגן ווי צו פֿאַרענטפֿערן די פּראָבלעמען, וואָס עקסיסטירן צווישן ייִד און קריסט.[24]

אין זײַן גערעַנגל האָט דער ייִשוב זיך אָנגעשטויסן אויך אויף אַ סך שוועריקייטן אין אינעווייניקסטן ייִדישן לעבן גופֿא.

ניט קוקנדיק אויף די אַלע אָנשטרענגונגען און אַפֿילו דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון ייִדישן חינוך, האָבן נאָר 36 פּראָצענט ייִדישע קינדער אין שולעלטער געקראָגן אַ וועלכע ניט איז ייִדישע דערציִונג. ניט אַלע זײַנען געווען ביכולת צו שיקן זייערע קינדער אין אַ ייִדישער טאָגשול און ניט אַלע ייִדישע קינדער האָבן געקענט באַהויפּטן דורכצומאַכן אַ פֿולן קורס לימודים, מחמת די עלטערן דערוואַרטן, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אַרבעטן נאָכן פֿאַרענדיקן די עלעמענטאַר־שול. אין די ערטער, ווו עס איז ניטאָ קיין ייִדישע טאָגשול, מוזן די קינדער לערנען אין די שטאָטישע פֿאָלקשולן, וואָס זײַנען דורכגענומען מיטן קאַטוילישן גײַסט. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ סײַ אין די טעקסטביכער, סײַ אין די קריסטלעכע צערעמאָניעס אין יענע שולן.

נאָך ערגער איז דער מצב אין די קליינע ייִדישע ייִשובים. ניט האָבנדיק קיין פֿינאַנציעלע מיטלען אויסצוהאַלטן אַ נאָכמיטאָג שול אָדער אַ רב און אַ בית־מדרש, איז דער קליינער ייִדישער ייִשוב אויסגעשטעלט געוואָרן אין גאַנצן צו דער השפּעה פֿונעם קריסטלעכן אַרום.

איטאַליע איז שטענדיק געווען אַ פּרוכטיקער באָדן פֿאַר אַסימילאַציע און שמד. נאָך פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך געשמדט אַרום 4,500 ייִדן.

אין די גרעסערע שטעט איז די אַסימילאַציע אָנגעגאַנגען אין די רײַכערע ייִדישע קרײַזן און צווישן די יעניקע, וואָס זוכן צו שטײַגן אין זייערע קאַריערעס.

בײַ דער סטודענטישער ייִדישער יוגנט האָט זיך לעצטנס געשטאַרקט די גרינגשאַצונג פֿון אייגענע ייִדישע ווערטן און בכלל דאָס אידענטיפֿיצירן זיך מיט ייִדישקייט. דאָס פֿירט די יוגנט ניט נאָר צו קולטורעלער אַסימילאַציע, נאָך אויך צו געמישטע חתונות. זי ווערט אויך באַווירקט פֿון לינקע פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס און הייבט אָן צו נעגירן די וויכטיקייט פֿון געהערן צו דער ייִדישער קהילה און אַוודאי דאָס אידענטיפֿיצירן זיך מיט מדינת־ישׂראל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער ייִדישער סטודענטן־פֿעדעראַציע האָט תּחילת געפֿירט אַן אינטענסיווע אויפֿקלער־טעטיקייט צווישן דער ייִדישער יוגנט. באַזונדערס אַקטיוו איז דער קאָמיטעט געוואָרן בײַם

אויפקום פון דער ייִדישער מדינה. מיט דער צײַט האָט דער קאָמיטעט אַפילו געהאַט אויסגעברייטערט זײַן טעטיקייט און צוגעצויגן צו זיך ניט נאָר סטודענטן, נאָר אויך אַרבעטערס ניט־ציוניסטן, קאָנסערוואַטיווע, ליבעראַלן און אַפילו לינקע.

לעצטנס איז אָבער די טעטיקייט פון קאָמיטעט שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד האָבן אַרײַנגעבראַכט אַן אידעאָלאָגישע פּאָלאַריזאַציע אין זײַנע רייען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן פאַרלירן מיטגלידער.

אַ סימפּטאָם פון דער אינעווייניקסטער צעריסנקייט איז געווען די יוגנט־קאָנפערענץ אין פלאָרענץ אין 1972. אויפן סדר־היום זײַנען געשטעלט געוואָרן אַזעלכע פונקטן ווי די ישראל־פּאָליטיק בנוגע די אַנעקסירטע טעריטאָריעס, מולטינאַציאָנאַלער שטאַט, רעכט פון די סאָוועטישע ייִדן און ענלעכע שאַרף קאָנטראָווערסיעלע פּראָבלעמען.

דער קאָמיטעט האָט אָבער געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו פירן ווײַטער די אַרבעט. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אייגענע פּובליקאַציעס מיטן ציל צו געבן דער ייִדישער יוגנט די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין די פּראָבלעמען פון דעם ייִדישן יישוב.

נאָך אין 1953, אויף דער רבנישער קאָנפערענץ אין רוים, האָט מען זיך שטאַרק באַקלאָגט, אַז דאָס ייִדיש־רעליגיעזע לעבן איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט, אַז שולן און תּלמוד־תּורס פונקציאָנירן בלויז אין 18 יישובים און אַז דער מצב פון ייִדישן חינוך בכלל איז זייער שטאַרק אַראָפּ.

פּראָפעסאָר ראָבערטאָ באַריי שרײַבט אין זײַן דעמאָגראַפישער שטודיע, אַז מחמת דער אַלגעמיינער מאָביליטעט אין לאַנד, באַזונדערס פון די אײַנוווינערס פון די קלענערע שטעט, וואַנדערן אויס אויך ייִדן פון זייערע יישובים אין די גרעסערע שטעט, כּדי צו געפינען פּרנסה. ווי אַ רעזולטאַט פון אָט דער איבערוואַנדערונג זײַנען כּמעט ווי נעלם געוואָרן אַזעלכע ייִדישע יישובים ווי אַנקאָנאַ, פעראַראַ, ליוואָרנע און אַנדערע. דאָס געשעט אַפילו מיט אַ ביסל גרעסערע ייִדישע יישובים, ווי טורין, טריעסט, פלאָרענץ און ווענעציע.

די ייִדישע באַפעלקערונג אין איטאַליע איז קאָנצענטריט אין אַכט גרעסערע יישובים, צווישן זיי רוים און מילאַן, די גרעסטע.

די צאָל געמישטע חתונות ווערט אַלץ גרעסער און אין עטלעכע יישובים דערגרייכט זי אַפילו צו 50 פּראָצענט.[25]

הגם די רבנים־קאָנפערענץ אין 1975 האָט געהאַט צו רעפּאָרטירן אַ הצלחה אין שאַפן פאָנדן צו רעסטאַווּרירן פינף באַרימטע סינאַגאָגעס און אויך אויפצושטעלן אַ הויז פאַר ייִדיש־איטאַליענישע סטודענטן אין תּל־אביבער אוניווערסיטעט — איז אָבער קיין וואָרט ניט געהערט געוואָרן וועגן פאַרבעסערונגען אין דעם מצב החינוך אין די ייִדישע יישובים.[26]

די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז ווײַט ניט געווען קיין סטאַבילע. בײַם רודער פון דער איטאַליענישער רעגירונג איז פון 1947 ביז 1977 געשטאַנען די קריסטלעך־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין קאָאַליציע מיט אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען. די דאָזיקע קאָאַליציעס האָבן דורכגעמאַכט אַ סך קריזיסן. די איטאַליענישע רעגירונג איז נאָך אַלץ ניט סטאַביל, אַזוי אויך די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד.

די אַלגעמיינע אַטמאָספער איז שטאַרק אָנגעצויגן און פול מיט שפּאַנונגען. די גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, די אינפלאַציע, די וואַקסנדיקע אָרעמקייט, פאַרמערטע טעראָראַקטן — דאָס אַלץ לייגט זיך שווער אויף דער רעגירונג, וואָס קען זיך ניט געבן קיין עצה מיט די אַלע פּראָבלעמען.

די ייִדישע באַפעלקערונג אין איטאַליע מאַכט אויס וואָסערע 35,000 נפשות אין אַ מדינה פון נאָענט 57 מיליאָן. עס איז ניטאָ קיין ספק, אַז פאַר דעם דאָזיקן קליינעם מיעוט איז דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער קלימאַט ווײַט ניט קיין געזונטער.

אַ בליק אויף צוריק אָבער דערמאָנט אונדז דעם פאַקט, אַז דער איצטיקער ייִדישער ייִשוב אין איטאַליע האָט זיך אויך אָנגעהויבן איבערבויען פון דאָס נײַ, ווען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז אויך געווען אַ שטאַרק־געדריקטע און ניט סטאַביל. אמת, די הילף פון דעם וועלט־ייִדנטום איז געקומען אין צײַט, אָבער דער הויפּטפאַקטאָר איז געווען דער שטאַרקער רצון פון דער שארית־הפליטה צו בלײַבן לעבן ווי אַן אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו — און דער דאָזיקער פאַקטאָר איז גילטיק אויך איצט.

ביבליאָגראַפיע

1. S.W Baron, A Social and Religious History of the Jews, vol. 2, p. 419—421.

2. ש.דובנאָוו, די נײַסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק. נ״י, 1955, ב׳ 10, זז׳ 205—213, 383—420.

3. Encyclopaedia Britannica, vol. 12, p. 779

4. זע דאָרט.

5. M.A. Ledeen, Italian Jews and Fascism, Encyclopedia Judaica p. 281; vol. 9, p. 1126

6. M.A. Ledeen, p. 283—

7. ibid p. 287.

8. ibid p. 288.

9. Cecil Roth, the History of Jews of Italy. Philadelphia, 1948. p. 520

10. פראָפ׳ ערנעסט האוז, דירעקטאָר פון סטאַטיסטישן דעפּאַרטאַמענט אין לייפּציג און דעפּוטאַט פון רייכסטאַג, האָט דערקלערט אין זײַן רעדע, אַז צווישן די שוואַרץ־אַרבעטערס אין דער צוקונפט וועלן זײַן אויך די איטאַליענער, אַרײַנרעכנדיק זיי צווישן די ניט־אַריער.

11-12. Encyclopaedia Britannica, see: Italy; M.A. Ledeen, p. 277.

13. Cecil Roth, p. 530.

14. Encyclopedia Judaica, v. 9, 12. 1136.

15. American Jewish Yearbook, v. 49, p. 347, v. 50, pp. 348—353, v. 52, pp. 292—, v. 57, pp. 348—, v. 59, pp. 273—, v. 50, pp. 248—

16. ibid v. 64, p. 233, v. 66, pp. 394—, v. 75, p. 455

17. Constitutions of Nations, compiled and edited J. Peaslee vol. 2, pp. 271—281, See articles 3, 19, 20.

18. American Jewish Yearbook, v. 51, p. 308

19. Ibid, v. 57, p. 348; v. 64, p. 322

20. ibid, v. 64, p. 322, v. 65, p. 237, v. 77, pp. 410, 427

21. ibid, v. 53, pp. 302—307, v. 54, pp. 283—

22. Encyclopaedia Britannica, v. 22, pp. 918—

23. American Jewish Yearbook, v. 67, p. 351, v. 68, p. 207, v. 70, p. 349, v. 71, p. 423, v. 72, p. 365, v. 73, p. 501.

24. ivid v. 53, pp. 302—307, v. 77, pp. 410—427.

25. ibid v. 54, p. 282, v. 69, p. 467, v. 70, p. 349, v. 71, p. 433, v. 72, p. 365, v. 73, p. 501, v. 77, pp. 410—427.

26. ibid v. 78, 1978, See: Italy.

דער ייִדישער ייִשוב אין האָלאַנד

א. עטלעכע דעמאָגראַפישע פּרטים

דער איצטיקער ייִדישער ייִשוב אין האָלאַנד איז אַ שארית־הפליטה פון דעם גרויסן ייִשוב, וואָס האָט — איידער די דײַטשן האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד (1940) — געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן.

לויט דער רעגיסטראַציע, וואָס די דײַטשע מאַכט אין האָלאַנד האָט דורכגעפירט אין אָקטאָבער 1941, האָבן אַן ערך 140,000 זיך אָנגעגעבן פאַר „פולע" ייִדן. איצט זײַנען אין גאַנץ האָלאַנד דאָ אַרום 29,500 ייִדן.[1]

דער ייִשוב באַשטייט פון די, וואָס זײַנען צוריקגעקומען פון זייערע באַהעלטענישן בימי נאַצי־אָקופּאַציע ; פון יענע, וואָס זײַנען דורך ניסים ניצול געוואָרן און צוריקגעקומען פון די באַפרײַטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, מייסטע פון זיי צעבראָכענע משפחות ; פון יענע, וואָס האָבן אין צײַט פון דער אָקופּאַציע חתונה געהאַט מיט קריסטן, האָפנדיק אַזוי אַרום צו ראַטעווען דאָס לעבן. נאָך דער באַפרײַונג פון האָלאַנד האָבן די צוריקגעקומענע ייִדן געהאַט אַ סך שוועריקייטן בײַם ווידער אײַנאָרדענען זיך אין לאַנד און בײַם אויפשטעלן פאַר זיך נײַע היימען. נישט יעדער האָט געקאָנט בײַ זיך פועלן צו פאַרבלײַבן אין דעם לאַנד, וואָס איז אין זײַן זכרון פאַרבונדן מיט די טראַגישע איבערלעבענישן אין דעם ניט־לאַנג פאַרגאַנגענעם עבר.

האָבן טאַקע אַ צאָל פון זיי אין גיכן אויסגעוואַנדערט אין אַנדערע לענדער. אין משך פון די יאָרן 1946 ביז 1954 איז די עמיגראַציע געגאַנגען מייסטנס קיין ישראל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

דעמאָגראַפיש איז דער ייִדישער ייִשוב אײַנגעטיילט אויף דרײַ פון דער רעגירונג אָנערקענטע עדות : די נידערלענדישע איזראַעליטישע עדה, די פּאָרטוגעזיש־איזראַעליטישע קהילה און דער פאַרבאַנד פון ליבעראַל־רעליגיעזע ייִדן.

די עדות זײַנען גרופּירט אַרום זייערע בתי־תּפילה און פירן אָן מיט זייערע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, וואָס דער ייִדישער חינוך פאַר קינדער איז איינער פון זייערע וויכטיקסטע באַשטאַנדטיילן.

אַן ערך זיבעציק פּראָצענט פון דעם ייִדישן ייִשוב וווינט אין די דרײַ גרעסטע שטעט — אַמסטערדאַם, האַג און ראָטערדאַם. די אַנדערע דרײַסיק פּראָצענט זײַנען צעשפּרייט איבער דער פּראָווינץ אין אַ גרויסער

צאָל קליינע ייִשובים (מיינסטע פון זיי אַרום 50 נפשות), וואָס זײַנען אויסגעשטעלט צו דער סכּנה פון געמישטע חתונות און אַסימילאַציע.[2]

מער ווי אַ העלפט פון דעם ייִשוב באַשטייט פון מענער און פרויען אין דעם עלטער פון 40 ביז 80 יאָר. די צאָל קינדער אין עלטער ביז 15 יאָר איז זייער נידעריק. נידעריק איז אויך די צאָל געבורטן, בעת די שטאַרביקייט איז פיל גרעסער.[3]

די אָפטע געמישטע חתונות, באַזונדערס צווישן די יונגע מענטשן, זײַנען צוגאָבן צום טרויעריקן דעמאָגראַפישן בילד.

ב. דער ניט־ייִדישער אַרום. אַ בליק אויף צוריק

כּדי צו קריגן אַ בעסערן באַגריף פון דעם מצב פון דעם ייִדישן ייִשוב איז דורכויס נייטיק צו וואַרפן אַ בליק אויף דער אַטמאָספער פון ייִדן־האַס, וואָס האָט געהערשט אין האָלאַנד אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע.

ניט קוקנדיק דערויף, וואָס פיל האָלענדער האָבן אין יענער צײַט אַרויסגעוויזן אַ סך מיטלייד צו די ייִדן און אָפט אַפילו מיט זיי מיטגעליטן, האָט אָבער דער ייִדן־האַס אין לאַנד געלאָזט נאָך זיך שטאַרק פאַרפעסטע שפורן, וואָס זײַנען געווען בולט אַפילו נאָך דער באַפרײַונג פון האָלאַנד.

גלײַך נאָך דער דײַטשער אָקופּאַציע איז אין דעם באַפרײַטן האָלאַנד רעסטאַווירט געוואָרן די פריערדיקע פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג־סיסטעם מיט דער קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער ייִדן זײַנען גלײַכבאַרעכטיקטע בירגערס פון לאַנד (אַרטיקלען 185, 183, 181).

עס קען דעריבער קיין ספק ניט זײַן, אַז אין געזעצלעכן זין איז אין האָלאַנד ניט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם, ניט איידער די דײַטשן האָבן אָקופּירט דאָס לאַנד און אויך נישט איצט.

דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט האָט אָבער מער ווי ווען עס איז פריִער באַוויזן, אַז די קאָנסטיטוציע גייט ניט דווקא האַנט אין האַנט מיט דעם פּראַקטישן און סאָציאַלן לעבן פון לאַנד.

דער ייִדישער ייִשוב מיט זײַן אָנטייל אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון לאַנד האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן געשאַפן אַ מין פאַרמעלן מאָדוס־וויווענדי צווישן זיך און דעם ניט־ייִדישן אַרום. אָבער קינאה־שינאה צו ייִדן איז אין האָלאַנד געווען אין אַלע צײַטן, אַפילו איידער די דײַטשן האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד.

נישט פון דער העלער הויט אַרויס איז אויסגעוואַקסן די האָלענדישע נאַצי־פּאַרטיי מיט אירע פאַרביסענע שונאי־ישראל. ווי קליין די פּאַרטיי איז ניט געווען אין יאָר 1931, האָט זי באַוויזן אויסצונוצן דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד און אין בלויז פיר יאָר צײַט איז זי שוין געווען גרייט אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן און זי האָט אַפילו באַקומען אַכט פּראָצענט

פון די שטימען.[4] דער גײַסט פון היטלעריזם האָט לחלוטין ניט געדאַרפט שוואַרצן די גרענעץ. ער איז אויף אַ פרײַען אופן אַריבער קיין האָלאַנד נאָך פאַר דער אָקופּאַציע, און דווקא דאָ, אין דעם לאַנד פון רעליגיעזער פרײַהייט און יידישער גלײַכבאַרעכטיקונג, האָט ער געפונען אַ גוטן באָדן פאַר אַנטיסעמיטיזם. שפּעטער איז די אָפענע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע געוואָרן פאַרפּילפּאַכט און די לופט פון שינאה צו יידן מער פאַרפּעסט.

צו ערשט מיט אַ געפיל פון מיטלייד, דערנאָך מיט אַ „מיך־מיינט־מען־ניט״־גלייכגילט האָבן די האָלענדער זיך צוגעקוקט, ווי זייערע מיטבירגערס, די יידן, ווערן דעגראַדירט, געפּײַניקט און פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

וואָס אָן אמת, די געשיכטע ווייסט צו דערציילן וועגן שיינע פּראָטעסט־רעדעס, דעמאָנסטראַציעס פון די ניט־יידן (דער עיקר אין אַמסטערדאַם) און זייער סאָלידאַריזירן זיך מיט די יידן אין די ערשטע טעג פון אָקופּאַציע דורך טראָגן דעם געלן מגן־דוד און אַפילו וועגן אַ שטרײַק. די געשיכטע ווייסט אויך צו דערציילן וועגן האָלענדער, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן יידישע משפחות אָדער קינדער פאַר געלט אָדער אָן געלט, כאָטש דאָס האָט געשמעקט מיט שטרענגער שטראָף, אַפילו טויטשטראָף.[5]

דאָס זײַנען אָבער געווען איינצלנע פאַלן, מעשים פון יחידים, וואָס זייער אַנטוויקלט געפיל פון גערעכטיקייט און רחמנות צום געפּײַניקטן האָט זיי געשטויסן צום אַקט פון מסירת־נפש. קיין מאַסן־פּראָטעסט אָדער ווידערשטאַנד קעגן דעם גרויל פון אָקופּאַנטן איז אָבער נישט געווען.

אָנווײַזנדיק, אַז פון די ערשטע דעפּאָרטירטע 670 יונגע מענטשן (יידן) זײַנען אַ העלפט שוין טויט, האָט די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־צײַטונג „העט פּאַראָל״, אין אַן אַרטיקל פון 10טן אָקטאָבער 1941, געשריבן, אַז די האָלענדישע באַפעלקערונג האָט בכלל ניט רעאַגירט אויף דעם גרויל, ניט נאָר דורך אַקטיוון ווידערשטאַנד, נאָר אַפילו ניט אויף אַ פּאַסיוון אופן דורך ניט־קאָאָפּערירן מיט די דײַטשן.[6] „ס'איז אַ באָבע־מעשה, לייענט זיך אין אַ צונויפגעשטעלטער כראָניק, אַז דאָס האָלענדישע פאָלק האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר דער מענטשהייט, פאַר דעמאָקראַטיע און מענטשלעכע ווערטן... ווער קען עס אויף זיכער זאָגן וואָס עס האָט אין דער אמתן אַרויסגערופן מער האַס צו די דײַטשן, דאָס רודפן די יידן, צי אפשר גאָר דער הונגער.״[7]

ג. די אוניווערסיטעטן, די קירך און דאָס העכסטע געריכט

היסטאָריקערס ווײַזן געוויינלעך אָן אויף דעם פאַקט, אַז אין האָלאַנד, מער ווי ערגעץ־ווו אין אַן אַנדער לאַנד, האָבן די קלויסטערס מיט זייערע גײַסטלעכע, די אוניווערסיטעטן מיט זייערע פּראָפעסאָרן שטענדיק געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אויספורעמען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. נאָך מער, די קאַלוויניסטישע ווי די קאַטוילישע קלויסטערס האָבן

דאָ שטענדיק פּרעטענדירט צו זײַן די מורי־דרך און אַפילו דעה־זאָגערס אין די מאָראַלישע און אויך פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זייערע גלייביקע.

ס׳איז דעריבער וויכטיק צו פֿאַרצייכענען, אַפילו בלויז אויף אַ סקיצירטן אופן, ווי אַזוי יענע קערפּערשאַפטן מיט זייערע גײַסטיקע פירערס, פּריידיקערס פון מענטשן־ליבע, שומרים פון גערעכטיקייט און געזעץ, האָבן רעאַגירט אין יענע טראַגישע טעג פאַרן יידישן ייִשוב.

ווען די דײַטשע מאַכט האָט אין האַרבסט 1940 באַפוילן די אוניווערסיטעטן צו הייסן די פּראָפעסאָרן אויספּילן די צוגעשיקטע ספּעציעלע אַטעסטאַציע־בויגנס (אַ — פאַר קריסטן, ב — פאַר ייִדן), האָבן בלויז יחידים צווישן די פּראָפעסאָרן פּראָטעסטירט און געוואָרנט קעגן אונטערשרײַבן דעם ניבזהדיקן דאָקומענט. אַלע אַנדערע פּראָפעסאָרן האָבן אויסגעפּילט און געחתמעט די בויגנס, כאָטש זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס איז דער ערטשער שריט, וואָס וועט פירן צו דיסקרימינאַציע קעגן זייערע יידישע קאָלעגן. איין קריסטלעכע דערציִונגס־אינסטיטוציע האָט אויף אַן איינפאַכן אופן געראָטן אירע קריסטלעכע מיטגלידער אויסצופּילן די בויגנס, ווײַל נאָך אַלעמען „זײַנען מיר דאָך קריסטן".

ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, איז אין גיכן געקומען די פֿאַראָרדענונג, אַז אַלע יידישע פּראָפעסאָרן וועלן אָפּגעזאָגט פון זייערע אַמטן. בלויז צוויי אינסטיטוציעס, דער טעכנישער קאָלעדזש אין דעלפט און דער אוניווערסיטעט אין ליידן, האָבן מיט ווייטיק דעמאָנסטרירט זייער פּראָטעסט קעגן דער דיסקרימינאַציע. אין דעלפט איז דער פּראָטעסט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון די סטודענטן ; אין ליידן — דורך דער איניציאַטיוו פון דעם דעקאַן פונעם יורידישן פאַקולטעט. די מאַכט האָט דעם דעקאַן פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף אַכט חדשים און דעם פּאָרזיצער פון דער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע פאַרשיקט אין בוכענוואַלד־לאַגער, ווו ער איז שפּעטער אומגעקומען.

ביידע אינסטיטוציעס האָט די מאַכט אויף אַ צײַט געשלאָסן. אַלע אַנדערע אוניווערסיטעטן מיט זייערע פּראָפעסאָרן האָבן שלום געמאַכט מיט דעם באַפעל.[8]

די „מיך־מיינט־מען־ניט"־אָריענטאַציע און דאָס היטן די אייגענע פעל האָבן גובר געווען דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווערדע.

אויך די קלויסטערס מיט זייערע גײַסטלעכע זײַנען בלויז אָפּגעקומען מיט שיינע פּראָטעסטווערטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאַציע פון די יידן צו די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די יידן ווערן פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פון דאָרט צום אומקום, האָבן צען קריסטלעכע קלויסטערס געשיקט (יולי 1942) אַ טעלעגראַמע צו דער מאַכט, אין וועלכער זיי האָבן אויסגעדריקט זייער זאָרג צוליב דער דעפּאָרטאַציע פון די יידן קיין דײַטשלאַנד. דערבײַ האָבן זיי געפונען פאַר נייטיק אונטערצושטרײַכן גאָר באַזונדערס זייער אַפּעל פאַר די געשמדטע

יידן, וואָס קענען נאָך, חלילה, „ווערן אָפּגעשניטן פון זייער מעגלעכקייט אָנטייל צו נעמען אין דעם לעבן פון דער קירך".

ווען עטלעכע גלחים האָבן געוואָלט פאָרלייענען די פּראָטעסט־טעלעגראַמע אין זייערע קלויסטערס, האָט דער סינאָד דאָס שטרענג פאַרבאָטן, מחמת ער האָט געקראָגן פון דער מאַכט אַ פאַרזיכערונג, אַז די געשמדטע וועט מען ניט דעפּאָרטירן.[9] בלויז אין עטלעכע קאַטוילישע טיפלעס האָט מען די טעלעגראַמע יאָ געלייענט.

(ס'איז נישט אויסערן פלאַץ צו באַמערקן, אַז בלויז מיט עטלעכע חדשים פריִער האָט די אָרטיקע דײַטשע מאַכט באַקומען אינסטרוקציעס פון דײַטשלאַנד, לויט וועלכע „געוויסע צוגרייטונגס־אַרבעטן צו דער 'ענדלייזונג' זאָלן אין די באַטרעפיקע געביטן ווערן דורכגעפירט אויף אַן אופן, „וואָס זאָל אויסמײַדן באַאומרויִקונג פון דער באַפעלקערונג". מיט דעם צוזאָג ניט צו דערפּאָרטירן די געשמדטע איז דער „באַאומרויִקטער" סינאָד געוואָרן רויִק או זײַן געוויסן ריין.)

ערשט אין פעברואַר 1943, אין פולן גאַנג פון דעפּאָרטאַציע, ווען ניט נאָר די האָלענדישע פּאָליציי, נאָר אַ סך בירגערס, מוסרים, האָבן געהאָלפן דער דײַטשער מאַכט צו מאַכן די אָבלאַוועס און כאַפּן ייִדן, האָבן די קלויסטערס אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו זייערע גלייביקע, אַז זיי זאָלן ניט העלפן דער מאַכט און אַפילו זיך אָפּזאָגן פון קאָאָפּערירן אין דעם געיעג אויף ייִדן.[10]

אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן און ממש פאַררעטעריש קעגן דער אייגענער שבועה אָפּצוהיטן דאָס געזעץ און די גערעכטיקייט האָבן געהאַנדלט די ריכטערס פון העכסטן געריכט אין האָלאַנד.

פינף און צוואַנציק יאָר האָט דער פאַרדינסטפולער יוריסט ד"ר ווייסער, אַ ייִד, געדינט אין דעם העכסטן געריכט, פריִער ווי אַ ריכטער און דערנאָך פּרעזידענט. ווען עס איז אַרויס דער באַפעל, אַז אַלע ייִדן ווערן אָפּגעזאָגט פון זייערע אָפיציעלע אַמטן, איז אויך ד"ר ווייסער געוואָרן אויסגעשלאָסן פון געריכט.

די קאָלעגן־ריכטערס האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיטן באַפעל פון דער מאַכט און זײַנען אָנגעגאַנגען מיט דער אַרבעט גלײַך ווי גאָרניט האָט פּאַסירט.

קיין איינער פון די ריכטערס האָט ניט רעזיגנירט, קיין איינער פון זיי האָט אַפילו ניט פּראָטעסטירט.[11]

(ערשט אין האַרבסט 1944 האָט די האָלענדישע רעגירונג אין גלות באַשלאָסן צו סוספּענדירן דעם העכסטן געריכט ביז אַ ספּעציעלער אויספאָרשונג.)

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז גאָר אַנדערש וואָלטן יענע גײַסטיקע פירערס פון פאָלק, די פּראָפעסאָרן, גײַסטלעכע און ריכטערס, רעאַגירט, ווען די קרבנות פון די רדיפות וואָלטן געווען זייערע קריסטלעכע מיטבירגערס.

ד. נאָך דער באַפרײַונג פון האָלאַנד

ווען די לעבן־געבליבענע ייִדן האָבן זיך אומגעקערט אַהיים נאָך דער באַפרײַונג פון האָלאַנד, איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַ פרײַנדלעכער ברוך־הבא מצד די אײַנוווינערס. דער ברוך־הבא איז אויך געווען געמישט מיט אַ געפיל פון שולד און בושה צוליב דעם גרויל, וואָס האָט געטראָפן דעם ייִדישן ייִשוב בימי אָקופּאַציע.

אָבער גאָר אין גיכן האָבן די ייִדן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַטמאָספער פון האַס און שינאה, וואָס האָט זיי געמוזט דערמאָנען אָן דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געבושעוועט מיט אַ קורצער צײַט פריִער.

לויט דעם ספּעציעלן באַפעל אין 1941, האָט די דײַטשע מאַכט עקספּראָפּריִרט די ייִדישע פאַרמעגנס (הײַזער, ייִדישע פירמעס, קראָמען א״אַ.). געלט, באַנקבאַלאַנסן, פאַרזיכערונג־פּאַפּירן זײַנען לויטן באַפעל דעפּאָנירט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער באַנק.

דאָס ייִדישע פאַרמעגן איז פאַרקויפט און טראַנספערירט געוואָרן צו ניט־ייִדן.[12]

ניט לײַכט איז די ייִדן אָנגעקומען דאָס אויפמאָנען זייערע פאַרמעגנס און זייערע דעפּאָנירטע געלטער. זייער אָפט איז בייטיק געווען אָנצווענדן לעגאַלע מיטלען דורכן געריכט און דאָס האָט גענומען אַ סך צײַט.

דערווײַל האָט זיך געשאַפן בייז בלוט און די אַנטיסעמיטישע געמיטער האָבן זיך צעשפּילט.

עס האָבן זיך ווידער דערהערט אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן פול מיט גיפט, און יענע אויסדרוקן זײַנען געקומען ניט דווקא בלויז פון איינפאַכע פאָלקסמענטשן, נאָר אויך אַפילו פון מענטשן מיט אַקאַדעמישן סטאַזש.[13]

ס'איז ניט קיין לײַכטער ענין צו מעסטן דעם גראַד שינאה צו די ייִדן הײַנט צו טאָג. ס'איז אויך ניט לײַכט צו דערגיין, צי האָט דאָס שולד־און בושה־געפיל בײַ אַ סך האָלענדער געפירט צו מעשים־טובים.

ס'איז אָבער מעגלעך אָנצונעמען, אַז דאָס דעליקאַטע, מענטשלעכע געפיל פון שולד און בושה זאָל אויך האָבן געפירט צו חרטה און תּשובה און אַז עס זײַנען אויך דאָ בעלי־תּשובה אין האָלאַנד.

ה. דער עקאָנאָמישער מצב

די דײַטשן האָבן חרוב געמאַכט דעם אַמאָליקן גרויסן און וויכטיקן ייִשוב. נישטאָ מער יענע גרויסע ייִדישע געשעפטן, באַנקען, דימענטן־אינדוסטריע, האַנדל־געשעפטן און טיכטיקע אינסטיטוציעס פון אַ מאָל. די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, די אַלגעמיינע אַרבעטער־פאַראײנען און דער פאַראיין פון די דימענטן־שלײַפערס זײַנען מער נישטאָ. עס זײַנען אומגעקומען אַ סך פון די ייִדישע אינטעלעקטואַלן, פּראָפעסאָרן, שרײַבערס, קינסטלערס, וואָס האָבן פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין דעם

קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד. געבליבן איז נאָר אַ שארית־הפּליטה, וואָס לעבט אין אַ סביבה און אונטער אומשטאַנדן, וואָס רופן אַרויס ספקות מכּוח דעם קיום פונעם יישוב.

און דאָך — ראַנגלט זיך דער איצטיקער יישוב מיט די אומגעהײַערע שוועריקייטן און זוכט עקשנותדיק אַ מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן זײַן קיום.

דער יישוב באַשטייט פון פּראָפעסיאָנאַלן, באַאַמטע און אָנגעשטעלטע בײַ דער רעגירונג, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אין פּריוואַטע געשעפטן. עס זײַנען דאָ קלענערע און גרעסערע געשעפטלײַט, דער עיקר אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. עס זײַנען אויך דאָ קרעמערס און אַרבעטערס, דאָס רוב אין דער דימענטן־אינדוסטריע.

אין אַלגעמיין איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד ווײַט ניט קיין סטאַבילע. מיט אַ צען יאָר צוריק האָט די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אין לאַנד נאָך געהאַלטן אין שטײַגן. די צאָל אַרבעטלאָזע איז דעמאָלט געווען קליין, און אין עטלעכע אינדוסטריעלע צווײַגן איז אַפילו געווען אַ דוחק אין אַרבעטערס, ווי למשל, אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. לעצטנס אָבער איז די צאָל אַרבעטנדיקע געפאַלן און אַ סך אַרבעטערס האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער.

די אַלץ־שטײַגנדיקע פּרײַזן פון אַרטיקלען פון טעגלעכן געברויך, הויכע דירה־געלט, שטײַגנדיקע שכירות און אינפלאַציע — דאָס זײַנען אַלץ זאָרגן, וואָס פּלאָגן די רעגירונג און דאָס לאַנד.

אויך פּאָליטיש האָט זיך די לאַגע שטאַרק געביטן. בײַם פאָלק וואַקסט די אומצופרידנקייט צוליב דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס האָט ניט באַוויזן אײַנצופירן די נייטיקע רעפאָרמען, כּדי צו פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן מצב. דערפון קומען די אָפטע קאַבינעט־קריזיסן אין משך פון די לעצטע יאָרן. די צוויי גרעסטע פּאַרטייען אין לאַנד, די קאַטוילישע און די אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס האָבן אין משך פון די לעצטע צען יאָר געהאַט די גרעסטע פאַרטרעטערשאַפט איןביידע הײַזער, האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן אָנהענגערשאַפט בײַם פאָלק. עס מערקט זיך אַן אומצוטרוי צו די רעליגיעזע פּאַרטייען און אַ וווּקס אין מיטגלידערשאַפט בײַ די קלענערע פּאַרטייען.

אַזוי איז אין 1971 דער אויסגאַנג פון די וואַלן געווען אַ גרויסער זיג פאַר די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן, און דאָס פאָלק האָפט אויף מער פּראָגרעסיווע סאָציאַלע רעפאָרמען.[14]

ו. די קהילות און זייערע טעטיקייטן

אַן ערך אַ העלפט פון דעם יידישן יישוב זײַנען רעגיסטרירטע מיטגלידער אין די אָפיציעלע יידישע קהילות. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די אַנדערע העלפט אידענטיפיצירט זיך ניט מיט יידישקייט. פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס כאָטש זיי זײַנען ניט אָנגעשלאָסן אין אַ קהילה, דאָך קומען

זיי אין די בתּי־תּפֿילה אין די ימים־נוראים און שיקן זייערע קינדער אין דער קהילה־שול.

די גרעסטע פֿון די דרײַ קהילות איז די אָרטאָדאָקסישע. זי נעמט אַרום די קהילות אין אַמסטערדאַם, האַג, ראָטערדאַם און קלענערע קהילות אויף דער פּראָווינץ.

די ליבעראַלע גרופּע באַשטייט מייסטנס פֿון געוועזענע פּליטים פֿון דײַטשלאַנד פֿון פֿאַר דער מלחמה. זיי שטאַלצירן מיט זייער נײַער שיינער שול אין אַמסטערדאַם, וואָס זיי האָבן אויפֿגעבויט ניט לאַנג צוריק. דורך דער צײַט האָבן זיי באַוויזן אַרײַנצונעמען אַ סך מיטגלידער, וואָס זײַנען פֿריִער געווען אין גאַנצן אָפּגעפֿרעמדט פֿון ייִדישקייט.

די פּאָרטוגעזישע קהילה — די עלטסטע אין לאַנד — איז אָבער איצט די קלענסטע אין צאָל מיטגלידער. די פּאָרטוגעזישע שול, וואָס איז אַלט דרײַ הונדערט יאָר, איז צוזאַמען מיט איר וויכטיקער ייִדישער ביבליאָטעק הײַנט צו טאָג מער אַ מאָנומענט פֿונעם רײַכן היסטאָרישן אַמאָל, ווי אַ סימן פֿון פֿולסירנדיקער ייִדישקייט. דאָך האָט זי אַ שולע פֿאַר קינדער, ווו זיי באַקומען אַ רעליגיעזע ייִדישע דערציִונג.

אַלע דרײַ קהילות זײַנען פּאַראייניקט אין פּרט פֿון סאָציאַלער אַרבעט און צוזאַמען שאַפֿן זיי איין צענטראַלן פֿאָנד צו שטיצן זייערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. אויף אַן ענלעכן אופֿן זײַנען זיי פּאַראייניקט בנוגע געלט־קאַמפּאַניעס פֿאַר ישׂראל. ניט נאָר איז זייער אידענטיפֿיצירונג מיט ישׂראל זייער שטאַרק, נאָר זיי זײַנען באַזונדערס שטאָלץ דערמיט, וואָס דאָס לאַנד איז שטאַרק פּראָ־ישׂראלדיק. זיי זײַנען אויך שטאָלץ דערמיט, וואָס אַ סך ייִדן פֿאַרנעמען וויכטיקע פּראָפֿעסאָרישע שטעלעס און אויך וויכטיקע אַמטן אין דער רעגירונג.

די פּראָבלעם פֿון ייִדישן חינוך איז זייער שאַרף, מחמת עס איז שווער צו באַקומען לערערס, באַזונדערס פֿאַר די קלענערע ייִשובֿים אין דער פּראָווינץ.

די קהילות פֿירן אויך אָן אַ טעטיקייט צווישן דערוואַקסענע, זיי אַראַנזשירן לעקציעס און פֿאַרשיידענע פֿאַרווײַלונגען.

זייערע בולעטינען פֿאַרמאָגן ניט נאָר אינפֿאָרמאַציע וועגן זייער טעטיקייט, נאָר אויך באַלערנדיקע ידיעות און אַרטיקלען וועגן דעם לעבן פֿון די ייִדן אין אַנדערע לענדער.[15]

די גרויסע מערהייט פֿון דער יוגנט שטודירט אין די אוניווערסיטעטן. צווישן זיי זײַנען דאָ אַזעלכע, וואָס זײַנען אַוועק אין די רייען פֿון דער לינקער באַוועגונג. עס זײַנען אָבער אויך דאָ „חוזרים״, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער יוגנט־באַוועגונג פֿון השומר הצעיר, וואָס ווערט אָנגעפֿירט פֿון שליחים פֿון ישׂראל.

ביבליאָגראַפיע

1. Demografie van de Joden Nederland. Nederlands Interuniversitair p. 39.
Demografish Institut. N. I. D. I. Assen 1971. p. 39
אויך: Documents of the Persecution of the Dutch Jewry, Joods Historish Museum, Amsterdam. p. 45;
Jood, Compiled by A. C. Roodnat, Athenaeum, 1969:
140.522 — פולע ייִדן; 14.549 — האַלבע ייִדן; 5.719 — פערטל ייִדן (זײַט 70). 5.719 —

2. דאָרט, ז׳ 39

3. דאָרט — זײַט 11

4. Encyclopaedia Britannica (see: Holland).

5. Dr. J. Presser, The Destruction of the Dutch Jews, Translated by A. Pomerans, E. P. Dutton & Co. N.Y. 1969. pp. 381—405.

6. Documents of Persecution, etc.

7. Jood, compiled by A. C. Roodnat and M. De Klijn. Translated by D. M. Bafaur. p. 43

8. Documents of persecution etc., 40-41. Circular Z 3147 VO/1941; Jood, etc.; L. de Jong, The Lion Rampant, Querido N. Y. p. 186—231; Dr. J. Presser, etc., pp. 16—31;

9. Dr. J. Presser, etc., p. 147—149; Werner Warmbrum, The Dutch under German Occupation, 1940—1945, Stanford N-ty, 1963.

10. Documents of Persecuttion, etc. p. 70; Werner Warmbrun, p. 160.

11. Dr. J. Presser, etc. p. 280-281; Werner Warmbrum, etc. p. 267-268.

12. Documents of Persecution, etc. p. 42.

13. A. D. L Bulletin. Publ. by Anti Defamation League of Bnai Brith, Nov.. 1967 ; J. D. Presser, etc. p. 128.

14. Encyclopaedia Britannica,
אַלע יאָרן פון 1961—1972, האָלאַנד.

15. Haggadeer de Haag.
Uitgave Van De Nederlands-Israelietische Gemeente, Aug. 1971.

דער ייִדישער ייִשוב אין גריכנלאַנד

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דער ייִדישער ייִשוב אין גריכנלאַנד באַשטאַנען פון 25 קהילות און געציילט אַרום אַכציק טויזנט ייִדישע נפשות.

ניט קוקנדיק אויף די פאַרשיידענע טעריטאָריעלע גילגולים, וואָס גריכנלאַנד האָט דורכגעמאַכט אין די ערשטע צענדליקער פון דעם 20סטן יאָרהונדערט, ווי אויך די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שינויים אין לאַנד גופא, איז דאָס לעבן פון די ייִדישע ייִשובים געוועז גאַנץ עטאַבלירט.[1]

אמת, אין די גרעסערע שטעט, באַזונדערס אין סאַלאָניקי, האָבן די ייִדן זיך אָנגעטראָפן אויף דער קינאה־שינאה פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַקטיוון אָנטייל אויף פאַרשיידענע אינדוסטריעלע געביטן, ווי טעקסטיל, פּאַפּיר־פּראָדוקציע, גלאָזוואַרג, פעל־און לעדער־פאַבריקאַציע א״אַ. אַ היפּשע צאָל ייִדן זײַנען געווען פאַרטראָטן בײַ שווערער פיזישער אַרבעט, ווי פּאָרטאַרבעט, פישפאַנג און אַנדערע ייִדן האָבן אויך גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער שווערער אינדוסטריע, ווי אויך אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיסחר און פינאַנץ.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדן אין די פּראָווינצשטעט, ווי עפּערוס, טעסאַליע און אויך אויף די אינדזלען, איז געווען פיל בעסער, מחמת דאָרט האָבן די ייִדן זיך ניט אָנגעטראָפן מיט קיין שינאה מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

אין לאַנד האָט געגאָלטן דאָס אַלטע געזעץ פון 1821, וואָס אָנערקענט גלײַכע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט פאַר אַלע בירגערס און איז חל אויף אַלע גריכישע ייִדן.[2] דאָס געזעץ איז שפּעטער אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין די קאָנסטיטוציעס פון 1881, 1911, און 1952.[3]

נאָך אין יאָר 1882 האָבן די ייִדישע קהילות באַקומען אַ לעגאַלן סטאַטוס און לויט דעם געזעץ געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע רעליגיעזע, סאָציאַלע און דערציִונגס־ענינים. אַלע הצטרכותן פון די קהילות האָבן געמוזט געדעקט ווערן פון די מיטגלידער פון די קהילות גופא.

ווי אַ רעזולטאַט פון ייִדישער אָנשטרענגונג און מי זײַנען אין אַלע ייִדישע קהילות, באַזונדערס אין יענע, וואָס זײַנען פריִער געווען אונטער דער טערקישער ממשלה, געווען גוט־אײַנגעפונדעוועטע בתּי־תּפילה, שולן פאַר קינדער, ישיבות און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

די ייִדישע קהילה אין סאַלאָניקי האָט זיך אין יענער צײַט אויסגעצייכנט מיט איר גרויסער נעץ פון ייִדישע שולן, סײַ פּריוואַטע, סײַ

אָרגאַניזירטע פון דער קהילה אָדער פון דער אַליאַנץ איזראַעליט. אויפן אינדזל ראָדאָס האָט זיך געפונען דער סעמינאַר פאַר רבנים און לערערס. אַ באַזונדערס וויכטיקע דערגרייכונג איז געווען די פאַכשול מיט אירע פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, וואָס די אַליאַנץ האָט געעפנט אין 1878. אין 1908 האָט די שול דערגרייכט אַ הויכע מדרגה און געציילט נאָענט צו פיר טויזנט סטודענטן.[4]

אַ געזעץ פון 1931 האָט פאַרבאָטן יעדע שול, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון אויסלענדישע אינסטיטוציעס. דאָס האָט אַרייַנגעבראַכט אַ שטערונג אין דעם נאָרמאַלן וווקס און אויספּרייט פון דער שולנעץ. די מערסטע אַליאַנץ־שולן האָבן זיך געשלאָסן און בלויז אַ טייל פון זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די קהילה־שולן. ייִדישע קינדער האָבן לויטן געזעץ געקענט לערנען אין די שטאַטישע שולן אָדער די קהילה־שולן.

דער פאַשיזם, וואָס האָט אין יענער צייַט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין די אייראָפּעיִשע לענדער, האָט זייער גיך דערגרייכט די ברעגעס פון גריכנלאַנד און באַדראָט די זיכערקייט פון די דאָרטיקע ייִדישע ייִשובים.

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט עס אויסגעזען, אַז גריכנלאַנד זאָל זיך שטעלן אויף דער זייַט פון דייַטשלאַנד און איטאַליע, אָבער ווען די גריכישע רעגירונג האָט אין אַפּריל 1939 באַקומען אַ פרייַנדלעכע פאַרזיכערונג פון ענגלאַנד, איז זי פאַרבליבן נייטראַל. שפּעט אין אָקטאָבער 1940 איז די איטאַליענישע אַרמיי אַרייַן קיין גריכנלאַנד דורך אַלבאַניע, און גריכנלאַנד איז געצוווּנגען געוואָרן אַרייַנצוטרעטן אין דער מלחמה.

דער ייִדישער ייִשוב האָט מיט זייַן אָנטייל אין דער מלחמה אַרויסגעוויזן זייַן געפיל פון פּאַטריאָטיזם. אין דער גריכישער אַרמיי האָבן זיך באַטייליקט 12,898 ייִדן, צווישן זיי 343 אָפיצירן. עטלעכע הונדערט ייִדישע סאָלדאַטן און אָפיצירן זייַנען געפאַלן אין די שלאַכטן.

מיט גרויס העלדישקייט האָט זיך אויסגעצייכנט דער יונגער פּולקאָווניק מרדכי פריצי, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף, בעת ער האָט געפירט זייַן אָפּטיילונג אין אַ געפערלעכער אָבער געלונגענער אַטאַקע אויף דעם שונא. אין דער מיליטערישער לוויה האָבן זיך באַטייליקט די מיליטערישע און ציווילע פירערס, צווישן זיי אויך דער אַרציבישאָף פון אַטען.

די גרויסע טעגלעכע צייַטונג „עטמאָס״ (Ethmos) האָט אין אַ ספּעציעלן לאַנגן אַרטיקל געלויבט דעם ייִדישן ייִשוב און געשריבן, אַז „די ייִדן דערפילן זייער פּאַטריאָטישן חוב מיט זייער גאַנצן האַרצן״.[5]

אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע

בלויז אַ פּאָר חדשים נאָך דעם ווי די איטאַליענישע אַרמיי האָט אַטאַקירט גריכנלאַנד, האָט די דייַטשע אַרמיי פאַרכאַפּט סאַלאָניקי אין

אַפּריל 1941. דער דאָרטיקער ייִדישער ייִשוב איז געווען דער ערשטער צו דערפילן דעם שווידער פון די נאַציִשע גזירות. די נאַציִשע מאַכט האָט גלײַך גענומען דורכפירן אירע געפּלאַנטע גזירות מיטן צוועק צו דעפּאָרטירן די ייִדן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ייִדישע הײַזער זײַנען גלײַך געוואָרן קאָנפיסקירט, און אין משך פון צוויי יאָר זײַנען די ייִדן פאַרטריבן געוואָרן אין אַ געטאָ, וואָס האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט ליקווידירט ווערן אין 1945. אין גאַס האָבן אַלע ייִדן געמוזט טראָגן אויף זייער מלבוש די געלע לאַטע. לויט אַ ספּעציעלער פאַראָרדענונג, איז די ייִדן פאַרבאָטן געוואָרן זיך צו באַנוצן מיט דער שטאָטישער טראַנספּאָרטאַציע נאָך זון־אונטערגאַנג.

ייִדן האָבן געמוזט אַרויפשטעלן אויף זייערע קראָמען ספּעציעלע שילדן, וואָס זאָלן באַצייכענען, אַז דאָס זײַנען ייִדישע געשעפטן. אַלע אַרבעטער־פאַראיינען זײַנען געוואָרן אויפגעפּאָדערט אויסצושטרײַכן אַלע ייִדישע מיטגלידער. מיט דער צײַט זײַנען אויך די ייִדישע געשעפטן געוואָרן קאָנפיסקירט.

אין 1942 האָט די מאַכט אָנגעהויבן רעגיסטרירן ייִדן אויף צוואַנגאַרבעט. די פאַרוואַלטונג פון דער ייִדישער קהילה האָט זיך גיך אָנגעשטויסן וואָס דאָס מיינט און האָט זיך אונטערגענומען צו זאַמלען פאַר דער מאַכט צוויי און אַ האַלב ביליאָן דראַכמעס ווי אַן אָפּצאָל פאַר באַפרײַען די ייִדן פון דער צוואַנגאַרבעט. דערבײַ זײַנען אַ צאָל פּראָמינענטע ייִדן גענומען געוואָרן פאַר משכּנות ווי אַ פאַרזיכערונג, אַז די דערמאָנטע סומע וועט ווערן באַצאָלט. תּיכּף נאָך דעם איז געקומען די פאַראָרדענונג, אַז אַלע ייִדן מוזן אָנגעבן זייערע געלטער און פאַרמעגנס אין די בענק. ווי אַ גאַראַנטיע, אַז אַלץ וועט ווערן דורכגעפירט, האָט די מאַכט פאַרנומען 104 קהילה־פאַרשטייערס ווי משכּנות.

אין גיכן האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס. אין משך פון בלויז איין יאָר—פון יוני 1943 ביז אויגוסט 1944 — איז די ייִדישע געטאָ געוואָרן אין גאַנצן אויסגעליידיקט און אַרום זעקס און פערציק טויזנט ייִדן זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ און בערגן־בעלזן. בלויז אַרום דרײַ טויזנט ייִדן האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

אַ טייל פון זיי איז געלאָפן קיין אַטען, האָפנדיק, אַז אונטער דער איטאַליענישער מאַכט וועלן זיי זײַן זיכער מיט זייער לעבן. אַ גרויסע צאָל איז אַנטלאָפן אין די בערג און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן בײַ פרײַנדלעכע קריסטן אָדער אַוועק צו די ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס און צוזאַמען מיט זיי דורכגעפירט געפערלעכע און העלדישע אַקציעס קעגן די נאַציס.[6]

דער גורל פון די קלענערע ייִדישע ייִשובים פון מיזרח־טראַציע איז געווען דער זעלביקער. עס ווערט גערעכנט, אַז אַריבער 4.000 ייִדן פון יענע שטעטלעך זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן און זייער ווייניק פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

אויך יענע ייִדן, וואָס זײַנען געלאָפן קיין אַטען, האָבן זיך זייער גיך אַנטוישט. כּל־זמן די איטאַליענער האָבן נאָך געהאַט די מאַכט אין אַטען און

פּעלעפּאָנעז, האָבן זיי די נאַצישע גזירות ניט דורכגעפירט. אָבער אַזוי שנעל ווי איטאַליע האָט זיך אונטערגעגעבן די נאַציס אין סעפּטעמבער 1943, איז די טרויעריק־באַרימטע „ראָזענבערג־קאָמיסיע" אָנגעקומען קיין אַטען און זיך גענומען דורכפירן דעם פאַרניכטונג־פּלאַן איבער דעם יידישן יישוב. אין אַטען זיינען דעמאָלט געווען 9.000 יידן, צווישן זיי די אַנטלאָפענע פון סאַלאָניקי.[6]

דער טײַוולאָנישער אויסראָטפּלאַן האָט זיך דער קאָמיסיע ניט לײַכט אײַנגעגעבן.

ווען די „ראָזענבערג־קאָמיסיע" האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן זאָלן זיך גלײַך רעגיסטרירן, זײַנען בלויז אַרום דרײַ הונדערט נאָכגעקומען דעם באַפעל. די נאַצישע מאַכט האָט דעמאָלט אויפגעפאָדערט דעם רב פון אַטען ר' אליהו ברזילי, ער זאָל גלײַך צושטעלן די רשימה פון אַלע יידן פון דער קהילה, אָבער דער רב איז אַנטלאָפן אין די בערג, מיטגענומען מיט זיך די רשימה און גלײַכצײַטיק געוואָרנט די יידן וועגן דעם באַפעל. די מאַכט האָט זיך באַנוצט מיט דעם מיטל פון מסירה, צוזאָגנדיק יעדן מסור אַ העלפט פון דעם פאַרמעגן פון יעדן ייד, וואָס ער וועט העלפן כאַפּן. אַרום צוויי טויזנט יידן זײַנען געכאַפּט געוואָרן מיט דער הילף פון די קריסטלעכע מוסרים.[6א] אַ גרויסע צאָל יידן איז דאָך געלונגען צו אַנטלויפן אין די בערג און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן בײַ פרײַנדלעכע קריסטן אָדער זיך אָנשליסן אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. די העלדישע אַקציעס פון יענע יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס זײַנען אַ קאַפּיטל פאַר זיך. נאָך אין 1941, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרן אָקופּירט פון די דײַטשן, זײַנען אַרום הונדערט יידישע סאָלדאַטן און אַרום טויזנט ציוויליע יידישע בירגערס אַרײַנגעטראָטן אין די גריכישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס. צוזאַמען האָבן זיי אָנטייל גענומען אין געפערלעכע סאַבאָטאַזש־אַקציעס אין מיליטערישע צענטערס, פאַבריקן א"אַ. שפּעטער האָבן זיך אויך פאָרמירט יידישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון גריכישע אָדער בריטישע אָפיצערן. אַזעלכע גרופּעס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן אין פאַרשיידענע געגנטן מיט דעם צענטער אין אַטען. אין טעסאַליע האָט דער אַלטער רב ר' משה פּסח אַליין אָרגאַניזירט אַזאַ גרופּע און צוזאַמען מיט זיי געוואַנדערט אין די בערג, אויספירנדיק פאַרשיידענע געוואַגטע ווידערשטאַנד־אַקציעס.

צום שבח פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג דאַרף באַמערקט ווערן, אַז פיל קריסטן האָבן אַרויסגעוויזן אמתע פרײַנדלעכקייט צו זייערע יידישע מיטבירגערס אין יענע טרויעריקע טעג. ווען די נאַצישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די קריסטן זאָלן ניט אַרויסווײַזן הילף צו די יידן, האָבן אַ סך קריסטן ניט אויסגעפאָלגט דעם באַפעל כאָטש דאָס האָט געמיינט טויטשטראָף. די מאַכט האָט אויפגעפאָדערט די גלחים, אַז זיי זאָלן פאַרבאָטן זייערע מיטגלידער אַרויסצוהעלפן די יידן, אָבער ווייניק

קירכן־פירערס האָבן אויסגעפּאָלגט דעם באַפעל, די מערהייט האָט אַפילו גערופן זייערע מיטגלידער צו העלפן די ייִדן מיט וואָס נאָר מעגלעך.[7]

ווען עס איז אין 1943 אַרויס דער באַפעל, אַז די פּאָליצײַ זאָל מיט אַלע מיטלען זען, אַז ייִדן זאָלן זיך רעגיסטרירן, האָט דער אַרציבישאָף דאַמאַסקינאָס אַרויסגעשיקט געהיימע אינסטרוקציעס צו אַלע מאָנאַסטירן און קאָנווענטן אין אַטען און אין אַנדערע שטעט, אַז זיי זאָלן זען העלפן ייִדן זיך באַהאַלטן.

אָבער דער גורל פון די ייִדן אין גריכנלאַנד איז געווען פאַרזיגלט. אַרום 65.000 ייִדן זײַנען דעפּאָרטירט געוואָרן און זייער ווייניק פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט בדרך־נס.

ליכט און שאָטן

נאָך דעם ווי גריכנלאַנד האָט זיך באַפרײַט פון דער נאַצישער הערשאַפט אין 1944, האָבן די לעבן־געבליבענע גריכישע ייִדן זיך גענומען אומקערן צו זייערע היימען.

דאָס זײַנען געווען מערסטנס צעבראָכענע משפּחות, אַלמנס און אַלמנות, זייער ווייניק יונגע מענטשן און נאָך ווייניקער קינדער. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע איז דער שארית־הפליטה אויסגעקומען צו לעבן אונטער זייער שווערע באַדינגונגען, און נאָר אַ דאַנק דער הילף פון דעם „דזשאָינט״ און דער ייִדישער אַגענץ האָבן זיי באַוויזן ווי עס איז צו געדײַען אין דער אַלגעמיין־שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד.

מיטן אויפקום פון מדינת־ישׂראל האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמיגראַציע פון די גריכישע ייִדן קיין ישׂראל און אויך אין אַנדערע לענדער. ס'איז אָנגענומען, אַז צווישן די יאָרן 1949 און סוף פופציקער האָבן אַרום 3,500 גריכישע ייִדן עמיגרירט קיין ישׂראל. אַ צאָל האָבן אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, דרום־לאַטײַנישע לענדער און אויסטראַליע. אין אַטען, סאַלאָניקי און אין די קלענערע שטעט זײַנען געבליבן אַן ערך 5,000 ייִדן.[8]

מיט דער געניטקייט און פּראַקטיק דורך דורות־לאַנגן גלות לעבן האָט די פאַרבליבענע שארית־הפליטה גענומען צוריק אויפשטעלן דעם ייִדישן יישוב. אַ צײַטווײַליקע פאַרוואַלטונג פון צוועלף מיטגלידער האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַטען מיטן צוועק אויפצושטעלן די ייִדישע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון דער ייִדישער קהילה. די גריכישע רעגירונג האָט גלײַך נאָכן איבערנעמען די מאַכט אַנולירט די אַנטי־ייִדישע געזעצן, וואָס זײַנען געווען גילטיק אין דער צײַט פון אָקופּאַציע, און די ייִדישע פאַרוואַלטונג האָט צוריק באַקומען אַ לעגאַלן סטאַטוס. תּיכּף נאָך דעם האָט זיך אָרגאַניזירט אַ צענטראַלער ראַט פון אַלע ייִדישע קהילות, און לויט דער פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג איז אויך אָרגאַניזירט

געוואָרן אַ קאָמיטעט פאַר הילף און עקאָנאָמישער רעהאַביליטאַציע (O. P. A. I. E.), וואָס האָט פאָרמעל איבערגענומען דאָס אייגנטום (הײַזער, קראָמען א״אַ.), וואָס איז געבליבן אָן יורשים. דער קאָמיטעט האָט אויך געגומען אויפמאָנען פון דײַטשלאַנד אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַלע שאָדנס (געלט און אייגנטום), וואָס די ייִדן האָבן געליטן אין דער צײַט פון אָקופּאַציע, אָבער ערשט אין 1960 איז צווישן דער דײַטשער רעגירונג אין באָן און דער גריכישער רעגירונג געשלאָסן געוואָרן דער קאָמפּענסאַציע־אָפּמאַך. פון די צוגעשטעלטע 7,200 תּביעות פאַר קאָמפּענסאַציע איז בלויז אַ קליינע צאָל (1200) אָנערקענט געוואָרן, מחמת די אַנדערע זעקס טויזנט האָבן שוין אין יענער צײַט געוווינט אין אַנדערע לענדער און דערפאַר אָנגעוווירן זייער גריכישע בירגערשאַפט צוזאַמען מיט זייער רעכט אויף קאָמפּענסאַציע.[9]

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד, די גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, די אַלץ־שטײַגנדיקע אינפלאַציע און די פאַרשאַרפטע באַציִונגען מיט טערקײַ צוליב דעם סיכסוך איבער ציפּרוס — האָבן געשאַפן אַ סך שפּאַנונג, און דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אומסטאַביליטעט.[10]

ערשט נאָך דעם מיליטערישן אויפשטאַנד אין 1973 איז אויפגעקומען די ערשטע פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג. אין 1974 האָט דאָס פאָלק אין אַ רעפערענדום דערקלערט גריכנלאַנד פאַר אַ רעפּובליק און אַ יאָר שפּעטער אָנגענומען אַ נײַע קאָנסטיטוציע. גלײַך מיט אַלע בירגערס געניסן אויך די ייִדן די ציווילע און פּאָליטישע רעכט, וואָס זײַנען גאַראַנטירט פון דער קאָנסטיטוציע.[11]

דער איצטיקער ייִשוב ציילט אַרום 6,000 נפשות און באַשטייט מייסטנס פון קליינע סוחרים, קרעמערס, פּעדלערס, אַרבעטערס און ביוראָ־אָנגעשטעלטע. דורך דער צײַט זײַנען אויך אויפגעקומען ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערערס אין די רעגירונג־שולן, ווי אויך אָנגעשטעלטע אויף קלענערע פּאָסטנס אין די רעגירונג־אַנשטאַלטן. אַ צאָל ייִדן זײַנען אַקטיוו אין דער קליידונג־אינדוסטריע.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די ייִדן איז רעלאַטיוו אַ צופרידנשטעלנדיקער, אָבער די אַלגעמיינע אַטמאָספער, אין וועלכער דעם ייִדישן ייִשוב קומט אויס צו לעבן, איז ווײַט ניט קיין געזונטע. אמת, קיין אָרגאַניזירטער אַנטיסעמיטיזם איז ניטאָ, דאָך איז די סאָציאַלע און פּאָליטישע לופט דורכגעפּרעסן פון אַנטיסעמיטיזם־טענדעצן, וואָס ווערן שטאַרק אויסגענוצט פון די רעאַקציאָנערע קרײַזן און סתם שונאי־ישׂראל.

די שרעקלעכע ייִדישע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, איז ווי פאַרגעסן געוואָרן, אויך די גוטע געפילן פון מיטלייד צום געראודפטן ייִדישן ייִשוב זײַנען ווי אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט.

שוין אין די ערשטע יאָרן, ווען די ייִדישע אייגנטימערס האָבן נאָכן אומקערן זיך אַהיים געזונען אויפמאָנען זייערע הײַזער און קראָמען, וואָס זײַנען פאַרכאַפּט געוואָרן פון מוסרים און אַנדערע אויף אַן אומלעגאַלן אופן בימי אָקופּאַציע, האָט זיך געשאַפן ניט ווייניק בייז בלוט. כּדי אויפצומאָנען זייער אייגנטום, האָבן די ייִדן געמוזט זיך ווענדן צום געריכט, און ווען דער געריכט האָט געפסקנט לטובת דעם אייגנטימער, זײַנען די אומלעגאַלע „באַלעבאַטים" געבליבן פאַרביטערטע שונאי־ישראל.

אויך די קריסטלעכע קירך האָט ניט ווייניק בײַגעשטײַערט צו דער פאַרפעסטער לופט פון שינאה צו ייִדן.

כאָטש די אָפיציעלע שטעלונג פון דער קירך צום ייִדישן ייִשוב דריקט זיך אויס אין אָפיציעלער טאָלעראַנץ, דאָך טליעט נאָך אַלץ אין דער טיף בײַ דעם גריכישן קלער אַ שינאה צו ייִדן און מיט דער שינאה שפּײַזן זיי זייערע מאַסן גלייביקע.

די גריכישע קאָנסטיטוציע רעדט קלאָר וועגן דער קריסטלעכער מיזרח־אָרטאָדאָקסישער קירך ווי די עטאַבלירטע אין לאַנד און אָנערקענט דערבײַ אויך די פרײַהייט און דאָס רעכט פון אַנדערש גלייביקע צו פּראַקטיצירן זייערע אמונות אַזוי לאַנג ווי זיי פירן ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער עטאַבלירטער קירך.[12]

אָבער אין זייער קאַמף קעגן יעדן סאָרט פּראָזעליטיזם, האָט דער גריכישער קלער געזונען אידענטיפיצירן די סעקטע — "Hiliostai" (היליאָסטאַי, וואָס איז ענלעך צו דער סעקטע „יעהאָוואַס וויטנעסעס") מיט דער ייִדישער רעליגיע און פאַרשפּרייטן דערבײַ קלאַנגען, אַז די סעקטע ווערט געשטיצט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ייִדנטום, כּדי אָפּצושוואַכן די קריסטלעכע קירך.

אָט די בייזוויליקע פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן אין אַן אָפיציעלן אינפאָרמאַציע־בולעטין נומער 1, און כאָטש דער אַרציבישאָף דאַמאַסקינאָס האָט אָפיציעל געשטעמפּלט די פּראָפּאַגאַנדע ווי אַ בילבול אויף ייִדן, האָט זײַן דערקלערונג ווייניק וואָס געהאָלפן, דער קלער האָט אָפּגעטאָן זײַנס.

קיין אַפּעל צו דער ציווילער מאַכט העלפט ניט. די גריכישע קירך באַטראַכט זיך נאָך אַלץ אַ „שטאַט אין אַ שטאַט" און קיין ציווילע מאַכט, אַפילו ווען זי וואָלט געוואָלט, קען זיך ניט אַרײַנמישן אין די ענינים פון קירך און קען דעריבער ניט אָפּשטעלן די געפערלעכע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן.

די שינאה צו ייִדן ווערט אויך געשטאַרקט דורך דער פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע מצד די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד איז נאָך אַלץ ווײַט פון סטאַביל און די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען וואַרפן די שולד אויף די ייִדן. זיי נוצן אויס אַלטע אויסגעדראָשענע בילבולים אויף ייִדן, ווי, למשל, אַז קאָמוניזם איז אינספּירירט פון דעם

וועלט־ייִדנטום, אַז די אַמעריקאַנער רעגירונג ווערט דיקטירט פון ייִדן און אַז די ייִדן אין גריכנלאַנד זײַנען ניט קיין אמתע פּאַטריאָטן.

און כאָטש אַלע ווייסן וועגן דעם ייִדישן אָנטייל אין דער מלחמה מיט די נאַציס, פאַרשפּרייטן זיי אָבער דעם ליגן, אַז די ייִדישע פּאַרטיזאַנער זײַנען אַריבער צו די קאָמוניסטן.[13]

לעצטנס האָט זיך אויך געשטאַרקט די האַס־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ישׂראל, ציוניזם און ייִדן, וואָס די אָנגעקומענע אַראַבישע סטודענטן פירן אין די אוניווערסיטעטן און פאַרפעסטן די אַקאַדעמישע לופט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט.

ס'איז וויכטיק צו באַמערקען, אַז אין די ליבעראַלע קרײַזן און אין דער ליבעראַלער פּרעסע איז דאָ אַ פאַרשטענדעניש פאַר דעם מצב פון דעם ייִדישן ייִשוב.

ווען די „סוואַסטיקא כוואַליע" אין 1960 האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ מין אָרגאַניזירטע אַנטיסעמיטישע קאַמפּאַניע מיט דראָענדיקע אויפשריפטן קעגן ייִדן, ברענענדיקע שטורקאַצן, סטראַשונקעס צו ייִדן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַנדערע אַנטיסעמיטישע אויפרופן — איז די ליבעראַלע פּרעסע גלײַך אַרויסגעקומען מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער וואַקכאַנאַליע און אויפגעפאָדערט די רעגירונג אָנצונעמען מיטלען און באַשטראָפן די שולדיקע כוליגאַנעס.

אויך דער אָפיציעלער הויפּט פון דער קירך האָט פאַראורטיילט דעם אויסבראָך פון אַנטיסעמיטיזם.[14]

דער ייִדישער ייִשוב נעמט אויף די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע מיט אַ סך זאָרג, אָבער אויך ווי אַלטע, גוט־באַקאַנטע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע פון ייִדישן ייִשוב. און כּל־זמן דאָס לאַנד ווערט רעגירט פון אַ דעמאָקראַטיש־דערווײלטן פאַרלאַמענט און קיין רדיפות קומען ניט פאָר, בלײַבט בלויז צו האָבן בטחון, אַז עס וועלן אָנקומען בעסערע צײַטן.

צווישן די פאַקטאָרן, וואָס פאַרשאַפן דעם ייִשוב אַ סך עגמת־נפש און זאָרג, זײַנען די אַסימיליאַטאָרישע טענדענצן בײַ דער ייִדישער שטודירנדיקער יוגנט, ווי אויך די אָפטע געמישטע חתונות. קיין ציווילע חתונות זײַנען ניט דערלויבט, און כּדי חתונה צו האָבן אויף אַ געזעצלעכן אופן מוז דער ייִדישער צד זיך שמדן. מען רעכנט, אַז פינף פּראָצענט פון אַלע חתונות זײַנען געמישטע.[15]

די ערשטע יאָרן נאָך זייער אָנקומען צוריק פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פון זייערע באַהעלטענישן זײַנען פאַר דער שארית־הפּליטה געווען די שווערסטע, ניט נאָר מחמת זיי האָבן געדאַרפט אָנקומען נאָך הילף צו דעם „דזשאָינט" און צו דער ייִדישער אַגענץ, נאָר מחמת טיפע פּסיכאָלאָגישע טעמים.

יעדער ניצול געוואָרענער יחיד, יעדע געראַטעוועטע משפּחה האָבן געטראָגן אין זיך דאָס פּײַנלעכע געפיל, אַז זיי אַליין זײַנען ניצול געוואָרן, בעת זייערע ליבע און טײַערע זײַנען אומגעקומען. אין אַזעלכע

שטימונגען איז שווער געווען פאַר זיי צו באַשליסן, צי זיי זאָלן בלײַבן אָדער ניט בלײַבן אין דער צעבראָכענער היים. אַ היפּשע צאָל האָט טאַקע עמיגרירט קיין ישראל און אַנדערע לענדער. אָבער יענע, וואָס זײַנען געבליבן, האָבן צוזאַמען מיט זייערע מנהיגים זיך גענומען ענערגיש פאַר דעם ווידעראויפבוי פון דעם ייִשוב.

און אויב אין די ערשטע יאָרן האָט די שארית־הפליטה געדאַרפט אָנקומען נאָך הילף פון דרויסן, זײַנען זיי אָבער איצט ביכולת ניט נאָר צו באַזאָרגן זייערע געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן, נאָר אויך אַפילו בײַצוטראָגן יערלעך צו די פאָנדן פון דעם ייִדישן וועלטקאָנגרעס און צו מדינת־ישראל.

די קראָמען און הײַזער, וואָס זייערע באַלעבאַטים זײַנען אומגעקומען, ניט איבערלאָזנדיק קיין יורשים, האָט די גריכישע רעגירונג איבערגעגעבן אין די הענט פון די קהילות. די הכנסות פון אָט דעם אייגנטום, צוזאַמען מיט דער הכנסה פון שטייער פון דער מיטגלידערשאַפט פון יעדער קהילה, דערמעגלעכט דעם ייִשוב אויסצוהאַלטן זײַנע בתי־תּפילה און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי אויך צו שטיצן זײַנע ייִדישע שולן פאַר קינדער, קינדער־גאָרטנס און לאַגערן פאַר קינדער.[16]

דאָס ייִדישע לעבן אין דעם ייִשוב טראָגט אַ רעליגיעזן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער און איז קאָנצענטרירט אַרום די בתי־תּפילה. קינדערשולן און קולטור־צענטערס צילן צו שטאַרקן בײַם יחיד דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט צו דער קהילה און צום ייִדנטום אין דער גאָרער וועלט.

דער גרויסער אינטערעס אין מדינת־ישראל איז ניט נאָר אַן עמאָציאָנעלער, מחמת דעם געפיל פון שטאָלץ מיט דער אויפגעקומענער מדינה און אירע דערגרייכונגען, נאָר אויך מחמת די פיל קרובים, וואָס די גריכישע ייִדן האָבן אין ישראל.

אין דעם ייִשוב דערשײַנען צוויי צײַטונגען ("Evraiko Estie" און Greeo-Israeli Revue), ווי אויך אַ בולעטין, וואָס האַלטן דעם ייִשוב אינפאָרמירט סײַ וועגן זייערע אייגענע אַקטיוויטעטן און פּראָבלעמען, סײַ וועגן דעם לעבן אין ישראל און אין אַנדערע לענדער.

לויטן געזעץ, דאַרפן די ייִדישע קינדער לערנען אין די שטאַטישע שולן. זיי קענען אויך גיין אין אַ ייִדישער טאָגשול, וואָס נעמט אין איר פּראָגראַם אַרײַן סײַ דעם סעקולערן, סײַ דעם רעליגיעזן קוריקולום און געפינט זיך אונטער דער השגחה פון דער שטאַטישער דערציִונג־אַדמיניסטראַציע.

דערווײַל פאַרמאָגט דער ייִשוב איין טאָגשול, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער ייִדישער קהילה אין אַטען, אַ צווייטע ווערט פּראָיעקטירט אין סאַלאָניקי.

דאָס רוב קינדער אין דעם ייִשוב קריגן זייער ייִדישע דערציִונג אָדער אין די נאָכמיטאָג־שולן, אָדער זונטאָגשולן.

די יידישע דערציִונג אין דער נאָכמיטאָג־שול איז זייער אַ באַגרענעצטע סיי אין צייט פון לערנען, סיי אין תּוכן, און עס איז דעריבער שווער צו זאָגן, אויף וויפל אַזאַ באַגרענעצטע דערציִונג איז בכּוח משפּיע צו זיין אויף דעם יידישן קינד און איינצוהאַלטן אין אים אַ שטאַרק געפיל פון אָנגעהעריקייט צום יידנטום.

באַזונדערס פּראָבלעמאַטיש איז די יידישע דערציִונג אין די זייער קליינע קהילות, וואָס זיינען ניט ביכולת אויסצוהאַלטן אַן אָרגאַניזירטע שול מיט לערערס. אויך די פּראָבלעם פון קריגן פּאַסיקע לערערס און רבנים איז גאַנץ שאַרף, און דער יישוב זוכט מיטלען ווי צו לייזן די פּראַגע דורך באַציִען לערערס און רבנים פון די סעמינאַרן אין ישראל אָדער אין אַנדערע לענדער.

כּל־זמן דער יידישער קאָלעקטיוו ווייזט אַרויס אַ באַוווסטזיניקן ווילן ממשיך צו זיין דאָס געירשנטע יידישקייט, מעג מען האָפן, אַז אונטער גינציקע באַדינגונגען אין לאַנד זאָל דעם שווער־געפּרוּווטן רעסטאַווּרירטן יידישן יישוב געלינגען צו פאַרזיכערן זיין יידישן קיום און המשך.

ביבליאָגראַפיע

1. Carlton, J. M. Hayes, A Political and Social History of Europe. Vol. 2, pp. 495 — , N.Y. 1924; ש. דובנאָוו, די נייסטע געשיכטע פון יידישן פאָלק,

2. Constitutions of the Countries of the World. O.P. Blaustein and Gisbert H. Flanz. Oceana Publications, N.Y. 1973.

3. Article 3 in the Constitution.

4. Joseph Nehama. The Fight of Enlightenment in Salonica. Alliance Review, April 1957.

5. The Black book, The Nazi Crime Against the Jewish People. Dull, Solan and Pearce, N.Y. p. 426.

6. Ibid.

6a. American Jewish Yearbook. Vol. 46, pp. 268-269.

7. The Black Book. pp. 427 —.

8. Lydia Askenazi, Greek Jews. Chronicle Review, Dec. 1973, pp. 125 —

9. Ibid.

10. Monthly Bulletin of Statistics of United Nations, 1975-1976.

11. Article 4 in the Constitution.

12. Article 1 and 2; par. 1 and 5 in the Constitution.

13. Am. Jewish Yearbook, Vol. 50, pp. 370—374.

14. Ibid. Vol. 66, pp. 399 —

15. Ibid. Vol. 61, pp. 351 —

16. Jewish Education, Vol 39, no. 3. July, 1969. pp. 23 —

אינדעקס פון נעמען*

א

אַדעס — 15
אויסטראַליע — 64
אויערבאַך, בערטאָלד — 31, 65,40, 66
אונגערן — 53, 63
אוקראַינע — 11, 12, 81, 83, 87, 102, 131, 137, 162
אַחד העם — 142
איטאַליע — 54, 209—226
אייכענבוים, יעקב — 21
אייראָפּע — 33, 51, 53, 64, 71, 81, 85, 86, 178
אָלדענבורג — 105
אליָקים פון יאַמפּאָלע — 22
אַלמאַדאַוואַר — 182
אַלפאָנזאָ (קיניג) — 82
אָלקעניק — 71
אַמעריקע — 88, 90, 91, 123, 134, 164, 186
אַנטווערפּן — 50
אָסטרע — 12
אַסקאָלי (גענעראַל) — 216
ארץ־ישראל — ישראל — 51, 64—66, 87, 105, 140, 143, 144, 151, 185, 190, 191, 210, 217, 223, 224, 234, 240, 244, 245

ב

באַבעף — 33
באוער, איגנאַץ — 184
באַמבערג — 52
באָן — 24—30, 32, 35, 50
באָקענהיים — 26
באַשעוויס־זינגער, יצחק — 171, 174
ביאַליסטאָק — 71
ביאַליק, חיים־נחמן — 105, 141, 142, 151
ביק, יעקב־שמואל — 14
בית־לחם — 85
בלאָק (דיכטער) — 151
בלומענפעלד, בעריש — 14
בעלאָזערקע — 17
בעלסק — 71
בערלין — 103, 105
בערנע, לודוויג — 24, 31, 52, 53
בראָד — 12—16, 22
בראַנדיס, קריסטאַן אויגוסט — 30
ברענדעל, פּראָפ׳ — 52

ג

גאָבינאָ, דזשאזעף־אַרטור דע — 59
גאָטלאָבער, אַברהם־בער — 21
גאַליציע — 11, 15
גבירול, אבן — 60
גייגער, אַברהם — 30, 65
געטע, יאָהאַן־וואָלפגאַנג — 31
גראַדע, חיים — 71—79, 142
גריכנלאַנד — 236—245
גרינבערג, אורי־צבי — 80—87
גרינבערג, אליעזר — 88—91
גרעץ, היינריך — 51, 63, 66

ד

דאַמאַסקינאָט — 240
דובנאָוו, שמעון — 180
דובנע — 12
דונסקי, ש. — 91—101
דייטשלאַנד — 12, 14, 29, 40—42, 49, 51, 52, 57, 83, 183, 215, 230
דיסעלדאָרף — 52
דמשק — 49, 51

ה

האָלאַנד — 29, 185, 227—235
האַלבאַך — 32
האַנדט, האַרטוויג — 52
האָפּשטיין, דוד — 102—109
הוגאָ, וויקטאָר — 31
הומבאָלדט — 58
הורוויץ, יוסף־יוזל — 72, 73
היינע, היינריך — 24, 31, 51, 52
הירש (ראַבינער) — 57
העגעל — 31—33, 35, 41, 42, 67
העלוועטיוס — 32
העס, דוד־טעוול — 26
העס, הינדל — 26
העס, משה — 24—68
הערצל, טעאָדאָר — 66

וו

וואָלאָזשין — 131
וואָלין — 11, 12, 17
וואָלעריאַ, עדואַרדאָ — 218
וואַרשע — 17
וויזעל, אליעזר — 172

---

* צופעליקע נעמען, וואָס האָבן ניט קיין גרויסע שייכות צום טעקסט, ווערן אויסגעלאָזן.

וויטמאַן, וואָלט — 91
וויַיל, לודוויג — 34
ווייצמאַן, חיים — 212
ווילנע — 17, 18, 71, 129—131
ווילקאָמיר — 131
ווין — 15
וויסער, ד״ר — 231
ווירצבורג — 52

ז

זאַנדבערג — 17
זאַסלאַוו — 17
זאַפּאַריק, פּאַוול — 53
זינגער, י.י. — 80
זיפּער, יעקב — 110, 111
זק״ש, שניאור — 51
זשאָלקיעוו — 14, 15
זשיטלאָווסקי, חיים — 55
זשימענעץ, רויז — 195
זשענעווע — 50

ט

טאַרנאָפּאָל — 14
טריפּאָלי — 210
טשעכאָסלאָוואַקיע — 59, 63
טשעמבערליין — 59

י

יאַמפּאָלי — 22
יאָסט מ.י. — 31
יאַקאָבסאָן, ד״ר — 212
יהואש — 170
יהודה הלוי — 19, 60, 142
יהודה, שלמה — 182
יונגמאַן, יאָזעף — 53
יוסף הלוי — 22
יעסענין — 151
ירושלים — 75, 152, 158

ל

לאַהאַדאַן, ערנסט — 63
לאַנדאוער, איגנאַץ — 182
לאַנדסבערג, אַברהם — 15
לאַנדסבערג, אײַזיק — 15
לאַנדסבערג, לייביש — 15
לאַנדסבערג, מענדל — 15
לאַנדסבערג, שלמה־ישעיה — 15
לאַסאַל — 54
לאַראַטשע — 182
לוצאַטו, פּראָפ׳ — 209
לוצאַטו, משה — 51, 64
לוקסענבורג — 57
לוריע, חיים — 66
ליטע — 150
לייוויק, ה. — 112, 116—120, 154, 172, 173
ליעסין, אַברהם — 121—140, 170
לעבענזאָהן, אָדם הכּהן — 21
לעוו, מ. — 32 — 34, 39
לעווי, הערמאַן — 28
לעווין, יהודה — 13
לעווינזאָן, יצחק־בער — 11—23
לעמבערג — 80
לעסינג — 58
לעפּין, מענדל — 14

מ

מאַגדעבורג — 177
מאיר מדובנא — 22
מאיר פּרעמישליאַנער — 84
מאַנגער, איציק — 143, 144,
מאַפּו, אַברהם — 131
מאַציני, דזשוזעפּע — 53
מאַרטאַראַ, לודאָוויקאָ — 211
מאַרקיש, פּרץ — 80
מאַרקס, קאַרל — 39, 42, 54
מהרש״א — 12
מונק, שלמה — 30
מוסאָליני בעניטאָ — 211—214
מיזיש לייביש — 14
מײַדאַנעק — 75
מינסק — 131
מיצקעוויטש, אַדאַם — 53
מענדעלסאָן, משה — 26, 13

נ

נאַוואַרעדאָק — 71, 73
נאַפּאָלעאָן — 24
נאַטאַנזאָן, מרדכי — 21
ניגער, ש. — 127, 144, 166
ניו־יאָרק — 133

ס

סאַגאַסטאַ, פּראַקסידיעס — 180, 181
סאָוועט־רוסלאַנד — 105, 106
סאַסעדאָטי, אַנדזשעלאָ — 212
סאָקאָלאָוו, נחום — 212
סדן, דב — 141—145
סוצקעווער, אַברהם — 142, 143, 146—161, 171

סיגאַלאָווסקי, נח — 162—166
סלאַבאָדקע — 73, 131
סלאָוואַצקי, יוליוס — 53
סעגרע (פּולקאָווניק) — 216
סעדיה גאון — 19, 57

ע

עליאָט, ט.ס. — 91
ענגלאַנד — 30, 40, 43, 172, 180, 186
ענגעלס, פרידריך — 42, 54
עסטרייך — 12—14, 54
ערטער, יצחק — 14
ערענבורג, איליאַ — 150

פּ

פּאָדעללאַ — 17
פּאול (פּויפּס) — 222
פּאָלאָנע — 17
פּאָלאַצקי, פּראַנצישעק — 53
פּאָרטוגאַל — 185
פּאַריז — 29, 50
פּוילן — 11, 53, 63, 79, 81, 83, 87, 145
פּושקין — 109, 151
פּינסקי. דוד — 170, 171
פּינסקער. ל. — 66
פּערל, יוסף — 14, 15
פּרײַסן — 24, 30, 45
פּרץ, י.ל. — 168

פֿ

פֿאַרמאַגיני, אַנדזשעלאָ פּאָרטונאַטאָ — 215
פֿויערבאַך, לודוויג — 33, 42, 46
פֿורטע — 31
פֿוריע, טשאַרליס — 31
פֿילון אַלכּסנדרוני — 19
פֿיליפּסאָן, לודוויג — 177
פֿין, שמואל — 21
פֿינקעל, נטע־הירש — 73
פֿלאַוויוס, יוסיפוס — 19
פֿלאַרסהיים, משה — 26
פֿראַנקאָ (גענעראַל) — 184, 185, 187—189, 203, 205
פֿראַנקפֿורט־מײַן — 29, 52
פֿראַנקרײַך — 13, 24, 33, 39—41, 43, 64, 181, 186
פֿריצי, מרדכי (גענעראַל) — 237
פֿרענקעל, זכריה — 51

צ

צונץ, לעאָפּאָלד — 28, 30, 31
צייטלין, אַהרן — 166—174
צייטלין, הלל — 166—268
ציעשקאָווסקי, אויגוסט — 41

ק

קאַלישער, צבי־הירש — 64, 66
קאַסטעליאַר, עמיליאַ — 178
קאַסטראָ, פּראָפּ׳ — 191
קאַרלאָ, לוידזשע — 222
קאָשוט, לויס — 53
קעלן — 24—30
קערלער, יוסף — 143
קראָכמאַל, נחמן — 14, 51, 63
קריסטוס — 33, 36, 44, 45, 221
קרעמעניץ — 11, 12, 15—17

ר

ראַגאָף, הלל — 121
ראַדזיוויל — 13—15
ראַפּאָפּאָרט, שלמה־לייב — 14, 17, 21, 51, 63
רוגע, אַרנאָלד — 54
רוסאָ, זשאַן זשאַק — 31
רוסלאַנד — 11—15, 18, 77, 83, 87, 150, 180
ריווקין, ב. — 121
ריסער, גבריאל — 45, 46
רמב״ם — 19, 31, 47, 52, 60, 184

ש

שוואַרץ י.י. — 88
שולמאַן, קלמן — 21
שילער, פרידריך — 31, 58
שישקאָוו, א.ס. — 17, 18
שפּאַניע — 13, 171—208
שפּינאָזע — 31, 33, 35, 37, 42, 60, 61, 67